STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02690

YUDISH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודיש

אַ זאַמעל בוך.

רעדאַגירט פֿון

י. ל. פּרץ.

פֿערלאַג „פּראָגרעס" ווארשא.

תר"ע.

ЮДИШЪ. Сборникъ подъ Редак. И. Л. ПЕРЕЦА.

Типо-Лит. Ф. Баумритера, Варшава, Красинск. пл. 6
1910 г.

אינהאלט

י. ל. פרץ: דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער 7

פרץ הירשביין: פון מיין אלבאָם: א) אויפ'ן בית-עולם 17

ב) דער שטומער וואסער-טרעגער 19

צ. הירשקאָן: צוויי וועלטען (ערצעהלונג) 23

א. רייזען: א) צום איינזאמען (געדיכט) 78

ב) איינער "

ל. שאפירא: ער און זיין דינער 79

הערשעלע: ביים זון אונטערגאנג (געדיכט) 83

י. מ. וויסענבערג: די באַבעשי'ס אבהיטען (ערצעהלונג) 85

ש. גארעליק: אווגוסט סטרינדבערג 91

מ. ברכהן: עלעגיע 99

מנחם: שלמה, אנפאנג פון לעגענדע 100

יהושע גאָטליעב: עקזיסטענץ און מאַכט (פון דארווין ביז ניטשע) 105

א. ח. שעפס: *** (געדיכט) 116

ק. באלמאנט: *** (געדיכט) 117

משה טייטש; שניי 118

א לא האנסזאן: א זעלטזאמע ליעבע 123

ערענסט געארגי: די קינסטלערין 129

אסקאר אואיילד: געוועהלטע שפריכען 136

אפרים קאגאנאווסקי:

אין דער אלטער מיהל (נאָוועלע) 137

הערשעלע: דער יונג (געדיכט) 148

די שעהנע זלאַטקע 149

י. טרונק: ציגיינער (א בילד) 152

ז. ווענדראף: זרח און בולאני (א בילד)

ראזא י. צו מיין טאַטען (געדיכט) 165

S.M.

ש. מעבניק-ווין

י. ל. פרץ.

דער דיכטער, דאס בוך און דער לעזער.

א.

צוויי וועגען האט דער מענש, וואס געהט אוועק פון טעגליכען לעבען, פון געשעפט, פון יאגען זיך נאך ברויט: דעם שפאציער־גאנג און דעם טוריסטען־וועג.

אנגענעם איז דער שפאציר־גאנג: ביים ברעג פון זיס־ און שטיל־רוישענדיגען טייך, אין שאטען פון גלייך־אבגעשניטענע אלעען, אויף בלומען־וויזען... געפעהרליך איז אפט דער טוריסטען־וועג. געטריבען פון א ברענענדיגער בענגשאפט צו דער הייך, זוכט דער טוריסט זיין וועג צווישען פעלזען אויף די שפיצען פון די העכסטע בערג. צווישען גליטשער און אבגרונדען. „אוממעגליך" איז דער טוריסטען־וועג. אויף די שפיצען פון די הויכע בערג וואקסט קיין וויין פאר מענשען, קיין האבער פאר פערד... און געפערליך איז דער וועג: פון אבגרונדען קוקט, רופט און לאקערט: שרעק, שגעון און טויט. ווי גליטשיג און שטיינינג איז דער שמאלער שטעג אונטער די פיס. אזוי זאגט דער מענש, וואס שפאצירט.

און טהיילמאל, געהט איהר ארום אויף די הויכע בערג, צווישען אלטע, לאנג־פערלאזטע שלעסער, אדלער־נעסטען און געפעהרליכע ערדעל־וויים־פלעצער, און עס פאלט צו דער אווענד. הינטען, אין טאל צווישען די בערג, איז שוין נאכט; אויבען בעט זיך ערשט אוים דער אווענד אויף א פיעל־פארביגען דיוואן, פון די אבגלאנצען פון דער אונטערגעהענדיגער זון געוועבט. נאר אט, די פארבען לעשען זיך. שאטען שלייכען זיך ארוים פון שפאלטען, לעכער און אבגרינדען, לייגען זיך אייך צו די פיס. און הינטען, די בערג צופיסענם, אין טאל, ציערט זיך אוים א לוסטיגע נאכט. פלעטליך פערשידען־פארביגע וועקען זיך, צינדען זיך, ציטערן אויף... אילומינירט איז דער טאל; טענער, וואונדער־זיסע קלאנגען וויעגען צו אייך ארויף, אויף די וועלען פון דער קיהלער לופט: א פרעהליכער יום טוב גרייט זיך צו

אין טאָל . און עס ווינקט צו'ן אײַך דער טאָל , און רופט אײַך מיט זײַנע טויזענדער ליכטלעך , און לאָד אײַך אײַן מיט זײַנע זיסע קלאַנגען : קום אַראָב , מענש , פון די לערע בערג און נאַקיטע פעלזען , פון די שרעק= און פער= צווייפלונג=עטעמדיגע אָבגרונדען , פון די אָדלער=נעסטען און שלעסער , וואו דאָס לעבען איז לאַנג פעהילכט , וואו הוילע גײַסטער שוועבען . . . קום אַראָב צום טאָל און פרעה דיך מיט אונז אין אונזער יום=טוב=נאַכט . און פון ליכט , זאַנג און קלאַנג געצוויגען , פערלאָזט איהר די הײַך , און לאָזט אײַך אַראָב אין טאָל . וואָס נידריגער—ברייטער און זיכערער איז אײַער וועג . עס קומען אײַך ווײַן=בעבויטע פלעצער ענטקעגען און וואָס אַמאָל רוישנ= דיגער שוועבט אײַך אַרום דער יום טוב פון טאָל . און ראַשער קומט איהר אַראָב : מוזיק , שפּאַציערער , יום=טוב'דיגע פנימער אונ קליידער ; אַ שטראַ= לענדיג=קלינגענדיגער יום=טוב . . . און עס פליסט אײַך אַרום דאָס געפּלים= טער פון שפּאַצירענדיגע , פערליבטע , אין זיך פערזונקענע פּאָרען . און עס בלענדט אײַך דאָס פערשידען=פאַרביקײַט פון די יום=טוב'דיגע קליידער . און איהר מישט אײַך אוים מיטן יום=טוב'דיג שפּאַצירענדיגען עולם . . . און פּלוצ= לינג , נאָך אַ צופעליג טיפערן בליק , בלייבט איהר שטעהן אַרומגעחאַפּט פון שרעק . אויף אַ קור=פּלאַץ האָט איהר געטראָפען . אילומינירט זענען האָטע= לען , קאַפעעס אונ קאַפעע=שאַנטאַנס ; אָפערעטען=וואַלצער שפּילט די מוזיק ; געאַרמט שפּאַצירען פּאָרען מיט גלאַנצענדיגע אויגען , ראַש=בעוועגליכע הער= צער , ליבע=פערציטערטע ליפען . אָבער—קראַנקע ! קרענקליך ברענענדי= גער אָטעם . צום טויט געצייכענטע מענער און פרויען שלינגען פערהונגערט די לעצטע מינוטען פון לעבען , טרינקען דורשטיג די לעצטע טראָפען פון בעכער ביז צו די הייוועז ! און אין מיטען , אויב איהר האָט אויגען און זעהט , שפּאַצירט אַרום דער טויט , פון זײַנע געצייכענטע אָפּער נישט געזעהן , און שמייכעלט .

און עס חאַפּט אײַך אָן אַ בענגשאַפט צוריק צו די הויכע בערג . . . אָבער צוגעפאַלען איז שוין די נאַכט און נישט זיכער איז דאָרטען דער וועג .

צווייַ וועגען האָט דער מענש , וואָס רײַסט זיך אָב פון געשעפט , פון זאָרג אויף ברויט : דעם שפּאַציער=גאַנג און דעם טוריסטען=וועג , און אויף דעם לעצטען וויל אײַך פיהרען . . .

איך וויל מיט אײַך רעדען וועגען דיכטער , וועגען בוך און וועגען דעם לעזער—אויף די הויכע בערג . איך וויל אײַך נישט פיהרען איבער קור=

פלעצער, וואו קראַנקע מענשען לויפען נאָך זייער אייגענעם שאָטען אָדער פאַנגען שאָטען פון זאַכען אָנשטאָט זאַכען, שאָטען פון לעבען אָנשטאָט לעבען... וואו געצייכענטע פון טויט, פעראורטהיילטע אויף פערגעסענהייט געהן אַרום פון טהיר צו טהיר און בעטלען זייער לוין אָדער באָרגען זייער נאָך נישט פערדינט לויב. וואו דאָס אָבגעקומענע פראָפעטען־אייניקיל גראָבט אוים דעם קוים־פערוויעטען זאָמען פון דער ערד אַרוים און עסט איהם פערהונגערט רוי אין גרין. און — „וואָס בעליעבט"? „וואָס זאָל איך אייך זאָגען? וואָס זאָל איך אייך זינגען? וואָס זאָל איך אייך דערלאַנגען, עס זאָל אייך שמעקען? זאָל איך אייך זומער־פייגעלעך חאַפּען? מיט דעם גאָלדענעם שטויב אויף זייערע פליגעלעך די אויגען פערשיטען! ווילט איהר טאַנצען? איך קען פּאָלקע, איך קען וואַלצער! אַלטער מאַן, אויסגעלאָשען איז דאָס פייער און דיין טרוקענעם לייב, וואַסעריג איז דיין אויג, ציטעריג—דיין ביינינע האַנד — איך וועל דיך אויף אַ סעקונדע לעבעדיג מאַכען, די לאַנג פערשטאָרבענע לוסט אויפוועקען"... איין אינ־יטשקע דעם אַלטען מאַן; אַ סטעאַרין־ליכט דעם פערשעמטען מיידעל... אַ ביוסט דעם באַנקיערס וויב, אַ פּאָרטרעט דער רייכער העסליכקייט... העי, וואָס בעליעבט"?

אַ אילומינאַציע אין טאָל: קליינע פלעמלעך, קליינע נשמה'לעך... ברענען זיך אוים אין האָטעל'ס, קאַפע־שאַנטאַן'ס, אויף פראָמענאַדען... און צווישען שפּאַציערער פון געצייכענטע צום טויט...

אויף די הויכע בערג וויל איך אייך פיהרען, צו די אַלטע שלעסער, צו די אָדלער־נעסטען.

איך וויל מיט אייך רעדען פון דיכטער, וואָס האָבען זייער דיכטונג געלעבט, נישט געשריבען, און נישט אויפ'ן מאַרק אַרויס געטראָגען און פערקויפט; וואָס האָבען זייערע אידעען געפּרעדיגט, נישט ווי פערטריקענטע בלומען צווישען בלעטער אַריינגעלייגט; איך וויל מיט אייך רעדען פון ביכער, וואָס מען האָט פון די דיכטער און אין נאָמען פון די דיכטער געשריבען, און פון לעזער, וואָס זיין נאָמען איז: פּאָלק.

פריי איז דער „קינסטלער", ער מעג מאָהלען דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאַנג פון דער זונן; ים, שטורם און סטעפּ; נאַכטיגאַלען זומער־פייגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד; גאָלד־גלאַנצען פון אויגען אויף בלאַסע געזיכטער בעזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטען־וועג, וואָס שלענגעלט זיך צווישען פעלזען און אָבגרונדען, און אויף די הייך, וואו עס שפּיעלט זיך די הויכע, מענשליכע טראַגעדיע, וואו, צווישען שרעק, געפאַהר און שנעון, עס ווערען געוואויגען די גרעסטע מענשליכע

פראָבלעמען: וואָס איז לעבען, וואָס איז טויט? ווער בין איך און וואוהין פיהרט מיין וועג?

צום סני, דעם באַרג וויל איך אייך פיהרען, צו בודא אין אינדיאַנער וואַלד, צו דער תליה אויף „גאָלגאָטא״; און דאָס וועט זיין דער וועג אין דער פערגאַנגענהייט. מיר וועלען די אַלטע קברים עפענען, די אַלטע ריזען וועקען און זיי פרעגען: וואָס איז לעבען, וואָס איז מענש? און וועט אונז זייער ענטפער נישט בעפרידיגען, וועלען מיר זיך צו דער צוקונפט ווענדען, און וואַרטען אויף דעם דיכטער, וואָס דאַרף ערשט קומען, זיין דיכטונג-לעבען דורכלעבען, און מיט זיין לעבענדיגער דיכטונג דעם אַבגרונד בעשטראַהלען. און אַן לעזער וועט שוין זיין — די וועלט.

דער דיכטער איז געוועזען פאַרן בוך; דאָס בוך האָט אויפגעגעסען דעם דיכטער. דער דיכטער האָט זיין דיכטונג געלעבט; נישט ער, נור זיינע שילער און זיין פאָלק האָבען איבער איהם ביכער געשריבען...

דער ווילדער שטאַם האָט אין זיינע עלטערען העלדען געזעהען; די גרעקען — האַלבע געטער. און די אַלטע פרויען האָבען אָווענד-צייט ביים ברעג פון טייך, ביי דער פלאַם פון זיך לעשענדיגען פייער אונטערן פרייען הימעל, זייער געשיכטע פערצעהלט, זייער העלדען-דיכטונג איבערגעגעבען. און דאָס זעלבע האָט געטהון דער גריכישער קינסטלער און קאָליזעאום פאַרן גריכישען פאָלק. זיי זענען קינסטלער געוועזען, ווי ווייט זיי האָבען פערציילט און איבערגעגעבען דאָס געשעהענע; זיי זענען דיכטער געוועזען, ווי ווייט זיי האָבען די העלדען און האַלבע געטער בעשאַפען. דער קינסטלער איז דער נאָכמאַכער, צי מאַכט ער נאָך די נאַטור, די געגענוואַרט אָדער די פערגאַנגענהייט. דער קינסטלער איז פריי, פאַר'ן ווערק און נאָכ'ן ווערק איז ער נאָר מענש, און צו דער אַרבייט מעג ער זיך וועהלען דעם געגענשטאַנד און געפינען איהם וואו ער וויל. דער דיכטער מוז דיכטער זיין, די דיכטונג מוז זיין לעבען. מיר זוכען דעם דיכטער, מיר זוכען שעפּפונג. און אויך זוכען מיר ביים דיכטער, נישט די פערגאַנגענהייט, בעשפּינען און גאָלד בעוועבט, מיר זוכען ביי איהם דאָס נייע לעבען... דער דיכטער איז אייגענטליך קינסטלער. נור דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט איז ביי איהם אין דער האַנד — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבען! זיי ענדערט ער, זיי מאָדעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער. אַזוינע דיכטער מוזען מיר זוכען. אין דער פערגאַנגענהייט, אײדער דאָס בוך איז בעשאַפען און סחורה געוואָרען;

איידער דער לעזער האט דאס בוך געקענט קויפען, צו זיך אהיים נעמען און ערגעצען זיך דערמיט, ווי מיט אזוינס, וואס איז קיין לעבען נישט, קיין ברויט און קיין פלייש נישט, נאר א צושטרייאונג אין לעבען, א צייט-פערטרייבעניש; א געשמאק-זאך, דאס לעבען לייכטער צו פערדייען, די טראגעדיע פון מענשליכען לעבען צו פערגעסען, דעם ווארם, וואס פיקט אין געהירן, איינצושלעפען. מיר ווילען רעדען פון דיכטער, פון דער מענשליכע טראגעדיע און פון לעצטען אקט אין דער טראגעדיע: פון טויט אדער אויסלייזונג.

ווייניג וועט זיין די צאהל פון די דיכטער, קליין די סומע פון די ביכער; און אז איהר וועט זיי ציילען אויף די פינגער, וועלען אייך אין איין האנד איבעריגע פינגער בלייבען. נאר די צאהל מוז פערגרעסערט ווערען, נאך איין דיכטער מוז קומען, נאך איין בוך מוז בעשאפען ווערען, און דעם דיכטער פון לעצטעןווארט מוזען געבען מיר... אנדערע פעלקער האבען די זון הינטער זיך, זיי געהען פון אווענד אין נאכט אריין. די אלטע רעמער און גרעקען ווייסען פון א געוועזענער, גאלדענער צייט, נאך וועלכער עס איז געקומען די צייט פון קופער און אייזען; די מאדערנע זענען שוין אויסגעלייזט געווארען: נור אונזער משיח איז נאך נישט געקומען, נאר ער דארף ערשט קומען און נישט נור פאר זיין פאלק זאליין... געמשפט און אויסגעלייזט מוז ווערען די וועלט; פון דער מענשליכער טראגעדיע מוז בעפרייט ווערען די וועלט.

ב.

די טראגעדיע פון מענשליכען לעבען האט אויפגענומען און זיך קהלת. דער העלד—שלמה, א קעניג אין ירושלם; זיין יוגענד—שיר השירים: דאס ליעד פון פרויען און ליעבע. גאלדענע יוגענד לעשט זיך און אין שאטען פון קיהלען אווענד ווערט שלמה, דער קעניג פון ירושלים, קלוג און גיט עצות, ווי אזוי קלוג צו לעבען, רוהיג צו לעבען. שפעט פאלט צו די נאכט, די עלטער קומט אן, און שטעהענדיג אויף דער שוועל צווישען לעבען און נישט לעבען, צווישען זיין און נישט זיין, אדער צווישען פערגענגליכקייט און אייביגקייט, ווארפט ער א בליק צוריק אויפ'ן איבער-געגאנגענעם וועג און פרעגט: נאך וואס? געהענדיג איבער'ן לאנגען וועג, האט ער וואס אמאל נייע פערלאנגונגען געבוירען, אויפ'ן וועג בעגראבען און ווייטער געגאנגען. פאר זיך—וואס אמאל נייע צילען געזעהען, דערגרייכט און ווייטער געגאנגען. און אזוי

האט ער אלץ איבערגעלעבט און לעבט נאך אלץ, און ווייסט נישט נאך וואס. ער קען שוין מעהר נישט ליבען, עס שמעקט איהם שוין קיין ווין און קיין בוימאייל, עס לעבצט שוין נישט דער גומען, זיין אויג האט שוין נישט וואס צו זעהען, זיין אויער האט שוין נישט וואס צו הארכען, און ער לעבט! און דאס לעבען עקט זיך, און דאס אלץ, וואס ער האט אנגעקליבען און אנגעזאמעלט, וועט ער איבערלאזען און אוועקגעהן. און געלעבט האט ער, נישט ווייל ער האט געוואלט לעבען; און אוועק געהן וועט ער, נישט ווייל ער וויל שטארבען! אויסער איהם איז דער ווילען, וואס האט איהם אהער געברענגט און פיהרט איהם ערגיץ אוועק. עמיץ האט איהם אריינגעגעבען אין הארץ אריין די וועלט און געהייסען איהם זי פערלאנגען. געהייסען זאמלען, בויען, פערשענערען, פערגעסערען, און נישט פאר איהם, נישט צוליב איהם; ווייל ער געהט אוועק און דאס אלץ בלייבט פאר אנדערע. און ער וועט פערגעסען ווערען. און די אנדערע, וואס וועלען קומען נאך איהם, וועלען ווייטער גלימטען, ווייטער פערלאנגען, ווייטער ארבייטען, בויען, פערשענערען און פערגרעסערען און ווייטער אוועק געהן. און די, וואס וועלען קומען נאך זיי, וועלען דאס אלץ בעניצען און זיי וועלען אויך געהען און פערגעסען ווערן.

אלץ ארום איז אייביג: די זון געהט אויף, די זון געהט אונטער און שיינט צו מארגענס ווייטער אויף; וואסערען און טייכען פליעסען צום ים, און קומען צוריק. אלץ וואס איז געוועזען, וועט נאכאמאל זיין, צוריק קומט דאס אוועק-געהענדיגע. אייביג איז די ערד. נאר ער איינער איז פערגענגליך. ער איינער געהט אוועק און קומט שוין מעהר נישט צוריק. און אלץ האט איהם גענארט. שעהן איז דאס געהאפטע; ווערטלאז דאס בעקומענע. שרעקליך בלייבט דאס לעבען אהן א ציעל, אהן א צוועק. ציעל, צוועק און לאגיק מוז זיין אין דעם אייביגען; אבער דאס ווייסט נור דער, וואס רעגיערט. דער מענש ווייסט נישט, דער מענש ווערט נאר אויסגענוצט, דער מענש ווערט נאר גענארט! און אויף דער שוועל צווישען זיין און נישט זיין, ביים איבערגאנג, נאכ'ן אלץ איבערלעבען און פאר'ן טויט, בעפאלט איהם די אונגעהייערע שרעק פאר'ן אייביגען, פאר דעם, וואס רעגיערט; פאר דעם, וואס האט איהם אויסגענוצט; פאר דעם, וואס האט איהם גענארט; פאר דעם, וועלכען ער האט, נישט ווילענדיג, געמוזט דיענען, און שטענדיג געטהון לויט זיין פערלאנג, מיינענדיג, אז דאס איז זיין אייגענער. פערפאלען! געהארכען מוז דער מענש, א קנעכט איז דער מענש, אין שרעק פאר'ן אייביגען לעבט דער מענש! און דאס איז דאס לעצטע שרעקליכע ווארט פון דעם, וואס האט געלעבט פאר זיך, וואס האט זיך מיט'ן אייביגעם לעבען נישט פערבונדען,

וואָס האָט זײַן ציִעל אויסער זיך נישט געהאַט, און האָט דעריבער זײַן לעַ
בענס-ציִעל איבערגעלעבט.

דאָס איז דער, וואָס האָט ווײַבער געליִעבט און זיך קײַן פאַמיליע
נישט געבויט, און זעהט אין דער פאַרטפּלאַנצונג קײַן אײַביגקײַט נישט.
ער גלײַבט נישט אין גלגול: ער איז נישט זײַן פאָטער; און זײַן זוהן וועט
נישט זײַן ער. און שולמית איז געווען זײַן גענוס, זײַן עולם הזה, און נישט
זײַן ווײַב און נישט די מוטער פון זײַנע קינדער.

דאָס איז שלמה, דער קעניג פון ירושלים, דער רײַכער קעניג, דער
קלוגער קעניג: נישט אלכסנדר מוקדון, וואָס וויל אײַננעמען די וועלט
און וועט זײַן ציִעל קײַנמאָל נישט דערגרײַכען וואָס וועט איבערלאָזען, נישט
נאָר קרוין און סצעפּטער, און אונטערגעוואָרפענע לענדער, נאָר אויך אַ צוואה,
וואָס ווײַטער צו טהון; אלכסנדר מוקדון קען זײַן ארבײַט נישט ענדיגען...
און דאָס איז אויך נישט דער שלמה, וואָס האָט געבעטען גאָט, נישט רײַכטהום
און נישט פערזענליך גליק, נאָר קלוגשאַפט און ערליכקײַט, צו משפט'ן דאָס
פאָלק; אזוינע ציִעלען ווערען נישט דערגרײַכט, אזוינע ציִעלען ווערען נישט
איבערגעלעבט. מענשען פון ווײַטע ציִעלען לעבען זיך נישט איבער און
פערגען נישט: נאָך וואָס. די מענשען זענען פערבונדען מיט דער אײַביגקײַט,
פערוועבט מיט דער אײַביגער ארבײַט און פרעגען קײַנמאָל נישט: נאָך וואָס.
שלמה אין קהלת איז די טראַגעדיע פון אַ לעבען פאַר זיך, פון אײַנצעלנעם
מענש. דער מוז זיך איבערלעבען און בלײַבען שטעהן אלס נעסט פון פער-
לאַנגונגען-פײַגעל, וואָס האָבען זיך אין ווערם פערביטען און געהען אויס מיט
איהם צוזאַמען. דאָס איז די טראַגעדיע פונ'ם לעבען פאַר זיך, דאָס
לעבען איז קנעכטשאַפט...

און בין איך אַ קנעכט, ווער איך אָהן מײַן ווילען געבוירען, בין איך
גענײַט צו לעבען, און מוז איך אוועק געהן, ווען מען הײסט, און אַלץ איבער-
לאָזען, — פאַר וואָס זאָל איך נאָך לײַדען?

— ווײַל דו זינדיגסט! — ענטפערט דער מאָראַליסט.

קהלת'ס לעצט וואָרט: סוף דבר, את האלהים ירא ואת מצוותיו שמור...

עס איז דאָ איבער דיר אַ האַר, וועלכען דו דיענסט און וועלכער
שטראָפט, אויב מען פאָלגט איהם נישט.

אָבער איוב האָט געפאָלגט.

איוב האָט געפאָלגט און דאָך איז ער די שטראָף נישט ענטריִנען. ווײַב

און קינדער , שאָף און רינדער געהאַט ; אַ שטיל ערליך לעבען געפיהרט . און פּלוצלינג איז דאָס לעבען צושטערט געוואָרען . זיבען זיהן און דריי טעכטער , זיבעציג טויזענד שאָף , דרייסיג טויזענד קעמלען , פינף הונדערט פּאָר אָקסען , פינף הונדערט אייזלען און אַ ווירטשאַפט אַ גרויס — אַזוי שטעלט פאָר דאָס גליק דאָס בוך איוב —

און דער מענש איז געוועזען גרעסער פון אַלע גרויסע . און געוועזען איז ער אַ שטילער מאַן , אַ פרומער מאַן , אַ גאָטספאָרכטיגער , וואָס האָט שלעכטס געמידען . און איינמאָל — די אָקסען האָבען געאַקערט , די אייזלען האָבען זיך געפּאַשעט , איז אָנגעפאַלען שבא (אַ רויבער־באַנדע) און האָט דאָס אַלץ צוגענומען און די יונגען געטייט . די בשורה ברענגט איוב׳ן איינער פון זיי אַיין איינאיינציג ענטלאָפענער. און איידער ער האָט געענדיגט זיינע רייד, איז אָנגעקומען אַ צווייטער און פערצעהלט : פון הימעל איז אַראָב געפאַלען אַ פייער און האָט פערברענט די שאָף און די פּאַסטוכער , נאָר איך איינער בין ענטרינען און קום דיר עס פערצעהלען . און אַ דריטער איז שוין דאָ , און האָט נאָך אַ שרעקליכערע בשורה אין מויל : דיינע זיהן און דיינע טעכטער עסען און טרינקען ווייַן אין הויז פון זייער עלטערען ברודער . . . איז אָנגעלאָפען אַ גרויס פייער פון סטעפּ , און האָט אָנגעכאַפּט דאָס הויז אין אַלע פיר עקען , און האָט עס אומגעוואָרפען , און אַלע דערדריקט, און געטייט , מיט דער דינערשאַפט צוזאַמען . איוב האָט אַלץ פערלוירען ; אָרעם געוואָרען און דערצו נאָך קראַנק : פּלוצלינג איז ער פון קאָפּ ביז פיס געפּלאָגט געוואָרען מיט אַ מיאוסען אויסזאַץ . און דער גרויסער , בעריהמטער פרומער איוב איז געוואָרען דער קלענסטער, דער אָרעמסטער , דער אומגליקליכסטער . . .

פאַרוואָס ליידט איוב ?

קהלת איז די טראַגעדיע פון לעבען ; איוב — פון ליידען אין לעבען .

פאַרוואָס ליידט מען ?

דער מענש פיהלט זיך בעוואוסטזיניג , זעהט אין זיינע טהאַטען אַ צוועקמעסיגקייט . ער שטרעבט צו ערליכקייט , צו מאָראַליטעט און קען נישט די איינענע איינגעשאַפטען נישט צושרייבען דעם גאָט , וואָס האָט איהם און די וועלט בעשאַפען . גאָט מוז זיין גערעכט. און האָט ער בעשאַפען פיין און ליידען , מוזען זיי זיין גערעכט און פערדינט . ליידען און פיין זענען נאָר מעגליך אַלס שטראָף פאַר זינד . אַנדערש קען עס דער העברעער נישט פערשטעהן . דער גרעק זעהט אין די ערשיינונגען פון לעבען געטער־שפּיעל און געטער־שטרייט , דער פּערס האָט הורמוז און אַחרימון : דער ערשטער איז דער גאָט פון ליכט, פון לעבען, פון גליק ; דער צווייטער פון פינסטערקייט

טויט און לײַדען . דִי וועלט אִיז דִי אַרענע פאַר דעם שטרײַט צווִישען דִי צוויי געטער. און דערִיבער אִיז דִי וועלט געמִישט פון לִיכט און שאָטען, לעבען און טויט , גלִיק און לײַדען , לִיבע און האַס . . .

אַלע גרויסע געטער זענען אויסגעוואַקסען פון קלײנע , און דִי קלײנע פון נאָך קלענערע הויז-געצען ; דִי הויז-געצען פון אַמולעטען . ווערט פון פאַמִיליען אַ שטאַם, ווערט דער געץ פון גרויסען הויז, פון הויז, וואָס רעגִיערט אִיבער'ן שטאַם , געגרײַסט און געהײלִיגט צום שטאַם-גאָט . אַנדערע בלײַבען הויז-געצען. און נעמען זִיך שטאַמען צוזאַמען און בִילדען אַ פאָלק ; און מִישען זִיך פעלקער אוים אִין אַ לאַנד, בלײַבען דִי געטער פון גלײַך-קרעפטִיגע שטאַמען און פון גלײַך-קרעפטִיגע פעלקער גלײַך-קרעפטִיג ; העכסטענס קרִיגט אײנער דִי אויבערהאַנד און עס קומט צו פִיעל-געטערײַ .

דִי העברעער מִישען זִיך נִישט. אליעזר מאַכט אַ ווײַטע רײַזע, צו ברענגען יצחק'ן אַ ווײַב פון אײגען פלײש און בלוט. אִין מצרים לעבען דִי העברעער אָבגעזונדערט אִין גושן ; אִין פאַלעסטִינאַ דאַרפען פערנִיכטעט ווערען אַלע פרעמדע פעלקער, מען זאָל מִיט זײ אִין קײן בערִיהרונג נִישט קומען. בײַם בויען דאָס צווײטע טעמפעל ווערען אַלע פון גלות געברענגטע ווײַבער און דִי מִיט זײ געבוירענע קִינדער פערטרִיבען. קלײנע מִישונגען פון פרעמד בלוט, פון אַ דלילה און יפת תאר'ס און דער גלײַכען צופעלִיגקײטען, זענען נִישט ווִיכטִיג : אײנצִיגע טראָפען פון פרעמד בלוט ווערט אַסִימִילִיערט. אִין אַלגעמײנעם אִיז דער שטאַם רײן, אִיז עס קִינדער פון אברהם, יצחק און יעקב ; אִיז עס אַ פאָלק , וואָס לעבט אײנזאַם ; אַ פאָלק פון רײן בלוט , מִיט זײן אײנאײנצִיגער גאָט , וואָס וואַקסט , פון אַ גאָט פון הויז , שטאַם און פאָלק צום וועלט-גאָט . דאָ אִיז דער געטער-שטרײַט אונמעגלִיך . פון אײן גאָט קומט אַרויס דאָס גוטע ווִי דאָס בײזע , דאָס לִיכט ווִי דִי פִינסטערנִיש , נחת און יסורים , לִיבע און האַס , לעבען און טויט . דער אײנאײנצִיגער גאָט בענשט און שעלט ; מוז ער בענשען דִי גוטע און שעלטען דִי שלעכטע . דער אײגענער גאָט לײַטזעלִיגט און שטראָפט ; מוז ער לײַטזעלִיגען דִי פרומע און שטראָפען דִי זִינדִיגע . דער אײגענער גאָט גִיט לעבען און טויט , דאַרף ער געבען לעבען דעם גאָטספאָרכטִיגען און טויט דעם ווִידערשפענסטִיגען . דער העברעאִישער גאָט אִיז מאָראַלִיש , ער טרײַבט פון גן עדן אַרויס פאַר זִינד , פאַר נִישט פאָלגען זײַן געבאָט . ער קערט אִיבער דעם טהורם און פערנִיכטעט דִי , וואָס האָבען געוואָלט אַרײַנרײַסען זִיך מִיט קרִיעג אִין זײַן הִימעל ; און פערפלײצט מִיט אַ מבול דִי וועלט , ווען זִי אִיז אײַנגעזונקען אִין זִינד . זִינדִיג אִיז דער מענש . אַזוי זִינדִיג , אַז גאַנץ אָפט טהוט גאָט באַנג , וואָס ער האָט דִי וועלט און

דעם מענש בעשאַפען. עס טוהט איהם באַנג, וואָס ער דאַרף און מוז שטראָפען; ער מוז, ווייל ער איז אַ גערעכטער גאָט. וואָלט געווען איין גערעכטער אין סדום, וואָלט ער סדום נישט איבערגעקערט. און נח'ן, דעם גערעכטערטיגען אין זיין צייט, לערנט ער אַ תיבה מאַכען, איבערצושווימען און איבערצולעבען דאָס מבול. איך פערלאַנג נישט דעם זינדיגענס טויט, זאָגט אין זיין נאָמען יחזקאל. איך שטראָף איהם, ער זאָל תשובה טהון און לעבען בלייבען. און איז דער מענש פון לעבען צופריעדען, האַלט ער זיין עקזיסטענץ פאַר לאָגיש. זוכט ער אָבער גערעכטיגקייט אין לעבען און געפינט נישט, זעהט ער ליידען אָהן זינד; פיין, וואָס ער קען נישט אַלס שטראָף בעטראַכטען, וועקט זיך אין איהם אויף די טראַגעדיע פון איוב.

קהלת איז די טראַגעדיע פון לעבען, פון דעם, אימשטיינס געזאָגט, גליקליך לעבען, איוב די טראַגעדיע פון אומזיסטיגען, נישט צוועקמעסיגען צער אינ'ם לעבען. קהלת האָט אויף דער פּראָבלעם פון לעבען געענטפערט מיט ווייסען שרעק פאַר'ן טויט, מיט וואַרפען זיך פאַר גאָט אויף'ן פנים: דער מענש ווייסט נישט און מוז לעבען און מוז שטאַרבען, און כל זמן ער לעבט — היטען גאָט'ס געבאָט, ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענש, ווייל צו דעם איז ער בעשאַפען. נישט צו קיין בעסערע רעזולטאַטען קומט איוב! אין וכוח צווישען איוב'ן און זיינע חברים, וואָס זוכען ביי איהם זינד און געפינען נישט, וואָס ווילען רעכטפערטיגען די ליידען אויף שטראָף און קענען נישט, מישט זיך גאָטס שטימע אַריין. גאָט אַליין ענטפערט פון שטורם אַרויס, ער ענפערט, נאָר זאָגען זאָגט ער גאָר נישט. גרויס איז ער און שטאַרק, און איביג, און דער מענש איז קעגען איהם שטויב, און שטויב איז דער מענשליכער פערשטאַנד. און ווער איז געווען, ווען ער האָט די וועלט בעשאַפען, די ערד אויסגעמאָסטען, דעם הימעל אויסגעשפּרייט, די שטערן אַריינגעזעצט? און ווער שפּייזט דעם פויגעל אינטער'ן הימעל, און פערזאָרגט דאָס ווילדע טהיער אין וואַלד און אויפן פעלז? מן הסתם ווייסט ער וואָס ער טהוט. און ווייטער אויף די קניהען געפאַלען פאַר'ן גרויסען אונבעקאַנטען, וואָס זיין גערעכטיגקייט איז אונז נישט צוגענגליך, וואָס זיין קלוגהייט קען פון אונז נישט פערשטאַנען ווערען. וואָרען קען זיין, אַז גאָט שטראָפט פאַר אַ זעלכע זינד, וואָס מיר ווייסען פון זיי נישט. עס קען אויך זיין, אַז גאָט פּריוּוט. און בעשטעהט דער מענש די פּריוו ווערט ער העכער אין זיין געגאָד: איוב בעקומט צוריק דאָפּעלט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט... אָבער די פּראָבלעם פון לעבען און ליידען בלייבט אָפען.

פון מיין אלבאם.

א.

אויפ׳ן בית=עולם.

דער אלטער קברן האט זיך פלוצלונג אויפגעכאפט פון שלאף. אריס געגעבען זיך פון געלעגער און צוגעגייגט זיין אויער צום פענסטער, וועלכעס איז אויפ׳ן בית=עולם ארויסגעקומען.

צייט אייניגע נעכט דוכט זיך איהם אויס, אימעצער ברעכט די צווייגען פון די בוימער אויפ׳ן בית=עולם. דאצו מערקט ער ביי טאג פערדעכטליכע טריט, ווי אימעצער וואלט זיך ביינאכט איבער׳ן צוים גנב׳ענען.

אנגעטהון זיך, איז ער אויף דער גאס ארויסגעגאנגען, געבליבען שטעהן נעבען ווינקעל פון זיין שטוב, זיך פערטויעט און צוגעהערט.

ס׳איז געווען ארום האלבע נאכט. א קיהל ווינטעל האט געצויגען דיכט ביי דער ערד, געשלייכט זיך צווישען די מצבות, בעוועגענדיג די שיטערע גראזען, וואס האבען זיך געטוליעט צום הארטען שטיין. א קיהלע שטילקייט דורכגעוועבט מיט טונקעל גראהע שאטען האט דעם גאנצען בית=עולם איינגעהילט. אין לופטען האט זיך געטראגען א ריח פון וועלקענדע בלעטער. פון איבער די בערגלעך ערד האבען געשטארצט אין דער נאכט אריין מצבות פון רונדע אדער שפיציגע פעלד=שטיינער און מיט בלאס געפארבטע פנים׳ער אפערגעקוקט איינער איבער דעם אנדערענס קאפ, גענייגט זיך, צוגעהערט זיך צו דער שטילקייט, וואס ציהט פון רב׳ס קבר=שטיבעל. דער הויכער הילצערנער בית=עולם=צוים האט זיך דאס מאל מאכטלאז אין גאנצען אנגעלעהנט אן די בוימער, וואס האבען ארום און געוואקסען, זייענדיג זיכער, אז זיי וועלען איהם שוין ניט לאזען פאלען. א גרויסער לאנגער וואלקען, וואס האט זיך צו שפעט פון זיין מדינה ארויסגעריסען און אויפ׳ן וועג האט איהם די נאכט פערחאפט, איז געבליבען שטעהן איבער׳ן בית עולם, דין ווי א גרוי געשטריקט טישטיכעל האט ער זיך אויסגעצויגען אונטער׳ן הימעל, און דורך איהם האבען זיך געטוקט אין דער פינסטערער נאכט אריין פערשלאפענע שטערענדלעך.

א ווײַלע איז דער קברן געבליבען אויף זיין ארט. זיין בליק האט געשוועבט פון מצבה צו בוים, פון בוים צו מצבה, נאר אלץ איז אין ארדנונג. ער האט זיך שוין געוואלט אומקעהרען צוריק אין שטוב אריין; פלוצלונג האט ער דערהערט א געזאנג ערגעץ פון צווישען די קברים. און ווירקליך, פון דעם אנדערען עק בית=עולם האט געצויגען א שטילע צאפעלדיגע פרויען=שטימע.

אזוי שטיל, ווי פון אונטער דער ערד וואלט דאס געזאנג געקוואלען. די שטימע האט מיטערליך געציטערט, ציטריג זיך בעקלאגט, מיט א טיפען הארץ־וועהטאג געזונגען אליין פאר זיך, אליין פאר זיך:

ווער קען דארט זינגען צווישען די קברים?

און ער דערקענט, אז דאס קול איז א יודישעס, א מיטערליכעס. דאס זינגט אימעצער פון א קבר ארויס, ער וויל זיך דערמאנען אלע פרויען, וואס ער האט פאר די עטליכע יאהר מקבר געווען, און זייער קול, ווי ס'האט געקלונגען. נאר פון די אלע נשים וואס ער האט מקבר געווען, דוכט זיך איהם, האט גאר קיינע ניט געקענט זינגען. און א צווייטער געדאנק מאכט פון איהם חוזק: פע, אן'אלטער קברן זאל גלויבען אזוינע זאכען...

ווער זשע זינגט פארט?

און ער האט גענומען שטעלען טריט אין דער זייט, פון וואנען דאס געזאנג האט זיך געטראגען — נאר באלד האט זיך דאס געזאנג אין א שטיל געוויין פערביטען. אזוי וויינט נאר א מוטער אין א פינסטערן קעלער, האטש זי ווייסט, אז קיינער וועט זי ניט הערען, נאר ס'הארץ איהרס וויינט אליין פאר זיך, אליין פאר זיך. דאס וויינען איז אין א שטילען, איינגעהאלטענעם שלוכצען איבערגעגאנגען און שפעטער אין גאנצען שטיל געווארען.

דעם קברן'ס אלט הארץ האט זיך גענומען וועהען. א געפיהל פון פחד און רחמנות האט צעווארעמט זיין לייב. מיט ברייט געעפענטע אויגען האט ער געקוקט אין דער פינסטערער נאכט אריין, געווארט, אפשר וועט זיך דאס געזאנג ווידער דערהערען — נאר שטיל איז געווען ארום.

א ווינטעל האט איהם א בלאז געגעבען איבער'ן געזיכט, און ער האט ערוואכט. ער האט זיך געשטארקט. צו איהם האט זיך אויף א ווייל אומגעקעהרט די קברן'שע שטומע קאלטקייט און רוהיגקייט.

א טעמפער געפיהל האט איהם אציה געגעבען צום ארט, וואו ס'האבען זיך געצויגען צוויי שורות קינדערשע קברים'לעך, אנדערע מיט געפלאכטענע ווינעלעך איבערגעדעקט און מיט ברעטלעך פערצייכענטע. ביי דער זייט אין דער ערד אריינגעשטעקט. צווישען די קברים'לעך האט זיך עפיס געבלייכט פון דער פינסטערניש ארויס. צוגעבויגען זיך נעהנטער, האט ער דערקענט די משוגענע דבורה'ן, וועלכע האט אין איין וואך אלע איהרע קינדער בעגראבען און צום סוף אליין פון זינען אראפ. זי איז געזעסען איבערגעבויגען מיט איהר אפענער ברוסט איבער א לעדיג קינדערש ווינעלע, און ס'האט אויסגעזעהען, אז איינגעבויגען איבער'ן וויגע איז זי איינגעשלאפען צוזאמען מיט איהר קינד, וואס האט די ברוסט פון מויל ניט ארויסגעלאזען...

ב.

דער שטומער וואַסער-טרעגער.

ווען ער איז אָנגעקומען אין שטעדטיל אַריין, האָט קיינער ניט געוואוסט — און אַז ער קען אַזוי שען זינגען און טאַנצען, האָבען זיך צוערשט קליינע קינדער דערוואוסט און פון יעמאָלט אָן האָבען זיי איהם שוין מעהר ניט אָבגעלאָזען.

געקומען איז ער ערגעץ פון גאַנץ ווייט. דריי טעג און דריי נעכט איז ער באָרפוס געגאַנגען; אויפגעגעסען אַלץ וואָס ער האָט אין די קעשענעס געהאַט; געהענדיג געדרימעלט — ביז דער הונגער האָט איהם הינטער'ן שטעדטיל אַניעדערגעוואָרפען, און אונטער אַ בוים איז ער שטאַרק איינגעשלאָפען געוואָרען. ווען ער האָט ערוואַכט און וויעדער דעם הונגער דערשפירט, האָט ער זיך מיט אונטערגעבראָכענע טריט געלאָזט געהן מיט דער גאַס אין שטעדטיל אַריין. ביי דער ערשטער אָפענער טיר האָט ער זיך אָבגעשטעלט. ער האָט געקוקט מיט ברענענדיגע אויגען צו דער טיר, און זיינע ליפען האָבען האָבען עפּיס שטיל געשעפטשעט. אין דער אָפענער טיר האָט זיך אַ פרוי בעוויזען, אַרויסדערלאַנגט איהם אַ שטיק שוואַרץ ברויט און דאַצו אַפאָר לעדיגע עמער, געהייסען איהם, ער זאָל ברענגען וואַסער, אָנווייזענדיג איהם צום גרויסען ברונען, וואָס איז אין צווייטען עק מאַרק געשטאַנען. פון יענעם מאָל אָן איז ער וואַסער-טרעגער אין שטעדטיל געוואָרען און פאַר דעם שוואַרץ ברויט בעקומען.

„דער שטומער וואַסער-טרעגער" — אַזוי האָט איהם דאָס שטעדטיל גערופען, און מאַמעס פלעגען פון איהם זייערע קינדער בעהאַלטען.

און איינמאָל זומער פאַרנאַכט, ווען ער איז זיך געגאַנגען, ווי זיין שטייגער, מיט אַפּאָר פולע עמער וואַסער, האָט ער דערזעהן, ווי אַ חברה קליינע יונגלעך שטיפען אויפ'ן מיטען מאַרק. זיי טאַנצען און זינגען, שטעלען זיך אויפ'ן קאָפ און שפּרינגען איינער איבער דעם אַנדערען. ער האָט די עמער אַוועקגעשטעלט, געקוקט צו די קינדער און געשמייכעלט גוטמוטיג, זיינע קינדערשע, בלויע אויגען האָבען אויפגעבליצט פאַר צופריעדענהייט, און ער האָט אָנגעהויבען זינגען. דאָס קול זיינס האָט העל און לויטער געקלונגען, און קינדערש האָט זיין גאַנץ אויסגעזעהן געשמייכעלט.

נאָכ'ן זינגען האָט ער טאַנצען אָנגעהויבען און יונגעלש האָט ער זיך אויפ'ן קאָפּ געשטעלט און מיט די פיס אין לופטען געפּאָכט.

די קינדער האָבען פערוואונדערט אָנגעקוקט און געלאַכט מיט זייער קינדערש קלינגענדיג געלעכטער. און ווען ער האָט אפילו געענדיגט טאַנצען, דאָך איז ער נאָך אַ ווײַלע אויף זיין אָרט געבליבען, געקוקט מיט ברייט געעפענטע אויגען אין לופטען און געזונגען, און אַרום איהם זענען געשטאַנען די קינדער פערוואונדערטע, מיט אָפענע מײַלעכלעך — — —

פון יעמאָלט אָן האָבען איהם שוין מעהר די קינדער קיין רוה געגעבען. און ווען ער איז געגאַנגען מיט זיינע עמער וואַסער, האָבען איהם קלייִנע קינדער אַרומגערינגעלט, געטאַנצט אַרום איהם און געשריען: זינג אונז אַ ביסעל, זינג אונז אַ ביסעל!

נאָר ער שטעהט און קוקט צופריעדען אָן די קינדער, שמייכעלט און זאָגט גאָר ניט. גיסען איהם די קינדער אוים איין עמער וואַסער, שטעלט ער גוטמוטיג אַוועק דעם פולען עמער און מיט דעם לעדיגען געהט ער וויעדער צום ברונען. קומט ער צוריק, געפינט ער שוין דעם אַנדערן עמער אויסגעגאָסען, און די קינדער שפּרינגען איהם אַנטקעגען און שרייען: זינג אונז אַ ביסעל, זינג אונז אַ ביסעל!...

נאָר ער קוקט זיי אָן מיט זיינע גוטע בלויע אויגען און שמייכעלט צופריעדען. די קינדער פער'עקש'נען זיך און; פערגאַפטע, צופען זיי איהם פון אַלע זייטען: זינג אונז אַ ביסעל — זינג אונז אַ ביסעל!... און ווילען איהם מיט עקשנות וויעדער דאָס וואַסער אויסגיסען.

דאַן שטעלט ער ביידע עמער אַוועק אין דער זייט. מיט פייער ציטערן זיך אָן זיינע בלויע אויגען. אַ פאַרב טרעט איהם אויף די באַקען אַרויס. און ער הויבט אָן זינגען. די קינדער שטעלען זיך אוים אַרום איהם אין קאַראַהאָד און פּאַטשען מיט די הענד צום טאַקט. זינגענדיג פאַלט ער אַריין אין טאַנצען. ער זינגט אַזוי לאַנג און טאַנצט ביז ער פאַלט אין אָהנמאַכט.... —

און די קינדער טראָגען דאַן פאַר איהם דאָס וואַסער אַוועק...

פרץ הירשביין.

צוויי וועלטן.

צווײ װעלטען.

I.

ווי א קלײן פעסעל צווישען גרויסע חוואליעס, האט זיך ביעראזאווע, פערצײטען, אומגעוויגט אין מיטען דעם טײך, — אין דעם „אוליאנקע"— ארומגערינגעלט פון אלע זײטען מיט וואסער. צו די הײזלעך זענען געווען צוגעבונדען דורכגעקבערטע בערוועגעס, ווי לאטיקעס, — שיפלעך, וואס האבען אויסגעזעהן בײ נאכט, ווי שווארצע הינד אויף קײטען און געהיט ביעראזאווע פון דרויסען, ווי די מזוזות און הײליגע ספרים פון אינעווײניג... גלײך, ווי בײ די גוים — להבדיל — זענען דענסטמאל געהאנגען אויף די דעכער נעצען, שטריק און פון די סטרעחעס האבען ארויסגעשטארצט שטרויענע טויבען־נעסטען, און לאנגע שטאנגען מיט אײזערנע שפיצען. פון תורה האט מען וועניג געוואוסט. אלע האבען געלעבט פון דעם טײך און מיט דעם טײך, אפילו קײן געבויטע מקוה איז, דענסטמאל, אויך ניט געווען, און די ווײבער פלעגען אין די גרעסטע פרעסט־סקווארעס געהן טובל'ן זיך אין אײז־ברונען, נעבען וועלכען מען פלעגט פונאנדער לעגען א פײער פון אלטע טראנטעס און אבגעריבענע בעזים'ס, כדי דער רויך זאל דערווארעמען אביסעל, דאס דארע לײב פון דער ביעראזאווער אידענע.

נאך־סוכות, אז דער צפון ווינד, פלעגט אנהויבען אומלויפען קאראהאד איבער דעם אוליאנקע, מיט אכזריות קנײטשען און שנײדען איהר לויטער־קלארע געזיכט, די פערוועלקטע אויסגעדארטע בוימען טוליען זיך אײנע צו די אנדערע און פלאנחענען אונטער דערבײ, ווי אן אלמנה בײ א פרעמדען קידוש, — פלעגט אויף ביעראזאווע אנפאלען א בית־עולם שטילקײט. אראב פון די פים די הויבע וואסער־שטיוועל, און מען פלעגט זיך צוזעצען אויף די אויוועגס מיט גראבע תהלים'ס אין די הענד, די קעפ ארונטערגעלאזען. ווי זײ וואלטען זיך שעמען צו קוקען דעם פול־לײדענדען אוליאנקע, גלײך אין די אויגען. מעהר נישט, דאס קלײנוואַרג, פלעגט זיצען נעבען די

פענסטערלעך און מיט פערווײנטע אויגען קוקען ווי די פויגלעך מאכען די לעצטע חתונה אונטער די אוליאנקע-וואלקענס, — ציטערנד אײנהערען צו דעם „וידוי”, וואס די דערטרונקענע זאגען, ליגענדיג אין אבגרונד.

ביז וואנען דאס אוליאנקע פלעגט ניט אײנפרירען גוט, פלעגט זיך קײנער פון ארט ניט ריהרען: בעסער א טויט אײדער גוסס'ען...

אבער דערפאר פסח-צײט, בשעת דאס אוליאנקע, וואס איז אבגעלעגען א גאנץ ווינטער אהן אנ'אטהעם, אונטער דעם אײז-קבר, פלעגט אנהויבען בעווײזען סמנים פון לעבען, פלעגט אויף ביעראזאווע זיך אויך אנטאן גאר א נײע הויט.

די צושפאלטענע קריעס שפרינגען אײנע אויף די אנדערע, חאפען זיך פאר די קעפ, סקריען מיט די צײהן, שטופען זיך וואהגזיניג, טיעפער אין תהום ארײן, שטעלען זיך אב אײנגעמאטערט, וואו עס איז נעבען א ברעט, א סלופ, א ברעג-שטײן, אנזאמלען כחות אויף שפעטער, אויסגלײכען די בײנער ווי די ביעראזאווער אידען, ווינטער נעבען אויווען און אלע — אלט און יונג, צושטעלען זיך אויפ'ן ברעג, פאטשען פון שמחה מיט די הענד און בעגעגענען מיט שמחת-תורה'דיגע קולות די טויט-קלעפ פונ'ם אײז, הגם די אײגענע הײזלעך, טרינקען זיך, כמעט, ביז'ן סטעליע אין וואסער.

אמת, ווי אויף להכעיס, פלעגט דאס אלץ פארקומען ס'רוב הארט ערב-פסח, און די ביעראזאווער אידען פלעגען מוזען צונויפפעקלען דאס גאנצע „פסח'דיגע טארא-ראם” און מארש אויף א שיפעל, אין א נאהנטע ליטווישע דערפעל, צו די גוים, וועלכע האבען זיך נאך פריהער מבין געווען דערצו, אלץ אײנס, ווי מען מוז אנגרײטען פאר ביעראזאווע סכך און הושענות אויף סוכות, עופות אויף יום-כפור'דיגע כפרות און צעבערס מיט מעסערס אויף פסח.

דאך האט קײנער ניט געפיהלט קײן צער פון דעם, וואס דער יום-טוב איז אביסל צושטערט. צו דעם אוליאנקע קײן טענות ניט געהאט: ווי-באלד גאט האט איהם נאך פון ששת-ימי-בראשית געגעבען דעם כח צו פונאנדערפלײצען זיך, — עטליכע מאל אין יאהר פערטרינקען די יבשה, מסתמא דארף עס זײן אזוי... זאל זי אויך הנאה האבען!

ביעראזאווע האט זיך דענסטמאל געהאלטען ווײט פון דער וועלט. אפילו חתונות פלעגען אויך פארקומען מעהרסטענטײל צווישען זיך, קרובים אײנע מיט די אנדערע, צופרידען פון זיך אלײן און עס ווילט זיך ניט דערווײטערן, פערפרעמדען, אײגענע צרות, אײגענע שמחות, — וואס מיר וועלט-וועהטאג, כלל-שמחה?..

אביסל בעריהמט צווישען כלל-ישראל איז ביעראזאווע געווארען ערשט נאך ר' ישראל בעל-שם-טוב'ס הסתלקות: ר' זוסיע אנאפאליער איז

אוועקגעגאַנגען מיט אַ קאָטאָמקע אויף די פּלייצעס, אָבריכטען גלות. געקומען אין ביערעזאָווע און איינגעפונען, אַז ערגעץ ווינט זיך ניט, אַזוי לוסטיג, געשמאַק, ווי ווינטער בעגינען אויפ׳ן ברעג פון אוליאַנקע, — קוקענדיג, ווי פרעכטיג דער בורא האָט זיין וועלטעל בעשאַפען, זאָגט זיך תהלים גאָר מיט אַנ׳אַנדער מתיקות... פאַר וואָס ר׳ זוסיע האָט אויסדערוועהלט דוקא ביערעזאָווע, ווייס מען נאָך עד היום ניט גענוי — און ווער קאָן דאָס וויסען ר׳ זוסיעס מיין? — קיינער קאָן עס אָבער ניט אָפּלייקענען!..

אָט אַזוי איז געווען גאָר פערצייטען. נאָר פּלוצלים האָט זיך עפּעס מלוכה אַ נעהם געטאָן, אָפּטיילען ביערעזאָווע פון דעם אוליאַנקע. — זומער־צייט האָבען אָנגעהויבען צו קומען פּאָרדיאַטשיקעס מיט מחנות גוים, — שיטען ערד, לעגען שטיינער, נאָר דאָך האָט מען גאָר נישט געקאָנט מאַכען: נאָך־סוכות, פלעגט דאָס וואַסער ווידער אַראָפּטראָגען דעם גאַנצען בנין, ביז וואַנען צו דעם האָט זיך גענומען משה־נאַפּליונער עליו־השלום — און, אונטערוואַרטעט, איז אויפגעשטאַנען אַ נייע ביערעזאָווע, — אָפּגעטיילט פון דעם אוליאַנקע מיט אַ גרויסער דאַמבע, וואָס האָט זיך שוין ניט געשראָקען פאַר קיינע געוויסערען...

משה נאַפּליונער — זאָל ער אונז אַלעמען מוחל זיין — איז געווען אַ איד ניט קיין פּקח, און די ביערעזאָווער קאָפּ־מענשען בעריהמען זיך, אַז דאָס ווערטעל: „אַ נאַר, אַז ער וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען איהם צעהן חכמים ניט אַרויסשלעפּען״, וואַקסט פון ביערעזאָווע, און געזאָגט האָט מען עס דענסטמאָל אויף משה נאַפּליונער, וואָס האָט ניט פערשטאַנען אַזאַ קלייניגקע המצאה׳לע, אַז אַנשטאָט שטיינער קאָן מען לעגען זעק מיט זאַמד און מיט דעם פּאָדריאַד עסק׳ן זיך טאַקי יאָהרען־לאַנג — און זאָלען אידען האָבען פרנסה!..

אַזוי איז לסוף דאָס אַלטע ביערעזאָווע מיט די אַלטע אוליאַנקער עסקים חרוב געוואָרען און מען האָט ביסלעך־ווייז אָנגעהויבען צוגעוועהנען זיך צו נייע מלאכות, האַנדלען מיט׳ן גוי, יריד׳עווען, — אַ נייע וועלט!

מעהר נישט דאָס, וואָס פיעל ביערעזאָווער לאָזען זיך אַוועק נאָך־פּסח אויף לייוועס אין ריגאַ זוכען „חיונה אַרום ברעג״ אָדער פיהרען אַהין סחורה אויף באַרקעס, — דערמאָהנט נאָך די יוגענד־טעג פון ביערעזאָווע, אַז אַמאָליגע יאָהרען איז עס געווען אַ וואַסער שטעדטעל, אַז דאָ האָט געשוועבט אַ וואַסער־גייסט: די אַלטע נאַטור רופט זיך אָפּ!

נאָר וואָס איז די פּעולה, וואָס פערצייטען איז געווען? איצט איז ביערעזאָווע אַ רוהיג בריאה׳לע, וואָס ענטלויפט, ווי פון אַ שריפה, פון אַלץ וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער קלייניגקער, שטילינקער יבשה. אויסגענומען זיך אין גאַנצען די פערצייטיגע גרויסע שווימערס, וואָס פלעגען

אין די גרעסטע געוויסערן ניט נאָר געהן „הענטעל" אָדער „לעגען קלאַפּטער־נאַר, אַפילו אין רעכטען מיטען אוליאַנקע מאַכען „אַ שיסעלע" אָדער איבער־קוליען זיך, ווי שמחת־תורה צו „אתה־הראית", און מיט פערוואונדערונג קוק־מען איצט אויף „אַ חוואַט" „אַ סיביריניק", וואָס לאָזט זיך חול־המועד, פראַנק און פריי, איבער'ן טייך אויף אַ שיפעל.

אפילו דער אַלטער בית־עולם, וואו עס זענען געלעגען די „אוליאַנקער קדושים" און עפּעס אַ חתן מיט אַ כלה, וואָס זענען אומגעקומען אויף קדוש־השם אין אַ חגא־טאָג — איז אויך נעלם געוואָרען און איך וואָלט, אפשר, אויך ניט געשמועסט וועגען יענער צייט, אויב אויפ'ן עק־שטאָדט, האַרט נעבען טייך, וואו עס איז כמעט קיין שום ישוב נימאָ, וואו די בלאָטעס מיט די „קאָלראָבענעס" ווערען ניט אויסגעטריקענט ביז ראש־חודש תמוז, וואָלטען ניט געבליבען שטעהן צוויי הייזלעך, ווי אַ דענק־מאָל פון אָט דער אור־אַלטער, פערשוואונדענער צייט.

צוויי הייזלעך — איינע געדעקט מיט שטרוי — גוי'איש, דאָס אַנדערע מיט ברעטלעך — אידיש, ביידע אַלטע, אומעטיגע, האַלב־חרוב'ע מיט ברונז'דיגע, צושויבערטע דעכער, מיט בענקענדע, פערוויינטע פענסטערלעך, — פערשטעקטע מיט שמאַטעס אַנשטאָט שויבען, יעדעס יאָהר פאַלען דאָ בוימען, וואָס קאָנען שוין מעהר זייער אַלטקייט ניט טראָגען. אפילו די ביעראָזאָווער זקנים: שמואל דער ישיש און שלמה די עטרה, — געדענקען אויך ניט ווען זיי זענען געבויט געוואָרען און ווער עס האָט זיי געבויט. עפּעס על־פי־נס האָבען זיי זיך פערוואַלגערט: די פראַנצויזען האָבען זיי ניט חרוב געמאַכט, בשעת נאַפּאָליעאָן איז דורכגעגאַנגען ביעראָזאָווע, ציהענדיג זיין מאַרשרוט צו סמאָליענסק, — שריפות האָבען זיי קיינמאָל ניט אָנגעריהרט, פון מבול'ס זענען זיי ניט פערטרונקען געוואָרען, מכשפים און שדים האָבען אויף זיי קיינמאָל ניט געקעניגט, חנ'ודיג שטעהען זיי אַ דעכעל אונטער אַ דעכעל מיט די פענסטערלעך צום טייך און באָדען זיך, כמעט, ביז די קושאַקעס אין וואַסער — ווי ביעראָזאָווער קליינוואַרג בין־הזמנים — אין אוליאַנקע ביז די קנעכלעך.

אין איין הייזעל וואוינט מיקיטע דער שוסטער, אין דעם אַנדערן — יעקב־פּסח דער מלמד.

.II

יעקב־פּסח דער מלמד, אָדער, ווי מען רופט איהם אין ביעראָזאָווע יעקב־פּסח דער „כזית", איז אַ קורץ־בריים אידעל, מיט קליינע גרויע אויגען,

מיט א קליין-שפיציג בערדעל, וועלכעס ער קראצט שטענדיג מיט דעם גראבען און מיטעלסטען פינגער, האלטענדיג דערביי דעם קאפ אן א זייט און אז ער געהט אנגעשפארט אויף זיין לאנגען שטעקען, וואס דערלאנגט איהם ביז די פלייצעס, דאכט זיך, אז ער אליין קייקעלט זיך און דער שטעקען שטופט איהם אלץ ווייטער...

יעקב-פסח איז א איד, וואס האט, בטבע, שטארק ליב ווארעמקייט, — צי איבער דעם, וואס די ווינטערדיגע קעלט, וועלכע איז א גאנצער בן-בית אין זיין צושפאלטענעם, צו־עבערטען הויזעל, האט איהם אזוי אנגעשראקען, צי איבער דעם, וואס ער איז „א כזית" מיט ווינציג בלוטען און דעריבער טרייסעלט ער זיך שטענדיג, ווי אין קדחת. נאר, ווי עס זאל ניט זיין און יעקב-פסח צושיירט זיך, במעט, קיינמאל ניט מיט זיין וואטע-קאפטען, געהט אום יאהרליך אין וואלגענע זאקען מיט א געשטריקטע פאטשיילקע אויפ'ן האלז און איז א דם-שונא פון זומער-פאנטאפעל. בין-הזמנים אדער אין די „יומא דפגרא"ם אז ער איז ניט אזוי שטארק צוהאוועט, געהט ער אליין אויפ'ן מארק איינקויפען קארטאפעל, האלץ, וואס פערנעהמט ביי איהם דעם ערשטען פלאץ צווישען אלע איבריגע שטוביגע הצטרכות. האלץ איז ניט פסח'דיגע כלים, — מיט אזא זאך קאן מען זיך אויף אנ'אשה ניט פערלאזען. ס'אר א חיות, אז דער וואס איבער אונז, העלפט, און עס ליגט אנגעגרייט א הארעצקע פון פינף־זעקס וועגלעך האלץ! דאס הארץ איז עפעס רוהיג און וואקסט פון שמחה: מען קאן קוקען מיט שטאלץ דעם ווינטער גלייך אין די אויגען, — מעשה תקיפ'ער בעל-הבית!

יעקב-פסח'ס טאטע און זיידע זענען אויך געווען מלמדים, — גרויסע מלמדים פאר בר-מצוה בחורים, — און מיט גאוה פלעגט ער זאגען, אז זיין גאנצער יחוס-בריף איז אמלמד'ישער, ניט, ווי די היינטיגע יונגע לייטלעך, וואס נעהמען זיך אט צו דער פרנסה, בשעת עס איז לית־ברירה: די געשעפ־טען שמאל, און דער דלות ברייט... פאר זיך טרוימט ער גאנץ אפט די עלטערע טאכטער אויך אויסגעבען פאר א מלמד.

— אלץ, וואס דער אויבערשטער האט בעשאפען דארף זיך געהן מיט דעם אייגענעם וועג און ניט ווארפען זיך אויף אלע זייטען. ביי די עלטערן מיט די קינדער דארף זיין איין פרנסה; אין לעבען מוז עפעס זיין א חזקה, צו וואס קיין פרעמדע האנד זאל זיך ניט קאנען צורירהען. דורות דארפען זיך ציהען איינע נאך די אנדערע, ווי פערל אויף א קראנץ. יעדערער מוז וויסען זיין ארט פון וואנען ער קומט, און וואהין ער געהט...

און ביערהאוועט מיט איהרע ארומיגע פעלדער, וואהין די שמשים געהען זומער שניידען ווייץ אויף שמורה. מיט די קבצנים און נגידים, מיט די משכילים און פרומע אידען, האט יעקב-פסח ליב מיט זיין גאנצען גוף און

נשמה. אַז אַ ביעראָזאָווער נגיד מוז צוליב זיינע עסקים „אַ רוק-טאָן זיך נעהנ-טער צו אַ באַן" אָדער „עוקר-דירה" זיין אין אַ גרויסע שטאָדט, ווערט יעקב-פּסח עפּעס אָבהענדיג, עובר-בטל און דאָס האַרץ נאָגט, ווי — ניט פאַר קיין שטאָדט געדאַכט, — אַז עס שטאַרבט אָב אַ יונגערמאַן, אַ בלוט-יוגענד... אמת נאָט וויים, וואָס ער טוט, און דער מנהיג פון דער וועלט איז ער דאָך, פונדעסטוועגן ווילט זיך ניט האָבען קיין יסורים: מען איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ לעבענדיגער מענש!.. יעקב-פּסח קוקט קרום, אַפילו אויף יענע, וואָס פערקויפען אָדער בייטען אויס זייערע ירושה-הייזלעך: מען דאַרף ניט שפּרינגען, חכמ'נען זיך. אַלץ דאַרף געהן, ווי עס געהט!

אין ביעראָזאָווע איז ער אַ ניכּר'דיגער מענש, איבערהויפּט אַ גוטיגער: גאָט האָט איהם מזכה געווען מיט אַ חוש פון נגינה, — ער איז אַ פיינער בעל-תפלה, אַ שטאַרקער בעל בכי און ווען מען דאַרף קאָן ער גוט וויינען מיט האַרץ... הגם נאָך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, האָט ער פערלאָרען די שטימע איבער אַ שמחת-תורה'דיגע פערקיהלונג. פונדעסטוועגען דאַווענט ער נאָך אַלץ ימים-נוראים מוספים, און די ביעראָזאָווער לעקען, פשוט, די פינגער פון זיינע תפלות. אָשר דער טאַנדעטניק, — זאָגט, אַז יעקב-פּסח זינגט אויס, האַרציג: „ונתרחקנו מעל אדמתנו" — זעהט ער, בפועל ממש, די וויטקייט פון ירושלים ביז ביעראָזאָווע, און איהם חאַפּט אָן אַנ'אימה. אַ קינדער שפּיל — אַזאַ מהלך!

יעקב-פּסח איז, בטבע, אַ גוטמוטיגער, אַ זאָרגלאָזער; אַליין האָט ער פיינד חשבונות, און פונדעסטוועגען, וואָס ער טוט איז אויסגערעכענט, — פון אַ צרה פערליערט ער ניט דעם קאָפּ: אַפילו דאָס פאַלען פון די קנעלונגס האָט איהם אויך ניט דערגומען. זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס דקדוק מיט די לעהרער, מיט די „מסלול'ס" טרעפט ניט זעלטען, אַז ביי יעקב-פּסח'ן מוז מען זיך לעגען, ווי נאָר נאַכט שלאָפען: ניטאָ קיין דרייער אויף אַ חלב'נע ליכטעל, דאָך ווערט ער ניט נתפעל.

אמת, דלות איז ניט קיין געשמאַקער ביסען, — אָבער ווען עס איז איז דאָך בעסער, און בכלל אַז מען איז אין אַנ'איינענער שטאָדט, צווישען אידען — ע! — לעגט זיך נאָך ניט דער הימעל אויף דר'ערד. גוט — שלעכט, פון הונגער שטאַרבט מען ניט, ווי עס איז דורכשפּייזען זיך... ניטאָ קיין טענות, ניט צו גאָט, ניט צו לייטען! וואָס, אויף פיהרען דין-תורות געהט אַראָב דער מענש אויף דער וועלט? נאָר אַרומגעצוימט זאָל מען זיין, עס זאָל ניט זיין, אַפילו אַ שפּעלטעלע, וואו אַ ווינד זאָל אַ בלאָז-טאָן, קיין זאַך זאָל אין ניוועץ ניט אַוועקגעהן און פאַר אַ „סליחה" פון סלאַוויטער דרוק, פאַר אַנ'אַלטען עין-יעקב, וועט ער זיך. — ווי זיין ווייב זאָגט — „פאַר אַנ'אָחאָטניק פערקויפען".

מעהר נישט איין זאך פערדריסט איהם שטארק, זייט ער לעבט אויף דער וועלט: וואס ער איז אביסל דערוויטערט פון אידען, וואוינט אונטער איין דאך מיט אנ'ערל, א שכן מיט עשו'ן און זומער ביי נאכט, קאן מען ניט זאגען א אידיש ווארט, אונמעגליך אפילו מיט אנ'אויג צומאכען איבער מיקיטעס פועל, וואס „שפילינקעט" זיך אב גאנצע נעכט מיט שיקסעס און „ווערט אפילו אויף א רגע ניט אנשטומט"...

נאר וויסענדיג פאראוים, אז פון דאנען וועט ער קיינמאל ניט אוועקגעהן — מיט ירושות ווארפט מען זיך ניט אום — האלט ער אט דעם אלטען עגמת־נפש טיעף אין הארצען פערבארגען און אז עס קומט צו א רעד זאגט ער: „ביי אונז אין דער היים נעבען ברעג" — מיט אזא שטאלץ, אז אין פרעמדע אויערן קלינגט עס, כמעט, ווי רפאל דעם קרעטשמערס: „ביי אונז אויפ'ן מארק"...

און ווער ווייס, אפשר שטעקט אין אט דער שכנות אויך א שטיק השגחה־פרטית?..

יעקב־פסח'ס שכן — מיקיטע, איז א גוי א גדל'ניק, א בעריהמער א גרויסער. אויף זיך אליין זאגט ער: „מיקיטקע — אומעטום א העלד". פאר יונה דעם שטאמלער — א איד א גארבער — גרויסט ער זיך, אז אויב ער, מיקיטע, וואלט וועלען ווערען א טערק, וואלט מען איהם דארטען מאכען פאר א מיניסטער; א זשיד וואלט ער געווארען א „פור־ראבינער" און, אפילו, זענענדיג א „ריין פראוואסלאוונער" איז איהם אויך א שפיי צו ווערען אנ'אוריאדניק, ארייננעהן מעהר נישט צום סטאנאוואי, אשמועס טאן, און פערטיג, אראב פון מארק — נא דיר א מיקיטע מיט א שווערד און עפאליעטען!.. שוין אודאי א יאהר צעהן, אז ער בעריהמט זיך, אז זיין פעטערבורגער ברודער האט איהם ארויסגעשיקט א שפיל־קעסטעלע מיט טייבעלעך און נאטען, און אויב ער — א גאסען־קעהרער, מיט מעדאלען און צלם'ס אויפ'ן הארצען. מיקיטע איז אויך א קליינינקער, א דארינקער; אין ביעראזאווע רופט מען איהם ניט מיקיטע נאר דאס „נו'עצעל" און קיינער גלויבט איהם ניט פון דאנען אהין. העניע רחל די קרעמערין בארגט איהם ניט — ער מעג זיך אויסציהען — אפילו אויף א צווייער זאלץ. אלע האלטען איהם פאר א שקרן. ביעראזאווע ווערט אפילו אויף א האר ניט נתפעל, אז ער קומט צוגעהן אויפ'ן מארק, שטעלט זיך אוועק אביסעל פערשעמט נעבען די קראמען, ווי שלום דער גנב אין מזרח און דערצעהלט נייעסען, א שטייגער, אז באלד וועט אנקומען א פאפיר, מען זאל אויסהרג'נען אלע אידען, אדער, אז דער פריץ, וועמען

ביעראזאווע צאהלט צינש, האט ברעה ארויסטרייבען אלע אידען און פון
די: בתי-מדרשים אבען שטאלען פאר בהמות און שעפסען.

— פאראנגען וואס צו הערען, וואס דער כזבן בילט — ענטפערט מען
איהם, און מיקיטע ווערט אפילו ניט ברוגז, ווי ניט איהם מיינט מען עס,
— שוין א רגיל צו אזא האלז און אקען, — רוקט אן דאס היטעל אויף די:
אויגען, און געהט זיך אוועק א היים צו זיינע מלאכות. אויב ער בעגעגענט
אין וועג יונה דעם שטאמלער, קלאגט ער אויס פאר איהם דאס הארץ און
שעלט דעם מארק:

— הער מיך, יונה, איך — טאקי א ליגנער, אבער היינט געזאגט
אנ'אמת. אט דו וועסט זעהן אלע זשידעם אויס'הרג'נען „יאק סטאיי“.
געדענק!

— ג — ג — געה משו — שו — שו — גענער מיקי! — קי! —
קיטע! — ענטפערט איהם יונה און געהט אוועק צו מעריב, פונדעסטוועגען
אביסל דערשראקענער... און דעריבער טאקי איז מיקיטע אנ'אפטער
ארייננגעהער צו יונה, ווייל ער ווייס, אז דער „שטומער שד“ איז אפשר
דער איינציגער מענש, וואס האט נאך א שטיקל צוטרוי צו איהם, וואס
שפייט זיך ניט אויס אויף אלע זיינע רעד, ווי אלע איבעריגע ביעראזאווער
אידען.

יעקב-פסח האט מיט איהם, זייט זיי לעבען אויף דער וועלט, קיין
איין מחלוקת ניט געהאט. צווישען זיי אייגענטליך איז קיין שום שנאה ניטא,
ווארום אין דער אמת'ן ריהרען זיי איינער דעם אנדערן, כמעט, ניט אן
און פרנסות — אויך גאנץ אנדערע... פאר וואס זאלען זיי זיך קריגען?..

מיקיטע ציהט חיונה, ווינטער — פון שוסטעריי, פון האקען האלץ,
טראגט וואסער דעם דאקטאר און דעם אפטייקער, און זומער איז ער א פישער,
געהט מיט פליטען אין רינא, פאהרט אום אויף א מאשינע רייניגען די
טייכען און פיהרט צוריבער די מעהל-קרעמער און תבואה-הענדלער אין דאס
נאהנטע דערפעל — אין פאוולאווקע צום מיהל אויף א שיפעל.

יעקב-פסח'זשע לעבט פון חזנות, מלמדות, העלפט ערב-סוכות דעם
רב בינדען לולבים, אויספאקען אתרוגים, אלץ אזוינע מלאכות, וואס,
אפילו, אויב מיקיטע וואלט יא געהאט חשק צו זיי וואלט ער אויך
נאר נישט געקאנט מאכען, אלץ איינס, ווי יעקב-פסח איז ניט ביכולת צו
פערנעהמען זיך מיט מיקיטעס געשעפטען... קיין שנאה אבער איז צווישען
זיי ניטא, ניט נאר ווייל זיי האבען בעזונדערע פרנסות, נאר איבערהויפט
איבער דעם, וואס זיי האבען, בכלל, איינער מיט דעם אנדערן קיין שום
מגע-ומשא ניט: זיי זענען פרעמד צווישען זיך, הגם אין אט די הייזעך,
אין וועלכע זיי וואוינען, האבען אויך געלעבט זייערע טאטעס און זיידעס

פון פאַר פוילען אָן, פונדעסטוועגען, שמועסען זייַ צווישען זיך קיינמאָל ניט, כלומר'שט, ווי זיי וואָלטען געווען אונבעקאַנט, אָדער, ווי מיקיטע וואָלט גאָר ניט געקאָנט אידיש רעדען.

די פערפרעמדקייט און אָבגעשטויסענקייט זענען אַזוי טיעף, אַז, אפילו, בשעת זיי געהען שוין אַרויס אויף אַ רגע פון דער שטענדיגער גלייַכגילטיגקייט איינער צו דעם אַנדערן, הויבען זיי זיך אָן ניט ליב האָבען און ניט פייַנד האָבען, נאָר שרעקען זיך.

ערב יום־כפור, פאַר נאַכט, דאָרטען הינטער'ן אוליאַנקע פערגעהט שוין די זון און איבער דער דאָמבע לויפט איינזאַם אַ איד מיט אַ פעקעלע אין האַנד: דאָס לעצטע מאָל טובל געווען זיך, — אַביסעלע פערשפעטיגט איבער דער סעודה־המפסקת; עס פליהט דורך, דאַכט זיך, אַ געוועהנליכער ראָב, נאָר זיין קאַר־קאַר זאָגט אָן עפּעס אַנ'אונגעוועהנליכע בשורה און דאָס וועטער איז קלאָר, דער הימעל — ריין, די וואָלקענס האָבען זיך ערגעץ בעהאַלטען: הייַנט האָבען דונערן און רעגען קיין שליטה ניט, מעהר נישט אידישע תפלות און טרערען דאַרפען זיך לאָזען הערען, און מיקיטע זיצט אַנ־איינגעגראָבענער, איז פינסטער ווי די ערד און קוקט דורך דאָס פענסטערל, ווי יעקב־פסח קלייַדט זיך אָן אין דעם וויַס־לייַנווענטענעם קיטעל מיט אַ שוואַרצען גאַרטעל אויף די לענדען, — וואַרפט אַראָב פון זיך די שיך, ווי, בשעת עמיצער שטאַרבט און שרה יעקב־פסח'ס פרוי, שטעהט אַרומגע־רינגעלט מיט די קינדער נעבען טיש, צינדט די ליכט, בענשט די קינדער, אַז זיי זאָלען זיין גוטע, פרומע אידען, אַז גאָט זאָל זיי היטען פון יעדער צרה, בעשיצען פון גוי'אישע הענד... און שרייַט:

— גאָט פון די אמהות, זייַ אַ שומר מייַנע קינדער אויב זיי וועלען זיין אין אַ ווייַטען לאַנד, ניט לאָזען זיי פאַלען פון הונגער, פון נייַע גירושים, טאַטע ליעבהאַרציגער!..

און מיקיטען דאַכט זיך דענסטמאָל, אַז אָט באַלד וועט אַרויסשפּרינגען אַ שד מיט נעגעל, וואָס יעקב־פסח לאָזט איבער נעבען טייַכעל, אַוועקגעהענדיג אין שטאָדט צו כל־נדרי. אָט דער שד וועט זיך אַרויפוואַרפען אויף איהם און אויף זיין געזינדעל, — צומאָהלען, צודרעשען אויף פּיץ־בּרעקלעך, און ער געהט אַוועק צו אַנדריי דעם באָד־גוי אונטערן קעסעל: שמועסט, דויבערט אַ ליולקע און ציטערט.

אָדער די ערשטע נאַכט קאַלאַדיעס, — די נאַכט, וואָס ישוע הנוצרי איז געבוירען. קאַלט, אויסגעשטערנט, אַפילו, אַ משוג'ענעם הונד זעהט מען ניט אויפ'ן טייַך, — די פויערים זענען נאָך בייַ טאָג זיך פענאַנדער געפאָהרען אַ היים, ווי אין ביעראָזאָווע וואָלט הייַנט געווען יום־כפור.

די וואַסער־טרעגערינס און די וועשינס זיצען אין דער היים — און בייַ

מיקיטען אין הײַזעל איז װאַרעם, ליכטיג, שען אויסגעפּוצט, יום־טוב'דיג. די הײליגע בילדער זענען פערדעקט מיט נײַע רויטע מערלע־פאָרהאַנגען און עס דאַכט זיך, אַז זײ לעבען אָב פון די דינע שטראַהלען, װאָס בעלויכטען און בעפרישען זײ פון טיש־לאָמפּ... אויף דעם טיש זענען צושטעלט בוטלען מיט בראַנפען, װײַצענע בולקעס, סטעאַרין־ליכט; נעבען טיש, זיצט מיקיטעס פרוי — נאַסטיע אין אַ נײַער טערקישער פאַטשײַלע לכבוד יום־טוב. האַנד בײַ האַנד מיט נאַסטיען זיצט זײער עלטערע טאָכטער —אַגאַפיע אין אַ נײַער ראָזעװער בלוזקע. דאָס פּנים איז אויסגעװאַשען, איהרע לאַנגע, װײס־לײַנענע פערפלאָכטענע האָר, זענען נעבען פאַטילניצע צונויפ־געבונדען מיט אַ שװאַרץ־סאַמעטענער סטענגע, די אויגעלעך ברענען פון שמחה, פון דעם גאַנצען אומגעבונג, אומעטום גלאַנצט—אַפילו דאָס פּריפּעטשיק איז אויך בעשאָטען מיט געלען זאַמד — און אַלע װײַלע קוקט זי זיך אײַן אין דאָס פערפראָרענע פענסטערל, אין דעם פראָסט, װאָס דאַרף אויך הײַנט קומען נעהמען אַנ'אַנטײל אין דער יום־טוב'דיגע סעודה. מיקיטע שטעהט אין װינקעל, קניעט, בוקט זיך, קושט די ערד און צלם'ט זיך אָהן אַ שיעור... לגמרי אַ נײַער מענש, — ער האָט אַפילו ניט דעם אָנבליק פון דעם אַלטעגליכען מיקיטען, — ערנסט! דאָס נאַרישע שמײכעל אויף די ליפּען איז ערגעץ נעלם געװאָרען, און ניכּר, אַז ער אַלײן פיהלט זיך עפּעס הײַנט גרעסער, העכער... אויפ'ן גאַס הערט זיך ניט אַפילו אַ שאָרך פון אַ לעבענדיגע בריאה: מוזיק ליגט אין שטוב אויף דעם אויװען און דעם אײנאײנציגען חזיר האָט מיקיטע געקוילעט נאָך מיט אַ װאָך צוריק; מעהר נישט די װינד־נגונים צושטערען די ערנסטע שטילקײט און שפּילענדיג מיט דעם שנעע, מיט די בוימען, היפּען זײ ניט איבער אויך מיקיטעס און יעקב־פּסח'ס פענסטערלעך.

דאַכט זיך אַלץ שען, גוט, בײַ יעקב־פּסח'ן אָבער איז מען דערנסט־מאָל עפּעס אומרוהיג, מען שליסט אַרום פאַר פריה טיר און טויער, מען הערט פון קײנעם אַפילו אַ װאָרט ניט, װי אין שטוב װאָלט געלעגען, חס־ושלום, אַ חולה. יעקב־פּסח אַלײן קומט נאָך פאַר נאַכט, — פאַר מעריב פון חדר, די פענסטער פערדעקט מען מיט האַנטוכער און שבת'דיגע בגדים און מען לעגט זיך פאַר פריה שלאָפען, כדי עס זאָל זיך ניט זעהן קײן פײַער אין שטוב... אויף מאָרגען פריה, בשעת יעקב־פּסח דאַרף געהן צום טײַך נאָך װאַסער, האָט שרה נאָך אַלץ מורא צו װײַזען זיך מיקיטען אויף די אויגען, לײַען בײַ איהם די עמער אָדער דעם קאַראָמעסליק... װאָס האָט דאָ גע־טראָפען?.. גאָר נישט! אײנע פון די הײַזלעך האָט אָבגעטראָטען אויף אַ רגע פון דאָס געװעהנליכע, אַלטעגליכע, װאָכענדיגע לעבען און דאָס אַנדערע האָט זיך דערשראָקען, איז פערציטערט געװאָרען.

אזוי האָט עס זיך געצויגען יאָהרען־לאַנג און קײנער געדענקט ניט די

צייט, ווען עס האט זיך אנגעהויבען, אלץ איינס ווי קיינער געדענקט ניט ווען די הייזלעך, גופא, זענען געבויט געווארען, די טאטעס מיט די זיידעס האבען זיך אזוי געפיהרט און ווער ווייס וויפיל צייט עס וואלט נאך געדויערן, וויפיל יום־כפור'ס און קאליאדעס וואלטען פערשוואונדען, ביז וואנען יעקב־פסח מיט מיקיטען, וואלטען זיך אויף וואס עס איז צוזאמענגעשטויסען, אויב ניט דאס ווילדע אונערווארטעטע צופאל מיט מענדעלען — יעקב־פסח'ס בן־יחיד'ל, וואס האט, פלוצלים, אונגעריכטערהייד פארביידע צדדים, אנגעמאכט א חורבן, דארטען וואו דער בנין איז געשטאנען אזוי שטארק, און ווי סנחריב האט צומישט די וועלט, אזוי האט מענדעל צומישט זיירע שטענדיגע געדאנקען, און אלץ איבערגעקעהרט קאפויר... מענדעל, אויף וועמען יעקב־פסח האט אזוי פיל געהאפט און מקריב געווען צוליב זיין טובה מיט אלץ, וואס ער האט נאר געקאנט, — אזוי, למשל האט ער איהם א נאמען געגעבען ניט נאך זיין טאטען, נאר נאך ר' מענדעלי דעם צמח־צדק—נשמתו עדן; סנדק, צו וואס יעקב־פסח האט נאך פון קינדוויז אן געהאט אזא שטארקען חשק, האט ער אויך אבגעגעבען דעם אלטען רב,—זעהענדיג אין מענדעלען א יורש פון דאס אלטע צופוילטע הייזעל נעבען דאס אוליאנקע, וואס זיין טאטע האט איהם איבערגעלאזען אויף דער וועלט און א קדיש, א מליץ־יושר אויף יענער וועלט, — אט דער קליינינקער, דארינקער, אידישער בחור'ל, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א חדר־אינגעל, הגם איהם איז שוין געווען זיבצעהן יאהר, האט זיך א פרוב געטאן צוברעכען די וואנד, וואס האט זיך געבויט, אפשר, הונדערטער יאהרען און די צוויי הייזלעך האבען זיך א טרייסעל געטאן, ווי אנ'ערד־ציטערניש וואלט זיי אנגעחאפט. אפשר דאס ערשטע מאל אין זייער לעבען איז צווישען זיי אויסגעוואקסען א טיפע שנאה און די שנאה איז געווארען אזוי גרויס, אז ביי יעקב־פסח'ען איז געווארען, אויף א רגע, רעכט צו פערקויפען דאס הייזעל, נאר פטור ווערען פון מיקיטעס שכנות. — מענדעל האט זיי נעהנטער געמאכט, און — ווער ווייס? — אפשר האט זיך מיקיטע דער שוסטער טאקי איצט בעקאנט מיט יעקב־פסח דעם מלמד און זיי האבען ערשט דערזעהן. אז זיי זענען ניט קיין פאר קליידער, און אז ס'וואלט זיין א סך גלייבער מען זאל זיין פון וויטען?..

III.

א סוף־סיון'דיגער פאר נאכט... איבער דעם אוליאנקע שיפען זיך אום דעם סטאנאוואי'ס און דעם אקציזניק'ס קינדער, וואס זענען ניט לאנג געקומען אין ביערזאווע אויף קאניקול־צייט. זיי ווייסען א פנים ניט, אז מיקיטע

שטעהט איצט ביי יונה דעם גארבער אונטערן פענסטער און האמפערט זיך · מיקיטע טענה'ט, אז זיי שטודירען מיט דעם קייסער'ס קוטשער'ס קינדער אין איין קלאס—והראיה די קנעפלעך מיט די אדלערס—און יונה קאלופעט דעם נאז און שרייט: „דו מיקי־קי־קיטע לא־לא־ליגסט, ווי א „כלי־ל־לב״. זיי זינגען זיך זארגלאז, זייערע ניגונים הילכען, איבער דעם גאנצען געגענד, און פערשטילען, פערהוקען דאס הירזשעריי פון די צונויפגעפענטעטע פערד, וואס שפרינגען אום, ווי אנדריי דער באר־גוי אויף די קוליעס, — און די קללות, זידלערייען, מיט וועלכע יערקע דער באנדער איז מכבד די אוריאנקער פיש. יערקע דער באנדער זיצט אויף א שטיין, וואס ליגט איינגעזונקען אין טייך, נעבען איהם אויף דעם ברעג ליגט א נעץ, נאר ער קוקט אין דאס דעמערנדע וואסער, — וואס ענטפערט מיט א ליבען שמייכעל אויף יעדען שטיינדעל, וואס מען ווארפט אין איהם אריין, — און שערט די פיש דערפאר, וואס זיי האפען זיך ניט און ער, יערקע, וועט מארגען פריה ניט קאנען געהן צו רבקה דער שווארצער אויסטרינקען א ביטערן טראפען... אבער מעהר נישט איין יערקע, איז דא פער'דאגה'ט, אזוי איז דא גאנץ לעבעדיג: שקצים מיט שיקסעס שפילען אין „קלעצלעך״, מאכען זיך לוסטיג, העגגען זיך אן איינע אויף די אנדערע, כלומר'שט, כדי פריער צו האפען די קלעצלעך און, פלוצלים, מאכט מען גאר אויף די גראז „א פערענע״, דאס הייסט, מען ווארפט זיך א גוף אן א גוף אלע אין איינעם, — אפילו די עלטערע גויה'ס שטעהען אויך צו, — אדער מען שפילט אין זשמורקעס צווישען די בוימען, — אין האפינקעס... נעבען דעם פריץ'ישעןביידעל, וואס שטעהט נעבען די קארען נעהנטער צום דארף, שפאצירען אום פאר־וויז הין און צוריק מיט ווייסינקע בלומעלעך און ווייסע ראזען אין די הענד — דעם גלח'ס טאכטער מיט דעם שרייבער פון אופראווע, דעם פאסט־מייסטערס טאכטער מיט דעם טעלעגראפיסט און צופרידענע מיט זיך אליין, שפאטען זיי און לאכען פון דעם פראסטען המון, וואס ווייס ניט קיין איידעלקייט, קיין בושה און קייקעלט זיך אום איבער'ן שליאך פאר אלעמען אין די אויגען... גרישע דעם זשאנדאר'ס — אויף וועלכען די ביעראזאווער יונגע ווייבלעך זאגען: „אז ער וואלט ניט געווען קיין גוי, וואלט ער געווען א בירליאנט א בחור״,—אויף א גוי טאר מען דאך ניט זאגען, אז ער איז א שענער — אין א רויטער העמד מיט א שווארץ־געוועגטענעם זשיליעט פון אויבען, אין לאנגע בליאסקענדע שטיוועל מיט געגליאנצירטע האליעוועס, זיצט אויף גרשון פאלעצקערס לייווע, מיט'ן פנים צו יענעם זייט אוליאנקע, וואו עס שטעהען די וועשינס און רייבען אב גרעט צו דער נאכט. הגם גרישע איז — ווי נאסטיע די וואסער־טרעגערין דריקט זיך אוים — מעהר נישט „א שענע מצבה״, פונדעסטוועגען ווייס ער א פנים, וואו ער האלט

אין דער וועלט, — מיט איין האַנד דרעהט ער די שוואַרצע וועַנסעלעך, וואָס האָבען ערשט אָנגעהויבען אַרויסצושפּראָצען און מיט דער אַנדערער האַנד שפּילט ער אויף אַ גאַרמאָניע, אונטערקלאַפּענדיג דערבייַ מיט די פיס אין פּאַרענצע, כדי אַרויסרופען נאָך מעהר ליבשאַפט בייַ די שיקסעס, וואָס שמייכלען איהם צערטליך אין פּנים און נעהמען פון איהם די אויגען ניט אַראָב. ער מאַכט עפּעס אַ תנועה שטילערהייד און אַלע ענטפערען איהם מיט אַזאַ הילכיגען געזונטען געלעכטער, אַז אפילו די פויגלעך דערשרעקען זיך און לאָזען זיך פליהען פון די צווייַגען איבערן טייַך, העט — ווייַט צו די וואָלקענס...

עס פיהלט זיך עפּעס אַ זאָרגלאָזע יום־טוב'דיגע רוהיגקייַט, אַ חיות'דיגע מנוחה, אַלץ איז אייַנגעהילט אין אַ פאַרנאַכטיגען זומערדיגען חן, אין אַ תמימות'דיגער קינדערשער התפעלות.

מעהר ניט, — ווי יערקע דער באָנדער, אויף דעם שטיין, — אַזוי זיצט שרה יעקב־פּסח'ס פרוי אויף דעם גאַניק פון איהר הייזעל, אומעטיג, פערטראַכט, און ווייַל עס איז שוין פינסטערליך צו שטריקען אַ זאָק, וויקעלט זי אַראָב, לאַנגווייַליג, אַ מאָטעק פאָדים פון די בענש־לייַכטער.

אויפ'ן שווס ליגט בייַ איהר זעלדעלע — די קלענערע טאָכטער, וואָס הויבט זיך אויף יעדער רגע, קוקענדיג פון ווייַטען אויף דער זונ־פערגאַנג, און שרייַט מיט טרעהרען, קראַצענדיג דעם קאָפּ:

— מאַמע, אוי מאַמעלע, גיב אַ קוק, אָן ברענט אַ שטיק פעלד, איך וועל לויפען נאָך דעם טאַטען... אַ שריפה!

— געה, נאַרעלע, דאָס געהט איצט אַוועק די זון צו די אידען אין אַמעריקאַ אין אין די הרי־חושך. דער טאַטע וועט באַלד אַליין קומען, און דענסטמאָל, וועלען מיר עסען וועטשערע און טרינקען טיי...

פייגעל די עלטערע טאָכטער — אַ שנייַדערקע, איז נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבייט. זי זייפט איהר פנים און זינגט איהר ליבעס־לידעל מיט אַזאַ מרה־שחורה'דיגען ניגון, אַז טאַקי עס חאַפּט פאַר'ן האַרץ:

„אין אָנפאַנג פון אונזער ליבע
ביסטו געווען ווי צוקער, זיס,
און דער סוף פון אונזער ליבע
האָט זיך אויסגעלאָזען זעהר מיאוס"...

פייגעל זינגט און שרה הערט זיך צו, פערקאַשערט דאָס פאַטשיילקע הינטער די אויערן.

שרה שאָקעלט מיט דעם קאָפּ — וועד ווייס וואָס זי מיינט דערמיט — — און מורמעלט:

— און די מוטער רחל וויינט אויף איהרע קינדער, זי וויל זיך ניט טרייסטען...

יעקב־פסח איז נאך ניט געקומען פון חדר... און טאקי וואס זאל ער זיך איילען?

צו דעם נעבען־טייכעלדיגען פאר נאכט, וואו די זיסע, שטילע רוהיגקייט קומט פון זיך אליין, בדרך־הטבע, האט ער קיין שום שייכות ניט, יעקב־פסח — דער כזית האט זיך זיין אייגענעם ביעראזאווען זיפצענדען, טיעף־טרויעריגען פאר נאכט, בשעת די ביעראזאווער אידען, נאך דעם שווערן ביטערן טאג פון דאגות און קאפ־דרעהענישען, אנטלויפען אברוהען אביסעל אין די שענע נסים־ונפלאות'דיגע צויבער־וועלטען, אין די וועלט־מרידות, אין די גרויסע בלוטיגע מלחמות, וואו גילדענע קרוינען שווימען אין ים'ען בלוט... ער איז פערנומען מיט די דראמעס און קאמעדיעס, וואס זאמלען זיך אן אלע טאג אוצרות גאנצע אין ביעראזאווע גופא, און פון די ארומיגע דערפער, און פריצ'ישע הויפען, וואס גיבען אידען חיונה. און דעריבער איילט זיך ניט יעקב־פסח אהיים, און ביי איהם ווערט רעכט צו בלייבען אין שטעדטעל ביז א שטיק אין דער נאכט.

שרה ווייס גאנץ גוט דעם חילוק פון די נעבען־אוליאנקע'דיגע פאר נאכטען און פון די ביעראזאווער, אויך פערשטעהט זי, אז יעקב־פסח אליין איז א שטיק פאר נאכט און מחמת דעם קאן ער ניט קומען פאר פריה אהיים, אין דער זעלביגער צייט, בשעת ביעראזאווע, קראצענדיג פערטרוימט די בערדלעך, ניט אב איהר טאג'יגען דין־וחשבון אין בית־המדרש, אדער, בשעת די קרעמער אין פערפולעטע חאלאטלעך, שיינקארעס אין יארמולקעס מיט פער־שמאלצענע ברעגען, אין איינע ארבע־כנפות'ן, אהן אויבער־בגדים, מיט בוטלען מעד אדער סיראפ אין די הענד, דארפישע שוסטער און שניידער, וואס שפאצירען אום פון נאך־שבועות ביז נאך־תשעה־באב, אהן א שטאך ארבייט, אין די שבת'דיגע שליאפראקעס ווי סופרים, אדער זייגער־מאכערס — שטעהען אויף דעם מארק, און שמועסען, וועגען די „נייע גזירות", וועגען די „אלטע דאקטוירים" און וועגען דאגות־החיונה...

שרה פערשטעהט דאס אלץ ניט ערגער פון דעם גרעסטען מאנסבילשען קאפ, און דעריבער איז זי מוחל יעקב־פסח'ן איהר איינזאמקייט, הגם זי, ווי דער אמת גערעדט, האט אביסעל פחד צו זיין איינע אליין מיט די קינדער נעבען טייך, צווישען גוים. ווארים מענדעלע, אלס א'להבא'דיגער ביעראזאווער מאנסביל, געפינט זיך אויך, ס'רוב, פאר נאכט אין שטעדטעל און ניט אין דערהיים. זי שרעקט זיך אונטער פאר גרישען אויך, ווארים, שמועסט א גוי, אז ער הוליעט זיך פענאנדער, הייסט בפרט נאך א זשאנדארם א שייגעץ און דערצו גרישע, אויף וועמען די גויה'ס זאגען, אז ער איז,

פּשוט, אַ מזיק, לאָזט קײנעם ניט דורך — אַלטע — יונגע. הגם דער אַלטער זשאַנדאַר—מיכאַילאָ, שינט איהם אַלע נאַכט די פעל, ממית'ט איהם, ממש אויף בלוט...

נאָר ניט איבער דעם, זיצט איצט שרה פערטראַכט, מיט צוזאַמענגעדאַנקען אויף דעם גאַניק מיט דעם מאָטעק פּאָדים אין די הענד...— און טאַקי וואָס איז דאָ פאַר אַ נײַעס? שוין אַ יאָהר פינף און דרײַסיג, אַז שרה איז אָנגעקומען פאַר אַ שנור נעבען דעם אוליאַנקע און פון דענסטמאָל אָן לעבט זי אָט אַזוי. שוין צײַט צוגעוועהנען זיך. פינף און דרײַסיג יאָהר, — אַ האַלבע וועלט!

אַנדערע מחשבות דריקען איצט איהר האַרץ, קוקענדיג אויף דאָס אַלץ, וואָס עס טוט זיך נעבען בּרעג, — מחשבות, וואָס מאַכען אפילו דאָס בּלײַכסטע פּנים — רויט און וואָס זי ציטערט איבּערגעבּען מיט ווערטער ניט נאָר פרעמדע מענשען, נאָר אפילו דעם אײגענעם מאַן — יעקב-פּסח'ן... שרה'ן לאָזט ניט רוהען, וואָס איוואַן, טיקיטעס בּרודער, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון יונים, האָט אָנגעהויבען אָפט אַרײַנגעהן צו זײ: דאָס אַן'אַלטע העמדעל פערלאַטען, דאָס אַ נײַע אופנײַען און, מעשה בּן-בּית, זיצט ער אָב אַן'אַנדערם מאָל גאַנצע שעה'ן נעבען פײַגלען, בּעת זי נײַט, אָדער שטעפּט זײַנע העמדלעך. גאָט אין הימעל, וואָס טוט זיך דאָ?.. און שרעקליבע, שוידערליבע געדאַנקען שוועבּען אום אין איהר מוטערשען מח...

אמת שוין אַזאַ שלל מיט יאָהרען, אַז די הײַזלעך זענען שכנות און פונדעסטוועגען — הלואי ווײַטער! — האָט נאָך קײנמאָל ניט געטראָפען אַ פּסול אין זײער משפּחה, דאָך איז שרה עפּעס ניט זיכער, דאָס האַרץ קלעמט — זי פיהלט בּחוש, אַז עס זענען שוין ניטאָ די אַמאָליגע יאָהרען, אַז עס איז בּעשאַפען געוואָרען ערגעץ אַ חלל — וואו, ווי אַזוי? דער לעבּענדיגער ווײס!

— און אַז די מחיצה, וואָס טײלט פענאַנדער די הײַזלעך אײנע פון די אַנדערע, איז שוין ניט אַזוי שטאַרק, ניטאָ דאָס אַלטע צוים.

— אַ גרויל, אַ גרויל, קײן שונא וואָלט אויף דעם זינען ניט אַרויפלאָזען, וואָס איך טראַכט אוים אויף אַן'אײגענער טאָכטער.

—ווי קאָן מען אָבער זײַן רוהיג? שלעכטע, מאוים'דיגע בּשורות, הערען זיך די לעצטע צײַט פון די אידישע ישובים... אין פיל דערפער אַנטלויפען אידישע טעכטער מיט שקצים. אָט, למשל, זענען מיט אַ חודש צוריק, אין אײן וואָך אַנטלאָפען געוואָרען פון דער הײם פון זשופּאָנקע, זלאַטע דער מילכיגערם טאָכטער מיט'ן דאָרפישען רופא און בּרוך דעם מילנערם טאָכטער מיט'ן לעהרער. ווי די קאַראַבּײַניקעס דערצעהלען, פלעגען די משומדת'טעס גאַנצע טעג פערבּרענגען די צײַט מיט די שקצים, — כלומר'שט געלערנט

זיך אַדרעסען שרייבען, חשבון'ען. — זראַטע מיט ברוך'ן האָבען, אַפילו, אין זייער זייט ניט געקוקט און, פלוצלים, נאַ דיר אַזאַ סוף, אַזאַ מיאוס'ער סוף.

— מען טאָר זיך ניט נעהמען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, אַז גאָט וויל מאַכט ער פון קיסרים — בעטלער, און פון בעטלער — קיסרים, אַלץ ביי דיר אין האַנד ... און אַנ'אימה פאַלט אָן אויף איהר, דערמאַנענדיג זיך, ווי איינמאָל שבת־צו־נאַכט, שוין אַ שטיק נאָך־הבדלה, יעקב־פסח איז ניט געווען אין שטוב, און פייגעל האָט גענייט איוואַנען אַ העמדעל, זי האָט גענייט מיט פוילקייט, ווי אַ פריצ'טע אויסגעצויגען אויפ'ן שטול, אַ פאָדעם אָבגעביסען — גאָר אַ גאַנצע מלאכה, עפּעס אַ געניץ'דיגע מינע איז געלעגען אויף איהר פנים, ערשט, פלוצלים געהט אַריין איוואַן, און גאָר — אַנ'אַנדער מיידעל געוואָרען. איוואַן האָט זיך אָוועקגעזעצט געגען איהר, מיט זיינע טרפה'נע אויגען האָט ער שיער דאָס גאַנצע שטיבל ניט אויפגעגעסען און, הירזשענדיג, מיט פייגעלם האַנד גופא אַריינגעצויגען אַ פאָדעם אין נאָדעל. שרה האָט זיך געמאַכט, ווי זי זעהט גאָר נישט, נאָר זי האָט גוט בעמערקט, ווי פּייגעל איז געוואָרען רויט, ווי זי האָט זיך אָנגעצונדען, ווי אַ פייער, אָנגעהויבען שווער צו עטהעמען, ווי זי וואָלט זיך ווערגען, און כלומר'שט, ניט ווילענדיג, פונאַנדער געלאַכט זיך...

— היינטיגע מיידלעך, — קאָכיגע, עס ברענט, עס בראָט, מען טאָר זיך אויף נסים ניט פערלאָזען. זאָג זיי אַ וואָרט איז נאָך ערגער. די בעסטע און גלייכסטע זאַך, — פערקויפען מיקיטען דאָס הייזעל און אַרויסקלייבען זיך אין ביעראַזאָווע גופא. ניט גוט פרעמדע דירות, אָבער, לכל־הפחות — מיט די קינדער בעוואָרענט...

דאָס שפּילעריי פון די שקצים מיט די שיקסעס, זייער הילכיגער געלעכטער, פערשטאַרקען נאָך איהר אין דער דעה, אַז שווערע צייטען זענען אָנגעשטאַנען, — צייטען וואָס מען דאַרף קוקען מיט ביידע אויגען. — אַז איצט קאָן מען זיך נאָך אָבלערנען פון זיי, פון די גוים... יאָ, פערקויפען דאָס הייזעל!.. אָבער עס איז עפּעס אַ גרינגע זאַך צו רעדען יועגען דעם מיט יעקב־פסח'ן, מיט אַזאַ אייזערנעם, פערביסענעם עקשן? אַלץ איינס ווי עס איז גרינג פאַר שרה'ן גופא, צו שיידען זיך מיט אַנ'איינענער בעל־הבתישקייט, מיט אַנ'אייגען הייזעל און אָט פאַר וואָס זי זיצט אַזוי פערטראַכט, פער'דאַגה'ט און ענטפערט ניט, אַפילו מיט אַ האַלבען וואָרט אויף די קללות, וואָס פייגעל שיט אין דער קלענערע שוועסטער, דערפאַר, וואָס די לעצטע האָט ביי איהר אַרויסגענומען שטירעהייד פון דער שבת־קלייד, אַ שבת'דיגען קעמעלע און אַ שפּילקע.

לגמרי אומזיסט אָבער, האָט זיך שׂרה געשראָקען פאַר פייגלען. אויב זי וואָלט איצט אויף אַ ווײַלע אויפגעשטאַנען פון גאַניק און וואָלט זיך געלאָזען געהן הינטער די לײַוועס, נעבען די שליוזען, צוקוקענדיג זיך ניט נאָר צו דעם ברעג, נאָר אויך הינטער די בוימען, וואָס צוימען אָב דעם ברעג פון פעלד, וואָלט זי דערנסטמאָל דערזעהן, אַז די סכנה, פאַר וועלכע זי שרעקט זיך אַזוי, וואַקסט גאָר פון אַנ'אַנדער אָרט, פון אַזאַ אָרט וואָס איז איהר גאָר קיינמאָל אויף דעם מח ניט אַרויף... אָפּשר איז טאַקי אמת, וואָס מען זאָגט אין ביעראָזאָווע, נאָך פון לאַנג-אָן, אַז עס איז אַ גליק וואָס גאָט האָט געגעבען זײַנע ברואים נאָר צוויי אויגען און ניט פיער, דען אויב ניט, וואָלט מען אַלץ געקאָנט זעהן וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, און דערנסטמאָל וואָלט פון אַלץ געוואָרען אַ תהו-ובהו, אַ פינסטערער אָבגרונד...

שׂרה וואָלט דערזעהן, ווי אַגאַפיע מיקיטעס, וואָס האָט זיך אַ גאַנצען טאָג געוואַלגערט אויף דעם גאָרטען אַרום די בייטען, שטעהט איצט אויף דעם ברעג אַ הויל-נאַקעטע, מיט צונויפגעלעגטע, באַלכסון, די הענד אויף די בריסט, טרייסעלט זיך מיט איהר דאַרען גוף, און קלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס; זי קאָן זיך עפּעס ניט בעשליסען, גלײַך אַרײַנוואַרפען זיך אין טײַכעל און אײַנטונקען זיך אין וואַסער. זי בויגט אויס דעם רוקען, כדי מיט דער רעכטער האַנד אָנטאַפּען דאָס וואַסער. די האָר וואַרפען זיך פונאַנדער איבער די פלייצעס, און עס דאַכט זיך אַז זי וועט גאָר קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועקגעהן, ווײַל גאָט האָט זי צונויפגעבונדען אין איינעם מיט דעם דונקעלען אוליאַנקע, מיט די גראָזען, מיט די בוימען און פייגעל-טרעל'ען, און קיינמאָל וועט די זון אַהער ניט קומען, קיינמאָל וועט דאָ, אַחוץ איהר, קיין מענשליכע פוס ניט אַריבערטרעטען. רוהיג-רוהיג און שטרענג-ערנסט!

און הינטער די הויכע בוימען, וואָס — ווי לײַט זאָגען, — דער אַלטער פריץ האָט דאָ אײַנגעפלאַנצט, ליגט מענדעל אויסגעצויגען אויף די פײַכטע גראָז און קוקט דורך די שפּעלטעלעך פון די צווײַגען אויף אַגאַפיען. ער איז בלייך, איהם וואַרפט און שווידערט פיבעריש; ער קוקט גלײַך אין יענעם זײַט, וואו עס שטעהט אַגאַפיע און ער טראַכט גאָר ניט, אַז עמיצער קאָן, פלוצלים, קומען צו געהן... עס איז שוין פינסטערליך און ער זעהט איהר כמעט ניט, נאָר איהם דוכט זיך, אַז דאָס אוליאַנקע איז אײַנגעהילט אין אַ גרויסען אונענדליכען פלאַם און אַגאַפיע טאַנצט אום איבער'ן טײַך. מיט אַ שנע-ווײַסער לײַלעך לעשט זי דאָס רויטע פײַער, וואָס פערשטעלט איהם פון איהר און, אָנגעשטרענגט הערט ער זיך צו, צו יעדער תנועה, וואָס זי מאַכט, צו יעדער קעהר. מענדעל האָט פערגעסען, אַז ער האָט נאָך הײַנט קיין מעריב ניט געדאַוונט, אַז מען וואַרט אויף איהם אָפּשר, אין דערהיים. אַלץ איז פערשוואונדען! ווי אַ צוגעשמידטער ליגט

ער לעבט ער אויף די גראָז נעבען בוים, די אויגען — אויסגעגלאָצט און ער איצט איבער אזא געפיהל, ווי אָפט־מאָל, בשעת איהם חלומ'ט זיך אין שלאָף, אז פאַמעליך — פאַמעליך, מיט שטילע אויסגעהן־שמונה־עשרה'דיגע טריט, פאַלט ער אראָב פון א הויכען דאַך און ער האָט זיך ניט פאַר וואָס אָנצוהאַלטען. אוים, אוים!...

נאָר שרה קלעהרט, מסתמא, אז איהר מענדעלע איז איצט אין בית־המדרש און ווי פרייטאָג צו קבלת־שבת, בשעת זי האָט אויף איהם געקוקט מיט אזא גאוה, זיצט ער מיט עלטערע אידען און הערט זיך איין אין די גענען־הרובעדיגע מעשיות און זי וואָלט זיך קיינמאָל גאָר ניט געקאָנט פאָר־שטעלען, אז מענדעלע, — דער חיות'דיגער מענדעלע, זאָל ליגען, בין מנחה־למעריב, אָהן א נשמה און קוקען אויף א הוילער שיקסע; אז מענ־דערע זאָל נאָכלויפען, ווי גרישע דעם זשאַנדאַרם, נאָך אגאַפּיע מיקיטעם.

IV.

מענדעלען האָבען די ביעראָזאָווער אינגלעך, אָפּשר נאָך מעהרער פיינד געהאַט, איידער חאַציע־שמעריל דעם סאָטסקי אָדער שמואל־משה דעם מורה־דרך, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געהאַלטען מיט סמאַט, ווי ער וואָלט געווען דעם רב'ס א זוהן, —אָהן חברים, אָהן שטיפעריייען, אָהן שפּילען „אין קנעפּלעך”, ניט האָבענדיג מיט קיינעם קיין מגע ומשא. אלע זיינע געפיהלען, געדאַנקען, עגמת־נפש'ן, האָט ער געשעפּט ניט פון דער אַרומיגער סביבה און ניט פון דער קינדער־וועלט, נאָר פון זיך אַליין און פון די קליינינקע ספרים'לעך, חסידות'ע מעשיות, וואָס זענען געלעגען צווישען די איבריגע ספרים אויפ'ן פּאָליצע נעבען אויווען... „חברה” לויפט באַטאַליעס־וויין, ערב־תשעה־באב, אין מיראָוואָיי'ם וואַלד רייסען באַרעלעך, אָדער ערב־יום־כפור — מיט צדקה־פושקעס און יאַרמולקעס אין די הענד נאָך נדבות — מעשה קעסט־יונגעלייט, — צי כ'וויים, א גרויסער זומער־דיגער טאָג, עס חאַפּט ציים אויף „חכמת־שלמה”, אויף „מכירת־יוסף” און, אַפילו אויף אויסבאָרען זיך, בגניבה, פון די טאַטעס, — מעהר נישט איין מענדעל יעקב־פּסח'ס ווייס ניט פון די אלע תענוגי־עולם־הזה'ס און זיצט, שטענדיג א פערשפּיליעטער אויף אלע קנעפּלעך, ווי א קבצנות־אינגעל ביי א נגיד אויף ברכה, און צוזעגט זיך, כמעט, קיינמאָל ניט מיט זייער געבען־טייבעל'דיגען הייזעל... קוקענדיג אויף מענדעל'ען, ווי ער האַלט זיך שטענדיג אָן א זייט, איז שווער צו טרעפען וואָס ער איז, — צי א גרויסער

בעל־גאוה, צי אַ פּחדן, וואָס ציטערט פאַר יעדער הויך קול, און עס קאָן זיין אַז ער איז נישט קיין בעל גאוה און נישט קיין פּחדן נאָר גלאַט, במבע אַ שווייגענדיגער, געבוירען אַ שטיל־קינד, — פון די שטילע קינדער, וואָס קוקען נאָר אין איין ווינקעל, אין ספרים־אַלמער, און ווי זיי געהען אַרויס פון מוטערס בויך, ציהען זיך שוין זייערע הענטלעך צו היילינע ספרים . . .

נאָר גיבער פון אַלץ איז, אַז מען ע' איז געוואָרען אַזוינער, איבער דעם, וואָס זיי האָבען געלעבט ווייט פון שטעדטעל און אויב פאַר'ן זומער פלעגט ער זיך יאָ מיט וועמען עס איז בעפריינדען, פלעגט מען זיך פאַר דעם האַלב־יאָהר פון שבת־בראשית ביז שבת־הגדול, פערגעסען איינער אויף דעם אַנדערן . זיין מענדעל איז אַראָבגעגאַנגען אויף דער זינדיגער וועלט, האָט נאָך ניט געטראָפען איין ווינטער, ער זאָל זיין אויף אַזוי פיל בעקליידעט, כדי ער זאָל האָבען די מעגליכקייט, חאָטש אין אַ לינדען וועטער דורכשפּאַצירען זיך אין שטאָדט ... ניט גוט אין ביערזאָווע צו זיין אַ בן־יחיד, און קיינער אפשר, פיהלט דאָס ניט אַזוי שטאַרק, ווי מענדעל ... אַלע יאָהר, במעט מיט דעם ערשטען שניי, בעווייזען זיך אויף די ביערזאָוואער גאַסען קליינע אינגלעך אין לאַנגע, ברייטע שבת'דיגע פאַלטעס מיט שוואַרץ־סאַטענע קאָלנערס און, אַז עטליכע אינגלעך געהען האַנד־ביי־האַנד, די פאַלטעס פערקאַשערט מיט אַ פאַלבאָם, ווי דער אַלטער פּאָסט־מייסטער זיין מאַנטעל, קאָן מען מיינען, אַז דאָס זענען געקומען יונגע חתנים'לעך, תנאים־האָבען, — אין דער אמת'ן אָבער, זענען דאָס בעלי־מלאכות'ע, אָדער מלמדים'שע קינדער, וועמענס עלטערע ברידער זענען אַוועק דינען דעם קיסר, און כדי מילבען זאָלען ניט אויפעסען די מלבושים, איז אַ מנהג ביי די ביערזאָוואער מאַמעס, אָנטהון זיי אין די קאַלטע טעג — צוליב אויסלופטערן — אויף די קליינגוואַרגס פלייצעס ; זאָלען זיי אויך הנאה האָבען . און דאָס קליינוואַרג האָט עס גאַנץ כשר פערדינט, — הגם זיי זענען דאַר און שוואַך, דאָך האָבען זיי געפאַסט תעניתים און היבש עטליכע מאָל אויסגעזאָגט דעם תהלים, בעטענדיג דעם אויבערשטען, אַז זייערע ברידער זאָלען אַרויסציהען אַ הויכען נומער, אָדער זאָלען ניט חאַפּען די מאָס ; און אַז גאָט האָט זייערע תעניתים און תפלות ניט אָנגענומען, האָבען זיי אָבגעגעבען די יונים פאַר'ן אָבפאָהרען, אפילו די קלייניניקע סידורים'לעך, וואָס זיי האָבען געהיט, ניט ווייניגער ווי די בר־מצוה'דיגע תפילין־זעקלעך און וואָס זענען אָנגעקומען ניט גאָר גרינג — פון חנוכה ביז חנוכה האָט מען געדאַרפט זאַמלען פרוטות־וויין, און נאָך צו־באָרגען עטליכע צווייערס ביי דעם קרומען מוכר־ספרים'ניק אויף דעם להבא'־דיגען יאָהר . . . אין די פאַלטעס איז שווער צו שפּאַצירען, שווער צו שטי־פען — צו לאַנג, צו ברייט ! — דערפאַר אָבער וואַרעם און — וואָס עס

איז נאָך וויכטיגער, — אין זיי בעקומט מען גאָר אַנ'אַנדער שטאַלץ: שבת נאָך מנחה, בשעת די עלטערע אידען רייבען זיך אַרום דער קאַלטער הרובע און זיפצען אײנציגווייז אָדער דערצעהלען מעשיות אַלע אינאײנעם, — צוועצען זיך די זעלנערשע ברידערלעך אין מזרח און, האַלטענדיג אַ האַנד אין אַ האַנד, דערצעהלען זיי, מעשה=סוחרים, די פערשידענע נייעסען, וואָס די ברידער שרייבען פון „פאָלק" און ווי „יענע" אידען האָבען זיי אויפגענומען, מיט וואָס פאַר אַ כבוד... פון אַזאַ סאָרט וואָהלטאָג, האָט מענדעל ניט געקאַנט וויסען איבער זיין בן=יחידות און אַזוי וואָס צו דערצעהלען האָט ער אויך ניט געהאַט... אַפילו די עלטערע האָבען איהם אויך ניט גאָר ליב געהאַט, ווייל ביעראַזאָווע איז בטבע אַנ'אָפּגעהערציגע, וואָס אויפ'ן לונג דאָס אויפ'ן צונג, אַלע, פון קליין ביז גרויס, דאַרפען זיין אויפ'ן טעלער און ווען עמיצער, עס מעג זיך זיין אַפילו אַ קינד, שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט און הויבט אָן עפּעס טראַכטען פאַר זיך, וואַרפט מען אויף איהם גלייך אַנ'אום=חן און, ממילא, ווערד ער אויס געשלאָסען פון רעדעל, אַ לאַ=יבוא=בקהל'ניק... אין חדר האָט ער קיינמאָל ניט געלערנט, ווייל יעקב=פסח אַליין, פלעגט מיט איהם לערנען פאַר'ן דאַוונען. מענדעל האָט ניט געוואוסט דעם חיות פון מאַכען אַנ'„אָקרענט" אַ „חושן=ואפוד", אָדער שפּילען אין „בעהעלטינקעס", בשעת דער רבי געהט אַוועק פאַר נאַכט אין מאַרק, קויפען קעראָסין. אַפילו די גרויסע קינדערשע ימים=טובים, ווי חנוכה, פורים און חמשה=עשר=בשבט, פלעגען פאַר איהם אויך אַוועקגעהן אונבעמערקטערהייד. שטיל לאַנגווייליג האָט זיך געצויגען זיין לעבען: מען האָט אויף איהם קיינמאָל ניט געשריען, מען האָט איהם קיינמאָל ניט געשמיסען, ניט בעשטראָפט, ווייל עס איז ניט געווען פאַר וואָס צו שמייסען, פאַר וואָס צו שטראָפען. פון אַזאַ פערברעכען, וואָס זאָל אַרויסרופען אַ שטאַרקען כעס, האָט מענדעל ניט געוואוסט. שטענדיג מיט אַ ספר'ל אין האַנד, עפּעס אַ מאָדנע בענקעניש און פערצאָגטהייט, זענען געלעגען אויף איהם.

מיט היבש עטליכע יאָהר צוריק, בשעת מענדעלע איז געווען נאָך גאָר אַ פיצעל קינד, אין גאַנצען אַ יאָהר זעקס, האָט ער זיך געמאַכט אַ רגילות, אַלע נאָך=וואַרמעס, אַנטלויפען צו מיקיטען און ביז מעריב, אַנ'אַנדער מאָל ביז אָבענד=ברויט, שפּילען מיט אַגאַפּיען אין ביינדלעך, אין גריבלעך און אין שטוב האָט עס גאָר קיינער ניט בעמערקט: יעקב=פסח איז אַ גאַנצען טאָג אין חדר, — און שרה האָט דען מעהר קיין צייט ניט, ווי צו קלערען וואָהין געהט אַוועק דאָס קינד שפּילען? נאָר ניט אומזיסט זאָגט מען אין ביעראַזאָווע, אַז הימעל און ערד האָבען אַרויסגעגעבען דעם בורא אַ תקיעת=כף, אַז קיין סודות, זאָלען אויף דער וועלט ניט זיין און סוף=כל=סוף האָט זיך טאַקי ענטפּלעקט, אַז מענדעל איז אַ גאַנצער אַריינגעהער ביי מיקיטען...

ווי צוטומעלט איז שרה געוואָרען, אַז זי האָט איינמאָל דערזעהן, ווי מענדעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דעם זיידענס ווינקעל, נעבען דעם צובראָכענעם וואַנד=זייגער און צלם'ענדיג זיך, איז ער געפאַלען אויף די קניע און אָנגעהויבען זינגען מיט אַ הפטרה=ניגון: „האָספּאָדי פּאָמילוי" „האָספּאָדי פּאָמילוי"! און ווי מיקיטע, מיט דעם ברעג פון בגד, געריבען דעם נאָז.

שרה האָט גאָר מיט איהר שכל ניט געקאָנט בעגעהמען, וואָס זי האָט דערזעהן מיט איהרע אויגען און פון אימה איז זי, שיעור, אין חלשות ניט געבליבען, קוים צו דער קאַנאַפּע צוגעפאַלען... זי האָט גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס איז דעם גויה'צעלם מלאכה, אַז דאָס האָט מיקיטקע אויף צו להכעים אָנגעלערנט איהם און פון דעמסטמאָל אָן, פלעגט זי שוין שטרענג אַכטונג געבען, אַז מענדעלע זאָל אַפילו איבער מיקיטעס שוועל ניט אַריבערטרעטען, אַז זיין פוס זאָל ניט זיין אין דעם גוי'ישען הייזעל. יעקב=פּסח'ן האָט זי וועגען דעם גאָר נישט דערצעהלט, אַזוי שרעקליך האָט איהר אויסגעוויזען אָט די מעשה... דאָס איז געווען, כמעט, דאָס איינציגע פערברעכען אין מענדעלס לעבען!.. נאָר ער געדענקט גאָר נישט פון דער צייט, און שרה האָט זיך שוין אויך, כמעט, פערגעסען אויף דעם. אויב אין אַ רוהיגער צייט, דערמאָהנט זי זיך ווען עס איז אויף אָט דער קינדערשער נאַרישקייט פון מענדעלע'ן, איז דאָס מעהר נישט, כדי בעסער צו פערשטעהן דעם חיות, אַז מען לעבט אין שטעדטעל גופא, צווישען אידען און ניט נעבען דעם „חושך'דיגען" טייכעל מיט מיקיטען אין שכנות.

שרה איז פערזיכערט, אַז מענדעלע וועט זיין אַ כשר'ער, פרומער איד; אַז מיט זיין היטף וועט זי לכל=הפחות אויף יענער וועלט אָברוהען אַביסל פון איהרע צרות אויף דער וועלט. איצט איז מענדעלע שוין אַ בחור פון זיבצעהן יאָהר!.. אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט, בשעת יעקב=פּסח איז אין חדר און פייגעל — ביי זלאַטע חנה דער שניידערקע, — פלעגען זיי זיצען אַלע דריי: — מענדעל, שרה און זעלדקע — אויף דעם אויווען. מענדעלע פלעגט שרייבען פירושים אויף „חד=גדיא" אָדער טראַכטען וועגען דער נאַרישקייט פון דער וועלט, וועגען איהר אונוויסענהייט. אָט מיינט די וועלט, למשל, אַז דער מלך של מאָסקווע האָט גובר געווען נאַפּאָלעאָן'ען, עפּעס גלאַט אַזוי זיך און דאָס ווייסען זיי ניט, אַז די גאַנצע מלחמה איז גאָר געווען אַ מחלוקת פון ר' שלמה'לע קאַרלינער מיט דעם אַלטען רבי'ן און, אויב דער „אַלטער" וואָלט ניט פערחאַפּט דעם ערשטען טאָג ראש=השנה פאַר'ן דאַווענען די מקוה און וואָלט ניט אָבגעבלאָזען שופר אין דער צייט וואָס ר' שלמה'לע האָט געוויינט אויף גלות=השכינה, וואָלט נאַפּאָלעאָן ניט געהאַט המן'ס מפלה און די פראַנצויזלעך, וואָלטען ניט צופראָרען ווערען אין מאָסקווע... ר' שלמה'לע קאַרלינער האָט געטראַכט, אַז אויב נאַפּאָלע=

אן וועט גובר זיין, וועט זיין בעסער פאר אידען אין גשמיות, פאר דעם אידישען חומר און דער אלטער רבי האט גע'טענה'ט, אז אויב מאסקווע וועט איינגעהמען נאפאלעאן'ען, וועט זיין בעסער פאר אידען אין רוחניות, פאר דער אידישער נשמה און ווען ניט דער „אלטער" וואלט שוין פון „ראשי", אפשר לאנג א שריד ופליט ניט געבליבען, אט ווי קונציג דער אויבערשטער פיהרט די וועלט...

די מעשה פון נאפאלעאן מיט דעם מאסקווער, פלעגען איהם דער-מאהנען די צייטען, בשעת ר' יונתן פרעגער, האט געהאלטען אין זיינע הענד אלע מלכים פון דער גאנצער וועלט און מיניסטארען פון וויטסטע לענד'ער פלעגען קומען צו איהם נאך עצות; די צייטען, בשעת אין שפאניען, זענען געווען אידישע מיניסטארען, אדער ווען דער מלך הכוזרים האט זיך מגייר געווען און, פלוצלים, איז געווארען א אידישע מלוכה... דאן האט הארץ קלאפט שטארקער און פרעהט זיך פון דער אידישער שטארקייט, פון דער אידישער גדולה... אט שטעהט נעבען זיין כסא המלוכה, דער מלך הכוזרי, איינגעוויקעלט אין א טלית ותפילין און זינגט: „משפיל גאים עדי ארץ ומגביה שפלים עדי מרום", — ער שמועסט מיט זיין שני-למלך דווקא אויף לשון-הקודש און אלע מיניסטארען שרייען: „יחי המלך" „יחי המלך!"... און מיט התלהבות, פלעגט מענדעל אנהויבען צו דערצעהלען דער מאמען פער-שיעדענע מעשיות, וואס ער האט אליין געלייענט, און אויסגעטראכט, ווארעמענ-דיג זיך אויף דעם אויווען. שרה פלעגט זיך איינהערען און, קוקענדיג אויף מענדעלע'ן, פלעגט זי אוועקגעהן פון דער היינטיגער צייט אין די „אמאליגע יאהרען"... — א גוואלד ווי עס פליהט דאס וועלטעל, ממש, ווי פאסט. ווי לאנג דאכט זיך איז עס געווען, אז זי האט פלוצלים דער-הערט בא הענע רחל'ן אין קרעמעל, אז זי געהט צו קינד. א שנעַ מיט א זאווערוחע איז געווען, אז, פשוט, עס האט געקעהרט הימעל מיט ערד. משיח'ם צייטען... קוים פערשלעפט זיך א לעבענדיגע אהיים... און דאנקען גאט, אז מען לעבט דערלעבט מען זיך, שוין א בחור'ל מיט לייטען גלייך. א, זיבצעהן יאהר שוין... מעהר נישט, ברוך-השם, די פינסטערע ארעמקייט; ביי לייטען, אז דער אויבערשטער העלפט, וואלט מען דאך פון אזא אבן-טוב, געקאנט מאכען א מאנארכע... עס וואלגערט זיך אזא דימענט, וואס?.. ביז הונדערט און צוואנציג יאהר אויף איין וואג גאלד, און אויף דעם אנדערן — איהם. די געלאסענקייט, די שטילקייט, ווי א איד פון זיבעציג יאהר, נאר דערלעבען פון איהם נחת, טאטע אין הימעל!..

אויך פלעגט זי טראכטען וועגען דעם ווי גוט עס וואלט געווען אופ-נייען מענדעלע'ן א פוטער'ל, קויפען איהם א פאר נייע שטיוועל מיט א ווינטערדיגע היטעל און פון די אויגען פלעגען זיך גיסען טרעהרען גלייך אין

די פּעדערן, וואָס זי הערט ניט אויף צו פּליקען אַ גאַנץ ווינטער... אַני־אַנדערס מאָל, פּלעגט אַריינגעהן זיצען אַ ווײַלע נאַסטיע מיקיטעס, אויך אָנוואַרעמען זיך. נאַסטיע פּלעגט זיך קלאָגען אויף דעם, וואָס ביי די קצבים איז ווינציג טרפה די לעצטע צייט, און דעריבער „דאַרען זיי" אַזאַ צייט אָהן אַ שטיקעל פלייש... נאָר מענדעלע פּלעגט ניט צוהערען צו דער גויה'ס רעד, — טיעפער פּלעגט ער זיך איינגראָבען אין „קהל־חסידים", אין „ספר־הישר" און טראַכטען, ניט נאָר וועגען דעם גרויסען עבר פון די אידען נאָר אויך, וועגען דער העלער, ליכטיגער צייט וואָס דאַרף ערשט קומען: וועגען די מלחמות גוג־ומגוג, וועגען דעם פייערדיגען בית־המקדש וואָס וועט אויסגעבויט ווערן אין ירושלים, וועגען דעם מורא'דיגען יום־הדין, וואָס וועט זיין פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע מלוכות...

נאָך דעם פּלעגט יעקב־פסח קומען פון חדר, פייגעל — פון דער מלאכה. אין הייזעל פּלעגט עפּעס ווערען היימליכער, לעבעדיגער, דעם טיש פּלעגט מען צורוקען צו דעם אויווען און אַלע אין־איינעם, — דאָס גאַנצע געזינדעל, פּלעגט זיך נעהמען צו דער „וועטשערע", הנאה האָבען פון דער וועלט.

יעקב־פּסח מיט מענדעלע'ן פּלעגען ערנסט שמועסען צווישען זיך וועגען פערשיעדענע ענינים. די גאַנצע געשיכטע פון כורש מלך פּרס ביז משה מאָנטעפיאָרע, פּלעגט אויפלעבען פאַר זייערע אויגען און בערוהיגטע, מיט אַ שטאַרקען בטחון אַז גאָט וועט ווייטער פיהרען די וועלט אַזוי שען און גוט ווי ביז איצט, פּלעגט מען זיך צולעגען שלאָפען...

טאָג איין, טאָג אויס, כמעט איין און די זעלביגע זאַך. כ'ווייס, ווען ניט ווען, פּלעגט מען גלאַט אַזוי זיך אַ שמועס טאָן וועגען דעם, אַז אויף זומער אויב די קנעלונגס וועלען זיך פערבעסערן, זאָל מענדעלע אָבפּאָהרען אין דער ישיבה אין ווילנא, לערנען זיך דאָרטען שחיטה... נאָר אויף דער פּלוצלים'דיגער מחשבה, פּלעגט מען זיך גלייך פערגעסען און ווי פריהער פּלעגט אַלץ געהן רוהיג, שטיל, אָהן וועלכע עס איז פּאַסירונגען פון דרויסען, אָהן וועלכע עס איז האַרץ־קלעמעניש פון אינוועניג. אַזוי האָט מענדעלע געלעבט ביז דעם עבר'דיגען נאָך־פּסח מיט דערזעלביגער זיכערהייט און רוהיגקייט, מיט וועלכע אויף איהם האָבען געקוקט יעקב־פּסח מיט שרה'ן...

V.

אסרו־חג פון פּסח, בשעת אין הייזעל האָט זיך נאָך געפיהלט אַביסעל יום־טוב'דיג — אומעטום זויבער, ריין — איז מענדעלע געזעסען אין די יום־

טוב'דיגע מלבושים, אויף דעם מאַטענס שטול, די פּיס אונטער זיך, און געבלעטערט אַ ספר. אין מח קיינע געדאַנקען, אויפ'ן האַרצען קיין אומעט, שטיל, אַ חיות.... אַלץ אין הייזעל האָט געשיינט און געלויכטען פון שמחה, וואָס מען האָט זיך באַפרייט פון דעם אַכזריות'דיגען ווינטער מיט די ביטערע זאָרגען וועגען האָלץ און שוכוואַרג. אויף דער פּאָדלאָגע האָבען זיך געוואַלגערט פּסח'דיגע כלים, וואָס מען האָט נאָך ניט אַרויפגעטראָגען אויפ'ן בוידעם. אין יעדען ווינקעלע זענען נאָך געווען שפּורען פון דעם גרויסען יום-טוב, וואָס האָט זיך, בשום-אופן, ניט געוואָלט אונטערגעבען דעם געוועהנליכען אַלטעגליכען לעבען... די אינוועניגסטע פענסטער האָט מען שוין אַרויסגענומען און דורך די באַפרייטע שייבליך האָבען זיך די זון-שטראַהלען געשטופּט אין הייזעל, אויף אַלץ און אַלעמען געוואָרפען זייערע צאַרטע גאָלדענע בליקען, — אַפילו שרה'ס צוקנייטשטער פּנים איז אויך געוואָרען עפּעס שענער, ליכטיגער, האָפנונגס-פול... יעקב-פּסח איז אַוועקגעגאַנגען צו זרח דעם רימען-קרעמער, בעטען זיין אינגעל אין חדר און שרה, שטויסענדיג די מצה, וואָס איז געבליבען פון יום-טוב, האָט באַצייטענס געשטעלט סימנים, צי גאָט האָט געגעבען זרח'ן אַ גוטע דעה און ער האָט שוין אָבגעגעבען זיין אינגעל יעקב-פּסח'ן, — צי חס-ושלום אַ שלעכטע, און דאָס עניות וועט נאָך גרעסער ווערען:

— וועט יעקב-פּסח, קומענדיג פון שטאָט, גלייך אַריינגעהן אין שטוב — איז אַ סימן, אַז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט; טאָמער, וועט ער זיך אָבשטעלען נעבען גאַניק, — איז אַ סימן, אַז מסתמא האָט מען ניט זוכה-געווען ביי גאָט, מיט עפּעס פערזינדיגט!...

אַלע ווײַלע, פלעגט זי זיך אויפהויבען, — צוגעהן צו דעם גאַס'יגען פענסטער, זעהן, צי געהט שוין ניט יעקב-פּסח אַהיים... אַ קליינינקייט צו זאָגען אויף אַ האַלב יאָהר חיונה, —עס זיצט זיך ניט, און טראַכטענדיג, דאגה'נענדיג, האָבען זיך איהרע אויגען — ניט ווילענדיג — אָבגעשטעלט אויף מענדעלע'ן, ווי ער זיצט מיט דעם ספר אין האַנד: — „רבונו של עולם, ווי דאַר ער איז, ווי בלייך, הויט און ביינער, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין איהם. זוהן מיינער!"—מענדעלע, וויקעל זיך איין אין מיין קאַפּיגקע און גיעה אַ ווײַלע אויפ'ן גאַס, —וואַרעם, ליכטיג, וועסט זיך אָבפרישען אַביסל; וואָס ביסטו פאַר אַ מאָדנע קינד! וועסט זיך נאָך אָנלערנען...

מענדעלע האָט געפאָלגט די מאַמען, צוגעמאַכט דעם ספר און איז אַרויס פון הייזעל, כמעט דאָס ערשטע מאָל פון נאָך-סוכות אָן... די זון האָט געוואַרעמט, דאָס אוליאַנקע, וואָס האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַפרייט פון דעם אייז און שנעע, האָט אויסגעזעהן, עפּעס ווי פערבענקט, פער-

טראַכט, — רוהיג האָט געפּליסט דאָס וואַסער, אָהן צאָרן... אַרום דעם אוליאַנקע האָבען זיך שוין בעוויזען גרינע גראָזען און די בוימען זענען אויך געוואָרען מונטערער, ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק...

מיקיטקע האָט געצוימט דעם גאָרטען און אַגאַפיע אייַנגעוויקעלט אין דעם טאַטענס לאַנגער סערמיעזקע, מיט אַ צוריסענער פאַטשייַלע פערבונדען אויף הינטען, ווי אַנ'עכטע בעל־הבית'טע, האָט אַרויסגעוואָרפען די שטייַנער וואָס האָבען זיך פאַר'ן ווינטער אייַנגעזויגען אין דער טיפעניש פון דעם בלאָטיגען, געבען־טייַבעל'דיגען באָדען. עס האָט געשמעקט מיט פריהלינג און די שאַרפטקע אַגאַפיע האָט ניט געקאָנט אייַנשטעהן אויף איין אָרט: עס האָט איהר עפּעס געהויבען, — פּלוצלים, פלעגט זי אַרייַנשפּרינגען, כמעט, אַ באָרוועסע אין טייַך, און שפּריצען פון דאָרטען וואַסקע דעם טעפערם אין פּנים, אָדער באָדען איהר מורזיקען און שנעלען איהם אין נאָז, דערפאַר וואָס ער רייַסט זיך פון די הענד, בילט און לאָזט זיך ניט אויסוואַשען ווי דער סדר איז... אויף דעם פעלד, האָבען אומגעשפּאַצירט פויערים וואָס זענען, נאָר וואָס, אַרויסגעקראָכען פון די צווישען־אויוועגס, — זיי האָבען געמאָסטען, געשריען און אַגאַפיע, כדי איבערשרעקען זיי, פלעגט וואַרפען אַהין קלייַנע שטייַנדלעך און פענאַנדערלאַכען זיך דערבייַ, ווי אַ קליין־קינד... עס האָט זיך געפיהלט עפּעס ערב־חתונה'דיג, און, אַז איוואַן — מיקיטעס ברודער, האָט זיך פענאַנדערגעשפּילט אויף זייַן דודעל, האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּילט גאָר אַ ניגון אויף בעגעגענען די מחותנים, — אַ קבלת־פּנים־מעלאָדיע... מענדעל האָט זיך אָבגעשטעלט, ווי אַ בעצויבערטער, מיט אַלע חושים צוגעהערט זיך צו איוואַן'ס ניגונים און גאָר ניט ווימענדיג ווי אַזוי דאָס איז צו איהם געקומען — האָט זיך איהם אויך פערגלוסט שטיפּען מיט אַגאַפיען, אָט ווי וואַסקע, וואַרפען מיט איהר צוזאַמען אין דעם אוליאַנקע דרייַ־גאָרענדיגע שטייַנדלעך, שלעפּען זי פאַר דעם עק סערמיעזקע, שטופּען זיך, לויפען, שפּרינגען און אונבעקאַנטע פערלאַנגען, רייַצענדע תאוות, מיאוס'ע געדאַנקען, האָבען איהם אַרומגענומען, — געדאַנקען, וואָס זענען ביז איצט גאָר קייַנמאָל אויף דעם זינען ניט אַרויף...

דער גאַנצער גוף האָט זיך אָנגעצונדען, ער איז געוואָרען רויטה פון חרפּה פאַר זיך גופא, און אין דער זעלביגער צייַט, האָט איהם עפּעס, ווי געוואָרפען אין קעלט, קוים וואָס ער האָט דעם אָטהעם אייַנגעהאַלטען... ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייַטען צי שפּירט מען איהם ניט נאָך, צי זעהט מען ניט וואָס מיט איהם טוט זיך דאָ, און דאָך האָט איהם, ווי מיט צוואַנגען, געצויגען אַהין וואו אַגאַפיע איז געשטאַנען; איהם האָט זיך געוואָלט זייַן נעהנטער נעבען איהר, צוהאַלטען מורזיקען, בשעת זי וואַשט

אין גלעט איהם, ארויפקאַשערן איהר די לאַנגע אַרבעל פון סערמיעזקע, און ער איז שוין צוגעגאַנגען נעהנטער צו די בערווינקעס, וואָס זענען געלעגען אויף דעם גאָרטען, — כלומר'שט ווי ער וויל גלאַט אַזוי צווענצען זיך אַ ווײַלע.

אָבער וואַסקע, וואָס האָט זיך דאָ די גאַנצע צײַט אַרומגעדרעהט, האָט איהם, אַ פּנים נִיט פערגונען דעם נחת-רוח, גלײַך ווי ער וואָלט וויסען וואָס עס טוט זיך בײַ מענדעלע'ן אין האַרצען. ווי נאָר ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם גאָרטען, האָט וואַסקע אָנגעהויבען צלם'ען זיך, קרײַזלען כלומר'שט די פאות, טאַנצען און שרײַען: „טאַמע-מאַמע צרות ברוך-הבא"!

די וואַסער-טרעגערינס, די וועשינס, די שקצים פון גאַרבערײַ, וואָס האָבען געוויײַקט פעל אין טײַך און אויך אַגאַפיע מיט מיקיטען, אַלע האָבען זיך פענאַנדערגעלאַכט, הויך אויפ'ן קול, קוקענדיג אויף וואַסקעס תנועות, אויף זײַן קרימען זיך און אויף מענדעלע'ן מיט דעם שפּיציגען קאַרטוז אויף דעם קאָפּ, ווי בײַ אַ פּורים-שפּילער, און מיט דער שוואַרצער קאַסינקע אויפ'ן האַלז.

מענדעלע איז געשטאַנען אַ רגע צוטומעלט און איז אַנטלאָפען אַ היים, אַ פערשעמטער, אַ בעליידיגטער. דאָס לײַב האָט געשטאָבען ווי מיט נאָדלען, אין מח האָט זיך עפּעס צופלאָנטערט צודרעהט פון די נײַע געפיהלען, וואָס האָבען איהם בעהערשט און פון דעם רעש, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אויף דעם גאָרטען... און וואַסקע האָט זיך נאָך מיט דעם ניט בענוגענט: — ציצעלי פּאָטעריאַל, אַדנאָיי, קוק, מענטקי! — האָבען איהם נאָכגעיאָגט וואַסקעס קולות, נאָר מענדעל האָט זיך ניט אָבגעשטעלט... ניט טויט, ניט לעבעדיג איז ער אַרײַנגעלאָפען אין היזעל, און ווידער גענומען זיך פאַר דעם פריהערדיגען ספר'ל...

יעקב-פסח איז שוין געקומען אַהײם. דרעהענדיג די פאות און גלעטענדיג דעם שטערן, האָט ער געשמועסט מיט שרה'ן און אין זײַן שטים האָט זיך געהערט עפּעס אַ שטאָלצער ברוגז:

— דער טבח!.. „איצט — זאָגט ער — איז שוין גענוג צו לערנען אין חדר. מעביר די סדרה זײַן קאָן ער, קדיש וועט ער קאָנען זאָגען, יוצא! וועט קלעקען פאַר איהם... הײַנטיגע צײַטען דאַרף מען אַ קינד מאַכען פאַר אַ מענשען... לערנען איהם רוס, זאָל ער, לכל-הפחות קאָנען שמועסען מיט דעם גוי! אויב איהם איז בעשערט צו זײַן אַ סוחר, — האַנדלען אין ראַשײַ. קײַן מר-בר-רב-אשי, וועט ער סײַ ווי סײַ ניט זײַן"... „ב'ווײַס — זאָגט ער — אויב איהר ווילט אויף אַ שעה, לערנען מיט איהם תנ"ך, אויסלערנען לשון-קודש, וועל איך זיך מישב זײַן... מען דאַרף אײַנפיהרען, ווי אין די גרויסע שטעדט"... — נו איז וואָס האָב איך איהם געזאָלט

ענטפערען דערויף ?.. ניין — זאָג איך, — זרח, דו בּיסט דאַכט זיך אַ ביעראָזאָוועער, — וואָלט איך שווערען, מסתמא ווייסטו, אַז יעקב־פּסח איז אַ מלמד און ניט קיין „לעהרער" אויף „שטונדען" און בּין אַוועקגעגאַנגען... איך וועל זיך שטעלען מוסר'ן איהם, וואָס ?... לערען איהם „רום", שיק איהם האַנדלען אין ראַשיי !.. ניט גוט, נו וואָס קאָן איך טאָן ?.. עס מעג אל תפתח פה לשטן, אונטערגעהן די גאַנצע וועלט „עד חרמה", וועל איך קיין „לעהרער" ניט ווערען, קלאָהר ווי טאָג !...

ווי ענטפערענדיג אויף יעקב־פּסח'ס טענות האָט שרה גערעדט צו זיך אַליין :

— מסתמא וועט ער דורכשפּייזען, מסתמא וועט ער ווייזען אַ וועג, הקיצור צו זומער... גרינגער ! — בּיידע, זייענדיג פערטיעפט אין זייערע שמועסען, האָבּען גאָר ניט בּעמערקט, ווי מענדעל איז געקומען, אַלץ איינס ווי מענדעל האָט, כמעט, זיי ניט בּעמערקט און ניט געהערט, וואָס זיי האָבּען גערעדט... מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם ספר'ל, כדי צושלאָגען די תאוות, וואָס האָבּען איהם ניט געלאָזען צורוה און, ווי אויף להכעיס, אַלץ נייע בּילדער געמאָלען, וואָס ווייטער די פאַרבּען אַלץ העלער, בּלענדענדער, אָפּענער...

און אַ נייע שווערע צייט, איז אָנגעשטאַנען אין מענדעל'ס לעבּען.

VI.

אַ גיכער זומער איז אין דעם יאָהר געווען, ווי גאָט יואָלט וועלען בּעלוינען זיין בּיעראָזאָווע פאַר דעם שטרענגען ווינטער. אפילו יעקב־פּסח, וואָס ויערדט בּטבע ניט שטאַרק נתפּעל פון אַ שעהנעם וועטער, פלעגט אויך אָפּט־מאָל, אַריינגעהענדיג פון גאַס אין הייזעל, זאָגען מיט צופרידענהייט :

— אַ פיינער זומער כ'לעבּען, אַז מען שטעהט אויף דער גאַס, געהט דורך, פּשוט, אַ חיות אין די לונגען... — און טאַקי, נאָך פאַר שלשת־ימי־הגבּלה, בּשעת אַלע מאָל אין אָט דער צייט איז נאָך פינסטער און בּלאָטיג, זענען שוין האַי־יאָהר די גערטנער געווען בּעגרינט און בּיעראָזאָווע איז געווען יעדער טאָג פול מיט דאָרפישע פּויערים, וואָס פלעגען קומען קויפען זריעות... פון דעם בּענקענדען נאָך־פּסח איז שוין, כמעט, קיין זכר ניט געבּליבּען און שרה האָט דוכט זיך אויך אַראָבּגעוואָרפען פון זיך דעם עוויגען טרויער, גאָר אַנ'אַנדערע געוואָרען, — גאַנץ אָפּט פלעגט זי פערקאַשערן דאָס פאַטשיילקע און אַרויסשטעלען די אויערן, ווי אַ יונג־ווייבּעל נאָך דער חתונה... אַלץ איז געוואָרען פרייער, לעבּעדיגער, מעהר

נישט איין מענדעל, איז מיט יעדער טאג געווארען מעהר נידערשלאגען און ניט ביי זיך... צעהנדליגער מאל האט ער געפרובט אנהויבען א נייע „מסכתא”, נאר עס פלעגט דערפון גאר נישט ארויסקומען: די גמרא פאלט פון די הענד און דער קאפ איז ניט דערביי. עס שטופט אלץ אויף דער גאס, — צו מיקיטעס גארטען... ער פלעגט זיך אנידערלעגען אין פארהויז אויף דעם אונגערקעס-קאסטען, און דורך דעם צובראכענעם פונדאמענט, קוקען שטילערהייד, פערבארגען פון יעדעס מענשליכע אויג, אויף אגאפיען, ווי זי זיצט אהן אנ'אויבערשטע קאפטקע, צווישען די בליהענדע ביטען ביז'ן האלז אין גרינסען, און זינגט מיט איהר הילכיגע שטים א האלב-פרעהליכע, האלב-בענקענדע ליעד, וואס די שיקסעס זינגען, געהענדיג פון פעלד מיט די סיערפען אויף די פלייצעס... ער הערט זיך איין און דאס הארץ קלאפט, ווי ראש-השנה פאר תקיעת-שופר, בשעת אין בית-המדרש איז שטיל און מען זעהט בעשיינפערליך, ווי דער שטן ראנגעלט זיך מיט די מלאכים... דער גאנצער גוף פלעגט זיך אנצינדען און נאכדעם פערגליווערט ווערן אין א שטילער, צערטליכער הנאה; די אויגען שליסען זיך צו און איהם דאכט, אז ער העגגט אין דער לופטען, ארום איהם שוועבען אום ווייסע פויגלעך און אגאפיע, ווארפענדיג קערענדלעך אין זייערע שנאבלעך שפאט פון זיי, — טרייבט קאטאוועס... א ניט-געוועהנליכער כח, פלעגט איבער איהם דענסטמאל געוועלטיגען און דאס געדענקט ער ניט. אז, כמעט אלע טאג, פלעגט ער זיך געבען א נדר מעהר נישט צו קוקען אויף אגאפיען, ניט טראכטען וועגען איהר... עס טרעפט גאר ניט זעלטען אין מיטען העלען טאג, ער זיצט דאכט זיך גאר רוהיג און, פלוצלים געפינט ער פאר זיך קיין ארט ניט, ווי עמיצער וואלט איהם שטעכען מיט שפיזען און, ווי א משוגע-נער, הויבט ער אן אומלויפען, הין און צוריק ארום מיקיטעס גארטען, בכיון הוסטען, ע—ע—ע—עקען קנאקען מיט די פינגער, כדי אגאפיע זאל אויפהויבען דעם קאפ און א קוק טאן אויף איהם מיט איהרע גרויע, קעצישע אויגען... און ניט נאר ביי טאג, אפילו ביי נאכט אין שלאף, פלעגט אויך אגאפיע פון איהם ניט אבטרעטען: אין פערשידענע געשטאלטען, פלעגט זי צו איהם קומען צום חלום, צושפארען זיך ביי איהם צופוסען, מאכען העכער דאס צוקאפען, — פריינדליך, שטייפער איינדעקען איהם אין יעקב-פסח'ס וואכעדיגען סיורדוט...

אויב זי פלעגט זיך וועגן עס איז צו איהם ניט בעוויזען אין חלום, פלעגט ער יענעם טאג זיין מרה-שחורה'דיג; דאס הארץ פלעגט נאגען: ער פלעגט פיהלען, אז איהם פעהלט עפעס און זיי'ענדיג בעטריבט פלעגט ער מיט זיינע גרויסע מעלאנכאלישע אויגען, זוכען די גולן'ישע האנד, וואס האט איהם בערויבט, וואס האט ביי נאכט אבגעצוימט אגאפיען פון איהם.

הגם אין אנדערע טעג, פלעגט זיך מענדעל פיהלען שטארק, ער וואלט דוכט זיך, אפילו וואסקען בייגעקומען, אבער, בכלל, איז דאס לעבען געווארען שווער, לאנגווייליג, אונערטרעגליך; ווי א שאטען פלעגט ער אומגעהן איבער'ן הייזעל, איבער דעם בית־המדרש, צו דעם האט ער עפעס אנגעהויבען מורא האבען פאר אלעמען און שעמען זיך צו קוקען וועמען עס איז אין די אויגען. אז צוויי אידען פלעגען זיך סודות'ן אין חדר־שני וועגען א מסחר, פלעגט זיך איהם דוכטען, אז דאס שמועסט מען וועגען איהם און שטענדיג פלעגט ער פיהלען הינטער זיך פרעמדע טריט, — עפעס א פאר אויגען, וואס פערפאלגען איהם, וואו ער זאל ניט שטעהן און געהן...

אין די ספרים האט איהם אויך אנגעהויבען אינטערעסירען עפוואס נייעס, וואס איז איהם ביז איצט געווען אין גאנצען פרעמד; בכיון, פלעגט ער צעהנדליגער מאל איבערלייענען אין „מד"ש־תנחומא" די געשיכטע פון זליכה מיט יוסף־הצדיק, אדער, ווי שכם האט דינה'ן מאנס געווען און נאכדעם אנ'אויפגערעגטער, — שטעלען זיך אין אלקער־פענסטערל, וואס געהט ארויס אין מיקיטעס גארטען און קוקען, קוקען, גלייך ווי דארטען וואלט עפעס געווען אנ'אונגעווערהנליכע נייעס, ווי דארטען וואלט, א שטייגער, שטעהן א דאמפשיף, וואס קומט אין ביעראזאווע איינמאל אין עטליכע יאהר, בשעת די געוויסערן זענען גרויס און די פעלדער ווערן פערפלייצט, — אדער דער גוי'ישער לעהרער, וואלט מוסטערעווען, — ווי זענערם, — די שקצים, אויף דער דאמבע...

די טעג זענען שוין געווארען גאנץ גרויס — דער זומער שטעהט ניט אויף איין ארט — און זיי פליגען ביי איהם אוועקגעהן אין רייצענדע געדאנקען וועגען אגאפיען, וואס פלעגען זיך טוישען, כסדר, מיט די שטעכעדיגע חרטות אויף אלע זיינע זינד... מענדעל האט אנגעהויבען פיהלען, אז ער וועט אזוי פאלען אונטער דעם לאסט פון די תאוות און שציפענדע הרהור־תשובות...

א די הרהור־תשובה'דיגע טעג!.. פון נאך־ווארטעס ביז מנחה, פלעגט מענדעל ניט ארויסגעהן פון בית־המדרש; נעבען ארון־הקודש, מיט טרעהרען אויף די אויגען, פלעגט ער בעטען דעם אלמעכטיגען גאט, וואס קוקט איצט אויף איהם פון זיבעטען הימעל, ער זאל איהם מאכען רייגער, בעפרייען פון דער טומאה, פון דער „קליפה", וואס האט זיך איינגעזויגען אין איהם, — אראבגעהמען פון האלז דעם שארפען שווערד, וואס שטעכט, שטעכט און בלענדעט די אויגען מיט זיין פינקעלדען גלאנץ. בכיון פלעגט ער זיך נעהמען פאר די עכטע „מוסר־ספרים", כדי אין די שרעקליכע בילדער פון דעם

שבט-מוסר'דיגען גיהנם, אונטער דעם אימה'דיגען רעש פון די שדים און מלאכי-חבלה, פערשטיקען די געדאנקען וועגען אגאפיען, אנטלויפען פון איהר — פון דער לילית, וואס וויל איהם אראבפיהרען פון גוטען וועג און מאכען פון איהם א „ירבעם-בן-נבט", אנ'עביגען זינדער...

— און אפשר איז זי טאקי א לילית?.. אין די אמאליגע יאהרען פלעגט זי אפט קומען אין ביערזאווע, — דוקא ס'רוב אין דער געשטאלט פון „א בת-מלכה", — צושיידען מאנען מיט פרויען און לאזען נאך זיך כל-ערליי תולאת'ן: קרופ פאר קליינע קינדער — געלעגערס פאר דערוואקסענע...

און טאקי ווי איז געווען מיט נחמיה דעם שמיד?.. ארויסגעגאנגען גאר מחדש-לבנה זיין, ווי אלע אידען און, פלוצלים, האט זיך צוגעקלעפט א שווארצע ציוג... דרעהט מיט דעם ווידעל און וואוהין ער געהט — זי איז דא, לאזט איהם, ממש, פון פלעק ניט... „אוועק"! האט דער שמיד אויסגעשריען מיט כעס און אין אט דער רגע, איז פון דער ציוג געווארען א מלכה אין גאלד און פערל, און נאכדעם, — האנקע די בייגעל-בעקערין... ארויפגעפאלען איהם אויפ'ן האלז און אין מיטען נאכט אנגעהויבען פישטשען ווי א טויבעלע: „נחמיה קום צו מיר: מיין בעט איז בעשאטען מיט בשמים און ווייעך, א קאלדרע — פון מצרים"... נחמיה אזא גבר, האט ניט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון... די לילית האט איהם אריינגעחאפט אין נעץ... פערלאזען א וויב מיט זעקס קינדער און בעזעצט זיך אין שכנות ביי האנקע דער בייגעל-בעקערין... קוים מיט צרות א גט ארויסגעריסען און איצט וויים מען גאר ניט וואו נחמיה איז פערפאלען געווארען... ב'כשופט איהם... אפילו פסח איז ער אויך געווען ביי איהר... געגעסען חמץ בפרהסיא... רבונו-של-עולם ראטעווע מיך, לאז מיך ניט פאלען, בעשיץ מיך... — אויף א ווילע, פלעגט מענדעלע'ן, ווערן ווי גרינגער, ליכטיגער, ווי נאך-א סליחות'דיגען פריה-מארגען, איידער די זון געהט אויף, בשעת דאס הארץ איז קלאהר, ריין, ציכטיג און עס פיהלט זיך אזוי גוט...

ער קומט אבער צוריק אהיים און דערזעהט ווידער אגאפיען... זי בעשפריצט די בייטען, די באקען זענען רויטליך פון ארבייט, פון הארע-וואניע, צופרידען, לוסטיג. וואסקע דעם טעפערס אין דער ווינטערדיגער קוטשמע, א בארוועסער אין א לאנגער לייוענטענער העמד אויף די גרינע-יונ'ישע הויזען מיט בלויע קאנטען, — וואס דער אקציזניק האט איהם געשאנקען, — איז אויך דא נעבען איהר, און עס קעהרען זיך אום צוריק די אלטע אומרייניגע רעיונות. עס דריקט עטוואס, ווי די גאנצע דאמבע וואלט געלעגען אויף דעם קאפ און דאס הארץ נאגט, נאגט, חאטש רייס פון זיך שטיקער-ווייז די פלייש, חאטש ווארף זיי אריין אין דעם אוליאנקע... צוגעהן נעהנטער צו אגאפיען?.. סיי ווי סיי וויסען שוין אלע, אז ער לויפט

אום טאָג ווי נאַכט אַרום אַגאַפּיען און די שטעט... ק דער וועלען נאָך איהם נאָכלויפען, מיט קולות: „מענדעל די שיקסע", „מענדעל דער מופקר"!.. ניטאָ וואָס צו פערלירען!.. שבת-פאַר-נאַכט פאַר מעריב, וועט איהם חדר-שני-חברה, פערוואַרפען מיט טישטוכער, מיט האַנטוכער, און אויף אַלע ביערזאָווער הייזער, אפילו אויף די בית-עולם טויערן, וועלען זיין צעטעלעך געקלעפּט, אַז מען האָט איהם געטראָפען מיט אַ גויה, מיט מיקיטקעס שיקסע...

די האָר שטעלען זיך קאַפּויר פון בזיון, פון דעם וואָס ער פערשוואַרצט אַלעמען די יאָהרען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און אין אַזוינע מאָמענטען, פיהלענדיג, באמת, ווי טיעף ער האָט זיך אַראָבגעגליטשט אין זומפּ, פלעגט מענדעל בעהאַלטען זיך ערגעץ אונטער אַ בערוועגע און טראַכטען:

— איך וועל געהן און אָנעסען זיך מיט געלע גראָז... פון געלע גראָז מוז מען שטאַרבען, אַרץ אייגם ווי אַ משוגע'נער הונד גיט אַ ביס, אָדער — מען טרינקט זיך אָן מיט קראָפּעווע זאַפּט... נישטקשה, דענסטמאָל וועט זיי דאַכט זיך אַלעמען פערדריסען... די מאַמע וועט שרייען צום דעם טאַטען מיט בענומענע קולות: „דו גזלן איינער! האָסט זיך צוגעבונדען צו איהם און אויסגעריסען אַזאַ יונגען בוים... זון מיינער וואו ביזטו?.. האַלט איך בעסער איינ-נעמען צעהן מיתה-משונה'ס איידער דו... אָבער קיין רופא וועט שוין ניט קאָנען העלפען... אַלע נאַכט וועל איך געהן אין תכריכים צו בערעלע ציג, צו שלמה'לע גנב און זיך נוקם-זיין אָן זיי דערפאַר וואָס זיי האָבען אויף מיר געשריבען צעטעלעך און עטהעמען ניט געלאָזען... נייע ווערטער, נייע געדאַנקען פלעגען ניט צוקומען, דערפאַר אָבער פלעגען די אַלטע, — מיט יעדער טאָג ווערן שמערציגער, אכזריות'דיגער, אין מח פלעגען זיי פויזשען איינע אויף די אַנדערע, ווי ווערים... נאָר פון דעסטוועגען איז דאָס אַלץ גאָר נישט, לגבי דעם, וואָס מענדעל האָט איבערגעלעבט יענעם שבת פריה-מאָרגען, בשעת ער האָט זיך אָנגעטראָפען מיט אַגאַפּיען אויג אויף אויג.

אין הייזעל איז אַחוץ איהם, אפילו אַ נפש ניט געווען, — יעקב-פסח איז נאָך בעגינען, אַ בליאַסק אויף טאָג, שוין געווען אין בית-המדרש, די מאַמע מיט זעלדעלען זענען אויך שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען, פייגעל איז אוועק זעהן, ווי מען וועט פיהרען אברהם גילומיאַזאָווער'ס שנור צום דאַווענען, מעהר נישט מענדעל האָט זיך צופעליג עפּעס פערשפּעטיגט... ער האָט שנעל אָבגעגאָסען נעגעל-וואַסער, כדי ניט פערשפּעטיגען, לכל-הפחות, די שחרית'דיגע קדושה; ערשט, פלוצלום איז אַריינגעגאַנגען אַגאַפּיע...

אַגאַפּיע, ניט קוקענדיג אויף איהם, האָט זיך גענומען פאַר איהר שבת'דיגע

מלאכות: זי איז געקומען אַראָבנעהמען פון טיש די לייכטער, דעם לאָמפּ און אויסמעלקען די ציג. אַ געוועהנליכע זאַך. נאָר מענדעל האָט זיך אַזוי פערלאָרען, אַז ער האָט, פון אימפּעט, איהר אום שבת געהאָלפען די לייכטער צושטעלען אונטער'ן בעט...

— מענטקי, וואָס דו טוה? הײַנט דאָך שבת! — האָט איהם אָבגעשטעלט אַגאַפיע מיט אַ געלעכטער. מענדעל איז געשטאַנען אַ רגע, דער קאָפּ האָט זיך פערשווינדעלט און אָהן ווערטער אַרויסגעלאָפען אין פאָרהויז, — פון שפּייז־קאַסטען אַרויסגענומען אַ גאַנצע חלה, אַ שטיק געקאָכטע פיש און עטליכע זויערע אוגערקעס, אײַנגעוויקעלט דאָס אַלץ אין נאָז־טיכעל און האַסטיג — ווי מורא־האָבענדיג ניט צו פערשפּעטיגען, — האָט ער עס אַרײַנגעוואָרפען אַגאַפיען אין פאַרטוך, האַלטענדיג דערבײַ מיט די שפּיץ פינגער איהר אַרבעל פון בלוזקע... אַגאַפיע האָט אויסגעגלײַכט איהרע דאַרע פּלייצעס, און פערוואונדערט זיך אָבגעשטעלט קוקען אויף מענדעל'ען: זי האָט זיך עפּעס אויך דערשראָקען, פיהלענדיג אין פאַרטוך די מאכלים, און אויף דעם אַרבעל זײַן ציטעריגע האַנד. וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?.. מענדעל איז געשטאַנען ווי אַ גולם ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר די צונג האָט זיך, ווי צוגעשמידט צום גומען.

אַגאַפיע איז צוגעטראָטען נאָך נעהנטער צו איהם, צערטליך מיט איהר וואַרעמער האַנד אַ גלעט געגעבען זײַן פּנים, ווי די באָבע, אַז זי קומט עשרת־ימי־תשובה פון בית עולם, און מיט דאַנקבאַרקײַט געזאָגט: — טי דאָברי מענטקע, פריחאָדי, איך דיר געבען אַ גורטשיק, אַ פרישען פון אונזער אָגאָראָד, פריחאָדי!.. — און איז שנעל אַרויסגעגאַנגען פון הויזעל אָבגעבען גאָסטיען מענדעל'ס מתנה און נאָך דעם לאָזען זיך אין ביעראָזאָווע העלפען די אידען רוהיגער שבת האַלטען: אָבריינעגען די טישען פון אָנגערויכערטע לייכטער און אָנגרייטען פאַר די אַלטע זיידעס און פאַר די יונגע קינדער אַביסל ציגען־מילך...

אַ צוטומעלטער איז מענדעל אַרויסגעלאָפען גלײַך נאָך אַגאַפיען — אפילו פערגעסען די טיר צושליסען — געשטאַנען אַ ווײַלע און איז אַוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש. די ערד האָט זיך געשפּאָלטען אונטער זײַנע פיס.

— שטאַרבען, שטאַרבען, פער'סם'ען זיך מיט געלע גראָז, — און צו וואַרמעס, אַז שרה האָט געשאָלטען מיט ביטערע קללות מיקיטען מיט מוריקען, מײַנענדיג, אַז דאָס האָט דער הונד געפּטר'ט דעם שלש־סעודות, איז מענדעל געזעסען, ווי אַ בעגראָבענער... יעקב־פּסח האָט זיך רוהיג געטאַ־ראַ־רייקעט זײַן „מזמור לדוד", מענדעל האָט אויך, כלומר'שט, אונטערגעהאָלפען, אָבער געטראַכט האָט ער גאָר וועגען אַנדערע זאַכען:

ער ליגט אַ געשטאָרבענער אויף דער ערד; דער זייגער איז אָבגע־

שטעלט... דער צובראָכענער שפּיגעל איז אומגעקעהרט מיט'ן גלאָז צום וואַנד... צוקאָפּען שטעהען צוויי ברענענדע ליכט אין מעשענע לייכטער און אַלע וויינען, קלאָגען... אַגאַפּיע שטעהט אויך נעבען די מלמדים, וואָס לערנען משניות, זאָגען די „פּסוקים", „צדוק־הדין" און זיווישט אָב מיט דעם צוריסענעם אַרבעל פון סערמיעזקע די אויגען... יעקב־פּסח ברעכט די הענד און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד... די שוועסטער חלש'ן, אַרום דער מאַמען שטעהט מען מיט ליכט אין די הענד. זי גוסס'ט... און פּיהלענדיג ווי קליין און שפּל ער איז, האָט מענדעל בעשלאָסען, אַז פון היינט אָן, וועט ער אַגאַפּיען אין גאַנצען אויסשפּייען פון האַרצען, טאַקי אויף אַן'אמת תשובה־טאָן; — אויף ווינטער ווערן אַ מלמד אין דאָרף ביי זלמן מרדכי דעם פּאַוולאָווקער און אויף זומער — אין ווילנא, אין דער ישיבה. און ווער קאָן וויסען?.. גאַנץ מעגליך, אַז מיט דער צייט, וואָלט ער זיך טאַקי אָן איהר פערגעסען, בפרט אַז באַלד וועט נעהמען אַ סוף צו דעם גאָרטען; וויפיעל וועט מען זיך נאָך אָנטאַנצען?.. נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש, עס וועט דאָך אָבער פאָרט ווערן ווינטער און קאַלט, עס וועט ניט זיין וואו אַהינצוטאָן זיך איבער די פרעסט און, זיצענדיג הוילע נאַקעטע אין די הייזלעך, ניט בעגעגענדיג זיך איינער מיט דעם אַנדערן, וואָלט ער זיך, אָפשר, אין גאַנצען אָבגעוועהנט פון אַגאַפּיען...

נור מאַלע וואָס, „אַז עס וואָלט", טרעפט זיך אָבער אויף מאָרגען מיט איהם דער צופאַל, וואָס האָט איהם שוין אויף עביג צוגעבונדען צו אַגאַפּיען און קיינמאָל וועט ער איהר שוין ניט פערגעסען.

זונטאַג פאַר נאַכט, זייענדיג פערטיפט אין זיינע געדאַנקען, איז מענדעל אויף אַ ווייַלע אַרויסגעגאַנגען צו דעם אוליאַנקע... שפּאַצירענדיג טרוימעריש איז ער אַזוי צוגעגאַנגען הינטער די לייוועס נעבען די שליוזען. גענען דעם ווינד־מיהל, ערשט, פּלוצלים האָט ער דערזעהן, ווי אַגאַפּיע, שפּילעט אָב די קנעפּלעך און די העקלעך פון קלייד, גרייטענדיג זיך צו געהן באָדען. אַ שוידער האָט איהם אַרומגענומען; איהם איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען, ווי ער וואָלט קוקען דער תמוז'דיגער זון אין פּנים און ווי אַ צוריבערטער איז ער מאַכט־לאָז צוגעפאַלען צו דעם פריץ'ס בוים.

— וואָס טוה איך דאָס?.. אַיי, אַיי!.. — האָט עמיצער געשריען ביי איהם אין האַרצען, נאָר אַ צווייטער—האָט פערשטיקט, פערטיבט דעם ערשטען, שרייענדיג:

— גאָר נישט, גאָר נישט!.. קוק, קוק!.

און מענדעל האָט זיך אונטערגעגעבען דעם צווייטען קול: ער איז געבליבען ליגען...

VII.

אז עס איז געוואָרען גוט פינסטער, נאָך=מעריב, איז נעבען דעם אוליאַנקע אפילו אַ נפש ניט געבליבען, פונקט ווי ווינטער ביי נאַכט. פיל זענען זיך פֿענאַנדערגעגאַנגען שלאָפען, כדי מאָרגען פריה אויפשטעהן האָרעווען, אַנדערע, ווי למשל, גרישע דעם זשאַנדאַרם מיט דעם טעליעגראַפיסט זענען אַוועק צו יעקב=אפרים דעם כלי=זמר אין סאַד, וויעגען זיך און פֿערברענגען שטילער=הייד מיט די אידישע מעדלעך, וואָס קומען אַ׳ע נאַכט אַהער, בגניבה פון די טאַטעס מיט די מאַמעס, לערנען זיך טאַנצען ביי זוסיע דעם צימבעל, יעקב=אפרים דעם כלי=זמר׳ס מוזינעק.

די גוים וואָס שווימען אויף פליטען איבער דעם אוליאַנקע ליגען שוין אין די שטרויענע ביידלעך און די שקצים, וואָס היטען די פֿערד אויפ׳ן פעלד, זענען אויך אַנטשלאָפען געוואָרען, ווי נאָר דער עולם איז זיך פֿענאַנדערגעגאַנגען... מעהר נישט קלמן דער בדחן — דער שומר פון גרשון פֿאָלאָצקערס לייווע, קאָן זיך עפעס ניט איינלעבען מיט דער שטיל=קייט, און ווי אויף להכעיס דעם דרעמלענדען אוליאַנקע און דעם פֿערשלאָ=פענעם ברעג, קלאַפט ער ווי פורים צו המן׳ען, מיט זיין שומר׳דיגע קאַלאַ=קאָטקע, און זינגט דאָס בעוואוסטע ביעראָזאָווע יאוש=לידעל:

„אַז דער מענש, ווערד געבוירען

וויגט מען איהם אין אַ וויג,

און אַז ער קומט צו די עלטערע יאָהרען

הייסט מען איהם געהן צוריק".

ער זינגט עס מיט הארץ, למשל, ווי „אַ בעדעקונגס=ניגון", אָדער ווי בשעת מען בעזעצט די כלה, און אין זיין שטים הערט זיך אַ ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זומער שפילט מען אַזוי וועניג חתונות און ער, — קלמן דער מפורסם׳דיגער בדחן—מוז גאָר זיין אַ שומר נעבען לייווע, היטען פרעמדע זוימען, גערשטען און ליין, — שטעהן אָהן אַ נשמה און ציטערן פאַר אַ גנב...

ביי מיקיטען אין הייזעל איז שוין אויך פינסטער און אַפילו מוזיק, וואָס איז ניט גאָר קיין שוויינעדיגע בריאה, און הערט טאָג און נאַכט ניט אויף צו בילען — עס קאָן זיין איבער דעם, וואָס מען קאַרגט איהם אין דער אכילה, ווייס אויך אַ פנים, אַז איצט איז די צייט פון רוה און ניט פון אַרויסווייזען ברוגז׳ן, און דעריבער שלאָפט ער טאַקי געשמאַק נעבען גאָרטען, ניט ריהרענדיג זיך אַפילו מיט אַנ׳אבר. אַליץ שלאָפט, און אַז פון אַ בוים דערהערט זיך אַ פויגעל=געזאַנג, דוכט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור רעדט עס פון שלאָף, מעהר נישט ביי יעקב=פסח׳ן אין הייזעל איז

מען נאָך וואַכעדיג, — מען עסט איצט אָבענד־ברויט... איבער דעם שיסעל געקאָכטע באָב מיט גרויפּען, שפּרינגען אום די דינגע, פאַרעם׳דיגע שטראַהלען פון דאָס קליין לעמפּעל וואָס שטעהט אויף דעם טיש... פייגעל, זענענדיג אין כעס אויף שרה׳ן, דערפאַר וואָס זי לאָזט איהר ניט צו יעקב־אפרים׳ען אין סאָד, שטעהט צאָרנדיג, אויפגערעגט, אין דעם אָפענעם פענסטער און קוקט אין דער רוהיגער פינסטערניש, ווי זי וואָלט דאָרטען עפּעס פערלאָרען... איבער דעם וואָס דאָס פענסטער איז אָפען, לעשט זיך דאָס לעמפּעל, נאָר שרה, ניט ווילענדיג פערפיהרען מיט איהר קריג „מיט עסקים", שווייגט און יעקב־פּסח, זיצענדיג אָנגעשפּאַרט מיט דעם שטערן אויפ׳ן פויסט, — איז שטאַרק פערטראַכט און בעמערקט גאָר ניט דאָס אָהן־ווערטער׳דיגע מחלוקת, וואָס קומט פאָר נעבען טיש.

יעקב־פּסח איז שטאַרק איינגעמאַטערט, — קיין חידוש ניט, אַ גאַנצען טאָג אויף די פיס... נו אַ טאָג היינט אין ביעראָזאָווע!.. נאָך־וואַרמעס זענען געקומען צוויי שלוחים — פון באַלאַקליי און מיטראַקיטקע — מיט דער ביטערער בשורה, אַז גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אַ נייער שריפה. וואָס טוט מען? מען קאָן דאָך ניט לאָזען אידען גאָר הפקר, און יעקב־פּסח האָט פענאַנדערגעלאָזען דעם חדר פריי און צוזאַמען מיט פיניע דעם מצבה־מאַכער איז ער אומגעגאַנגען ביז פאַר נאַכט, זאַמלען פאַר די נשרפים ברויט, אַלטע קליידער, כדי מאָרגען צום דאַווענען זאָלען די חפצים מיט די אבילות, שוין זיין אויף די ערטער. פון אַלע הייזער און הייזלעך האָט מען געטראָגען ברויט אַנטקעגען, געמוזט אַוש נאָר געהמען אַ פוהרמאַן, און — נאָך ניט צייט געהאַט צוזעצען זיך אַ רגע אָברוהען, עפענען די שמעק־טאַבאַק־פּושקע, ערשט איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל, איז אַרוים אַ קלאַנג וועגען אַ נייער ביעראָזאָווער גזירה, וואָס מאיר דער אייזען־קרעמער האָט געבראַכט פון מינסק, — אַ ביטערע גזירה!..

מאיר דער אייזען־קרעמער, אָדער ווי אַנדערע רופען איהם „מאיר דער שליח־פּורעניות" — אַסטוּטוּלער איד, שטענדיג מיט אַ פערבונדענעם האַלז, מיט אַ לאַנגען באָרד, וואָס איז אַלע מאָל אָנגעפילט מיט שטרויעלעך, באַוועל און גרויפּען, מיט אַ ברייטען קאָפּ אין אַ שמאָלינקע דייטשע היטעל מיט דעם דאַשעק אויף דעם רעכטען אויער, — אָט דער מאיר פלעגט יעדען זומער פאָהרען אין מינסק נאָך סיערפּען און אַקערס און יעדער מאָל פלעגען די מינסקער גבירים, — אָדער ווי ער רופט זיי אָן: „די עמודי מינסק"— איבערגעבען איהם אַזוינע נייעסען, פון וועלכע אין ביעראָזאָווע פלעגט אין מיטען מיטוואָך, ווערען פּשוט, אַ תשעה־באב, מיט קרעכצען און זיפצען, די האָר פלעגען זיך צו שטעלען קאַפּויר... אָט, למשל, איז ער פון זיין פאַראַיאָהריגער נסיעה, געקומען מיט דעם נייעס, אַז באַם מען

וועט ביז חנוכה ניט אריינטראגען אינגנאטיעווען א מתנה פון צוויי מיליאן רובל איז זעהר שלעכט, — עלול, עס זאל זיין חס־ושלום א גירוש־רוסיה, אדער א גזירת ת"ח. און ביעראזאווע איז טאקי געבליבען אהן א נשמה, — א קינדער־שפיל צו זאגען: צוויי מיליאן רובל, פון וועלכען מקום נעהמט מען עס? עס איז עפעס אמאליגע יאהרען, אביקאנספעלד, א מאנטעפיארע וואס? ניטא מיט וועמען א קעהר צו טאן זיך!.. און היינט, — נאך ניט פערבייגעגאנגען דער עבר'דיגער שרעק ערשט נא דיר מאיר'ן מיט אשפא־געל־בייער גזירה, אז, וועדליג, ווי מען האט איהם דערצעהלט — אין דעם בלינדען דאקטאר'ס נאמען, — איז, כמעט, בלא שום ספק, אז מלוכה האלט בדעה, איינפיהרען אין ביעראזאווע א „פאראחאד"!.. דאס גאנצע שטעד־טעל האט זיך אויפגערודערט. עפעס א שפאס צו זאגען: די אידישע בעלי־עגלות וועלען זיך מוזען אוועקשלעפען איבער די הייזער... א חוץ די גבירים און ווייבער, זענען אלע, פאר נאכט געווען נעבען בית־המדרש. אפילו די זקנים וואס זענען נאך מיט צעהנדליגער יאהרען צוריק, אין גאנ־צען אוועקגעגאנגען אין „מעבר־יבוק" און שוין לאנג צוגעמאכט די אויערן פון וועלטליכע שמועסען, — האבען זיך אויך היינט צורעדט און געגעבען פערשידענע עצות.. ישעיהו־נחמן דער נאז, וואס איז שוין געוועזן א חברה־קדישא־גבאי, איידער מען האט נאך אויסגעטראכט שוועבעלעך, איז אויך געקומען צו געהן און שטארק איינגעשמועסט מאניע דעם קומען־רייבער, ער זאל נעהמען די בענקלעך פון ווייבערשען מנין און, ניט פרעגענדיג ביי קיינעם, פערצוימען דעם ברעג פון אוליאנקע. נאר אויף דעם אלטען האט מען געמאכט קולות, — ער זאל זיך ניט מישען דער „אלטער שוטה" — און ישעיהו־נחמן איז געבליבען שטיל... דער טומעל, וואס האט זיך אויפגעהויבען איז געוועזן אזוי גרויס, אז, אפילו די קרעמער זענען אויך מרוצה געווארען צו העלפען מיט וואס זיי וועלען קאנען, נאר מבטל זיין די גזירה, אז פון זייער צד וועט קיין מניעה ניט זיין. הגם — צווישען אונז גערעדט — טיעף אין הארצען, זענען זיי געוועזן שטארק צופרידען פון אט דער מעשה, זעהענדיג נקמה אן די בעלי־עגלות, וואס פלעגען זיי צוקוועט־שען אנ'ערב־יום־טוב, אדער, בשעת דער וועג איז בלאטיג, און ארויפשטעלען נאך צו קאפיקעס אויף יעדער פוד סחורה און צוויי דריי גילדען אויף יעדער פארשוין... אלע האבען זיך געהיצט און יעקב־פסח, וואס נעהמט צום האר־צען יעדער ביעראזאווער אונגליק נאך שטארקער איידער אנדערע, האט זיך גאר עפעס ווי פערלארען און, פיהלענדיג די שווערקייט פון דעם גאנצען ענין, האט ער דערווייל געשוויגען.

ער האט געטראכט וועגען דעם, אז גאנץ קהל מוז — ניט מאכענדיג קיין שהיות — תיכף אויסריכטען א שליח צו דעם גובערנאטאר; אז בכלל

קאָן מען אַזאַ זאַך ניט פערלאָזען. אייגענע יגיעה — און דער אויבערשטער וועט צוהעלפען... עס קאָן זיין, אַז איבער אָט דער צוטראָגענקייט האָט ער ניט געזעהן ווי פייגעל האַלט אָפען דאָס פענסטער, בכיון און אויף צו להכעיס שרה'ן.

נאָר יעקב־פסח, זענענדיג בעשעפטיגט מיט קהל'שע עסקים, מישט זיך בכלל ניט אין שטובּיגע אינטערעסען און, אַפילו ניט בעמערקט די שטילע מלחמה, וואָס קומט פאָר טאָג־טעגליך, צווישען דער „פלונית'טע" מיט דער טאָכטער, זייט די לעצטע איז אַביסעל אונטערגעוואַקסען. אויך האָט ער קיין שום השגה ניט געהאַט וועגען די סיבות פון אָט דער מלחמה און דעריבער וואָלט ער מסתמא גאָר נישט פערשטאַנען, אויב ער וואָלט אַפילו בעמערקט, וואָס שרה איז רויטה און זיצט נעבען טיש, כלומרשט רוהיג מיט פערביסענע ליפּען און מיט אײַנגעהאַלטענע טרעהרען אויף די אויגען...

פלוצלים האָט זיך געעפענט די טיר, און עס איז אַריינגעגאַנגען קלמן מיט דער קאַלאַקאָטקע אין האַנד, די אויגען אַראָבגעלאָזען צו דער ערד און עפּעס צוהאַוועט, ניט ביי זיך... קלמן דער בדחן — אַ קורץ אידעל מיט אַ דאַרען פנים, מיט אַ ברייטע שוואַרצע באָרד, און אַ גרינגע ליענטע אונטער דעם קאָלנער פון העמד, שטענדיג מיט אַ פּאַראַסאָל אין האַנד, — מעשה בעל־דרשן, — איז געווען דער ליבלינג און דער משמח פון ביעראָזאָווע... שווער פאָרצושטעלען זיך ווי וואָלט אויסגעזעהן דאָס שטעדטעל אָהן קלמן'ען, אַלץ איינס, ווי מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלען ביעראָזאָווע אָהן ברוך דעם מקובל, אָדער — אָהן זלמן'קע דעם אַפּיקורוס; דאָס זענען אַלץ אייגענע קינדער, — אויף דעם ביעראָזאָווען באָדען אויפגעהאָדעוועט זיך, דאָ זענען זיי געוואָרען דאָס וואָס זיי זענען און זאָלען זיי זיך דערוויטערן, ממש אויף צוויי טריט פון איהר, וועט פון ביעראָזאָווע ווערן אַ תל, אַלץ איינס ווי פון זיי וועט זיך אויסוועבען דאָס אַלץ מיט וואָס זיי האָבען זיך געמאַכט אַ שם... אייגענטליך איז דאָס פאַר קיינעם קיין סוד ניט און, כדי אײַנהאַלטען אָט דעם ביעראָזאָווען צירונג, העלפען אויף אַלע יום־טובים די אַלטע נגידים, — דעם מקובל, די גבירות'ע יונגע לייטלעך — דעם אַפּיקורוס און די קרעמער, מיט דעם געלען אַקציזניק להבדיל, — קלמן דעם בדחן... אַ חוץ בדחנות און שמירה, פלעגט קלמן נאָך געהן אין שליחות פון די נגידים צו די שליאַחטעס און דער קודלאַטיאַנקער פּריץ — ניט אַזוי איבער דעם, וואָס ער האָט זיך גענויטיגט אין קלמן'ען, אָדער דורך רחמנות אויף איהם, נאָר איבערהויפּט, כדי צו רעדמאַהנען די אַלטע צייטען מיט די גרויסע מאַיאָנטקעס און אידישע רענדאַר'ס — פלעגט איהם אויף יעדער פסח אַריינשיקען מיט דעם קוטשער פינף

דובל אויף מצה. פון דעסטוועגען האָט ער זיך געדעכענט אין ביעראָזאָוועפּאַר אײנעם פון די גרעסטע קבצנים און אין דעם לחם־אביונים־רײַסטער פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ... נאָר קלמן אַלײן האָט, בכלל, קײנמאָל ניט גע'דאגה'ט, פּרנסה האָט ער קײנמאָל ניט געזוכט און, אַז דאָס װײַב פלעגט אָנהויבען מיט קללות און יללות מאָה׳ען בײַ איהם אויף דער הוצאה, אויף „מזונות", פלעגט קלמן ניט נתפּעל װערען, נאָר מאַכענדיג, כּלומר'שט, אַן'ערנסטע, שטרענגע מינע, פלעגט ער איהר ענטפערן:

— הערסט דאָך מײַן גין־גאָלדענע אשת־חיל, מאָרגען, אַז דער אויבערשטער װעט רחמנות האָבען און לאָזען לעבען װעט זיך דיר חלום'ען, אַז דו האָסט געפונען תּרפּ"ט גילדענע רענדלעך, זאָלסטו, אָבער למען־השם, ניט אויפשטעהן, נאָר בלײַבען ליגען; אויב ניט איז איבער אַ נײַס אַ קאָן און מיר װעלען חס־ושלום, װידער בלײַבען קבצנים... אַ גוטען טאָג קרוין!..

און ער פלעגט זיך אַװעקגעהן זאָרג־לאָז אין מאַרק, אין בית־המדרש, אָדער זיצען מיט יונגע חברה אויף די פּריזבעס און העלפען זײ שפּאָטען, לאַכען פון די מעדלעך, װאָס געהען פערבײַ, —רעדען ניבול־פּה „װאָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען"... אַ חוץ דעם װאָס ער איז געװען אַ לעבענדיגער, אַ פרעהליכער איז נאָך קלמן געװען זעהר אַ בערעדליכער, אַלײן פאַר זיך, אָהן צוהערער, האָט ער ניט געקאָנט זיצען, אפילו אַ רגע.

איצט זענענדיג אַ שומר אויף דעם ברעג, פלעגט איהם נמאס װערן צו שטעהן װי אַ װאָלקולאַק אײנער אַלײן נעבען דעם אוליאַנקע און ער פלעגט פערלאָזען די לײַװע און אַװעקגעהן זיצען צו יעקב־פּסח'ן. שרה פלעגט אָנװאַרעמען צוליב איהם דעם לײמענעם הליאַק און קלמן פלעגט אַזױ אָבזיצען ביז האַלבע נאַכט און ערצעהלען פערשידענע גלײַכװערטלעך און מעשיות, װאָס ער האָט אַלײן געזעהן און אויסגעטראַכט.

בײַ שרה'ן פלעגט ער איבערהויפּט אויסנעהמען מיט זײַנע „בעזעצענעמעלאָדיעס", װאָס פלעגען איהר דערמאָהנען די מעדעלשע יאָהרען, אויף איהר טאַטען און מאַמען, װאָס ליגען שוין לאַנג אין דער ערד, איהר געבורטס־שטעדטעל...

אַז קלמן איז איצט אַרײַנגעגאַנגען מיט אַ פערחמאַרעטען פּנים און אָבגעזאָגט זיך אפילו פון אַ גלעזעל װאַרעמס, האָט זיך יעקב־פּסח מיט שרה'ן טאַקי אויף אַן'אמת דערשראָקען: עפּעס מוז דאָ זײַן!..

— װאָס איז דאָס מיט דיר קלמן, ביזט אפשר חס־ושלום, אַביסעל לא־עליכם'דיג? — האָט איהם געפרעגט יעקב־פּסח, דערלאַנגענדיג זײַן ביעראָזעװע פּושקע מיט מינסקער „מיאַטלע" שמעק־טאַבאַק, װי אַן'אמת'ר בעל־מכנים־אורח.

שרה האָט איהם צוגערוקט אַ שטול און, בריה'דיג, אַװעקגעשטעלט

אויפ'ן טיש א פארפורקע מיט מאלינעס-זאפט און — ווי יום-טוב נאכ'ן דאווענען, אז יעקב-פסח'ס מקורבים קומען ברכה מאכען — א טעלער מיט האלב געזאלצענע אוגערקעס:

— זעצט זיך צו, ר' קלמן, געניסט א גלאז טהיי מיט זאפט... וואס איז דאס מיט אייך?.. אנ'איבערגאנג, מסתמא, ברוך-השם צו אונז ארעמע לייט קלעפט זיך שטענדיג... דאס אינגעל אונזערער, — נים פאר קיין אידען געדאכט, — איז עפעס אויך די לעצטע צייט גאר א האלבע קינד געווארען, ווארפט זיך אב פון עסען און האט קאפ-שמערצען; נאר ער וואלט זיצען אויפ'ן גאס. נעכטען, כמעט, צום טשאלענט זיך ניט צוגעריהרט, — פערטראכט, גאט ווייס וואס ביי איהם איז פאר א פעהלער...

— איך זאג דיר, יעקב-פסח, מען מוז אריינרופען דעם רופא... מען טאר ניט פערלאזען. נאר גאר נישט, דיך קימערט עפעס, וואס?.. אז דאס קינד איז, נעבעך, ביטער קראנק, לאזט ער איהם געהן אליין אהיים... אזוי שפעט און ער איז נאך ניטא, אזא מהלך-רב און דורך די גוי'ישע געבלעך, ניעסטער בלאנקייעט זיך אום, מסתמא, שכור, ווי לוט... וועט זיך נאך איבערשרעקען... — האט זיך שרה געווענדעט צו יעקב-פסח'ן, אריינקאשערנדיג די האר טיפער אונטער די פאטשיילקע. זי האט זיך דערמאהנט, אז א פרעמדער מאנסביל, קלמן, זיצט דערביי...

— וואס האסטו זיך פענאנדערגע'תחינה'ט? וואס טרענסטו די אדערן?.. איך האב גערעכענט, אז ער דאווענט היינט מעריב אין דערהיים... וואס. אמראך זאל איך זיין?.. א קינד! מסתמא, געבליבען זיצען אין זעקדענס מנין — דארטען שיקט מען אב די נדבות פאר די נשרפים און די בעלי-עגלות האבען היינט דארטען בעשטעלט אנ'אסיפה וועגען „פאראחאד"... פערהאנען וואס אומרוהיג צו זיין, ער וועט קומען באלד!..— האט יעקב-פסח רוהיג, מעשה-בעל-הבית פון הויז, געענטפערט שרה'ן און גלייך ווידער געווענדעט זיך צו קלמן'ען, וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען מיט דער רעכטער האנד אנגעשפארט אויף דער קאלאקאטקע און גאנץ גלייכגילטיג געקוקט אויף יעקב-פסח'ן מיט שרה'ן, מיט זייערע צאנקערייען.

— נו, קלמן וואס לאזט זיך בעטען? מאך „שהכל"!.. א איד דארף זיין געזונד, — גענוג צרות אזוי אויך!

קלמן האט זיך צוגעזעצט און, ווארעמענדיג די לינקע האנד אויפ'ן לאמפ, פערטראכט זיך: אנ'אימה'דיגען חלום האט ער היינט געזעהן: א שבת'אווע, אויסגעשטערנטע נאכט... ער געהט אין א שליחות פון שמואל-אבא דעם האלץ-הענדלער, צום דעם טיאפינער פריץ — צו זדראיעווסקען... נעבען איהם געהט אהרן-דוד דער קצב, ער פיהרט עפעס א בייקעל פון גובין... קאלט און אזא גזלן'ישער וועג: פול און פול מיט

מאָסקאַליעס . . . — „עי” רופט זיך אָב אהרן־דוד „ווייסטו וואָס, קלמן, לאָ־מיר צוגעהן איבערנעכטיגען אין אַשינאָווקע; בעקאַנטע פויערים” . . . — כ'ווייס זאָל זיין אַזוי . . . זיי געהען אַריין אין דאָרף, — ערשט, פשוט, אונמעגליך דורכצוקוועטשען זיך . . . די הייזלעך זענען צוגעשלאָסען און אויפ'ן גאַס איז אַן'עס־רב, ווי זאַמד . . . אַ טומעל, אַ רעש, — מען געהט חרוב מאַכען ביעראָזאָווע . אין מיטען דעם עולם, שטעהט פראָסיע — די גראָבע שיקסע, וואָס האָט געדינט ביי דעם אַפטייקער, — מיט אַ הוילען קאָפּ, און סימאָן דער סטאַראָסטע, — דער סטאַראָסטע פון אַשינאָווקער קלויסטער, אַ קורצער אַ גראָבער פויער מיט אַ רויטען נאָז — שלאָגט און שמייסט מיט אַ לאַנגען רימען פראָסיען . . . בלוט גיסט זיך פון איהר און פאַלט אויף דעם שנעע . „מיר דאַרפען ניט ביי אונז קיין „זשידאָווסקע קראָוו” . . . אַ סוף וועלען מיר מאַכען פון דיר, מיט דעם אַפטייקער מיט אַלע איבריגע זשידעס . . . ניט געקאָנט געפינען אַן'אייגענעם פויער, — אַ זשיד פערקויפט זיך, אויסוואָרף ! . . שרייען הונדערטער קולות און קלמן מיט אהרן־דוד'ן האָבען געוואָלט מאַכען פליטה צו אַנטיפּ דעם באָנדער, נאָר מען האָט זיי דערזעהן און אַלע פויערים, ווי איין מענש, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען שטיקען זיי, ווערגען . . .

אַ שרעקליכער חלום ! . . די אַלטע האָט איהם קוים אויפגעוועקט, אפילו די שכנה איז אויך אויפגעשטאַנען איבער זיינע יללות פון שלאָף . . . ע, וואָס אַ חלום איז . . . פאַר אַ יאָהרען איז טאַקי געווען אַ געשיכטע מיט דעם אַפטייקער : — אַן'אַשינאָווקער שיקסע — פראָסיע דעם מילנערס — איז מעוברת געוואָרען פון דעם אַפטייקער . . . די פויערים האָבען עטליכע מאָל צובראָכען ביי איהם די שויבען, עטליכע וואָכען, זענען אַלע געווען, ממש, אָהן אַ נשמה פון ציטערניש . . . לסוף האָט דער אַפטייקער אָבגעצעהלט דריי מאות במזומנים, — אויף צוויי אַרויסגעגעבען אַ צעטעל און עס איז געוואָרען שטיל, און אַז פראָסיע קומט איצט אַ זונטאָג־טאָג מיט דעם שייגעץ אויף די הענד, אין ביעראָזאָווע, טייטלען אויף איהר די גויה'ס מיט די פינגער : „וואָט זשידאָווסקי ממזר !” און די אידען און אידענעס, געהענדיג פערביי, לעגען אַריין עטליכע געזונדטע קללות אין דעם נואף, דעם אַפטייקער'ל . . . ע, ניט כדאי גאָר צו טראַכטען וועגען אַזאַ נאַרישען חלום, פון דעסטוועגען, האָט זיך קלמן עפעס דערשראָקען . . . — אַ גאַנצען טאָג געפאַסט און, שטעהענדיג נעבען ליווע, האָט ער בעשלאָסען געהן צו יעקב־פסח'ן, — פותר חלום זיין . נאָר דערמאָהנענדיג זיך, אַז צו דעם מוז מען האָבען דריי אידען האָט ער עס אָבגעלעגט אויף מאָרגען־פריה, אין בית־המדרש צום דאַוונען, און כדי די ווייבער, זאָלען בכלל ניט וויסען פון זיין חלום און פענאַנדערפויקען עס איבער גאַנץ ביעראָזאָווע, — האָט קלמן וועגען דער אמת'ר כונה פון זיין

קומען, געמאכט א שוויַיג און מיט א תשעה־באב'דיגען ניגון — מיט א זיפּצענדער ווייכקייט, סוף־כל־סוף, פענאנדער גערעדט זיך: — געלויבט איז גאָט, וועדליג די עשירות, איז נאָך ניטאָ וואָס צו זינדיגען מיט דעם געזונד... גאָר זעה, דו יעקב־פּסח, — א למדן, א חזן און קאָנסט זיך גאָר ניט פאַרשטעלען, אז א איד זאָל זיין צוטראָגען איבער אנדערע זאכען... —

צי דער מאוים'דיגער חלום האָט איהם געמאכט נערוועז, צי עטוואָס אנדערש, נאָר פלוצלים, איז קלמן געוואָרען בייז, און קוקענדיג אין די אויגען יעקב־פּסח'ן, וואָס איז געזעסען זאָרגלאָז, בעל־הבתיש, ווי פרייטאָג צו נאכט נעבען די קידוש־חלות, — האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען מיט כעס, מיט רציחה:

—פיהרער פון שטאָדט!.. ביעראָזאָווע איז געוואָרען א טיר מיט אַן'אָבגעבראָכענער קליאמקע, — אָפען, פריי פאַר אַלעמען, „איש כל הישר בעיניו יעשה" און אייך ליגט דאָס אין צעהנטער פּיאַטע ניט... אָן געה זעה, וואָס עס טוט זיך אָב, ביי יעקב־אפרים'ען אין סאָד, ווי אויף א גוי'ישער, „איהרישצע"... קיין השגחה איז ניטאָ פון דאַנען אהין... גאָט ווייס וואָס ער טוט... אָט פון וואַנען עס נעהמט זיך דער גלות... ווי ביי לייטען, וואָלט שוין לאַנג דאָ דעם אפּטייקערס פוס ניט געוועזען... און די טאַטעס מיט די מאַמעס?... ביז דער חתונה קוקט מען גאָר ניט, — בריות מעהר נישט אויף זוכען ניי־מאָדישע בדחנים מיט אָליקום'על צענזאָרם לידער...

יעקב־פּסח האָט אָבגעשפּיליעט דעם קאָלנער פון העמד: — איהם איז געוואָרען וואַרעם פון דער זודיגער וועטשערע, פון דעם הייסען טיי — און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי אַלץ וואָס קלמן האָט דאָ גערעדט, וואָלט שוין געוועזען פאַר איהם א לאַנג'אָנגענודיגער נייעס,—מעהר נישט שרה, וואָס איז אויסען געוועזען דערהויפּט דורכשטעכען זיך מיט פייגלען, האָט זיך אָנגעחאַפּט מיט התלהבות פאַר קלמן'ס רייד:

— דאגה'עט ניט, ר' קלמן, די מעדלעך וועלען זיך אָנלויפען זייערס, זיי וועלען אַליין קלאָגען אויף זייער קאָפּ... — און עס קאָן זיין, אז שרה וואָלט נאָך צוגעגעבען איהר „מענה־לשון" א שאַרפערן טאָן, אויב זי וואָלט זיך ניט דערמאָהנט, אז מענדעל איז נאָך אַרין ניט געקומען... אזוי שפּעט, אזוי שפּעט!..

— יעקב־פּסח! גיב מיר דיין חדר'דיגע לאַמטערנע און איך וועל געהן בעגעגענען דעם אינגעל... אוי קאַלטער נפש!.. האַלט איהם גאָר א ריהר טאָן... איך קען ניט איינרוהען, און ער שמעקט זיך דעם טאַבאַק'ל...

— איי, אשה, אשה, — א אידענע בלייבט פאָרט א אידענע... נאָר אז דיר ווילט זיך, — געה... דאָס ליכטעל ליגט אויף דעם חנוכה־לעמפּעל נעבען די ספרים און די לאַמטערנע אויפ'ן בוידעם אונטער דעם

פסח'דיגען זאַלץ-ברעטעל... געה אפשר מיט פייגלען, וועט דיר זיין פרעהליכער...

— פרעהליכער"!.. איך בעט ביי דיר קיין כלי-זמר ניט, — האָט שרה געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער טיר און איז אַוועק אויפ'ן בוידעם... פייגלען איז נמאס געוואָרען צו שטעהן אין פענסטער און הערען אַט די אַלע שמועסען איז זי אַרויסגעגאַנגען צוזעצען זיך אַ ווײַלע אויפ'ן גאַניק, — הנאה האָבען פון דעם קיהלען ווינטעל, וואָס שוועבט אום, ווי אַ קליינינקע בריאה אין דער פינסטער.

— נו, קלמן, דו ביסט אויך אַביסעל מגזם, מעהרער איידער די מעשה. אויף אידען טאָר מען קיין שלעכטס ניט רעדען... קינדער — זיי וועלען עלטער ווערען, — וועלען זיי קליגער ווערען און אָנהויבען צו פערשטעהן, אַז אַ איד דאַרף זיך פיהרען אַנדערש, — אַז „ובחוקותיהם לא תלכו", — מיר זענען ניט עשו און ניט ישמעאל...

יעקב-פסח האָט נאָך ניט געענדיגט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, ערשט, עס האָט זיך געעפענט די טיר און מענדעלע איז אַריינגעלאָפען אמבולבל'ער, דאָס היטעל אויף אַ זייט, — לאַבוסערדיג און אַ פנים איז ביי איהם געוועזען, ממש אַ בר-מות'ער, ווי ער וואָלט אַנטלויפען פון אַ גאַנצער מחנה מיט שקצים...

VIII.

אַגאַפיע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אַנ'אויסגעבאָדענע אַהיים, נאָר מענדעל איז נאָך אַלץ געלעגען נעבען בוים און געקוקט... עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז עס איז נאָך אַ שטיק פאַר מעריב, ליכטיג, און ער זעהט בעשיינפערליך, ווי אַגאַפיע טאַנצט אום איבער דעם ברעג און ער הערט ווי זי שרייט צו איהם: — מענטקיטי דאָברי, פריחאַדי, איך דיר געבען אַ גורטשיק אַ פרישען פון אונזער אַגאָראָד...

עס שווינדערט פון הנאה און צופרידענהייט. אַ פנים אַט אַזוי — ווי אַגאַפיע, — איז אויך געשטאַנען איינע אַליין מרים-הנביאה אויף דעם ברעג פון דעם טייך נילוס, קוקענדיג אויף דעם קאַסטען פון פימסען-האָלץ, וואו עס איז געלעגען בעהאַלטען משה רבינו... מענדעל זעהט, ווי אַגאַפיע פליאַסקעט זיך אין דעם אוליאַנקע, ווי אַ קליין קינד, — זי מאַכט „אַ מיהל", שווימט ניט ווייט פון ברעג אויפ'ן רוקען, געהט „קאַראַבקעס" און שאַרט אום, ווי אַנ'ענטעל מיט די פיס... אַט שטעלט זי זיך אַנידער אין מיטען אוליאַנקע, ביז'ן גאַרטעל אין וואַסער, זי קוקט אינעווייניג אין וואַסער, לאַכט פון

דער פערקערהרטער וועלט, ווי די בוימען שטעהען מיט'ן קאפ אראפ, און די פערד מיט די פיס ארויף, און שרייענדיג „בור־בור־בור", שפארט זי אונטער מיט די הענד די בריסט, שפילט מיט זיי, ווי די גוי'אישע דאקטארקע מיט די ווייסינקע קעצעלעך, — אדער גלעט נאכגעגעבענערהייד צערטליך דאס חוט־השדרה, און מענדעל בעקומט א שטארקען חשק אויך אראבווארפען פון זיך די מלבושים, און אין דער געשטאלט פון אדם־הראשון, אריינשפרינגען אין דעם אוליאנקע, בעוויזען אגאפיען, אז ער איז עפעס ניט א שלום־מזל'ניק, א קלויז־ניק, אז ניט ערגער, אפילו, פון גרישע דעם זשאנדארם, קאן ער מאכען „א קעסעל־גרוב", שווימען אונטער וואסער, אויסגעהן „אנ'עושה־שלום" פון די פליטען אראב און איבערקוליען זיך, אפילו, נעבען די שליוזען, דארטען וואו שלום־בער דער בלעכער האט זיך, פאר א יאהרען נאך־סוכות, דער־טרונקען ... בעמערקענדיג, ווי פון דעם פערטראכטען, פער'דביקות'דיגען ביערגאזאיען הימעל, פאלט אראב א שטערן און געהט גלייך אין טייך אריין דובט זיך איהם, אז דאס ווארפט אגאפיע אויף איהם, בכיון, סיום־התורה־שוועבעלעך, חופה־פייערלעך, וואס לעשען זיך קיינמאל ניט, און ער ווערד העכסט צו פריעדען, פון אט דעם שפיל, — ער פיהלט גאר ניט, ווי פוזענדיג מיט דעם בויך אויפ'ן בוים, אונטערהאפען די פייערלעך, — צו־רייסט ער גאר דאס פנים אויף ברוט ...

וואס ווייטער פאלט ער אל'ץ מעהרער אריין אין אט דעם זיס־וואכענדיגען דרעמעל, און שוועבענדיג אין די סודות'דיגע וועלטען, וואס האבען זיך היינט צוערשט אפגעעפענט פאר איהם, הערט ער זיך צו, צו די שטיל־רוהיגע ניגונים וואס וועבען זיך פאמעליך, פאמעליך אין דער ווייכער ווארעמער לופט פון דעם טוט־שווייגענדען פאר נאכט, אויף דעם ברעג פון דעם ביע־זאווען טייכעל, און עפעס משונה'דיגע, אונבעקאנטע בילדער צושטעלען זיך פאר זיינע צוגעמאכטע אויגען, צייל'ענווייז, ווי די ביעראזאווער אינגלעך ל"ג בעומר אויפ'ן פערד מיט די ביקסלעך אין די הענד ... די קינדער זינגען:

„און מיט א רעגען
די לבנה איז געלעגען"

און אגאפיע גיט אקעהר מיט די פרייצעס און לויפט ארויס פון טייך, גאך א נאסע, — קוקט זיך ארום ... פון איהר ריגען טראפענס־וואסער, אויף איין פוס שפרינגט זי פון דעם ברעג צו די קליידער, און פאטשט מיט די הענד איבער דעם גוף, אויפ'ן האלז ליגט א קראנץ פייכטע גראז, נאר, פלוצלום, שטעלט זי זיך אב, גיט א געשריי: „א" און לויפט צו, צו איהם, געהמט איהם ארום, קושט און גלעט איהם, און אנשפארענדיג זיך אויף זיינע אקסלען, מורמעלט זי איהם איין א סוד אויפ'ן אויער: „קאלט, קאלט מענטקי"

און ער דערציילט איהר מעשיות וועגען רחב'ן, וועגען רות'ן, וואס זענען אויך געווען, ווי זי — גויה'עס — פון עמון און מואב — און נאכדעם געווארען אידישע קינדער — מגייר געווען זיך... רות איז אויך צוגעגאנגען אט אזוי שטילערהייד צו בועז'ן, אויך אריינגערוימט א סוד אויפ'ן אויער און גאט האט דעמאלט אויסגעשריען צו די מלאכים: — פאר איהר שטילקייט, וועל איך איהר געבען אנ'עניקעל, וואס וועט מיך הויך לויבען — דוד-המלך... — אז מיר וועלען ווערען גרעסער, וועסטו זיך גאר מגייר זיין און מיר וועלען ביידע חתונה האבען — זאגט ער צו אגאפיען און ציטערט, ווי א בר-מצוה-אינגעל, בשעת דעם ערשטען מפטיר; עס איז איהם געשמאק, א גן-עדן, ווי עמיצער וואלט שטארקער, פעסטער צונויפשרויפען אלע זיינע אברים אדער ווי נאך א לאנגען ווינטער פון זיצען אין שטוב, פון וואלגערן זיך אויפ'ן אויווען אין די פוך און פעדערן-פענעס, — אז ער געהט ארויס די ערשטע נאכט פון פסח אין די יום-טוב'דיגע מלבושים, דאס ערשטע מאל אין בית-המדרש... עס קיצעלט זיך אזוי גוט, אזוי רחבות'דיג, און עס גלוסט זיך, אז צו דעם זאל קיינמאל קיין סוף ניט נעהמען, עס זאל זיך ציהען און ציהען אהן אנ'אויפהער...

אגאפיען איז טאקי קאלט, זי טרייסעלט זיך, ציטערט, נאר קוקענדיג איהם אין די אויגען, לאכט זי, „חא, חא, חא" אהן ווערטער, — אקוראט ווי נעכטען פריה-מארגען, נאך דעם, אז ער האט איהר אום שבת גע-האלפען די לייכטער צושטעלען... ער בעהאלט איהר קאפ אונטער זיין בגד, — ווי ער גופא, בשעת ברכת-כהנים, אונטער דעם טאטענס טלית:

— וואס לאכסטו פון מיר אגאפיעטשקע?.. האב איך דיר עפעס שלעכטס געטאן?..

אגאפיע רייסט זיך ארויס פון איהם, בינט צונויף איהרע האר פון וועלכע עס רינען טראפען וואסער, אויפ'ן לייב, ווי א תמוז'דיגער אבפרי-שענדעס ברכה-רעגענדעל אויף די גערטנער, — און אגאפיע פאלט ווידער ארויף אויפ'ן האלז... עס געהען אויס די כחות פון זיסען תענוג, פון חיות און אגאפיע, קושט איהם אין שטערן, קאשערט ארויף די פאות'לעך הינטער די אויערן, פערבארשט איהם די ברעמען מיט די פינגער, קיצעלט צווי-שען די פאחועס און רעדט צו איהם, ווי א טייבעלע, — די ווערטער געהען דורך אלע גלידער:

— מענטקי — חא, חא, חא, דו א גוט אינגעל, איך דיך ליובליו. א, אט ווי לאמיר זיך צוקושען, ווי ביי אונז „פראזדניק", בשעת מען זאגט „חרי יאס-וואסקרעס", העננ זיך מיר אן, אויפ'ן האלז! — אט אזוי... —

ער דריקט איהר צום הארצען און האלטענדיג דעם קאפ נעבען איה־רע ליפען, שטעהענדיג געארעמט, זאגט ער צו איהר מיט תחנונים, בעט זיך, פשוט רחמים:

— הערסטו, אגאפיעטשקע, האב איך פיינט וואסקע דעם טעפערס — נו—ו— , איך האב קיין ווערטער ניט, ווי איך קאן איהם ניט סובל־זיין... טרייב איהם גאר ארוים דעם שייגעץ אין די לייוועגטענע פיודערן, דעם אנדריי גנבה'ע אנ'איי, היינט איינע, — מארגען צוויי, דעם שטיקעל באר־גוי... אויפ'ן גארטען וועל איך דיר העלפען.., איך קאן אלץ — אלע מלאכות...

— גוט, גוט איך וועל איהם ארויסטרייבען!.. אז בועז האט זיך געקושט מיט רות'ן אין שייער האבען זיך אויך די זאנגען אזוי גע'סודות'ט?.

— פרעגט איהם אגאפיע, נאר איידער ער ענטפערט איהר, לויפט אן יעקב־פסח אין איין העמד, מיט דער וואכעדיגע סוויטקע אויף די פלייצעס, דאס בערדעל ווארפט זיך אום:

— אוי צו וואס איך האב דערלעבט... וואס טוסטו דא סטודענט איינער? אוי מיין פינסטערע וועלט, בן־יחיד'יגער קדיש מיינער... און לויפט די מאמע... גאנץ ביערזאווע אנגעקליבען זיך...

און ווי פון אונטער דער ערד בעווייזט זיך קלמן דער בדחן מיט קולות, ווי אין באר אויפ'ן פאל, מיט דעמזעלבען ניגון, ווי בשעת ער בעזימט זיך און פונטעל דער קוגעל, גיט צו הייך:

— א, א, א, אזוי, אזוי, שאנעוועט איהם ניט דעם ממזר... נישט־קשה, ער וועט גאנץ זיין, דער שד וועט איהם ניט חאפען... לעבעדיגער, שטארקער, נאך אמאל, נאך אמאל, אויסגעצייכענט ווי איך בין א איד... געבענטשט זאלען זיין די פינגער וואס שמייסען, צולאזען גאר הפקר?..

אגאפיע לאזט איהם אב, פערהאפט די קליידער און ענטלויפט פון שרעק, ווי זי שטעהט — א הוילע, א היים...

— — — — — — — — — — — —

ווער ווייס וויפיל צייט מענדעל וואלט נאך אזוי געלעגען אין דעם הינ־הער־פרעט מיט די וואכעדיגע חלומות, אויב דער געלער אקציזניק מיט דעם צינש־מאהגער, וואלטען זיך היינט על פי סיבה, ניט אומגעקעהרט פאר פריה אין שטאדט, איבער דעם אוליאנקע אויף א שיפעל... דער געלער אקציזניק, אנ'אלטער בחור, א הויכער מיט א לאנגען צוויי־עקיגען בארד, ווי ביי פראנץ־יאזעף'ן, פיהלט זיך, כמעט, ניט אין ביערזאווע. די שיינקארעס בעטען, פשוט, פאר איהם גאט, — פאר דעם „דינ־נטענעס

גוי"... מען זאָגט אַז ער איז אַ מיניסטערס—„אַ מעשה־נערות'דיגער"—זוהן, און אויב ער וואָלט ניט שכור'ען, כ'ווייס, איז עלול, אַז ער וואָלט אפשר געווען אַ גובערנאַטאָר... אַנדערע זאָגען נאָך, אַז מצד דער „מוקערלע" איז ער גאָר אַ איד און דערפאַר, דערלאָזט איהם דאָס הארץ ניט, מאַכען „אַק־טען" מיט „פראָטאָקאָלען" און שלעפען טאַטעס פון קינדער אויף משפטים... צי די מעשה איז אַנ'אמת ווייס קיינער ניט, נאָר אין ביערזאָווע איז טאַקי חירות, — אַ חוץ אין די יריד־טעג, — קאָן מען פערקויפען בראָנפען פראַנק און פריי; היינט ווער רעדט, אַז דער אויבערשטער וואָלט געטאָן אַ נס, און עפּעס אַ רעכטער רעוויזאָר וואָלט זיך „אָנגעזעצט", אויף דעם סביבה'דיגען אַקציזניק — אויף דעם „שוואַרצינקען צורר", וואָלט גאָר געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען, מען וואָלט, לגמרי, אויף די צרות פערגעסען... דער גע־לער אַקציזניק איז אַנ'אוהב־נאמן, גאָר אַנ'אויג מיט אַ ברעם מיט דעם צינש־מאָהנער, — אַ קליינינקער, אַ גראָבינקער „אַנ'אָבגעפרעסענער חזיר",—ווי די ביערזאָווער דריקען זיך אוים — אָהן אַ באָרד און אָהן וואָנסעס, זעהט אוים ווי די אַלטע גלח'טע, — שטענדיג מיט רויטע אויגען ווי יערקע דער שכור... וואָכען כסדר, היניען זיי אין די דערפלעך, וואָס ליגען אַרום דעם גראַפ'ס גרויסען וואַלד, ווי שררות מיט ביקסען אויף די פלייצעס, — אַרומגערינגעלט מיט אַ טשערעדע הינט מכל המינים: דאַרע חאָרטען מיט לאַנגע אויערן ווי ביי אייזלען און שטוביגע הינטלעך מיט קורצע גראָבע אויערן, ווי דעם צינש־מאָהנערס נאָז... די קצבים, פון גוטע פריינדשאַפט צו די שיינקאַרעס, טראָגען איהם — דעם געלען אַקציז־ניק, — אָהן געלד, ביינער, שטיקלעך טרפה פאַר די הינט, און מיט יעדער טאָג ווערד זיין טשערעדע גרעסער און גרעסער... גאַנצע טעג — פלעגען זיי ביידע שיסען אין וואַלד, הגם, ווי די ישוב'ניקעס פון די דערפ־לעך דערצעהלען, האָבען זיי די „חברה־לייט" גאָר אַ גאַנץ אַנדער כונה: זיי זענען גאָר אויסען דערהויפט הוליען מיט די דאָרפישע שיקסעס און ווייבער זאָגען, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן דאָס גאָלדענע קייטעל, וואָס דער אַקציזניק האָט געשאָנקען זבולן דעם אַשינקאָוקערס „ממזרת"... מען שמועסט... נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז אַ סמך האָבען אַט די אַלע שמועסען אַ גאַנץ שטאַרקען, גאָר קיין לשון־הרע איז עס ניט: זעלטען, זעלטען, ברענגען אונזערע יעגער מיט זיך אַ דערשאָסענעם האָז אָדער אַ פויגעל, ס'רוב קומט מען מיט לעדיגע קאַטאָמקעס און מען פאַלט קוים אַריין צו בתיה דער ראַבער „חאַפּען אַ גלעזעל מיט אַנ'עוף"...

ווי דער מנהג איז, — זענען זיי היינט אויך געווען הויז'ן שטאָדט... פריץ'ישע צולאָזענקייט, אויפגעשטאַנען נאָך פינסטערליך, אַרויסגעגאַנגען פון

שטעדטעל אין די לאַנגע שטיוועל און צעראַטענע רעקלעך. — בשעת עס איז נאָך געווען גאָר גרוי, אויפ'ן מאַרק נאָך, אַפילו, אַ שפּענדעלע ניט גע־אויפ'ן גאַניק, — מעהר נישט די העגדלער מיט עופות, אייער און „שאר ירקות", — זענען שוין געלעגען אויפ'ן עק שטאָדט — געוואַרט אויף די אַנקומענדע פּויערים — און „חברה־תהלים" האָט שוין געאַרבייט אין די בתי־מדרשים, — געהאַלטען בייַ'ן דריטען יום... זיי זענען געגאַנגען ניט געאיילט, ניטאָ וואָס צו פּערשפּעטיגען... אָנבייַסען געמאַכט בייַ זבולון דעם אַשיגאָווקער און אָברייַדענדיג מיט זבולון'ען, פּאַר צווייַ פּלוניאַנער בעלי־עגלות אַלס עדות, — אַז נאָך סוכות „פּייַפט ער אָן דעם קאַלטענעוואַטען גלח" — ער וועט זיך מגייר זייַן און ווערען זלפּה'לעס אַ מאַן מיט אַ טלית און תפילין „יאַק סאַם ראַבין", — איז דער אַקציזניק מיט זייַן חבר האָט מעהר געטרונקען איידער געשמועסט, — אוועקגעלאָזען זיך אין וואַלד אַרייַן, אויסלעדיגען זיך אַ ביסעל די ביקסען, אָנשרעקען די פויגעלעך און די שיקסעס וואָס קלויבען ברוסניצעס, און נאָך דעם... עסען וואַרמעס בייַ דעם גראַפ'ס „ליעסניק" — בייַ טרעשצינסקי'ן.

אָבגעגעסען וואַרמעס, איז דער צינש־מאַהנער, גלייַך ווי אייַנגעזונקען געוואָרען אין דעם הויכען ווייַסען טאַבורעט און אויב טרעשצינסקי וואָלט איהם ניט אונטערגעחאַפּט און אַנידערגעלעגט ווי אַ מת אויפ'ן באַנק, וואָלט ער זיך, בלא שום־ספק איבערגעדרעהט מיט'ן קאָפּ אַראָב. און דער אַקציזניק איז שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען פון געלעכטער, פאַרשטעלענדיג זיך, ווי זייַן חבר פאַלט מיט די פיסלעך אַרויף און די קאָפּ, וואָס האָט איך געשלאָפען אויפ'ן טאַבורעט, דראַפּעט איהם דעם פּנים און בייַדע שרייַען: „מיאַו" „מיאַו"!.. נאָר דערמאָהנענדיג זיך, אַז נאָכ'ן עסען איז אומגעזונד אַזוי שטאַרק צו לאַכען — שעדליך פאַר די זייַטען, — איז דער געלעגער אַקציזניק אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אַ ווייַלע אויסגעניצען זיך... ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אַנדערן עק פון שטוב, וואָס געהט אַרויס ניט צום וואַלד, נאָר צו דעם „גרייַכען וועג" אַנטקעגען דער „סמאָליאַרנע", צוגעזעצט זיך אויפ'ן פריזבע, האַלטענדיג זיך פאַר די צווייַ לאַנגע עקען פון באָרד און געקוקט ווי דעם ליעסניקס צוויג שפּילט זיך, ווי אַלטע בעקאַנטע מיט זייַן זשולציקען, ווי די היהנער און העהנער געהען זיך אום האָפּערדיג, און די גענז מיט די ענטלעך האַלטען די שנאָבלעך אין קאָרעטע און טשיחען אונטער. ווי זיי וואָלטען שמעקען טאַבאַק... אַנ'אַלטער פויער פּאָרקעט זיך דאָרטען אַרום דער „סמאָליאַרניע", קלאַפּט פּאַקעריע מיט אַ קלייניגקען האַמערל. די זון באַקט און גלאַנצט אַראָב פון הימעל, ווי אַ גאָלדענער קנעפּל אויף אַ ווייַסען קיטעל, עס הערט זיך אַ געראויש פון דער וואַסער־מיהל, וואָס

שטעהט אויף דעם אַנדערן זייט סמאָליאַרנע, דעם ליעסניק׳ס „שווייצערישע״ בהמה, עסט פון אַ וואָגען שטרוי און קלינגט מיט׳ן גלעקעל, וואָס העננט אויפ׳ן האַלז, ווי זי וואָלט אָנשרעקען די פליגען, וואָס האָבען זיך בעל־הבתיש צולעגט אויף אַלע זייטען,—שטיל, רוהיג, אַלע פלאַנצען און גראָזען, חיות און עופות, ערד און הימעל, גאָט און מענשען,— זענען צופרידען מיט זיך אַליין איינער מיט די אַנדערע און פון גרויס שמחה, זענען אַלע עפּעס פערשטומט געוואָרען, דאָס „כח־הדבור״ פערלאָרען, מעהר נישט דאָס וואַסער, וואָס פליסט אין דעם קליין ריטשקעלע, פערהאַלט זיך אָן אַ שטיין און אַריבערשווימענדיג לאָזט עס אַרויס אַ שטיל־חאָרחלענדיגען געזאַנג, —— נאָר עס געדויערט אַ רגע און עס שטעהט אויף צו צו אַלעמען׳ס שווייגען און, ווי פערשעמט פאַר די פריהערדיגע חוצפה, אַנטלויפט עס וויט, וויט אין טאָל אַריין...

דער אַקציזניק האָט שוין אויך געהאַלטען ביי׳ן דרעמלען, ערשט, פלוצלום, —— דאַכט זיך עמיצער פאָהרט, יאָ, אַ פערד הירזשעט און עפּעס אַ בעקאַנטע הירזשערייי... ווער קאָן דאָס זיין?,, אפשר דער קאָנטראָליאָר?..

דער אַקציזניק האָט זיך אויפגעהויבען פון פריזבע, אָבגעריבען מיט דעם אַרבעל פון העמד די אויגען און אַנידערגעשטעלט זיך וואַרטען אויף דעם ניט־געבעטענעם אורח, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אַהער, ווי אַ שריפה, אין אַ אידישער שטעדטעל, פרייטאָג צונאַכט... דער אַקציזניק האָט אויסגעשפּיגען עטליכע מאָל, פון גאַנצען האַרצען, דערזעהענדיג ווי דער ביעראָזאָווער אוריאַדניק, זיצט אויף זיין האַלב־פריץ׳ישען צוויי־רעדערדיגען וועגעל, און שלאָפט. צו פוסען, שטעהט אַנ׳עמער בראָנפען און די פערד געהען אַליין, ניט געאיילט, דאָס קעהרען זיי זיך אָפּ לינקס, דאָס, ——רעכטס, ווי זיי וואָלטען געווען שכור...

דער אַקציזניק האָט זיך פענאַנדערגעלאַכט ווי אַ קינד, און, ניט איבערטראַכטענדיג, האָט ער אָבגעשטעלט די פּאָר פערד און דערלאַנגט פון הינטען דעם אוריאַדניק אַזאַ נהרג אין פלייצע, אַז יענער האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט... נאָך מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָט ער אויסגעגלייכט די לאַנגע וואָנסעס, און נאָכדעם מיט איין האַנד געמאַכט צורעכט דעם שווערד און מיט דער אַנדערער — גענומען זיך פאַר דעם רעוואָלווער... אָבגעעפענט די אויגען — ערשט דער געלער אַקציזניק שטעהט נעבען איהם...

— אַ, אַ אַ...— האָט דער אוריאַדניק אויסגעשריען, אויסשטרע־קענדיג די הענד...

— בע, בע, בע... האָט געענטווערט דער אַקציזניק, שנעלענדיג איהם אין לאַנגען נאָז...

דער אוריאַדניק איז אַראָבגעשפּרונגען פון וועגעל און קושענדיג זיך

מיט דעם אקציזניק, דערצעהלט, אז דאס האט ער געמאכט אנ׳„אקט" בײ העשיל טרובנעוועצער, דערפאר וואס ער האנדעלט אהן א פאטענט, און איצט פיהרט ער אין „סטאן" העשיל׳ס א פער׳חותמ׳טע עמער בראנפען...

דער אקציזניק, ניט רײדענדיג מעהר קײן ווארט, האט קוים מיט צרות אויפגעהויבען דעם ציניש־מאהנער פון באנק, אויף די פלײצעס ארויסגעטראגען איהם צום אוריאדניק און די שמחה איז געווארען נאך גרעסער... מען דארף עפעס טאן!.. און אהן א שום ישוב־הדעת, אהן ווערטער, האט מען אב־געבראכען די רויטע טריוואקס׳ענע חתימה פון „עמער", און זעגענדיג העכסט פרײען פעלד, א האנד אויף א האנד, להבדיל, ווי אידען צו הקפות — און געמאכט א פײנעם „לחיים"... דער אוריאדניק האט, אפילו, אונטערגעטורמעלט „פא נאסטאיאשטשעמו" איז דאס ניט „פא־זאקאנו", נאר דער אקציזניק מיט דעם ציניש־מאהנער, האבען צוגעהויבען פון איהם צו מאכען חוזק „—זאקאנו" „—סמאקאנו"—און ער אלײן האט זיך אויך בעטראכט, אז מה־רעש—„נאפליוע־וואט", אין דער הײם וועט ער קאנען לעגען א נײע חתימה — אויך א ווערדע —און פאר דעם אקציזניק איז דאך געווים ניטא וואס מורא צו האבען, הגם טרוחנעוועץ רעכענט זיך אין דעם „שווארציגקענס" מאיאנטעק...

זײ זענען געווען אזוי פערנומען, אז זײ האבען גאר ניט בעמערקט, ווי אברהמ׳ל דער מאזניק, — א שווארצער איד, א געוועזענער שוחט־עופות, — פאהרענדיג אין סמאלארניע, האט זיך אבגעשטעלט קוקען, ווי מען זיצט מיט די גלעזלעך אין די הענד און מען גיסט פון דעם פעשענעם קראן, רײנע, קריסטאלענע בראנפען, און דאס הילכיגע געלעכטערל זײער׳ס הילכט אב ווײט אין וואלד, און טרעהרען האבען זיך בײ איהם בעוויזען אויף די אויגען... דער פינסטערער ביטערער גלות אויף יעדער טריט:

— דערווערגען זאלט איהר זיך, טרינקענדיג אידישע בלוט!.. רבונו של עולם, ביז וואנען וועט דאס רוים געוועלטיגען?..—און אברהמ׳ל האט אנגעהויבען מיט אלע כחות שמײסען דאס פערדעל, ניט זעהן מיט די אויגען דאס ביטערע „נארוהאניע"...

נאר זײ האבען גאר נישט געהערט און גאר נישט געזעהן, און זע־נענדיג שוין אביסעל שכור׳לעך, האט מען אבגעמאכט, אז דאס זאל זײן מעהר נישט א פארשפיל, און דעם אמת׳ן יום־טוב מאכען בײ נאכט, בײ דעם אוריאדניק אין דער הײם... פערבעטען אויך דעם סטאראסטע פון אופראווע, דעם מיראוואי׳ם שרײבער, דעם פאסט־מײסטער מיט דעם טעלע־גראפיסט, יפה דעם „מאבער" און סטעפאנידע דער וועשין, וואס איז געווען — ווי מען זאגט — דעם ציניש־מאהנער׳ס א מאכטער און האט געשפיעלט א גאנץ היפשע ראלע בײ דעם סטאנאוואי, און בײ די איבריגע ביעראזא־

ווער „קנעפ׳עך"... מען האט אויסגעטרונקען דאס לעצטע גלעזעל און צו=
זעגענט זיך... דער אוריאדניק איז אוועקגעפאהרען אין א צווייטען דערפעל
— אין זיאסין, וואו מען האט געדארפט פאלמעסען א גוי, וואס איז דער=
טרונקען געווארען, פאהרענדיג פון מארק, און דער ציגנש=מאהנער מיט דעם
אקציזניק זענען אוועקגעגאנגען צופוסען אין ביעראזאווע, — בעצייטענ׳ס מכין
זיין זיך צו דער ביינאכטיגער שמחה: קויפען א נייע טאליע קארטען און אנ=
זאגען זוסיע דעם צימבעל ער זאל קומען מיט דעם קלארנעט... מלאכות —
פיל, דאך האבען זיי זיך ניט שטארק געאיילט...

אויף דעם גאנצען וועג, — געזונגען, געשפרונגען, געקרעהט ווי די
העהנער און אנרייצענדיג אויף יעדער פערביי־געהער זייערע כלבים, האבען
זיי אליין אויך אונטערגעהאלפען בילען און „האו־האו"קענדיג, געריסען מיט
די ציינער די לאנגע קאפאטעס פון די אידישע דארף־הענדלער, —אויף יעדער
וואגען, וואס זיי האבען בעגעגענט, געזעצט זיך אונטערפאהרען, שרייענדיג:
„האפ, האפ, נאך א קאפיצקע"...

אפילו פאהרענדיג ביי נאכט אויף דעם אוליאנקע אין שיפעל, האבען
זיי אויך ניט געקאנט שווייגען, רוהען, און רודערנדיג מיט איין האנד, האט
מען מיט דער אנדערער האנד געשטעלט פייגען דער לבנה...

מיט דיזעלביגע געשרייען און טומעל, זענען זיי ארויס, שוין
א שטיק אין דער נאכט אויף דעם ברעג... פון די קולות און היגר=בילעריי
האט זיך מענדעל אויפגעוואכט און דערזעהן וואו ער איז אויף דער וועלט...
די ווייסע לבנה און דאס שווארצע טייכעל, האבען אויף איהם ארויפגעוואר=
פען א ציטערניש, און דערהערענדיג די נאהנטע טריט פון דעם אקציזניק
מיט דעם ציגנש=מאהנער. האט ער זיך צונויפגעדרעהט, ווי א בייגעל, אונטער׳ן
בוים. מיט אלע כחות האט ער איינגעהאלטען דעם אטהעם, כדי די אנקו=
מענדע זאלען, חס=ושלום, ניט דערשמעקען, אז ער ליגט דא... אין מח
האט זיך אלץ צופלאנטערט, פערדרעהט און ווי נאר די שכורים זענען פערביי=
געגאנגען, האט ער זיך געלאזט לויפען איבער׳ן פעלד, ניט וויסענדיג: „וואו=
הין? צו וועמען? נאך וואס"?.. ער איז געלאפען און די שדים פון דעם
צובראכענעם פוילישען קלויסטער, וואס געהען אלע מאל נעכטיגען אין ווינד=
מיהל, זענען נאכגעלאפען אויטוז נאך איהם, און געטריבען אלץ שנעלער,
שנעלער... לויפען מיט דעם שליאך האט ער מורא געהאט, נאר קומענדיג
צו די פארקענס פון די גוי׳ישע גערטנער, האט ער זיך אבגעשטעלט...
איהם האט זיך געדוכט אין דער פינסטער, אז דעם גלח׳ס טאכטער, וואס
האט זיך דא אויפגעהאנגען דעם עבר׳דיגען ווינטער, — הענגט נאך איצט
אויך, און דאס ווינדטעל וויגט איהם איהרע פיס איבער׳ן פארקאן... „וואס
איז דאס דארטען, נעבען דעם אנדער׳ן זייט פארקאן?.. עפעס א ווייס העמ=

דעלע״?.. ער האָט זיך פערגעסען אַז דאָ שטעהט אַ'ע מאָל אַ צלם. איהם האָט געדאַכט איצט, אַז דאָס איז די תליה פון דעם גלח'ס טאָכטער... „פאַר וואָס האָט זי זיך אויפגעהאָנגען״?.. פון אימפּעט האָט ער זיך אָנג...ן אָן דעם הויכען פּאַרקאַן און אַראָבשפּרינגענדיג איז ער אַרויפגעפאַלען אויף אַ שטיין, דאָך האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט... „דער לינקער זייט ט...ט עפּעס שטאַרק״, — נאָר גאָר נישט, און ניט ווּיסענדיג, אייגענטליך, וואוהין ער לויפט, פאַלענדיג אונטער דער משא־כבדה פון די פערשידענע בילדער, וואָס האָבען איהם פער'כשופ'ט, איז ער צוגעגאַנגען, פּלוצלום כמעט צו דער היים... דאָ האָט ער ערשט דערזעהן ווי ער איז אַרומגעריסען, צודראַפּעט אויף בלוט און בּיסלעך־ווייז האָט ער זיך אָנגעהויבען דערמאָהנען אויף אַלץ, וואָס מיט איהם איז היינט פּאָרגעקומען... די גאַנצע לאַגע — קל ...ר און פערשטענדליך... ווי קומט מען איצט אַהיים, ווי בּעווייזט מען די אויגען?.. די מיטקעס צוריסען און דער לינקער זייט שטעכט, שטעכט... מענדעל האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און זעהענדיג ווי די גרויסליכע וואָלקענליך, ציהען זיך פּאַמעלעך, אָבער זיכער, אין זייער לאַנגען, אונענדליכען וועג, — איז בּיי איהם אַרויף אַ מחשבה, נאָר אַנטלויפען פון בּיערעזאָווע, לאָזען זיך איבער דער וועלט ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק, — שבת בּעגינען — דעם רב'ס זוהן — דער משכיל... צושטעהן צו אַ מוכר־ספרים'ניק, אָדער צו אַ'טליתים'ניק, נאָר פּטור ווערען פון בּיערעזאָווע, ניט געהן אַהיים, אויף לייטישע געלעכטער...

— אוי, אוי, צו וואָס פאַר אַ מדריגה איך בּין דערגאַנגען... גוטער גאָט, זיי מיר מוחל!.. פאַר וואָס האָסטו מיך בּעשאַפען אַזאַ זינדיגען?.. פערציג טעג, איידער איך בּין נאָך בּעשאַפען געוואָרען, האָסטו דאָך שוין פון אַלץ געוואוסט... איך וועל דאָס מעהר ניט טאָן... זיי מיר מוחל, ווי דו האָסט מוחל געווען דוד־המלך פאַר בת־שבע'ן.

נאָר ווי אַ רעגען־בויגען נאָך אַ געדיכטען, פינסטערן רעגען, ערשיינט פאַר זיינע אויגען אַגאַפיע, ניט די אַלטע אַגאַפיע, — נאָר די... די היינט־פאַרנאַכטיגע אַגאַפיע מיט איהר הוילען גוף און ער ווערד ווידער מאַכט־לאָז, איינצושטעהן אויף די פיס... ער בּאַלבּעט עפּעס מיט'ן צונג און איהם דאַכט זיך, אַז ער שטעהט אין אַ קאַלך־אויווען פייער ווי, בּשעת דער גרויסער שריפה, דער הויכער איד אין לאַנגען ארבע־כנפות...

שוועבענדיג אין אַט די מחשבות, איז ער אַזוי אונבּעמערקט, פּלוצלום, געבּליבּען שטעהן נעבּען דעם הויפיגען פענסטערל פון זייער הייזעל... ער האָט דערזעהן, ווי קלמן דער בּדהן זיצט נעבּען טיש בּרוגז'דיג, אָנגעבּלאָזען, ווי אַ מחותן, און יעקב־פסח — דער טאַטע, מאַכט מיט די הענד, דרעהט די פאות...

מענדעל האָט זיך דערמאָהנט אויף דעם, וואָס איהם האָט זיך געחלום'ט, ליגענדיג אונטער'ן בוים נעבען דעם אוליאַנקע, און ביי איהם איז געבליבען ניט אנדערש, אַז דאָס שמועסט מען וועגען איהם, אַז קלמן, היטענדיג די לייווע, האָט, מסתמא, געזעהן אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פאַסירט היינט אָבענד און איצט איז ער עס געקומען דערצעהלען דעם טאַטען מיט דער מאַמען...

— דער אַלטער הונד, אומעטום קריכט ער... אַלץ איז איהם נוגע דעם זולל־וסובא'ניק, — און ער קוועטשט־צונויף די פויסטען, ווי אַט, אַט וואַרפט ער זיך אַרויף אויף קלמן'ען... נאָר מיט דעם כעס וואַקסט אויך די אימה און מענדעל פיהלט, ווי אין די שלייפען האָט עטוואָס געפּלאַצט און דאָס בלוט רינט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אין די פיאַטעם אַריין... אויפ'ן האַר־צען איז געוואָרען שפּל'דיג, נודנע, אויף אַ ווײַלע איז אַנאַפּיע אויך אַרויס פונ'ם זכרון און דאָס גרויסע, שרעקליכע פערברעכען, האָט זיך אוועקגע־שטעלט אין זיין פולער אמת'ר געשטאַלט... נימא וואו צו בעהאַלטען זיך פון איהם און דאָס בעוואוסט־זיין רייצט זיך און זאָגט אונטער, אַז אין גאַנץ ביעראַזאָווע ווי זי איז גרויס, פון באָר־געסל ביז'ן בית־עולם, וועט מען ניט געפינען אַזאַ מורא'דיגען בעל־עבירה, ווי מענדעל יעקב־פסח'ס...

— אַנטלויפען אין בית־המדרש, היינטיגע נאַכט איבערשלאָפען אויף דעם אויבער־שטיבעל, — אין ווײַבערשען מנין און מאָרגען אַ בליאַסק אויף טאָג לאָזען זיך געהן... דוקא ווערען אַנ'אַפּיקורס און זאָלען זיי וויסען...

— וואו ביסטו דאָס פערפאַלען געוואָרען אַ גאַנצע נאַכט?.. און די מאַמע לויפט דיך זוכען, גערעטעניש גרויסער...— האָט מענדעל דערהערט הינטער זיך פייגעלס קולות און, ווי, כדי צו בעהאַלטען זיך פון פייגלען, וואָס איז געשטאַנען עטליכע טריט ווייט פון איהם, האָט ער געשווינד אָב־געעפענט די טיר, און ציטערנדיג, אַריינגעגאַנגען אין שטוב...

— דיין אוצר האָט זיך שוין געפונען, מעגסט אַראָפּקריכען — האָט ער געהערט, ווי פייגעל שרייט צום בוידעם, נאָר פייגעל'ס געשרייען זענען דערשלונגען געוואָרען אין יעקב־פסח'ס צוויי ווערטער: „עשו"—„ישמעאל"... קלאָהר ווי טאָג, — פאַר קיינעם איז שוין קיין סוד ניט, וואָס מיט איהם האָט היינט פאַסירט... וואָס וועט ווייטער זיין?..

IX.

שרה איז געוואָרען אַזוי צופרידען פון מענדעל'ס קומען, אַז זי האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס פריער צו כאַפּען זיך.

— וואָס איז דאָס, מײַן זון, פֿאַר אַ ווילדע מאָדע, קומען אַזוי שפּעט און דאָס האַרץ זאָל איבער'חל'שן... האָט קיין רחמנות ניט אויף זיך אַליין... פֿון וואָרמעס אָן ניט געהאַט אין מויל, אַפֿילו, וואָס אַ האָר איז ווערט... דער גבר דער גרויסער... נאַ דיר דאָס קענדעל און געה גיכער וואַש זיך עסען... וואָס ווילסטו בעסער, — אַביסעל פֿרישינקע זויער־מילך, אָדער אפֿשר, אַ טעלערל פּערוויַסטען שצאַוו?.. אוי ליב־האַרציגער טאַטע, רק עגמת־נפֿש'ן... —

— וואָס איז דאָס טאַקי פֿאַר נייַע שטיק, האַלבע נאַכט צו קומען אַ היים?.. קהל'ס־מאַן מײַנער, עד־חצות זיצט ער אין בית־המדרש... אַזוינע סומנע נעכט... אָבגעזאָגט „עלינו“ דאַרף מען געהן אַהיים...— האָט יעקב־פּסח אונטער האַלטענדיג שרה'ן געדערט צו מענדלען שטרענגער, בעזליבער, מעשה בעל־הבית פֿון שטוב, מעשה טאַטע, צו וועמען מען דאַרף זיך עפּעס אַנדערש צוהערען, — און צוגערוקט איהם נעהנטער דאָס ברויט מיט דעם מעסער...

— איך וויל נאָך גאָר ניט עסען... עפּעס דער קאָפּ טוט מיר וועה, — האָט זיך אָבגערופֿען מענדעל אַראָבלאָזענדיג דאָס היטעל טיפֿער אויף די אויגען, כדי מען זאָל ניט זעהן זײַן צודראַפּעטען שטערן, וואָס האָט איהם רוהען ניט געלאָזען, ווי גאָט'ס שטעמפּעל — קין'ען... פֿון דעסטוועגען האָט ער זיך פֿיל ניט געלאָזט בעטען און איז אַוועקגעגאַנגען צום פּאַמפּעניצע, וואָס איז געשטאַנען נעבען פּריפּעטשיק, אָבריכטען „ער נטילת ידים“, כדי מען זאָל איהם ניט אָנהויבען צופֿיל חוקר־ודורש זײַן, טאַפּען דעם שטערן און בריינגען ברכיהו דעם מלמד, אָבשפּרעכען אַנ'עין־הרע און אויף אַזאַ אופֿן דערגעהן בײַ איהם זײַן גרויסען סוד, וואָס ער האַלט פֿער־באָרגען טיף אין האַרצען פֿון דער גאַנצער וועלט, אַ חוץ דעם רבונו־של־עולם, וואָס ווייס אַל'ץ און זעהט אַל'ץ און פֿון וועמען עס איז ניטאָ וואו צו בעהאַלטען זיך: אומעטום איז ער דאָ...

מענדעל האָט זיך אָנגעהויבען טרייסטען, — זעהענדיג דער מאַמעס ליבשאַפֿט, — אַז קיינער ווייס ניט זײַן סוד, און ער האָט זיך געשטאַרקט זײַן פֿאָרזיכטיג, ניט אַרויסרופֿען קיין חשד... ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע אין מזרח־וואַנד, און געקוקט אויף דעם שוואַרצען האַנטוך מיט דעם ברויט, וואָס זענען געלעגען נעבען איהם.

קלמן'ען האָט ער שטענדיג ניט ליב געהאַט: — נאָך פֿון קינדרווײַז אָן האָט ער פֿון איהם קיין נחת ניט געקליבען, אויף אַ חתונה אָדער אַ „סיום־התורה“, אַז קלמן פֿלעגט מיט זײַן קאַנטשיק טרייַבען די „ווייסע חברה'ניקעס“, האָט ער זיך פֿון איהם געגנוג אָנגעליטען... „זעהט דעם שטילען וואָרעם,

קאָן דוכט זיך קיין צוויי ניט צעהלען, און אלע קונצען וואַקסען פון איהם", — פרעגט קלמן זיך בינדען צו מענדעלען, און די אינגלעך פרעגען איהם שטויסענדיג אונטערהעלפען קלמן'ען און שרייען: „שטילער ווארעם"...

היינט האָט ער געפיהלט, אז קלמן וויל מאַכען פון איהם אַש מיט דויך, אז ער זיצט דאָ עפּעס ניט גלאַט אַזוי, און ער האָט אויף איהם ניט געקאָנט קוקען. ער האָט צו איהם געפיהלט אַ שנאה, ווי צו אַנ'אמת'ן פיינד...

שרה האָט דערלאַנגט צום טיש אַ טעלער שצאַוו... מענדעל האָט געגעסען איבער גוואַלד: עס שטעכט די צונג...

דאָס גאַנצע הייזעל איז פול מיט אויגען — מיט ברענענדיגע אויגען, וואָס קוקען אויף איהם, צעהלען יעדער ביסען און ווינקען און כדי ער זאָל זיך ניט קאָנען בעהאַלטען, טרייבען זיי אויף איהם פליגען, — גרויסע סיון'דיגע פליגען, וואָס האָבען ניט מורא, אפילו פאַר מתתיהו דעם טינט-מאַכערס טראָפּענס, — און זיי קריכען צו איהם אויף דעם פּנים, אויף די הענד, אין טעלער און זשו-זשו'קענדיג פרעגען זיי ביי איהם תמ'עוואַטע: „און וואָס איז געווען נעבען טייכעל"?.. „עפּעס גוט צו קוקען אויף אַ שיקסע"? „דערצעהל אונז אַקאָרשט!".. „גוט"!

מענדעל גיט אַ דרעה אויס מיט'ן קאָפּ און זאַט פון זיינע צרות, לאָזען זיי זיך אַ טענצעל איבער די פּאָרטרעטען פון די „גאוני-ישראל", „רמב"ם" און דער „אַלטער רבי", וואָס זענען געהאָנגען ביי איהם איבער'ן קאָפּ... ווי אָבער ער נעהמט צוריק דעם לעפעל אין מויל, קומען זיי ווידער צו איהם און שטעלען ווידער די פריהערדיגע שאלות, — נאָך מיט מעהר עזות — ניט קוקענדיג אויף זיין ברוגז'קייט... ווי אַ בריק צולעגען זיי זיך איבער'ן גאַנצען טעלער און רייסען פון איהם די פליייש „קוק, קוק אַהין צו יענע אויגען, וואָס זוכען דיך"!..

זיי האָבען איהם אויף אַזוי פיל דערנומען, אז ער האָט שוין קיין כח ניט געהאַט, ווייטער איינצוהאַלטען זיך:

— אָט זענען אַביסעל קלאָגעדיגע פליגען, אַנ'אַנשיקעניש שונאי-ישראל, קיין בערוהטע רגע איז פון זיי ניטאָ... — האָט מענדעל אויסגעשריען ניט קוקענדיג אויף קיינעם, פיהלענדיג, אז די גאַנצע וועלט מיט אַלע איהרע ברואים, האָבען היינט אָבגעמאַכט, „יד-אחת", נוקם-זיין זיך אָן איהם, אריינ-וואַרפען איהם אין אָבגרונד...

פון כעס האָט ער געגעבען אַ שאַר אויס מיט דער רעכטער האַנד, כדי צו חאַפּען זיי, די בעזע מזיקים, נאָר מעשה-שטן, האָט ער, אַנשטאָט צו „נעהמען ראַכע" פון די פליגען, צוּבראָכען דעם טעלער און פענאַנדער-געגאָסען איבער דעם גאַנצען טיש דעם שצאַוו, וואָס שרה האָט צוליב איהם

פערוויסט מיט אנ'איי און מיט סמעטענע, ווי ביי די נגידים... אפילו יעקב-פסח'ס ארבע-כנפות פערנעצט...

— וואס קאנסטו היינט נישט איינרוהען?... — האט יעקב-פסח גענומען שרייען טרייסלענדיג דעם ארבע-כנפות, — ווארפט און שלײדערט... שררה גרויסער!.. „די פליגען בײסען איהם“... ניט געפעלען דיר, ווי גאט האט די וועלט בעשאפען, זאגסט איהם דעות?.. עט א סקאנדאל אביסעל. א שפאגעל נײער טעלער... א וואלד-סוחר א פנים איז דײן טאטע הא?.. ברעכט און שטעכט, ווי ביי מיר וואלט געווען א פאבריקע פון פאיאנס... א מאסקווער כלי — א צאצקע, ראובן דעם בורר-ראשון'ס א שלח-מנות... ווערט געווען א חצי רובל, חאטש אויפ'ן גאס ארויסצווארפען... אז דו וואלסט איהם געגעבען אין דער ליימענער שיסעל, וואלט דיר ניט לוינען... —

— שא, שא, קאך זיך ניט און היץ זיך ניט, סיי ווי סיי געווען א צובראכענער... וואס האט געזאלט זיין צו אונזערע אלטמענס קעפ, זאל אויסגעהן צום שטיקעל שערבעל אין גאנצען... — האט איהם שרה איבערגעשלאגען און כדי יעקב-פסח זאל מעהר ניט „דוויאקען“, האט זי זיך געווענדעט צו קלמן'ען, אבווישענדיג דעם טיש:

— איהר האט פריהער גערעדט וועגען די „היינטיגע קינדער“... איהר וואלט מעהר נישט זעהן ר' קלמן, ווי שבת-ביי טאג, האבען דאס אומגעהיטעלעך שפאצירט איצעלע דעם נגיד'ס בחורים מיט דעם גוי'ישען רופא'ס שקצים... ווײסע היטעלעך מיט געגלאנצירטע דאשקעס, אסור, אויב מען דארף, אפילו, זאגען: „להבדיל“.. א נפקא מינה, וואס?.. זיי רעדען ווען עס איז א ווארט אידיש, וואס?.. דוקא אויף צו להכעים גוי'יש און גוי'יש... דער קלענערער איז געקומען צו הינדע דער זיצערין קויפען קארשען... „דאיטשע מניע — זאגט ער — גארניץ ווישנאווקע“... סימאן דער פאסטעך געשטאנען דערבײ... רופט ער זיך אב צו מיר: „יאק עטא שרה'נקע, זיי האבען גאר קיין אייגענעם לשון ניט“?.. א חלול-השם! און די גאטס-פארכטיגע מאמע זייערע מיט דעם אבגעפרעסענעם גיידער קלויבט נחת פון די געבענשטע קדישים'לעך... גלייך אין גן-עדן וועלען זיי זי ארייניפיהרען...

קלמן איז אלע מאל געשטאנען שטאל און אייזען פאר די נגידים און, אז א קבצן, פלעגט פון קנאה אדער פון צרות ארײנלעגען אויף דעם „נײען יאהר“ עטליכע קללות אין די ביערהאזאוער „תקיפים“, פלעגט ער אנהויבען אז נאר צו שפרינגען פון גרים-צארן: „גליקליך וועסטו ווערן, אז זיי וועלען אויך ווערן יורדים“? פלעגט ער שרייען, האלטענדיג דעם „עזות-פנים'דיגען אביון“ פאר'ן אויבערשטען קנעפעל פון סוויטקע...

קלמן איז געשטאנען פאר די נגידים, — ניט ווייל ער האט זיי ליב געהאט, נאר ווייל „זיי האבען געפאסט צום רומעל“. — „די וועלט נויטיגט

צום איינזאַמען.

וואו דו קומסט, ביזטו קיין היגער,
וואו דו קומסט, ביזטו אַ גר;
ביזט פאַר אַלע בעסער, קליגער
און דאָס וועט דיר אויסגעהן שווער.

אונזער וועלט האָט פיעל מדינות
און פיעל מענשען און פיעל שפּראַך,
דאָך דיין זעעל האָט איהרע מינעס
און דאָס איז די שענסטע זאַך!

זאָל מען לאַכען, זאָל מען שפּעטען —
זיי ניט בייז, צוריק ניט שעלט;
לאָז דיין שפּור נאָר ניט פערטרעטען —
געה און בלייב אַליין אַ וועלט!...

צו איינער.

כ'קען ניט, ליעבסטע, זיין דיין שיצער,
כ'קען פון אונגליק ניט פערהיטען;
נאַרען זענען פעסט און זיכער, —
כ'ווייס — דאָס אונגליק קומט אין מיטען.

כ'וועל מיך אויך ניט אונטערנעהמען
זיין דיין פיהרער, דיין בעגלייטער,
דען דער וועג פון לעבען, ווייס איך,
איז אַ קרומער, אַ פערדרעהטער.

כ'קען דיר נאָר אין נעכט אין וויסטע,
פול מיט שרעק און מרה שחורה,
פעסט דיך טוליען און פערהוליען
און פערזינגען לעבענס-מורא...

אברהם רייזען.

ל. שאפירא.

ער און זיין דיענער.

1.

ער האט זיך זעהר וועניג געפאסט צום פריש-געהעמענדען פארק און צו די אנדערע שפאציערענדע, און דאס גופא האט אויף איהם געצויגען בליקען; און קוים האט עמיצער אויף איהם געקוקט, האט דער קוקער געשפירט א געהיימען שרעק. יעדען טאג, זאגאר עטליכע מאל אין טאג, פלעגט זיך בעווייזען אין די אלעען זיין וועגעלע, געשטופט פון דעם יונגען, פעטען און בלאנדען דיענער. ער אליין איז האלב געליגען, די פיס פערוויקעלט אין א ווארעמער דעק, אויפ'ן קאפ עפעס א מין מיצעל, מיט אן עטוואס איינגעשוואלענעם, ערד-קאליערענעם פנים, מיט א גרויסער נאז און מיט גרויע, רוהיגע, שוין צו רוהיגע, אויגען. זיין בליק איז געגאנגען גראד און פארביי. ער האט, קענטיג, קיינעם נישט געזעהען, — אפילו נישט זיך אליין.

האבען אלע פון איהם געוויכט. און בלויז קינדער פלעגען פארביי-לויפען, ווי א שטורם, שרייענדיג, לאבענדיג, שיער נישט איבערקעהרענדיג זיין וועגעלע. זיי האבען איהם איינפאך נישט געמערקט.

ער מיט'ן דיענער האבען צווישען זיך נישט גערעדט. מיט איין ווארט פלעגט ער אויסדריקען זיין וואונש, און דער דיענער, נישט געקוקט און נישט געענטפערט, פלעגט פערקעהרעווען דאס וועגעלע אין די געוואונשטע ריכטונג. דער בלאנדער, פעטט-געבויטער יונגערמאן האט איהם, ווייזט אויס, אויך ניט בעמערקט, און פערבונדען זענען זיי געווען גאנץ מעכאניש.

2.

אין אָווענד איז דער פּאַרק — דורך און דורך ליבּע. געהט אַ שטרענגער מאָראַליסט דורך אַיין אַלעע, פערוואָלקענט זיך זיין שטערן; געהט ער דורך אַ צווייטע, שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ; שניידט ער דורך אַ דריטע, פערקוועטשט ער מיט די אַקסלען. ווייטער פּעטראַכט ער זיך, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, הייבט איהם אויף און — לאָזט אַרויס אַ זיפצעל... הענגט דאָס זיפצען אין דער לופט, און עס זוינט אונטער'ן האַרצען.

און נישט בּלויז מאָראַליסטען ליידען נעבּיך אין פּאַרק. אויך חכמים ווערען געוואָרענט, אַז בּעסער זאָלען זיי אַהין נישט אַריינטרעטען, וואָרום...

פאַרהאַן דאָרט אַזעלכע אַלעען, וואָס זענען שוין אייגענטליך גאָר קיין אַלעען נישט. דאָס זענען אַנדערע, גאַנץ אַנדערע וועלטען, וואו אַלעס איז מעגליך, אויסער דער ווירקליכקייט. פּאַלט אַריין אַ חכם אין די דאָזיגע מקומות, וואו די חכמה האָט קיין שליטה נישט, רעדט ער און טהוט אַזעלכע נאַרישקייטען, מיט וועלכע ער שעמט זיך און נאָך וועלכע ער בּענגט זיין גאַנץ לעבּען. ווען וואַסער פּלוידערט און גרינס שווייגט — וואָס קאָן זיין געפעהרליכער? דעריבּער זאָג איך: חכם, זיץ אין דער היים.

אַ יונגערמאַן מיט צוויי מיידלעך האָבּען זיך געשטעלט טאַנצען אויפ'ן גלאַטען אַספאַלט־וועג צווישען די בּוימער. אָהן געזאַנג און אָהן ווערטער נעהמט ער איינע פאַר די טאַליע, מאַכט מיט איהר אַ טור, שטעלט זי צוריק, נעמט די צווייטע, קעהרט זיך אום צו דער ערשטער — און אַזוי דרעהען זיי זיך שטיל און פאַנטאַסטיש, ווי אונבּעלייבּטע גייסטער אָדער שאָטענס. די געצעהלטע פאַרבּייגעהער האַלטען זיך בּיי אַ זייט, אום נישט צו שטערען דעם שטומען טאַנץ. פּלוצים — אַ שוואַך גרילצען פון רעדלעך אויפ'ן אַספאַלט, און פון דער פינסטער שווימען אַרויס אַ פערוויקעלטע פּאַר פּיס, אַ פאָרמלאָזער, האַלבּליעגענדער קערפּער, אַן אָנגעשוואָלען פּנים מיט גלעזערנע אויגען, — און דער טאַנץ שיט זיך פאַנאַנדער דערשראָקען אין פערשיעדענע זייטען. ערשט ווען דעם דיענער'ס בּרייטע פּלייצע פערשטעלט דאָס וועגעלע, קומען זיך די יונגעלייט ווידער צוזאַמען. אָבּער דער טאַנץ איז פערפרוירען געוואָרען.

אויפ'ן גראָז, אונטער די בּוימער, איז די פינסטערניש געדיכטער און איז אָנגעזאַפּט מיט זיפצען, מיט שטילע קושען, מיט'ן איינגעהאַלטענעם שאָרך. דאָ גוסט'ס מען פון ליבּע. און ווען דאָס וועגעלע מיט'ן קראַנקען שווימט

פֿאַרבײַ, לויפֿט איבער ווי א ווינטעל איבער'ן גראָז און פֿערשטעקט זיך
דערשראָקען טיפֿער אַהינטער די בוימער. אײַנמאָל האָט עפּעס א פּרויען־
שטימע אַרויסגעשריגען פֿון אַזאַ'ן אָרט מיט צאָרן און פֿערצווייפֿלונג:
— או, אַלטע נבלה!..
און אַ קללה דערצו.
דער קראַנקער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט.

3.

דער יוני האָט זיך לאַנגזאַם, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַרומגעוויקעלט אַרום פּאַרק און האָט איהם אײַנגעשלאָסען אין זײַנע הייסע אָרעמס.

פֿון פֿריהסטען מאָרגען אָן האָט די זון מעכטיג געהאַלוט דעם גאָרטען, און ווען זי האָט איהם אין אָווענד פֿערלאָזען, האָט ער נאָך לאַנגע שטונדען שווער און דופּטענד געעטהעמט און זיך ווי געקעהרט אויף זײַן הייסען געלעגער. און ווען ער האָט ענדליך אינגאַנצען אויסגעהויכט זײַן היץ און איז געבליעבען ליעגען אָן אָבגעקיהלטער, אַ בערוהיגטער, אין דער פֿינסטערניש פֿון דער נאַכט, האָט אַ שטילער דרימעל פֿערשפּרייט איבער איהם זײַנע פֿליגעל און אָנגעוועהט אויף איהם לײַכטע חלומות און אונ־בעשטימטע זעהונגען.

דער מענשענשטראָם איז שוין לאַנג אַרויסגערונען פֿון גאָרטען דורך די פֿיעלע אויסגענג, און בלויז זעלטען־וואו האָט זיך גע'סוד'עט אַ פֿערשפּע־טיגט פּאָרל, אָדער אַ היימלאָזער האָט זיך נערוועז געדרודערט אין שלאָף ערגעץ אויף אַ באַנק און האָט, קענטיג, אין חלום פּאָליסלײַט געזעהען. אַ געמאַכטער וואַסערפֿאַל, פֿערשטעקט ערגעץ אין אַ פֿינסטערן ווינקעל, האָט געגאָסען זײַן ענדלאָזע פּלוידערײַ, און קיינער האָט זי נישט געהערט, און מאָרגע האָט געקלונגען דאָס פּלוידערן פֿון דער דאָזיגער בעשעפֿעניש פֿון מענשליכע הענד, ווען קיינער פֿון איהרע בעשעפֿער האָט עס נישט גע־הערט.

מיט אַ שטילען סקריפּ האָט זיך דאָס וועגעלע מיט'ן קראַנקען גע־גליטשט דורך די שלאָפֿענדע אַלעען.

נעבען וועג, אונטער אַ ברייט־צעוואַקסענעם בוים, איז געשטאַנען אַ לאַמטערן און האָט עזות'דיג געהויבען אַ בריג פֿון דער נאַכט'ס שוואַרצען

שלייער. און דא איז אנטקעגען געקומען א מיידעל מיט רויטע האר און מיט א שארפען בליק. דערזעהענדיג דעם קראנקען׳ס גלעזערנע אויגען, איז זי פלוצים געבליבען שטעהן א ווייללע, און ביי איהר האט זיך ארויסגעריסען:

— צו׳ם טייוועל!..

דערנאך האבען זיך איהרע אויגען אבגעשטעלט אויפ׳ן דיענער׳ס בלאנדען קאפ און ברייטע אקסלען, און איהר פנים איז מילדער געווארען. א מאדנער קוק, א קוים מערקבארער שמייכעל — און זי איז אוועק אין א זייטיגע אלעע.

אהן ווערטער, נישט פרעגענדיג ביי׳ם קראנקען, האט דער יונגערמאן פערקעהרעוועט דאס וועגעלע נאך איהר.

דער וועג האט זיך געהויבען, איז פערקראכען אין א געדיכט-פערוואקסענעם ארט און האט אונערווארטעט ארויפגעקלעטערט אויף א נאקעט בערגעל, ארומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט בוימער. ביי דער פיערטער ליעגט אן אבגרונד, און אין אבגרונד — א פאנטאסטישע וועלט. דוכט זיך, בוימער, בערגלעך, טאלען. דוכט זיך, טורעמס, זיילען, פאלאצען, וואס שטייגען ארויף גלייך פון וואסער, און דער וואסער-ברוק שעמערירט שוואך און האלב-פערלאשען געגען דער שיין פון די שטערען. דארט ווייטער, הינטער דעם אלעם, שלאפט, הערט מען, א גרויסע, שרעקליך גרויסע שטאדט.

אין א ווינקעל אויפ׳ן בערגעל ליעגט אן אלטע, צעבראכענע קאנאנע, אן אנדענק פון דעם קריעג, וואס דאס לאנד האט אמאל געפיהרט פאר זיין פרייהייט. געגענאיבער דער קאנאנע האט דער דיענער אבגעשטעלט דאס וועגעלע און איז אוועק צווישען די בוימער, אהין, וואוהין דאס מיידעל איז פערשוואונדען.

די גלעזערנע אויגען האבען געקוקט אויף די אלטע קאנאנע. זי האט אויסגעזעהען ווי א גרויסער קערפער פון א לאנג טויטער, פערטריקענטער שלאנג, ווי דער סקעלעט פונ׳ם טויט אליין. מיט פיעלע יאהרען צוריק האבען איהרע געדערים געגליהט און געשפיעגען מיט פייער. זי האט געקעמפפט פאר פרייהייט. אונטען אין טאל, וואו עס שעמערירט איצט דאס וואסער פון קינסטליכען טייך, זענען דעמאלט געלאפען מענשעלעך, האבען געקלעטערט צו דער קאנאנע און האבען זיך געוואלגערט צו דער ערד, מיט צעשמעטערטע קעפ, מיט אויפגעריסענע בייכער, פון וואנען עס זענען ארויסגעקראכען פערפלאנטערטע געדערים. מאנכע זענען געליעגען מיט די

פּנים'ער אַראָב, מיט אויסגעשטרעקטע הענד, אין בלאָטעס פון בלוט, ווי געהרג'עטע הינד. די קאַנאָנע האָט געהאַלטען אין איין דונערן, און די מענשעלעך פון אונטען זענען געלאָפען דוקא איהר אַנטקעגען. דאָס איז געוועזען אַ גרויסאַרטיגער קאַמפּף פאַר פרייהייט.

און בלויז איין=איינציגער סאָלדאַט פון די, וואָס האָבען אַזוי קונציג געאַרבייט מיט דער קאַנאָנע, נאָך גאָר אַ יונגער שנעק, אָהן וואָנסען, וועלכער האָט אפילו קיין איין קראַץ ניט בעקומען, — האָט זיך פלוצים אוועקגעזעצט אויף דער ערד, האָט זיך געביסען די פינגער און פערדריסליך געוויינט און געשריגען. איהם האָט, קענטיג, געצויגען צו דער מאַמע'ס פאַרטוך.

4.

דער קראַנקער איז געזעסען און האָט געקוקט אויף די קאַנאָנע. ניט זעהר ווייט פון איהם, צווישען די געדיכטע צווייגען, האָט דער יונגער, פעסטגעבויטער דיענער זיך געקושט מיט'ן רויטהעריגען מיידעל.

ביים זון=אונטערגאַנג.

אין טיעפען שאָטען שלאָפט דער וואַלד,
דער הימעל ברענט אין פייער;
די זון פערגעהט אין מערב=זייט —
און רייטעלט זיך אין שלייער.

די חוואַליעס יאָגען זיך אין טייך,
צו'סוד'ען זיך און גריסען;
און איילען אום פון ברעג צו ברעג —
שדוכים אָבצושמועסען.

איך ציה פון מיר די קליידער אָב
און שפרינג אַריין אין טײַכעל;
עס לאַשטשעט מיך אַ קיהלער ווינד
און גלעט מיך מיט אַ שמייכעל.

„זי וואַרט אויף דיר, דײַן האַרצענ׳ס גליק,
פערבאָרגען אין די קוסטען;
געצוואָגען רײַן דאָס צאַרטע לײַב,
געוואַשען קלאָר די ברוסטען.

דעם לאַנג געלאָקטען קרויזען קאָפּ
צום הימעל אויפגעהויבען;
די אויגען אָפען, קוקען ווײַט,
פול האָפענונג און גלויבען.

די אָרעמס אויסגעשטרעקט מיט לוסט,
דעם חתן אויפצונעהמען;
די ליפען גרייט צו קושען זיך,
עס מעג שוין זײַן מיט וועמען...

נאָר געה ניט נאָהנט צו איהר אַצונד,
זי קאָן פערשעמט ענטרינען —
און בענגען וועסטו, בענגען לאַנג,
און וועסט זי ניט געפינען!" —

איך הער עס צו און בײַג דעם קאָפּ,
און וואַרף מיך אינ׳ם וואַסער —
און שווים פערליבט אַהין צו איהר —
און קעהר צוריק אַ בלאַסער...

לאָדז.

הערשעלע.

די באַבעשי׳ם אָבהיטען.

(ערצעהלונג).

צווײ באָבעשים האָבען אַמאָל שטאַרק נישט געקענט רוהען פון דעם, וואָס זייער אייניקעל, אַ מײדעל פון אַ יאָהר דרײַצעהן פירצעהן, שרה׳לע האָט זי געהײסען, וואַקסט שוין אונטער און ס׳איז זי נישט מעגליך צו פערהיטען פון מאַנסבילישע אויגען. זײ האָבען זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ און אַזוי פיל געטראַכט וועגען דעם, אַז נאַכט אויף נאַכט האָט זיך זײ שוין אָנגעהויבען צו חלומ׳ן, אַז אָט חאַפּט מען זי, אָט נעמט מען זי — און געבען אַ קום אויף, אַלע מאָל אַנ׳אַנדערע, פון שלאָף מיט אַ געשרײ: הוא אלקים — שמע ישראל!.. און אויסגעגלאָצט די אויגען צום קינד מיט אַ צאַפּעל אין די הענד, צי דאָס קינד איז דאָ, צי דאָס קינד ליגט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברײט, ביז עס האָט זיך זײ אײנמאָל געחלומט, אַז אַ רויטער גוי מיט רויטע וואָנסעס האָט בײ זײ דאָס קינד אָוועקגעחאַפּט מיט געוואַלד און ענטלאָפען דערמיט אונטער דער שטאָדט אויף אַ פעלד אַרוים...

דאָ איז שוין געווען אַ ביטער עסק און די ווײַבער האָבען זיך עס שוין נישט געקענט שענקען. זײ האָבען אַ קודם געמאַכט אַ געוואַלד צווישען זיך, דאָס אײנציגע מיטעל, וואָס זײ האָבען דערווײַל געקענט טהון, און דערנאָך, צו מאָרגענס באַלד אין דער פריה, אַזוי ווי ס׳איז נור טאָג געוואָרען, האָבען זײ גענומען די פאַטשײלעס אויף די קעפּ און געגאַנגען נאָך עפּעס טהון דערפאַר.

— הײליגער רבי — זענען זײ צום רבי׳ן אַרײַנגעפאַלען מיט אַ געשרײ — עס האָט זיך אונז געחלומט אַ שלעכטער חלום, און ס׳איז נישט דאָ ווער עס זאָל איהם פותר זײַן, נור פריהער גאָט און דערנאָך איהר.

— וואָס הײסט — האָט דער רבי געפרעגט — האָט זיך אײך בײדע גלײַך געחלומט?

— נײן הײליגער רבי, נישט בײדע גלײַך, נור ס׳איז אײן חלום...

— נישט בײדע גלײַך, נור ס׳איז אײן חלום? הײסט עס אַז אײנער האָט ער זיך פריהער געחלומט און דער אַנדערער שפּעטער? נור ס׳איז אײן חלום?

— נײן הײליגער רבי; עס האָט זיך נור געחלומט אײנער, נור דער חלום איז בײדע׳ס חלום.

— איך פערשטעה אייך נישט... — האט דער רבי שוין אזש א הויב געטהון מיט די אקסלען.

— ווי הייסט, הייליגער רבי, איהר פערשטעהט נישט?..

— נו הכלל—מאכט דער רבי — איך פערשטעה אבער פארט נישט... נור דערצעהלט שוין דערצעהלט, לאמיך שוין הערען וואס...

— הייליגער רבי, זעהר נישט קיין גוטער חלום, כ'האב איהם מורא פאר'ן מויל צו ברענגען.

— נו וואס זשע ווילט'ץ פון מיר... איך קען דאך נישט פאר אייך דערצעהלען? — האט דער רבי זיך שוין געדרעהט אויף'ן שטוהל.

— איך וויים הייליגער רבי, אז איהר קענט נישט דערצעהלען... נור וואס זאלען מיר אבער פארט טהון?!..

— טהוט וואס איהר ווילט! — האט דער רבי געזאגט — און ס'אנ' דערע וואו שטעהט עס געשריבען, אז דער חלום איז א שלעכטער חלום? עס איז גאר נישט פערהאנען קיין שלעכטער חלום אויף דער וועלט — האט זיך דער רבי אנגעבייזערט, ווילענדיג זיי א ביסעל גרינגער מאכען אויף די הערצער — חלומט זיך חלילה פון געשטארבען, לעבט מען לאנג, חלומט זיך חלילה, אז ס'איז יום כפור האט מען פערגעבען די עבירות, און חלילה אז דער בעליק האט זיך איינגעבראכען, איז א סימן, אז דער מאן וועט לאנג לעבען...

— ס'טייטש רבי, הייליגער רבי, מיר האבען דאך שוין קיין מאן נישט, נישט איך און נישט זי...

— הייסט איהר דאס, גיטעל, דאכט זיך?.. האט דער רבי געפרעגט.

— יא הייליגער רבי, בת באשע... — האט איינע אונטערגעהאלפען.

— זענט איהר דאך הייסט דאס...

— יא, די אלמנות... — האט די אנדערע אונטערגעהאלפען.

— און וואס האט זיך אייך געחלומט?

— אז א רויטער גוי מיט וואנסעס איז געשטארבען...— האט זיך איינע עפעס פלוצלונג ארויסגעכאפט.

— הא — האט דער רבי זי געגעבען א קוק אן — אז א רויטער גוי, מיט וואנסעס איז געשטארבען?..

— ניין, הייליגער רבי, אוי דער קאפ איז דאך מיר אזוי פערהאקט אז עס געהט מיר גאר נישט ארוים מיין איינינקעל פון זינען, און איהר האט דא געשמועסט פון שטארבען, שונאי ישראל, איז דאך גלייכער איידער מיין איינינקעל, אז דער רויטער גוי זאל שטארבען...

— וואס פאר א רויטער גוי? — האט דער רבי געפרעגט שוין פער־וואונדערט.

— נײן הײליגער רבי, איך ווײס גאר נישט, נור איך זאג נור גלאט אזוי...

— און ס'אנדערע וואס פאר א מחותן איז דא אהער אײער אײניקעל — האט זיך אײך חלילה אזוי געחלומט?..

— נײן הײליגער רבי, עס האט זיך מיר גאר נישט געחלומט... נור מען האט דא געשמועסט פון שטארבען...

— נו, טא איז גאר נישט... — האט דער רבי אבגעריסען — נו טא געהט זשע אהײם געזונדטערהײט, װײבער... וועט אײער אײניקעל לאנג לעבען... — האט דער רבי צוגעוואונשען, מײנענדיג אז דא האט ער שוין געטראפען, ווײל זײ האבען מורא אויסצוזאגען, אז עס האט זיך זײ געחלומט אויפ'ן אײניקעל, עס זאל נישט הײסען אויסגעלעגט צום שלעכטען. און די װײבער װײטער מײנענדיג, אז זײ האבען שוין א ברכה פון רבי'ן זענען זײ אוועקגעגאנגען. נור אויפ'ן וועג זענען זײ זיך צוריק מישב, אז זײ האבען גאר נישט גערעדט צו דער זאך און פאלען צוריק אראײן צום רבין אין שטוב מיט א ילל׳ה:

— ס'טײטש הײליגער רבי, מיר האבען דאך גאר נישט גערעדט צו דער זאך, וואס טהוט מען מיט דעם קינד, עס לויפט דאך אונז ארום אויף אלע לאנקעס, אויף אלע גראזען, און איהר װײסט דאך, אז ס'איז אײן אויג אין קאפ — טא ווי אזוי זשע זאל די באבעם הארץ נישט אויסגעהן פאר שרעק, א טאמער חלילה א שײגעץ, אדער א גוי... די שעה זאל נישט זײן דערבײ...

— ווי אלט איז זי שוין? — האט דער רבי געפרעגט.

— זי איז שוין אלט קײן עין הרע 13 יאהר, 14 יאהר.

— פירצעהן יאהר? — האט דער רבי זיך געוואונדערט —

— יא, יא, הײליגער רבי, פירצעהן יאהר.

— הײסט זי דאך שוין קײן עין הרע א היבשע בתולה — האט דער רבי געזאגט.

— יא, אוודאי... — האבען זיך די װײבער שוין שיער צוחליפעט.

— נו מילא נו, לאזט מען זי נישט ארומלויפען אלײן.

— נו, וואס זאלען מיר טהון, הײליגער רבי?

— מען דינגט זי אן אין א חדר אראײן, — האט דער רבי געזאגט.

— ס'טײטש רבי, איז זי דאך אבער אײן אויג אין קאפ, אז מיר זעהען זי נישט א האלבע שעה עקט זיך דאך שוין אונזער לעבען, און ווי אזוי קענען מיר אונזער אײגען קינד מיט אונזערע אײגענע הענד אלײן אוועקגעבען פון שטוב ארויס?

— איך זאג אז מען זאל אוועקגעבען! — האט דער רבי אזש א ציטער געטהון און בײ די װײבער האבען זיך אויך האר און נעגעל אויפגעשטעלט

קאפויר — מען לאזט נישט אזוי א יודישע בתולה... — האט ער נאך אמאל א געשריי געגעבען.

די ווייבער האבען זיך איינגעקורטשעט, ווי די טרישצעקלעך און זענען באלד פון שטוב ארויס.

נור געהענדיג האבען זיי שוין די קלאמקע פון דער טהיר נישט געפונען, אזא בלענדיגקייט און צומישטקייט פון שרעק איז אויף זיי געפאלען, און אין דרויסען ערשט זענען זיי שטעהן געבליבען פערארירטע און נישט געוואוסט, וואו זיך צו ווענדען, די האלב-טאגעדיגע ליכטיגקייט איז פאר זיי פינסטער געווען אין די אויגען.

— געוואלד — האט איינע אויסגעשריגען אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל — רבונו של עולם, צי איז שוין דער גזר אזוי נאהנט?!

— שא, שא — האט זיך די אנדערע איינגעקורטשעט פאר שרעק — וואויוועי נישט אזוי...

— צי זעהסט דו דען נישט, ווי דאס אומגליק איז שוין אזוי נאהנט. אט האסט דו דאך געהערט און געזעהן, ווי אזוי דער רבי איז געווארען... ער האט דאך אזש אין גאנצען געציטערט — וועה איז מיר וואס איז אונז דא צוהאנען געקומען!

און ביידע ווייבער האבען זיך מישב געווען און צוריק אריינגעגאנגען צום רבי'ן.

— הייליגער רבי, הייליגער צדיק — האבען זיי ערשט אצונד רעכט אנגעהויבען צו לארמען — איז עס שוין חלילה א גזר, זאל עס צוריסען ווערן!..

— וואס פאר א גזר, וואס פאר א צוריסען ווערן?..—האט שוין דער רבי אנגעהויבען צו שטאמלען און געמאכט מיט דער האנד — ווייבער גזלנותטעם, וואס האט איהר זיך אן מיר אנגעטשעפעט?

— הייליגער רבי, מיר ווילען נישט אבטרעטען — האבען די ווייבער אזש געחליפעט, — ביז איהר וועט אונז נישט צוזאגען...

— וואס צוזאגען און ווען צוזאגען? — און ער האט זיי שוין טאקי נישט געקענט פטור ווערן, ביז וואנען ער האט זיי פון דער טהיר ארויסגעשטופט אפשר מיט נייניציג ברכות אויף זייער קאפ, אז זיי זאלען גריגג חאווען דאס קינד, האבען א גרויס נחת פון איהר, און זאלען איהר אויך אנדינגען אין א חדר אריין. — ס'איז גלייכער — האט דער רבי געזאגט — א קודם א קינד, מילא, אז איהר שרעקט זיך אזוי פאר איהר, אלעהיי זי וועט פערשפארען אזוי ארומצולויפען.

שוין... די ווייבער זענען שוין אהיים געגאנגען א ביסעל רוהיגער.

א מלמד אין א חדר, מילא דאס איז געווען דאס ערשטע. זיי האבען אפילו די מזוזות אויך אראבגענומען און געשיקט זיי צום סופר איבערזעהן;

שרה'לען א ביטערע אויפגעהאנגען אויפ'ן האלז פאר א קמיע, און דערנאך ערשט האבען זיי געהאט נאך א קליינטשיק שטיקערע אפעראציע'לע, שרה'לען א ביסעלע מוסר צו זאגען: אז זי זאל וויסען זיין, אז זי איז שוין נישט קיין קליין מיידעלע, אז זי זאל זיך שוין פיהרען אביסעל צניעות'דיגער, ווי זי פיהרט זיך; נישט טאנצען, נישט שפרינגען איבער דער גאס, ווי עס פאסט להבדיל פאר דעם אפטייקערס, דעם שכנ'ס שיקסלעך, וואס שפרינגען איבער רייפען, יאגען זיך מיט באלעמעס אין אזוינע קורצע קליידלעך ארום, אז ס'איז אזש א חרפה צוצוקוקען, און דערביי האבען זיי איהר אויך דערצעהלט פון אונזער מוטער שרה'ן, וואס גאט האט זיי געהייסען, איהר מיט איהר מאן אברהם אבינו, געהן אין א פרעמד לאנד אריין, און אויפ'ן וועג האט זי זיך פערשארצט אביסעל דאס קלייד, ווען זי האט געדארפען אריבער-שפרייזען איבער א וואסער'ל און זי האט מורא געהאט, אז זי זאל עס זיך נישט איינגעצען, ערשט דעמאלס האט אברהם אבינו דערזעהן איהר שעהן לייב, וואס האט זיך אבגעשפיגעלט הינטען אין וואסער פון אונטער איהר קלייד אפער, און אין וואסער איז דאס לייב אויסגעקומען נאך שעהנער, ווי פון א שפיגעל ארוים...

— ווי אזוי?.. — האט שרה'לע געפרעגט, בשעת מעשה א חאפטהוענדיג דאס קליידעל אין דער הויך, און פארשטעלענדיג זיך, ווי זי געהט איבער א וואסער'ל געבען א שפרייז אריבער, האט זי דערוויל די פיסלעך צושפרייט.

— נו שיקסע חצופה, לאז אב... — האט איהר דערוויל אין באבע געגעבען א פאטש איבער'ן הענדטעל אין וועלכען זי האט געהאלטען דאס קליידעל אויפגעהויבען.

שרה'לע האט אבגעלאזט דאס קליידעל און אנגעקוקט די אלטע באבעשעס פערוואונדערט מיט צוויי וואונדערליך שעהנע בראהע אויסגעשטעלטע אויגען, פאר וואס מען זאל נישט טארען דאס קליידעל אויפהויבען.

נור די באבעשעס האבען באלד אנגעהויבען:

— א מיידעל טאר נישט אזוי... כ'האב דאך דיר ערשט דערצעהלט פון אונזער מוטער שרה'ן ווי זי האט זיך דאס קלייד אויפגעהויבען אריבערצוגעהן איבער א וואסער'ל האט ערשט אברהם דעמאלס געקענט זעהן, ווי שעהן זי איז. אבער פריהער האט זי איהם נישט געוויזען, א מיידעל טאר נישט ווייזען...

— קיינעם נישט? — האטש רה'לע געפרעגט — אפילו א באבען אויך נישט?

— קיינעם נישט. אפילו פאר די וועגד אויך נישט...

שרה'לע האט פערשוויגען, דעם שע"נעם קאפ מיט די ברעהמען

אראבגעלאזט צו דער ערד — און דאס ערשטע מאל אין לעבען זיך ערשט פערטראכט וועגען דעם, וואס א מיידעל טאר נישט אויפהויבען דאס קליידעל און טאר נישט ארויסווייזען איהר נאקעט לייב...

עס האט איהר עפעס געדרעהט אין מח'ל, געגאנגט אין הערצעל נאך אין דער זעלבער נאכט אויפ'ן געלעגער — נור מילא, אז מען טאר נישט, טאר מען נישט... און אויף צומארגענס אין דער פריה איז זי שוין געגאנגען אין חדר אריין.

דערווייל איז געוועזען א שעהנער טאג, די געבליהטען האבען זיך געשיט פון די בוימער, און שרה'לע געהענדיג שעהן אויסגעפוצט מיט א רויט ראזע בענדעל איינגעפלאכטען אין שעהנעם אויסגעקעמטען קאפ הָאר האט זיך דערווייל בעקאנט מיט א יונגעל אויף דעם זעלבען וועג אונטער א בוים — וואו דאס יונגעל איז געשטאנען און געהאקט מיט שטיינער אין די צווייגען אריין, אז די געבליהטען זאלען זיך שיטען און שרה'לע זאל קלויבען...

זי האט אנגעקליבען א פול פארטוכעל, די בעקעלעך האבען זיך פערררויטעלט אזוי שעהן, און עפעס אזא שטיל שטום געפיהל האט זי צום יונגעל אנגענומען, אז זי איז די גאנצע צייט דרעהענדיג זיך ארום איהם, אליין נור געווען שעהמעוודיג מיט אראבגעלאזטע לאנגע זשענסעס איבער די אויגען, וועלכע זי האט נור צייטענווייז אויפגעהויבען מיט א שטיל בליקעל פון אונטער'ן שטערן אפער. און דעמאלס האט זי זיך שוין מיט דעם יונגעל נישט געשיידט אויף א גאנצען טאג און זענען ביידע פערבלאנדזעט געווארען אונטער'ן בית עולם ארונטער, דארט וואו ס'איז אזוי שטיל, אזוי לעדיג, און דאס פעלד אזוי ברייט צו רייסען טשאטשקעלעך..

שרה'לע האט אלע טאג געקליבען טשאטשקעלעך מיט אלערליי בלאהע און רויטע בליהמעלעך, נור עפעס איז עס געווען אזוינע בליהמעלעך, אז שרה'לע האט זיך געשעהמט זיי אהיים צו ברענגען פאר די באבעשים...

פון דעמאלס אן איז שרה'לע געווארען א סך שטילער, א סך געלאסענער, בעהאלטענער אין זיך און פלעגט מען שמועסען עפעס פון מאנספערשוין און נקבה, ווי עס מאכט זיך אמאל אין שטוב — פלעגט שוין שרהלע אוועקגעהן אן א זייט, און די באבעשעלע'ס האבען געזאגט אויף איהר, אז עס וואקסט א צנועה גדולה, א כשר קינד... ווי גאנץ אפט פלעגט זיך שוין אונטער שרה'לעס ווינקלען־ברעהמעלעך צו בעווייזען א שעלמיש שמייכעלע אויף דעם רעכנונג פון די באבעשעלע'ס געניטשאפט אין אזוינע זאכען...

י. מ. ווייסענבערג.

אווגוסט סטרינדבערג.

די רייניע, צארטע, מיט עלעגישע שטראהלען בעלויכטען, אפעליא׳ דערצעהלט איהר פאטער פאלאניען וועגען האמלעט׳ן אזוי:

„כ׳האב געניייט ביי זיך אין צימער. פלוצלונג לויפט האמלעט אן; זיין פלאשץ אויף איהם צוריסען, זיין קאפ צושויבערט, נאקעט, זיינע זאקען צו־בונדען און אראבגעלאזט ביז ד׳ערד, זיין פנים בלייך ווי קרייד און ס׳בויגען זיך די קניע, די אויגען לייכטען מיט א טרויעריגען שיין, פונקט עס וואלט דער גיהנם אליין געשיקט איהם דערצעהלען וועגען זיינע שרעקען"...

אין דיזע ווערטער שילדערט זיך אוים פאר אונזערע אויגען דער גאנ־צער האמלעט. אט איז ער, דער ארעמער פרינץ, שטארק פערוואונדערט פון דער אינערליכער טראגעדיע, וועלכע ער קען ניט לעזען, אויף די שוואכע פלייצעם ליגט אזא שווערע משא פון פפליכט, זיין איידעלע הארץ ווערט אזוי שטארק גערופען צו נקמה און די נשמה איז בעליידיגט, אזוי שטארק בעליידיגט.

ווי זאל דאס אלץ בייקומען איין מענש?

דעם ארימען פרינץ האמלעט דערמאהנט זיך מיר שטענדיג ווען איך טראכט איבער סטרינדבערג׳ן, ניט האמלעט וועלכער רעדט צו זיך אליין מעלאנכאליש־שטיל, ניט דאן ווען ער שטעהט אויף דעם פריעדהאף און האלט אין האנד דעם סקעלעט פון בעריהמטען יאריקען, נאר האמלעט וואס האט אקארשט דערוואוסט זיך פון זיין מוטערס זינד, און דערוויסענדיג זיך לויפט ער ארום איבער דער סצענע מיט ווילדע געשרייען ווי א פערוואונדעטע חיה...

אלע ביכער סטרינדבערג׳ס זענען אפענע וואונדען, טיפע, אקארשט אנגעטאנענע, וויטאגען אקארשט פערשאפטע.

פון די וועלט־טראגעדיען, פון דעם מענשענס פאלשקייט און אכזריות דערוויסט זיך סטרינדבערג אלע מאל צום ערשטען מאל, די אלטע טעמא וועלכע ער האט נאך געלערנט אין די יונגע יאהרען איז פאר איהם שטענ־דיג עפעס ווי א נייע א פרישע, דאס איז א בעזונדער אומגליק, געפינען זיך שטענדיג אונטער דעם שארפען מעסער פון דער טראגעדיע.

איהם איז ניט בעקאנט ניט די עלעגישע בעציהונג צום לעבען, ווי ביי ראדענבאכען צום ביישפיעל אדער אלא האנסאן וועלכער ראט שטיל מיט אויסגעגלאצטע, דערשראקען־פערוואונדערטע אויגען קוקען אויף אלץ, קוקען

און שווייגען. אין איהם איז אויך פרעמד דער איראָנישער קוק פון אויבען אראָב.

א. סטרינדבערג וואָלט ניט געקענט זאָגען „איך ווייס אז אלץ טויג ניט, אז אלץ איז שלעכט נאָר איך בין שוין געוואוינט צו דעם און דערצו זיץ איך ביי זיך אין צימער".

סטרינדבערג קען ניט זיצען פערשפאַרט אין צימער. ער ברעכט אלע טהירען, אלע צוימען און לויפט שטענדיג ארויס מיט א שרעקליכען געשריי פון א אָקאָרשט פערוואונדעטען.

זיין טעמפעראַמענט איז א הייסער, א קאָכיגער. א גייסטליכער וואַנ־דערער ווארפט ער זיך פון איין גלויבען צום צווייטען, פון איין לעהרע צו דער צווייטע.

וואס איז שוין סטרינדבערג ניט געווען אין זיין לעבען?

א דעמאָקראַט, א סאָציאַליסט, א הייסער פערטיידיגער פון פרויען עמאַנ־סיפאַציע, א ניטש'אַנעץ, א פרויען־פיינד,

ער האָט געשריבען ביטער אונטער דעם איינפלוס פון רוססאָ, דערנאָך פערגעסען רוססאָ און אומגעקעהרט זיך צו וואָלטערן. אָנהויבענדיג מיט ליעבע צום פאָלק, צום פלעבס האָט ער איהם דערנאָך פערשאָלטען. זיין בוך „די פאַריער" (צאַנדאַלאַ) איז א ענערגישער פראָטעסט געגען דעם אידעאַל פון גלייכהייט. סטרינדבערג טרעט דאָ ארויס אלס א שטאָלצער אריסטאָקראַט. לייענענדיג די בלעטער פון דאס בוך, דערמאָהנט זיך, ניט ווילענדיג, ניטשעס אויסשרייען:

„דען מענשען זענען ניט גלייך, אזוי זאָגט די גערעכטיגקייט, און דאס וואס איך וויל, דאס טאָרען זיי ניט וועלען".

סטרינדבערגס פראָפעסאָר וועלבער בעזעצט זיך צווישען די ציגיינער, צווישען די פאַריען, „צאַנדאַלאַ", זעהט ווי אלע זיינע אידעען ווערען איבערגע־נומען דורך גראָבע הענד און דורך דעם פערשמוצט, פערדאָרבען. ער זעהט ווי עס לייַדט זיין אריסטאָקראַטיזם דורך דעם מתחתן זיין זיך מיט די נידריגע.

עס דאַרף ניט זיין קיין גלייכע, עס מוז עקסעסטירען דער בעל־עטאַז און דער פאַדוואַל...

און ער זאָגט, סטרינדבערגס העלד:

„זאָלען זיך די קינדער פון דער צאַנדאַלע נעהרען מיט קנאָבעל און ציבעלע, זאָלען זיי טרינקען פון שמוציגע, מוטנע קוואַלען, זאָלען זיי זיך ניט וואשען און ניט בויען קיין הייזער א. ז. וו."

דער זעלבער מאָטיוו פון שטאָלצען אריסטאָקראַטיזם, הערשט אויך אין זיין בוך „צווישען די שפּערען". דער אינזענער־פילאָזאָף באָרג מוז סוף כל סוף

אוועקוואַרפען די פיש-פאַנגער צווישען וועלכער ער וואָהנט און אוועקשווימען אין אָפענעם ים כדי קיין מאָל ניט אומקעהרען זיך.

סטרינדבערג איז אַ גרויסער אַרחיטעקטאָר. פילע פּרעכטיגע געביידעס האָט זיין זוכענדע, נייגיריגע און קראַנקע נשמה בעשאַפען. סטרינדבערג איז אָבער אויך אַ גרויסער צושטערער. איך ווייס נאָך ניט אַ צווייטען צו איהם וועלכער זאָל אַזוי פיעל בויען און אַזוי פיעל פאַנאַנדערוואַרפען, צובּרעכען, צושטעטערען ווי ער.

אָט איז אַ מענש וועלכער קלאָגט ניט אויף די חורבות, נאָר שעלט זיי מיט ביטערסטע קללות; אמת אין זיין שעלטען בעמערקט זיך אַזוי פיעל עלענדקייט און זאָרג, גרויסע זאָרג פון אַ גרויסע עלענדע נאַטור.

דען סטרינדבערג איז דער אמת'ער עלענדער, דער אמת'ער איינזאַמער, מען האָט איהם ניט ליעב. ניט לאַנג איז געווען אין די צייטונגען אַז סטרינדבערג האָט זיך מיט אַלעמען צוקריגט און מען ווייס ניט וואָס מען זאָל טאָן מיט זיין יובּילעאום: פון איין זייט מוז מען אַנערקענען זיין רייכע ווערטה אַלס קינסטלער, זיינע גרויסע פערדיענסטען פאַר די שוועדישע און וועלט ליטעראַטור — פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער סטרינדבערג אַ דאַנק זיין שטענדיג הייסע, שאַרפע פּאָלעמיק, נערוועזיטעט און כעס, וועלכע ער טראָגט אַריין אין יעדעס וואָרט וואָס ער שרייבט, אַרויסגערופען אַנקעגען זיך אַ גרויסען צאָרען און פעררדרוס.

און אין שטאָקהאָלם ווייס מען ניט וואָס צו טאָן מיט סטרינדבערגען.

זיין נשמה גאָגט נאָך ליעבע. לייענט זיינע וידוי-ווערק, די זעלטענע ביכער „וידוי פון אַ נאַר אין Erferno" אין וועלכע ער דערצעהלט וועגען (?) מיט אַ זעלטענע אָפענהערציגקייט און באמת געניאַלען ציניזם. דאָרט הערשט אַזאַ אומעט, אַזאַ טרויער. דער צושטערער, דער רעוואָלוציאָנער, דער אַנאַרחיסט סטרינדבערג איז אָפטמאָל דאָרט אַ קליין, אָרעמעס, פּערלאַ־ אַזוי נייגיריג אויף שטילע, געטרייע, ווייכע ווערטער.

און דאָך איז ער שטענדיג אַליין, שטענדיג איינזאַם, קען זיך בשום אופן ניט איינלעבען, ניט איינשטימען מיט מענשען.

אָבער ניט אַליין מיט מענשען, אויך מיט געטער און אידעאַלען, ווי מיר ווייסען, קען סטרינדבערג ניט לעבען לאַנג בשלום. ער ברעכט זיי, ער וואַרפט זיי מיט קללות אויף די ליפּען.

אין דעקאַבר איז ער אַ דעאיסט און אין מערץ דרוקט ער שוין אַ אַטעאיסטישע ווערק...

מען האָט איהם ניט ליעב דעם איינזאַמען אונרוהיגען פילאָזאָף און מיר דוכט דאָס דערפאַר ליעבט מען איהם ניט, ווייל סטרינדבערג איז שוין צו

ערנסט אפילו אין די אויגען פון די סקאנדינאווער וועלכע בעציהען זיך צו אלעס ערנסט און טראגיש.

סטרינדבערג איז צו אונרוהיג אפילו פאר אזא מרה שחורה'ניק און בייזען ווי הענריך איבסען.

איבסען געהט מיט א פערשפילעטען ראק, אויף סטרינדבערגען איז דער פלאשען אלע מאל צוריסען. ניט קיין וואונדער ווען ער האט זיך ענטזאגט געהן אויף א אבענד וואו סטרינדבערג האט אויך געדארפט זיין.

אזוינע מענשען ווי סטרינדבערג זענען ניט אלע מאל אנגענעהם.

אלע האבען מיר ליעב די ערטער וואו עס איז דא הארמאניע און אלע האבען מיר מורא פאר דער טראגעדיע.

די טוריסטען האבען ליעב נור פון דערווייטען זעהן ווי עס שפייט מיט פייער און שוועבעל דער וועזווו...

אפעליא האט זיך דערשראקען ווען זי האט דערזעהן האמלעט'ן, נאך דעם ווי ער האט זיך דערוואוסט פון דער מוטערס זינד:

„איך האב גענייט ביי זיך אין צימער, פלוצלונג לויפט האמלעט אן: זיין פלאשען אויף איהם צוריסען”...

אזוינע מענשען קענען קיין חברים ניט האבען, צו טראגיש זענען זיי.

עלעגיע האט מען נאך ליעב, האמסאן וועט אלע מאל בלייבען דער בעליעבטעסטער שרייבער פאר זיין שטילען, עלעגישען טרויער. סטרינדבערגען אבער פעהלט די עלעגיע, ביי איהם קען ניט זיין ניט טאמאם גלאן, ניט סטודענט פארעליאוס, ניט ראזא, וויקטאריא (האמסאנס העלדען).

דאס קומט מיר פאר דערפאר וואס סטרינדבערג ווייס ניט פון אלטע וואונדען. מען האט איהם אקארשט פערוואונדעט. שטענדיג פערוואונדעט מען איהם פלוצלונג; שטענדיג איז דאס פאר איהם א נייעס און פון סטרינדבערגס וואונדען ט ר י פ ט ניט, נאר עס פ ל י ס ט הייסעס, הייסעס בלוט.

און דערפאר שרייט ער אזוי. שרעקליך ווי סטרינדבערג שרייט, ער קען זיך אלץ ניט אויסשרייען, די ווערק גיבען ניט איבער אלץ וואס עס קאכט און ברויזט ביי איהם אינווייניג. — „ווען איך וואלט געקענט — האט מופאסאן ניט לאנג פאר'ן טויט געשריבען — וואלט איך אוועקגעלאפען ערגעץ ווייט אין א טיעפען וואלד און וואויען, שרייען דארט אין דער פינסטער שעה'ן-ווייז און איך מיין אז מיר וואלט אביסעל גרינגער געווארען”.

און ווען איך לייען די טעלעגראמע פון שטאקהאלם אין וועלכע עס דערצעהלט זיך ווי מען האט געפייערט סטרינדבערגס יובילעאום און אויך וועגען דעם ווי דאס פובליקום האט דורך אפלאדיסמענטען געוואלט ארויסרופען דעם יובילאר און ער, דער יובילאר, האט זיך ניט בעוויזען, ווען איך לייען די טעלעגראמע, שטעלט זיך מיר פאר בעת מעשה סטרינדבערג אין דעם גע-

דיכטען, פינסטערן וואלד ווי ער שרייט, ווי ער וואיעט איינער אליין, איינער אליין.

ער מוז לויפען אהין, דען אין די ווערק קען ער זיך ניט אויסשרייען...

קיינער האט נאך ניט געוואגט רעדען אזוי אפען וועגען די פערבארגענסטע, אינטימע מאמענטען פון זיין פערזענליכען לעבען ווי סטרינדבערג, דוסאס בעריהמטער וידוי איז אפשר שוואך געגען סטרינדבערג'ס „Inferna“ און דאך פיהלט זיך דאס סטרינדבערג'ס נשמה איז פול, אז זיין הארץ בעט זיך אויסדערצעהלען וועגען אלע איהרע לײדען, וועגען אלע איהרע סודות.

קיינער אפשר נויטיגט זיך ניט אזוי ווי ער אין א פריינד און אנשטאט דעם ליידט סטרינדבערג פון פערפאלגונגס־מאניע. ווי א פערטריבענער וואלף קוקט ער זיך אלץ ארום און ארום, זעהט אויף יעדער שריט און טריט שונאים, יעגער.

סטרינדבערגען דערצעהלט מען דאס אין פאריז איז געקומען דער שרייבער פאפאווסקי. — כדי מיך טייטען? — פרעגט סטרינדבערג. אונטער דעם נאמען פאפאווסקי פיגורירט א בעוואוסטער פוילישער שרייבער־מאדערניסט. וועגען זייערע בעציהונגען, אין וועלכע די הויפט־ראלע שפיעלט א פרוי, דערצעהלט סטרינדבערג פיעל. סטרינדבערג ליידט פון שרעקליכע גאליצינאציע:

„דאס שפיעלט ער, מיין פריינד, דער רוסישער שילער מיינער, וועלכער האט מיך גערופען „פאטער“ דען אלעס האט ער זיך ביי מיר אויסגעלערנט; מיין פאמולוס וועלכער האט מיך גערופען „מייסטער“, דען זיין לעבען האט זיך אנגעהויבען דארט וואו עס האט זיך געענדיגט מיין לעבען. דאס איז ער געקומען פון וויען אין פאריז מיך טייטען און איבער וואסער אורזאכע? — דערפאר ווייל זיין איצטיגע ווייב איז געוועזען פריהער מיין געליעבטע“ (בראנדעס).

אזוי לעבט דער גרויסער סקאנדינאווער קינסטלער אין איינזאמקייט, שרעק, גייסטליכע וואנדערונג.

סטרינדבער'גס נשמה איז שטענדיג דארשטיג.

ער פרובט אלע לעהרעס, ער ווארפט זיך אויף אלע וויסענשאפטען, סטרינדבערג איז דער געבילדעסטער שוועד, פילייכט דער געבילדעסטער קינסטלער אין דער וועלט, ער האט געשריבען היסטארישע און וויסענשאפטליכע ווערק, ער קען זאגאר חינעזישע שפראך.

סטרינדבערג ווארפט זיין ליטערארישע ארבייט און גיט זיך אין גאנצען איבער וויסענשאפט פיזיקע, חעמיע, באטאניקא.

אויף לאנג?

ניין, מיר זעהען איהם אין גיכען א איבער געגעבענעם די סודות פון אלחעמי און שרייבט אן א גאנצעם בוך Antiberbarus אין וועלכען ער דיספוטירט מיט די חעמיקער.

וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ענערגיע, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אונטודינג־קייט און אונרוהיגקייט.

ווען זשע וועט זיך בערוהיגען אַ מאָל סטרינדבערג?

וואהרשיינליך קיינמאָל...

* *

*

ער וואָלט נישט געווען קיין סקאַנדינאַווער שרייבער, ווען אין זיינע ווערק זאָל איינע פון די הויפּט־ערטער ניט פערנעהמען „די פרוי".

פּונקט ווי איבסען, ביערענסאָן און כמעט אַלע סקאַנדינאַווישע שרייבער, איז די פרוי געשטאַנען הויך אין סטרינדבערגס אויגען; ער איז געווען אַ הייסער פעמיניסט, מיט שענסטע בלומען האָט ער בעקרוינט איהר קאָפּ.

ענדיגען האָט אָבער סטרינדבערג געענדיגט מיט אַ זעלטענע האַס צו דער פרוי, מיט אַ האַס וועלכע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין זיין בעוואוסטע דראַמאַ „דער פאָטער" און זיין בוך „דער ווידוי פון אַ נאַר".

וויפיעל קאָנצענטרירטער כעס אין זיין דראַמאַ, וויפיעל ביטערער סאַרקאַזם אין זיין בוך! סטרינדבערג טרעט מיט די פיס וועגערא פון מילא צו וועלכע ער האָט זיך פריהער געבוקט.

אַלע ווייסען די שרעקליכע געשיכטע פון דעם מאַלאַנטפאַלען, געלערנטען ראָטמיסטר גוסטאַוו (סטרינדבערגס דראַמאַ „דער פאָטער"). די פאַלשע, פערדאָרבענע פרוי לאַורא טרעט אַרום ווי אַ פוריע, אין די נעצען פון פאַלשקייט, אינטריגעם וועלכע זי שפּרייט פאַנאַנדער, פאַלט אַריין אַ גרויסע מאַלאַנטפאַלע פיגור וועלכע האָט געטרוימט וועגען גרויסע ערפינדונגען, וועלכע האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט גרויסע וויסענשאַפטליכע פלענער, די קליינע אָרעמע פרויען־פיגור פון לאַורא איז דאָך געווען שטאַרקער פון ראָטמיסטר גוסטאַוו וועלכער איז געפאַלען אין דעם ניט־גלייכען קאַמפּף.

אין זיין שווידערהאַפטע דראַמאַ איז סטרינדבערג צו טענדענציעז, צו סובּיעקטיוו, נאָר דאָס איז זיין שטענדיגער פעהלער וועלכער. אַ דאַנק זיין טאַלאַנט, בעקומט סוף כל סוף דעם כאַראַקטער פון אַ משלה — דען מיט בלוט שרייבט סטרינדבערג זיינע ווערק.

די וואָס זאָגען דאָס אין סטרינדבערג'ס האַס צו פרויען איז דאָ פיעל

פערזענליכעס, דארפען זיך ניט מיהען דערווייזען דאס. סטרינדבערג אליין דערצעהלט אונז וועגען דעם אין שטארקע פארבען.

ווער האט נאך אזוי דערצעהלט וועגען זיך ווי סטרינדבערג און ווי דערצעהלט, אזוי קענען זיך נור גרויסע מענטשען ענטדעקען...

די גאנצע קינסטלערישע טהעטיגקייט פון דעם אונרוהיגען סטרינדבערג'ן, איז א מארטיראלאג פון א פערוואונדטע, צוריסענע נשמה. זיינע וועהטאגען האט ער געמיינט איינשטילען מיט קאטאליציזם צו וועלכען ער האט זיך די לעצטע יאהרען איבערגעגעבען, נור ניט דער שטילער אבענד-קלינגען פון די קאטאלישע קירכען, ניט די מעלאנכאלישע תפילה Ave Maria האבען געבראכט רוהע און פריעדען אין זיין צושטערטער אינערליכע וועלט.

אויף סטרינדבערג'ן הענגט א תוכחה פון עביגען וואנדערן. דער פלאשען וועט עביג אויף איהם זיין צוריסען. קאטאליציזם האט ניט געהאלפען, פונקט ווי עס העלפט איהם ניט מיסטיציזם.

אין זיינע לעצטע ווערק דערגרייכט סטרינדבערג'ס אונרוהע דעם קולמינאציאנס פונקט, איהר זעהט איהם ווידער אין געדיכטען וואלד איינעם אליין מיט אויסגעשפרייטע הענד שרייענדיג:

„גאט פון הימעל, גאט פון הימעל,

ראטעוועט אונז, מיר זענען פערפאלען".

די געזעלשאפט וועלכע פערשטעהט נאך מיטעלמעסיגען פראטעסט, ליבעראליזם, קען ניט פערטראגען אזא שטורם, אזא סאמום, אזא וואולקאניזם ווי ביי סטרינדבערג'ן. די רוהיגע געזעלשאפט איז שטארק צופרידען דארי־בער ווען זי קען דעם אונרוהיגען שטן פון סקאנדינאווער דיכטער פערטרי־בען מיט ווערטער ווי „אוננארמאליטעט" צום ביישפיל.

אזוי אפט האט מען ליעב אנווייזען אויף דעם פסיכיאטארישען סאנאטאריום וואו סטרינדבערג איז שוין איין מאל געוועזן און וואו ער וועט אפשר ענדיגען א מאל זיינע טעג.

נור צו די וואס ווייזען נור אויף דעם אן, האט זיך סטרינדבערג מיט רעכט געקאנט ווענדען מיט די ווערטער פון זיין פריינד פרידריך ניטשע וועגען קראנקהייט:

„וואס אנבעלאנגט מיין קראנקהייט, האב איך איהר געוויס מעהר צו דאנקען איידער מיין געזונדהייט; איך האב איהר צו פערדאנקען מיט מיין גאנצע פילאזאפיע, דען נור דער גרויסער וועהטאג איז דער לעצטער גייסט-בעפרייער".

ווענען דעם גרויסען וועהטאג דערצעהלען אונז אַלע סטרינדבערגס ווערק.

זיי זענען זעהר פיעל די ווערק. שווער איבערערכנען אַלע ביכער וועלכע סטרינדבערג האָט געשריבען. אַ סך העלדען געהען פאַרביי אונזערע אויגען, נור דער וועלכער וויל פאַרשטעהן סטרינדבערג'ן, דאַרף וויסען נור איין העלד אין סטרינדבערגס ווערק—דאָס איז ער אַליין: דער גרויסער, טרויעריגער זון פון סקאַנדינאַווער האַלב-אינזעל — דער קראַנקער אויגוסט סטרינדבערג.

שמריהו גאָרעליק.

עֶלֶעגִיֶע.

דרעֶהט זיךְ, דרעֶהט זיךְ טעֶג און יאָהרעֶן,
דרעֶהט זיךְ, פליִהט אַוועֶק;
בּעֶרג און גריִבּעֶר, שטיֵין און דאָרן...
— שוועֶר מיַין לעֶבּעֶנס=וועֶג! —

דרעֶהט זיךְ, דרעֶהט זיךְ טעֶג און יאָהרעֶן,
בּרעֶנגט מיִךְ שוין צום בּרעֶג;
נעֶהמעֶן זאָל די פּיַין און צאָרן,
אײַנמאָל חאָטש אַן עֶק! —

דרעֶהט זיךְ, דרעֶהט זיךְ טעֶג און יאָהרעֶן,
דרעֶהט זיךְ, לאָזט זיךְ אויס;
און אפילו פון זכרון
געֶהט געֶשוויִנד אַרויס!..

* *
*

שטום, פעֶרצווייפעֶלט — אַ בּעֶטריִבּטעֶ,
בּיַי איהר שעֶנעֶם בּלומעֶן=טאָפּ
שטעֶהט אין העֶרבּסט=ציַיט מיַין געֶליִעבּטעֶ
— ס'בּויגט אַ בּליִמעֶלעֶ דעֶם קאָפּ...

עֶפּיִס פאַרבּט איִהר אָב דעֶם שעֶנעֶם,
טיִעפעֶן מאָרגעֶן=בּליִק אויף שוואַרץ;
מיִט דעֶם בּליִמעֶלעֶ איִנ'איֵינעֶם
שטאַרבּט איִהר עֶפּיִס אָב אין הארץ...

פ'שטעה, פעֶרטיִעפט אין זיךְ, דעֶרגעֶבּעֶן,
— ס'ציִהט דעֶר מיִלדעֶר טויט מיִךְ צו: —
קאָן איִךְ, בּלום, ווי דו ניִט לעֶבּעֶן,
שטאַרבּעֶן וואָלט איִךְ חאָטש ווי דו!..

מ. בּרכּהן,

שלמה.

(אנפאנג פון דער לעגענדע „שלמה המלך'ס טויט“).

זעכציג העלדען פון ישראל, שטרייט געלערנט, שווערד בעוואפענט,
שטעהען וואך ביי זילבער־שטאנגען, היטען אב דעם קראנקען קעניג
פון די נאכט־שרעקען און שאטענס, וואס בעפאלען זיין געלעגער.
יונגע טעכטער פון יהודה האבען איהם דאס זייד־געלעגער
אויסגעבעט מיט מיידעל־ליעבע, אויסגעציערט מיט לוסט און דורשטען.
דאך אין פינסטער־שרעקען אפען בלייבט דאס שווארצאפעל פון קעניג,
און עס ציטערן די לעפצען, און די פורפור־זייד'נע חופה
קען נישט איינשלעפען דעם אומרוה פונ'ם עלטער־קראנקען הארצען.
הויך און וויים אויף ציטער־ארעמס הויבט זיך אויף דער אלטער קעניג.
לאזט אליין דאס זייד־געלעגער, טרעט ארויס פון זילבער־שטאנגען,
און בעגלייט מיט שטומע בליקען פון ערשטוינטע זעכציג העלדען,
לאזט ער טריט ביי טריט זיך בלאנדזען אינ'ם שרעקעדיגען פינסטער.

לאנגזאם און וויך שוועבט דער נאקעטער קעניג,
איינציג א שנעע־וויסער מאנטעל פון ליינען
פאלבט זיך אראב פון די נאקעטע אקסעל,
שאטענט אויף זיך די וויך־זילבערנע לאקען,
שאטענט אויף זיך די וויס־צאפלענדע בארד,
פאלבט זיך ארין אין די נאקעטע טריט.
שטיל דורך דער נאכט קומט דער קעניג צום היכל,
בלאנדזעט אין פינסטער דורך וויסליבע זיילען,
ציהט זיך צום גאלדענעם אבגלאנץ פון טראהן,
ס'הויבט זיך געהארכזאם אלויכטענדער שטאפעל,
הויבט ער זיך מיט איבער אדלער און לייבען
ביז ער בלייבט זיצען אין אדלערשע ארעמס.

פליהען צוויי טויבען אראב פונ'ם פורפור,
לעגען א פארמעט צו איהם אויף די קניה,
פליהען צוויי אדלער — די קרוין פון יהודה
לעגען זיי איהם אויפ'ן אלט-ווייסען קאפ.
ס'בלייבט זיך א האנד אין דער פינסטער — דער פארמעט
בלייבט אויף א לויכטענדען לייבישען רוקען,
ס'בלייבט זיך א האנד אין דער פינסטער — די קרוין
בלייבט איינזאם ליגען צופוסען דעם קעניג,
בריצענדיג בלייך אויף זיין נאקעטע לייב.

טויב און אדלער, קרוין און פארמעט, אלטע דינער, שוץ און גרויסקייט!
זאל נישט וועה טהון אויפ'ן קעניג, וואס ביי זילבער-ווייסע לאקען
מיט א עלטער-קראנקען ארעם, אין א נאכט פון פינסטער-שרעקען
האט ער שוץ פון יאהרען שטענדיג, אלטע טרייהייט אבגעשטויסען,
יאהרען שטענדיג האבען לעפצען אונטער קרוין און שוץ פון פארמעט
שטראמען ווערטער, פלאמען-ווערטער איבער מענשען-קעפ צופלאסען
און צושיקט אויף זיבען ווינדטען איבער אלע וויטע לענדער —
איז צום ווייס געוואר'נעם קעניג די בעשערטע צייט געקומען,
ליינען אנגעקליידט שטאט פורפור מיט א קרוין צופוסענס ליגען,
אהן שלוחים צום פערגעסען זיינע הארצענס-ווערטער שיקען.

ציטערנד-פעסט איז די שטימע פון קעניג,
שטיל און בעדאכטזאם קומט ווארט פון די לעפצען,
שווימט א צעוויעגטעם אין פינסטער פון היכל,
שלאגט זיך דארט אב אן די טענענבוים-ווילען,
טענענבוים-באלקען און ווייסליכע שטיינער.
דאכט זיך — עס ווערט דארט אין פינסטער געבוירען,
וועקט זיך אין קלאנגען און לעשט זיך אין פינסטער.
טיעף אבער, בלייבענד אין בלאנקען פון גינגאלד
שמייבעלט, פערוויקעלט אין ווייסען דער קעניג,
רוהט א פערטיעפטער — און בלייך-אלטע לעפצען
ריהרען זיך, פליסען מיט דרינגענדע ווערטער.
ס'בויגט זיך דער קאפ צו דעם נאקעטען ארעם,
זילבער פון האר, בלייבט אין ווייסליכע פינגער
און דורך די שאטענס פון זילבערנע ברעמען
ציהען זיך בליקען אין ווייטקייט פון היכל.
טיעף ביי די זייטען, האלב-רונדיגע רייהען

ציהען זיך זיבעציג שטוהלען אין פינסטער,
בלאנקען פון נאהנט און זינקען פון ווייטען
איינגעטונקט שווארץ אין דער טיעפקייט פון נאכט.
קיינער וועט מיין ווארט נישט הערען. אויף רויט-זיידענע געלעגערס
איינגעהילט אין ווייסע טרוימען אונטער העלע תכלת-חופות
רוהען זיבעציג חכמים, ווייסע בערד אויף זייבער ברוסטען,
און עס וועבט זיך זונען-אויפגאנג אין די טרוימען פון דער עלטער.
פינסטער איז אין ווייסען היכל. איינגעטונקט אין קאלטען פינסטער
הויערט נאכט אויף גאלדענע שטוהלען, גריוועט איין דאס העלע בלאנקען,
דעקט זיי איין מיט שטומע שאטענס, — און פערוויסטע שטעהען שטוהלען,
ווי קיין האנד וואלט נישט בעריהרט נאך די פון גאלד-געשניצטע אנלעהנס,
און פערוויסט הילט איין דער היכל זייל און וואנד אין פינסטער-שווייגען,
ווי די ווייסע טענענבוימער וואלטען קיין מאל נישט געזעהן
אלטע קעפ און גראהע לאקען שאקלען זיך אין גאלד פון שטוהלען,
נישט געזויגען ווערטער-מורמלען פון פערציטערט-אלטע לעפצען.
ווערטער זענען דענקענס-שטראמען אויף דער שפראך פון מענשען-שטימען—
נאר עס יאגט א שטראם אריבער און צוריק וועט ער נישט קומען.
שווייגענס-שעה'ן פון פערגעסען ווען איינשלינגען די אלטע,
ווייסע זיבעציג חכמים, זילבער-בערד אויף זייבער-בריסטען,
ס'וועט פון זיי קיין שפור פערבלייבען איבער שטעג און וועג און טעפיך.
ווי ס'וואלט קיינמאל נישט געפאלען אויף די קעפ קיין בוימער-שאטען,
ווי ס'וואלט קיינמאל נישט געלויכטען איבער זיי די זונן פון הימעל.
אלץ איז וויסט און אלץ איז נישטיג, ווי א ווינד, וואס געהט אריבער.

וועקט זיך געדאנק אונטער זילבערנע ברעמען,
צינרט זיך א ווילען אין בליק פון די אויגען —
וועקט זיך די שטימע ערמינטערט פון עלטער,
פליסען די ווערטער, ווי שטראמען אין פריהלינג.
ווינטער-לאנג שטום אין פערגליווערטע ברעגעס
נעהרען זיך שטראמען מיט קראפט פונ'ם ווינטער
ווערט עס אין הויך פונ'ם פריהלינג צושמאלצען,
פליסט עס אין שטראמען, נאר ס'פיהלט זיך אין פליסען
אייזערנע קראפט פון פערגליווערטען ווינטער.
לעשט זיך געדאנק אונטער זילבערנע ברעמען,
אויגען פערוואלקענט א וועהטאג פון עלטער —
לעשט זיך די שטימע — א פראסטיגער ווינטער
פאלט אויף די שטראמען און שטיקט זיי אין ברומען.

ס'ווערט אין לייד א מענש געבוירען, ס'וועקט זיך אויף א לעבענס-ווילען.
צווישען טרייע מוטער-בריסטען דרימעלט שטיל א קינדער-וועלע,
א פערמאכטע ווייסע קנאספע פון א צארטען פריהלינגס-בלימעל,
און מיט בלינדע ליפען זויגט עס לעבענס-קראפט פון מוטער-בריסטען
זויגט און ציטערט, זויגט און וועקט זיך, פלאטערט אויף מיט בלאט און שטענגעל
ביז די אויגען ווערען אפען און ס'ערשיינען ערד און הימעל,
ווי אין שטילען שפיגעל-וואסער פון א שמייכעלדיגען קוועלכעל.
ווערען אפען קינדער-אויגען — צינדט זיך אן א הייסע יוגענד,
יאגט זיך לוסטיג אין דער זון-שיין איבער גרינע פריהלינגס-פעלדער,
און עס ווערען פול די הערצער, לעפצען יונגע שמייכלען פריידיג,
שמייכלען לוסטיג, רופען הארציג איבער יעדער שטראהל און בלימעל,
זאנג און בלעטעל פריש-ענטדעקטע, — נאר דער ערשטער קינדער-שמייכעל
פון דער אויפגעוואכטער זעעלע וועט אויף אייביג ערשטער בלייבען — — —
אונטער הויכע פייגענבוימער, צווישען זאפטיג-פרישע גראזען
גיסט זיך לייב און פלאם צוזאמען, ליפ צו ליפ און האנד אין ארעם,
ברוסט אויף בריסטען ברויזט און הויבט זיך, בלוט אין ארעמס זיצט און יאגט זיך,
ווייבער פרויען-קערפער בויגט זיך צווישען הענד אין קראמפף געפלאכטען,
און פון אונטער מענער-אטעם, איינגעשטיקט אין קערפער-צאפעל
וויקעלט זיך א קרעכץ פערשטיקטער, א געשריי פון ליעבע-וועהטאג — — —
ס'רייסט זיך איינמאל נאר פונאנדער טוי פון יוגענד אין די בלוטען,
ברעכט זיך אויס אין פייער-אויסגוס און פערפלייצט בעגעהר און ווילען —
ווייטער צינדען זיך נאר פלעמלעך און פערגעהען אויסגעברענטע.
און פערבענקט נאך יוגענד פייער זוכט עס אום א מענש פערצאפעלט,
זוכט עס לאנגע וואגעל-יאהרען צווישען טויזענד הינדען-בריסטען,
נאר דער פייער איז פערפלויגען און צוריק וועט ער נישט קומען.
ליעבע-דורשטיג, לעבענס-דורשטיג טיילט ער בעט מיט פרוי און ווייבער,
געהמט פונאנדער אלטע צוימען פון זיין פאטער'ס פעלד און גארטען
נייע זוימען צו פערזייען, בוימער יונגע צו פערפלאנצען,
הייטער שפראצען פרישע לעבענס אין די ווענד פון אלטען הויז-נעסט,
און געוועקט פון שטימען יונגע, אויפגערידהרט פון קינדער-לאכען,
רוקען זיך די ווענד פונאנדער — זאל דער הויז-דאך ברייטער ווערען
און בעשיצען מיט זיין ברייטקייט פרוי און ווייבער, קינד און קינדער.
ס'פאליען זיך די פעלדער זאפטיג, איינגעוויגט אין גאלדען-זאנגען,
אין די גערטנער מורמלען קינדערש פריש-געפלאנצטע בוימער יונגע,
און אין העלען רעגענבויגען פון צובליהטע קינדער-שטימען
וויגט זיך בלינד א מענש אין פאליעם איבער פלינקע לעבענס-רגע'ס.

גאָכצוזאָגען רוהם און רײַכקײַט, לוסט און ליעבע, פרײד און תענוג,
וואָס פערנאַרען פון דערווײַטען מיט'ן גלאַנץ פון גינגאָ־ד־שטערען,
מאַכען זיס דאָס האַרץ פערוואונדעט, פון אַ שטראַהלען־שפּיז געשטאָכען,
און צולעגען זיך ווי שאָטענס אין'ם גאַנג פון לעבענס־פּאַליעס.
און ווערט אָנגעגרײַפט אַ שאָטען, ווערען שטראַהל און גלאַנץ בעצוואונגען,
פאַלט דאָס בלאַנקען פאַר די אויגען אין אַ ווינדטעל אַש פונאַנדער,
ווערט אַ שטראַהל אין אויג פערוואַנדעלט אין אַ בלײַבען שטויבלעך־פּאָדים,
און ס'פערדונקעלט בליק און ווײַטקײַט. און ס'פערשפּינט דאָס האַרץ אין נעבעל,
באַנגשאַפט־נעבעל אויף די טרוימען, מיט'ן ווינד אין שטויב צוטריבען.
נאָר אין הײַסע דורשטען־ווינדטען, און בעגעהרען־פּײַן און בענקשאַפט
יאָגט עס ווײַטער איבער פאַליעס צו דעם פאַלשען גלאַנץ און בלאַנקען,
ווײַך בעגעהרען־פּײַן צו שטילען מיט'ן שפּיעל פון שאָטענס בלײַכע,
אײַנצושלעפערן די זעעלע אין געדיכטען ווערהטאָג־נעבעל.
שטאַרק נאָך שטויב און אַש פון שאָטענס — פאַלט אַ בלינדקײַט אויף די אויגען,
פאַלט אַ טונקעל־מיעדער שלײַער אויף דער אויסגעגאָנגטער זעעלע,
אין שטילען־שטירען ווערהטאָג הויבט אַ ווילען אָן צו נאָגען
און צוריק אַהינטער ציהען אויף די העלע יוגענד־שטעגען,
וואו עס שפּראָצען בלימלעך קינדערש, וואו עס גרינען פעלדער זאַפטיג,
וואו די שטילע מורמלער־בוימלעך וויגען אײַן צום שלאָף־געלעגער
און עס ציהען זיך מיט ליעבע, מיעד פון זון־ליכט אָרעמס ווײַכע — — — —
נאָר אין גאַנג פון לעבענס־פאַליע יאָגען ראַש די פלינקע רגע'ס.
יאָגען ווײַטער, יאָגען ווײַטער — און אָט זעהט זיך שוין פון ווײַטען —
גראָהער הימעל שווער פערוואָלקענט, בוימער צווײַגלעך הוילע שטאַרצען
פוילע בלעטלעך שטיל זיך וואַקלען צווישען קאַלטע ברומער־ווינדטען,
און די פלינקע לעבענס רגע'ס ווערען קאַלטער, ווערען שווערער,
פונ'ם וואָלקענדיגען הימעל הויבען בליטהלעך אָן צו פאַלען,
ווײַסע, רײַנע שנעען־בליטהלעך, און פערווײַסען באָרד און לאָקען,
מאַכען שטיל דעם קאָפּ געזונקען צו דעם שנעע־פערווײַסטען באָדען,
און עס ווערט דאָס לײַב געדרונצעלט פון די שנײַדענד־קאַלטע ווינדטען,
ס'פאַלען אָב די העגד אין אָהנמאַכט, ס'ווערען אויגען אײַנגעגראָבען.
און אַזוי קומט אָן דער ווינטער, און אַזוי קומט אָן די עלטער
אויף דער אויסגעגאָנגטער זעעלע אָבצופיהרען זי דורך שטעגען,
ווײַסע, קאַלטע ווינטער שטעגען — צו דעם קוואַל פון איהר געבוירען.

— — — — — — — —

— — — — — — — —

מנחם.

עֶקזיסטֶענץ און מַאכְט.

(פון דאַרווין ביז ניטשע).

I.

די ציוויליזירטע וועלט פייערט דעם הונדערטען געבורטסטאָג פון דעם ענגלישען נאַטורפאָרשער און דענקער טשאַרלז דאַרווין.

אין דער גרויסער ירושה, וואָס דאַרווין האָט אונז איבערגעלאָזען, אין דער לאַנגער רייהע פון בעאָבאַכטונגען, פאָרשונגען, טעאָריעס און היפּאָטעזען, פערנעהמט א וויכטיגען פּלאַץ די פאָרמולירונג פון דעם נאַטור-געזעץ: דער קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ, דאָס געזעץ לויט וועלכען יעדעס וועזען, יעדע בעשעפּעניש לאָזט זיך ניט אוועקנעמען זיין לעבען, און קעמפּפט האַרטנעקיג פאַר זיינע עקזיסטענץ, ביז עס זיעגט, אויב עס פערמאָגט גענוג קראַפט דערצו, אָדער עס פאַלט אין קאַמפּף, אויב עס האָט זיך אָנגעשטויסען אויף א שטאַרקערן פאַר זיך.

דער גרונד-געדאַנק אַליין געהערט ניט דאַרווינען, זיין קערן בעגעגענען מיר שוין ביי די גריכישע פילאָזאָפען (עמפּידאָקלעס). דאַרווין האָט אָבער אַרויפגעצויגען הויט און פלייש אויף דעם סקעלעט, און אַריינגעזעצט איהם א לעבעדיגען גייסט. ביי דאַרווינען איז דער קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ די אורזאַכע פון דער פיעלהייט און פערשידענהייט פון די אַרטען.

אין קאַמפּף פאַר די עקזיסטענץ זיעגען די אינדיווידוען, וועלכע זענען פאָלקאָמענער אָדער צוגעפּאַסטער צו די אַרומיגע אומשטענדען. דאָס איז דאָס געזעץ פון דעם נאַטור אויסוואַהל: די נאַטור אַליין וועהלט אויס פאַר די עקזיסטענץ דעם צוגעפּאַסטערן טיפּוס. די דאָזיגע אינדיווידוען טראָגען איבער זייערע אייגענשאַפטען, וואָס זיי האָבען געאַרבט אָדער ערוואָרבען, אויף די אינדיווידוען, וואָס שטאַמען אָב פון זיי. אַזוי געפינען זיך די אַרטען אין שטענדיגער פערענדערונג און אונאויפהערליכער ענטוויקלונג, לויט די אַרומיגע בעדינגונגען, וועלכע זענען ניט אומעטום און ניט אַלע מאָל גלייך.

ווי וויכטיג דאָס געזעץ איז פאַר די ביאָלאָגיע, האָט דאָך דאַרווין צו פערדאַנקען זיין פּאָפּולאַריטעט דעם פערדיענסט פאַר די סאָציאָלאָגיע.

די איבערצייגונג אין דער אַלגעמיינער בעדייטונג פון דעם דאָזיגען נאַטור-געזעץ איז אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19-טען יאָהרהונדערט אַריינגעדרונגען און איינגעוואָרצעלט זיך טיעף אין אַלע פראַגען פון אינדי-

ווידועלען און געזעלשאַפטליכען לעבען, און האָט אַרויפגעלעגט אויף זיי אַ באַזונדערן שטעמפּעל. עס איז געוואָרען דער באַזיס אויף וועלכען מען האָט געבויט דאָס געבּיידע פון מענשליכען לעבען. אַלע ערשיינונגען אין מענשליכען לעבען און זייערע וואַריאַנטען אין אָבּגעענדערטע פאָרמען, האָט מען געשטעלט אויף דעם רעכנונג פון דעם דאַרוויניסטישען נאַטור־געזעץ. קריעג און פריעדען, איינינקייט און שפּאַלטונג, סאָציאַלעס צוזאַמענווירקען און אינדיווידועלע זעלבּסט־טעטיגקייט, אַלע פאָרמען פון מענשליכען צוזאַמענלעבען, ווי שטאַאט, געמיינדע, נאַציאָן און קלאַס, אַלע פּראָדוקטען פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, ציוויליזאַציע, קולטור, פּראָגרעס, מאָראַל, זאָגאַר רעליגיאָן און קונסט האָט מען בעטראַכט אַלס רעזולטאַט פון דעם עביגען קאַמפף אויף דעם שלאַכט־פעלד פון דער וועלט. דער מענש, האָט מען געזאָגט, ווערט געטריבען פון דעם שטאַרקסטען אינסטינקט, וואָס געוועלטיגט אין איהם, וואָס בעשטימט אַלע זיינע טהאַטען, דער אינסטינקט פון זעלבּסט־ערהאַלטונג. אין דעם עביגען שטרייט פון זיין געגען ניט־זיין שטרעבט דער מענש צו פערשאַפען זיך אַלע מעגליכע מיטלען אום צו שיצען און פערטיידיגען זיין עקזיסטענץ, וועלכע איז איהם טייערער פון אַלעס אין דער וועלט. ער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אום אויפצורוימען די שטערונגען, וואָס ער טרעפט אויף זיין וועג. ער שמידט זיך די פעסטעסטע און זיכערסטע וואָפען, אַראָבצושטויסען מיט זיי דעם פיינד פון זיין פּאָזיציע און אַליין זי צו פערנעהמען, Ôte-toi que je m'y mets. און אין דער פערביטערטער קאָנקורענץ פון לעבען פאַלט ער אויף די שאַרפזיניגסטע מיטעל, האָבענדיג איין איינציגען צוועק: אַרויסגעהן אַלס זיעגער פונ'ם קאַמפף פון לעבען. צו די מיטעל געהערען ניט נאָר די ערפינדונגען אין דער טעכניק, ווי דאַמפף, עלעקטריציטעט א. א. וו. אַזעלכע מיטעל זענען אויך אַלע די אינסטיטוציעס, וואָס דער מענש האָט זיך בעשאַפען, אַזעלכע מיטעל זענען אויך אַלע די געטער, צו וועלכע די מענשען האָבען געדיענט, זייערע געבּאָטען וועלכע מען האָט געפאָלגט.

די דאָזיגע אַנשויאונג שפּיגעלט זיך אָב זעהר רעליעף אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג. דער מענש, זאָגט זי, קעמפפט פאַר קיין אַנדער זאַך, אַלס פאַר זיינע מאַטעריעלע בעדערפעניסען, פאַר זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסען. ער געהט אָבער ניט אַליין אויפ'ן קאַמפפס־פעלד. עס פערבינדען זיך און פעראייניגען זיך אַלע די, וואָס זייערע אינטערעסען פאַלען צוזאַמען, און וואָס שטרעבען צו איין און דעמזעלבען עקאָנאָמישען צוועק. עס ענטשטעהט אויף אַזאַ אופן דער קלאַס. „די געשיכטע איז דער קאַמפף פון די קלאַסען" שטעהט אין אָנפאַנג פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט. דאָ איז דאָס דאַרוויניסטישע געזעץ אָנגעווענדעט שוין אויף די געשיכטע. דער

קאַמפף פאַר די עקזיסטענץ טראָגט זיך איבער פון איינצעלנעם אויפ'ן קלאַס. די הערשאַפט בלייבט אין די הענד פון דעם קלאַס, וואָס האָט געזיגט. אין זיין מאַכט געהען איבער ניט נאָר אַלע אַלטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען עקזיסטירט, ווי שטאַאט, געמיינדע א. א. וו. ער בעשאַפט אויך נייע, וועלכע ניצען איהם צו זיינע אינטערעסען, און ער טראָגט אַריין זיינע, איהם פאַסענדע, אידעען אויך אין די מאָראַל, רעליגיאָן און קונסט. די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע-אויפפאַסונג זעהט אין דעם קלאַס די איינציגע נאַטירליכע צוועקמעסיגע פערבינדונג צווישען מענשען. אַלע אַנדערע, וועלכע זענען ניט אַ פּראָדוקט פון דעם קאַמפף פאַר די עקזיסטענץ, קענען אין דער געשיכטע קיין ראָלע ניט שפּילען.

נאָר אויך די נאַציאָנאַליסטען האָבען זיך אָנגעפאַסט צו דעמזעלבען שטאַנדפּונקט. זיי בעטראַכטען די נאַציאָן ווי אַ העכערן נאַטירליכען אָרגאַניזם. די איינצעלנע מיטגלידער זענען טיילען פון דעם ריזיגען אָרגאַניזם, זענען זיינע אַטאָמען. אָט דער אָרגאַניזם ווי אַלע אַנדערע וויל האָבען אַ עקזיסטענץ, און האָט דאָס רעכט צו ווידערשטרעבען זיך מיט אַלע קרעפטען געגען די אַטענטאַטען פון אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען, וועלכע האָבען אין אינטערעס איהם איינצושלינגען אָדער אין אַלגעמיין אומברענגען פון דער וועלט. דאָס איז קאַמפף פאַר די עקזיסטענץ פון דער נאַציאָן.

די פילאָזאָפישע בעגרינדונג פון דער שטאַאַטס-אָרדנונג אין דעם מענשליכען געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי מיר בעגעגנען זי, צום ביישפּיעל, ביי ה ע ג ע ל, זעהט אינ'ם שטאַאט דעם זעלבען אָרגאַניזם, וואָס די נאַציאָנאַליסטען זעהען אין דער נאַציאָן. דער שטאַאַטס-אָרגאַניזם, וועלכער איז לויט ה ע ג ע ל'ס אויסדרוק, די א ו י ב ע ר ש ט ע ש ט ו פ ע פ ו ן ד ע ם אַ ב ס אָ ל ו ט ע ן ג י י ס ט ווי ע ר ע נ ט וו י ק ע ל ט ז י ך א י ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע, אָדער דאָס ה ע כ ס ט ע מ אָ ר אַ ל י ש ע וו ע ז ע ן, איז די איינציגע קוועלע פון גערעכטיגקייט און ר ע כ ט. די איינצעלנע; זיינע אַטאָמען ציהען זייער נאַהרונג פון איהם. די רעכט וועלכע זיי פערמאָגען, זענען קאָנצעסיעס, וואָס דער שטאַאט האָט זיי געגעבען. אָט די אַנשויאונג אַנערקענט דעם שטאַאט דאָס רעכט, ניט נאָר אָבצושטויסען די אָנגריפען פון אַנדערע שטאַאטען, נאָר אויך אָנפאַלען אויף זיי, אויב דאָס איז איהר נויטיג אום צו בעפעסטיגען איהר לאַגע, צו זיכערן איהר עקזיסטענץ. דיזעלבע אַנשויאונג גיט איהר אויך דאָס רעכט צו בעקעמפפען איהרע איינענע טיילען, וועלכע ווייזען אַ טענדענץ צו שעדיגען דעם שטאַאט אָדער אָבצופאַלען פון זיין קערפּער, בעטראַכטענדיג אַזאַ פּראָצעס אַלס קראַנקהייט פון דעם אָרגאַניזם.

די אָרגאַנישע בעטראַכטונג אין דער סאָציאָלאָגיע אין אַלגעמיין האָט צוגעגרייט אַ גינסטיגען באָדען פאַר דעם דאַרוויניסטישען געזעץ. זי האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם אייגפלוס פון דער פּאָזיטיוויסטישער שולע פון אויגוסט קאָנט. די אָנהענגער פון דער דאָזיגער שולע בעהאַנדלען די מענשליכע געזעלשאַפט אַלס געוויסע אָרגאַניזמען, לעבעדיגע אָרגאַניזמען. דאָס מעהרסט אַנטראָפּאָמאָרפירען זיי די געזעלשאַפט, זיי שטעמפּלען אויף איהם אָב דאָס מענשליכע אַנגעזיכט און טראָגען אויף איהם אַריבער אַלע זיינע אייגענשאַפטען. די געזעלשאַפט האָט כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, איהר אייגענע פּסיכיק. אַ נאַציאָן אָדער אַ קלאַס געהט דורך אַלע סטאַדיען פון מענשליכער ענטוויקלונג: געבורט, יוגענד, עלטער, טויט. די געזעלשאַפט האָט געהירן און האָט מוסקולען. די דענקער, דאָס זענען די געהירן, די אַרבייטער—די מוסקולען. דער איינצעלנער איז נאָר אַ צעלע פון דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, און האָט גאָר קיין ווערטה ניט, און מעג אויפגעאָפּפערט ווערען פאַר די אינטערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. די אויפגאַבע פון דער סאָציאָלאָגיע איז נאָך זייער מיינונג צו שטודירען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם דאָזיגען איבער-אָרגאַניזם און אויסגעפינען איהרע נאַטירליכע געזעצען.

נאָר זאָגאַר די, וואָס האָבען ניט איינגעשטימט מיט אַזאַ מעטאָדע פון בעטראַכטונג, זאָגאַר די וואָס האָבען ניט געפונען אין דער וועלט קיין העכערן וועזען ווי דער איינצעלנער מענש, האָבען אויסגעבויט זיין פולעם אונבעגרענצטעט רעכט אויף לעבען אויפ'ן גרונד פון דאַרווינס נאַטור-געזעץ.

דער אויסדרוק „אַנערקענען, פעסטשטעלען עמיצען דאָס רעכט", הייסט אין דעם דאָזיגען פאַל ניט די אויסטייטשונג פון אַ וועלכען ס'איז געשריבענעם געזעץ (legis interpretetio) צום גונסטען פון דעם אָדער יענעם רעכט-סוביעקט. עס רעדט זיך דאָ פון דעם נאַטור-רעכט, פון דעם „רעכט וואָס ווערט מיט אונז געבוירען" ווי געטהע דריקט זיך אויס. מען מיינט דאָ דאָס ניט-געשריבענע רעכט, וואָס געהערט אַ וועלכען ס'איז וועזען אויפ'ן גרונד פון די נאַטור-געזעצען, וואָס הערשען אין איהם.

אַז די געזעצען פון דער נאַטור זענען הייליג פאַר אונז, איז אַ דאָגמאַ, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 19-טען יאָהרהונדערט, אַ דאַנק דער אויפלעבונג פון רוססאָ'ס אידעען ביי רעסקין און טאָלסטאָי. דאָס איז דאָס מעכטיגע עכאָ וואָס קלינגט אָב ביי יעדען מאָדערנעם דענקער און קינסטלער: „צוריק צו נאַטור" שפּינאָזאָ'ס פילאָזאָפישער אויסדרוק deus or te natura (גאָט אָדער די נאַטור) האָט בעקומען אַ פּראַקטישע אַנווענדונג. די נאַטור איז דערהויבען געוואָרען צו דער שטופע פון אַ גאָטהייט. איהרע געבאָטען, וואָס זי דיקטירט אונז

מוזען מיר ערפילען פינקטליך און גענוי. יעדע אונגעהארכזאמקייט, יעדער ווידערשטאנד ווערט הארט בעשטראפט פון דעם דאזיגען גאט, וועלכער איז א גאט פון ראכע.

דער קולט פון דער נאטור האט אזוי וויים בעהערשט די גייסטער, דאס ווען עס שטעהט אויף א נייער געניע און זאגט ארוים נייע פאראדאקסאלע מיינונגען, אונטערזוכט מען צו אלעם ערשטען זיין נאטירליכקייט, זיין געזונדזיינע צושטאנד. געפינט מען עפעס ארויס, ווארפט מען ארויף א פערדאכט אויף זיינע געדאנקען, ווי ריכטיג, ווי טיעף, ווי שעהן זיי זאלען זיין.

נארדוי האט קיין בעסערע מעטאדע ניט געפונען צו קריטיקירען א גאנצע רייהע פון קינסטלער און דענקער, אלס ערקלערען זיי אלע פאר קראנקע.

דער פאזיטיוויזם האט בעשאפען דעם באדען, און דער קולט פון דער נאטור האט סאנקציאנירט דעם דארווינישען נאטור-געזעץ און ארויסגערופען די עהרפורכט, מיט וועלכע מען בעציהט זיך צו איהם.

II.

א מערקווירדיגע ווענדונג האט אנגענומען דאס דארווינישע געזעץ אונטער דעם איינפלוס פון דער שאפענהויערישע פילאזאפיע וואס איז אייגענטליך עלטער אלס דארווינס פארשונגען, און האט אבער אנגעפאנגען צו ווירקען שפעטער.

פון איין זייט איז שאפענהויערס וואלונטאריזמוס — די לעהרע, אז דאס וועזען פון דער גאנצער שעפפונג, דער אינערליכער קערן, וואס איז פערבארגען אונטער יעדער פארשטעלונג (Das Ding an sich) איז דער ווילען צום לעבען — די פאסענדסטע מעטאפיזישע גרונדלאגע פאר דארווינס the struggle for life. דער מענש וויל לעבען, און דעריבער קעמפפט ער פאר דאס לעבען. פון דער אנדערער זייט אבער האט שאפענהויערס פעסימיזם — די לעהרע אז די וועלט איז די ערגסטע פון אלע די וועלכע האבען געקענט בעשאפען ווערען — ארײַנגעווארפען א צווייפעל אין דעם ווערטה פון דער עקזיסטענץ, פאר וועלכע דער מענש קעמפפט.

עס איז פאראוים צו בעמערקען, דאס אין זיינע אנשויאונגען אויף דאס לעבען פון מענשען געהערט שאפענהויער צו די אינדיווידואליסטען, וועלכע האבען אבגעווארפען די ארגאנישע בעטראכטונג אין דער סאציאלאגיע. לויט די אינדיווידואליסטען עקזיסטירט גאר ניט אזוינס, וואס מען רופט געזעלשאפט.

די געזעלשאַפט, די נאַציאָן, דער קלאַס—דאָס זענען ניט מעהר ווי בעגריפען—
אַ פּראָדוקט פון דעם מענשליכען פערשטאַנד—דאָס זענען נאָר קלאַסיפיקאַציאָ-
נען. אַלעס וואָס מען רופט: סאָציאַלע ערשיינונגען זענען ניט מעהר ווי
קאָמבינאַציאָנען פון דער אינדיווידועלער פּסיכיק. אין בכלל אלא מה שבפרט
(אין אַלגעמיינעם איז ניטאָ מעהר ווי אין איינצעלנעם), זאָגט שוין די
תלמודישע לאָגיק. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם איינצעלנעם גיט שוין אַ פאָלשטענ-
דיגע ערקלערונג פון די סאָציאַלע ערשיינונגען. אין דער היסטאָריע ענטפּדעקט
זיך ניט דער אַבסאָלוטער פערנונפטיגער גייסט, ווי עס מיינט העגעל—
עס הערשט אין איהר דער בלינדער אונשטילבאַרער ווילען צום לעבען. די
היסטאָריע בעשטעהט ניט פון לעבענס-געשיכטען פון פעלקער, שטאַאַ-
טען אָדער קלאַסען, זי האָט ניט קיין צוזאַמענהאַנג, קיין געזעץ-מעסיגקייט.
עס איז אַ ווילדער חאָאָס אָהן וועלכער ס'איז אָרדנונג, עס איז דער פער-
ביטערטער קאַמפּף פון יעדען געגען יעדען Bellum omnium coutra omnes. און
אויב מיר ווילען זיך קלאָר מאַכען איבער די אויפגאַבען פון מענשען, אויב
מיר ווילען אָפזוכען אין דעם לאַבירינט פון לעבען אַ וועג פאַר דעם מענ-
שען, מוזען מיר דערפאָרשען ביז'ן גרונד די פּסיכאָלאָגיע פון דעם איינצעל-
נעם און זיין שיקזאַל אויף דער ערד.

און צוקוקענדיג זיך צו דעם הילפלאָזען און עלענדען אינדיווידום, ווי
עס צאַפּעלט און פלאָנטערט זיך אין אַ נעץ פון טרוימען און האָפנונגען,
וועלכע „ערפילען ניט דאָס, וואָס זיי פערשפּרעכען, און אויב זיי ערפילען—
איז נאָר צו בעווייזען, ווי ניט געלוינט עס האָט זיך צו פערלאַנגען"; זע-
הענדיג אַז דאָס גליק ליגט ניט אין דער מאַכט פון דעם איינצעלנעם, און
קען ניט פערשאַפט ווערן דורך דער געזעלשאַפט, אַז יעדער מענש קען
זאָגען ווי הלל: אם אין אני לי מי לי וכשאני לעצמי מה אני, קומט שאָפּענ-
הויער צו זיין פּעסימיסטישען בעשלוס, אַז דער שמערץ איז דאָס פּאָזיטיווע,
דאָס געוועהנליכע אין לעבען און דאָס גליק איז דאָס נעגאַטיווע, דאָס אונ-
געוועהנליכע. און מאַכענדיג דעם בילאַנס פון דעם געשעפט וואָס מען
רופט אָן עקזיסטענץ, קומט שאָפּענהויער צו דער אונטערשטער שורה, אַז
די וועלט איז באַנקראָט און דאָס לעבען אַ געשעפט, וואָס טראָגט ניט
אַריין די שפּעזען.

און שאָפּענהויער'ס פּעסימיסטישער קוק אויף די וועלט איז ניט אויך
אָהן ווירקונג. די ברייטע מאַסע איז ניט פעהיג געוועז אָנצונעהמען די וויכ-
טיגסטע און טיעפסטע טיילען פון זיין פילאָזאָפיע, צום ביישפּיעל: די ער-
קענטניס-טעאָריע, די מעטאַפיזיק און די עסטעטיק. עס האָט זיך אַרויס-
געוויזען געאייגענט נאָר פאַר די שקלאַפען-מאָראַל פון זיין סכאָלאַסטישער
עטהיק, פאַר די לעהרע פון בטול, פון אָבזאָגען זיך. דערזועלבער שאָפּענ-

הויער, וואָס האָט מיט זײַן וואָלונטאַריזמוס פֿערפֿעסטיגט דעם דאַרוויניִשען גײַסט, האָט מיט זײַן פּעסימיזמוס אַוועקגעשטעלט אַ פֿראַגע־צייכען אויף די גאַנצע עקזיסטענץ, אויף דאָס לעבען אין אַלגעמיינעם.

און אויב ענדע פֿון 19־טען יאָהרהונדערט האָט ניט אויפֿגעלעבט און זיך פֿערשפּרייט די פּעסימיסטישע רעליגיאָן פֿון בודדאַ מיט איהר לעהרע פֿון נירוואַנאַ, פֿון זעלבסט־פֿערניינונג און זעלבסט־פֿערניכטונג, אויב עס איז ניט געלונגען דעם פּראָפֿעט פֿון יאַסנאַ־פּאָליאַנאַ צו פֿערוויקלען די מענשהייט אין'ם שלייער פֿון קראַנקהאַפֿטען מיסטיציזמוס און אַרײַנפֿיהרען זי אין דעם שקלאַפֿישען גן עדן פֿון הימלישען קעניגרײַך, ווי עס האָט געפּרעדיגט ecce homo איז עס צו פֿערדאַנקען דעם אַפּאָסטעל פֿון דער ליכט־רעליגיאָן פֿרידריך ניטשע, וועלכער האָט צוטריבען די וואָלקען, וואָס שאָפּענהויערס פּעסימיזמוס האָט אָנגעיאָגט אויף דאָס לעבען.

געקומען איז ניטשע צו זײַנע אַנשויאונגען טאַקי דורך די לעהרע פֿון פּעסימיזמוס אַליין, ווי ער האָט זי איבערגענומען פֿון זײַן לעהרער און „ערציהער” שאָפּענהויער.

בײַ שאָפּענהויער האָט ניטשע געלערנט וואַגען צו קוקען דעם לעבען גלײַך אין די אויגען, און ניט אָפּווענדען דעם בליק פֿון דעם אונגעהויערן שרעק און אומזין, וואָס קוקט פֿון זײַ אַרויס. ער האָט בײַ איהם אויך געלערנט אָפּשאַצען ריכטיג דעם ווערטה פֿון דער טראַגישער עקזיסטענץ, וועלכע איז „אַ קייט פֿון לײַדען, אַן אָפּקומעניש, אַ שווערע שטראָף פֿאַר די גרעסטע זינד אויף דער וועלט”.

ניטשע האָט זיך אָבער ניט געלאָזט פֿיהרען אין דעם פֿערוויקעלטען „פּלפּול” — פֿונ'ם מאַראַל פֿון נירוואַנאַ. די האַמלעטישע פֿראַגע to be or not to be (זײַן אָדער ניט זײַן) האָט געפֿאָדערט פֿון איהם אַ קאַטעגאָרישען ענטפֿער — אַ ראַדיקאַלע לעזונג, וועלכע עס איז איהם שווער געווען צו געפֿינען. דאָס זײַן האָט פֿאַר איהם דעם זין פֿערלאָרען. ס'איז געבליבען דאָס ניט־זײַן...

עס האָט איהם בעאונרוהיגט די פֿראַגע: פֿון וואַנען נעהמט זיך, דאָס די שאַרפֿסטע גײַסטער, וואָס פֿערשטעהען זיך נאָר אויף דאָס לעבען, דאָס די מוטיגסטע העלדען, וועלכע שרעקען זיך ניט פֿאַר'ן טויט, פֿאַר וואָס זײַ ליקווידירען ניט „דאָס געשעפֿט וואָס טראָגט ניט אַרײַן די שפּעזען”?

און ניטשע האָט דעם ענטפֿער געפֿונען. די נאַטור האָט אַרײַנגעזעצט אין מענשען ניט נאָר די לוסט צום לעבען, זי האָט איהם אויך אײַנגעפֿלאַנצט די שטרעבונג צו עטוואָס העכערעם, אַלס די בלויזע עקזיסטענץ — דעם ווילען צו מאַכט.

און ווי שאָפּענהויער מיינט אויך ניטשע אַז דאָס גליק ליגט ניט אין דעם עלענדען זײַן. נאָר ווען שאָפּענהויער זוכט דאָס גליק דאָרט וואו דאָס

זײַן הערט אויף, געפינט עס ניטשע דאָרט, וואו עס פאַנגט אָן מעהר — אַלס־זיין, דאָס געפיהל פון מאַכט.

„יענער האָט אין ציעל ניט געטראָפען, ווער עס האָט אין איהם געשאָסען מיט דעם וואָרט: ווילען צום זיין. ניטאָ אזא ווילען. דען וואָס עס איז ניט — קען ניט ווילען, וואָס עס געפינט זיך שוין אָבער אין זיין, ווי קען עס נאָך ווילען זײַן"?

„נאָר דאָרט, וואו ס'איז דאָ לעבען איז דאָ אויך ווילען: אָבער ניט ווילען צום לעבען, נאָר — אַזוי לערן איך דיך — ווילען צו מאַכט"!

„פיעל זאַכען שעצט דער לעבעדיגער העכער אַלס דאָס לעבען; דאָך אין דעם שאַצען אַליין רעדט דער ווילען צו מאַכט" (Also sprach Zarathustra: Von der selbstüberwindung).

דער מענש, אין וועלכען עס לעבט דאָס דאָזיגע געפיהל פון מאַכט, שטרעבט צום אויסגיסען זײַן הערשאַפט אויף די טויטע ווי אויך די לעבעדיגע וועלט, ניט נאָר אַזוי פיל וויפיל עס פאָדערט פון איהם דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג. די בלויזע עקזיסטענץ פערלאַנגט פון מענשען זעהר ווענינ אַנשטרענגונגען. עס איז די מאַכט־לוסט, וועלכע טרײַבט דעם מענשען צו פערשקלאַפען אויף פערשיעדענע אַרטען די וועלט און צווינגען זי צו פאָלגען אָהן ווידערשפרוך זײַן אייגענעם ווילען.

און דער דאָזיגער ווילען צו מאַכט ווערקסעלט אַלע מאָל זײַן געשטאַלט. ער פערקלייַדעט זיך אין די פאָרם פון הערשאַפט, פון ליעבע, פון וויסען, פון שאַפען. ער ווירקט אין הערשער, אין דעספאָט, אין אַלטרואיסט, אין דעמאַגאָג, אין יעזואיט, אין רעוואָלוציאָנער, אין קינסטלער, אין פילאָזאָף און אין פראָפעט...

דער העלד אָדער דער גענינ קימערט זיך ניט פאַר די בלויזע עקזיסטענץ. ניט זעלטען שענקט ער זי אין גאַנצען אַוועק פאַר אַן'איינציגען טראָפען מאַכט...

און אָט די אויסדערוועהלטע, וואָס דער ווילען צו מאַכט איז בײַ זיי וואַך און טעטיג, דאָס זענען די גרויסע פערזענליכקײַטען, וואָס מאַכען געשיכטע, וואָס ברעכען אַלטע וועלטען און בויען אויס נײַע. דאָס זענען די שטאַרקע, וואָס געוועלטיגען איבער דער מאַסע, איבער די גרויסע מאַכטלאָזע מאַסע, וואָס וואַרפט זיך אַליין אין זײַערע הענד.

קאַרלייל (Carlyle) זאָגט: „די אוניווערסאַל־געשיכטע, די געשיכטע פון דעם וואָס די מענשהײַט האָט אויפגעטאָן אויף דער וועלט, איז די געשיכטע פון די גרויסע מענער, וועלכע האָבען זי געמאַכט. אָט די גרויסע זענען געוועזען די פיהרער פון די מענשען, זײַערע פאָרבילדער, מוסטער, און

אין ברייטערן זין די שעפּפער פון אלעם דאס, וואס די אלגעמיינע מענשען־מאסע האט געפּלאנט צו מאכען אדער צו עררייכען. אלעס וואס מיר זעהען אויסגעפיהרט אין דער וועלט, זענען אייגענטליך די לעצטע מאטעריעלע רעזולטאטען, די פּראקטישע רעאליזירונגען און פערקערפּערונגען פון געדאנקען, וועלכע האבען געלעבט אין די געהירן פון די גרויסע מענער, וואס זענען געשיקט געווארען אין די וועלט. זייער געשיכטע איז די זעעלע פון דער וועלטגעשיכטע"

(Heroes and Hers-Worship: The Hero as Divinity).

דען אויבוואהל אלע ווערן געבוירען מיט דעם ווילען צו מאכט, ענטוויקעלט ער זיך ניט ביי יעדען אין דעמזעלבען גראד. די היינטיגע מענשהייט איז ענטארטעט. דער ווילען צו מאכט איז ביי איהר אטראפירט. איבערהויפּט איז ער אייגגעשלאפען ביי דער מאסע, ביי וועלכער ער ערוואכט נאר אין געוויסע מאמענטען אין זיין עלעמענטארסטער פאָרם — אין דעם דראנג צו פרייהייט. דאס מעהרסט אבער בלייבט פון איהם ניט מעהר ווי א בענקשאפט, וועלכע דער מענש פון דער מאסע דערטרינקט אין אלקאהאל, אדער דערשטיקט אויף איין אנדער ארט.

ניטשע פערצווייפעלט אבער ניט אין דער מענשהייט. אין דער וועלט — לערנט אונז ניטשע—הערשט דאס געזעץ פון דעם עביגען צוריקקעהרען. (Die ewige Wiederkunft: Alles wird und kehrt ewig wieder)

אויב דער מענש איז אראפּגעזונקען פון זיין נאטירליכען צושטאנד וועט ער ענדליך דאך צוריק ארויפשטייגען. נאר אויב איהר זאגט, אז די געגענווארט איז מענשליך, מוז דאן דער מענש אונטערגעהן און אבטרעטען זיין פּלאץ פאר דעם איבערמענשען. Ich lehre euch den Übermenschen. Der Mensch ist Etwas, das überwunden werden soll. (Also sprach Zarathustra).

דער אינדיווידואליזם פון איין זייט און די לעהרע פון ווילען צו מאכט פון דער אנדערער זייט האבען אויפגעשטעלט א נייע גענעאלאגיע פאר די מאציאלע ערשיינונגען אין מענשליכען לעבען.

שוין טאָלסטאָי האט בעוויזען, דאס דער קאמפּף פאר די עקזיסטענץ פאָדערט פון מענשען וועניג טעטיגקייט, און דארף ניט פיהרען צו הערשאפט פון איין מענשען איבער דעם צווייטען. די פערבינדונג, וועלכע האבען צום צוועק די עקאנאמישע אינטערעסען פון די מיטגלידער וואלטען געקענט זיין פרייוויליגע און פרידליכע, אזוי ווי אלע די פערבינדונגען און סינדיקאטען, וועלכע עקזיסטירען אויך יעצט אונאבהענגיג פון שטאאט (Genossenschaften). אזעלכע פערבינדונגען וואלטען געקענט צוזאמענהאלטען ניט דורך שרעק פאר די וואפּען, ווי דער שטאאט, נאר דורך דער קראפט פון דער נויט. דער מענש קען זיך ניט אליין פערשאפען אלע פּראַ-

דוקטען, וואָס ער האָט נויטיג, ער מוז דעריבער אַריינטרעטען אין אַ אָבמאַך מיט אַנדערע מענשען, וועלכער עקזיסטירט אַזוי לאַנג ווי ער ברענגט יעדען מיטגליד אַ נוצען.

די שטאַאַטס-אָרדנונג איז אָבער פון איין זייט אַ פּראָדוקט פון דער אַטראָפּירונג פון דעם מאַכט-געפיהל ביי דער מאַסע, פון דער אַנדערער זייט איז זי אַ ווערק פון די שטאַרקע, וועלכע האָבען איינגעזאַפּט אין זיך אָט די הפקר-געוואָרענע אונגעהויערע סומע פון מאַכט. אַז לודוויג דער 11-טער האָט געזאָגט L'état cést moi (דער שטאַאַט דאָס בין איך) האָט ער קיין גרויסען אירטהום ניט געהאַט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט מיט אונבעגרענצטער געוואַלט געפיהרט די אינטערעסען פון פראַנצויזישען שטאַאַט, איז זי געוועזען ער אַליין, אַ טייל פון זיין ווילען, פון זיין מאַכט. אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע אָדער אין דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז די מאַכט פערטיילט צווישען פילע פּערזאָנען, פון דער פאָלקס-פערטרעטונג. עס וועט קיינמאָל ניט ווערען דער שטאַאַט איין בעגריף מיט פאָלק, דען די צאָהל פון די, וואָס האָבען צו בעפעהלען און נעהמען אַנטייל אין דער רעגירונג, וועט בלייבען שטענדיג קלענער אַלס די צאָהל פון די מיטגלידער פון פאָלק.

פאַר דעם ווענען פון רעכט לעבט ווידער אויף די בעשטימונג וואָס האָט געגעבען שפּינאָזאַ: רעכט איז מאַכט, ד. ה. די אייגענט-ליכע שטיצע פון דעם רעכט איז די מאַכט. פון נאַטור האָט דער מענש אַ פולעם רעכט אויף אַלעס אין דער וועלט, לויט דעם אונבעגרענצטען ווילען וואָס שטעקט אין איהם. דאָס איז דאָס נאַטור-רעכט *). מיט דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט צום שטאַאַט, איז אויך דאָס רעכט מאָנאָפּאָ-ליזירט געוואָרען אין זיינע הענד. דער איינצעלנער מוז זיין רעכט קריגען אויסגעטיילט פון דער האַנד פונ'ם שטאַאַט.

די מאָדערנע סאָציאַלע פראַגע איז אין קערן גענומען די מאַכט-פראַגע פון די ברייטע אַרבייטער מאַסען. די פּאָליטישע לעזונג פון דער פראַגע וועט ניט זיין מעגליך, אַזוי לאַנג ווי די אַרבייטער-בעוועגונגען וועלען האָבען צום הויפּט-צוועק נור ריין עקאָנאָמישע אינטערעסען. דאָס פערשטעהט זעהר גוט דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר. אַז ער וויל אַרויסרופען די אַרבייטער-שאַפט צו אַ וועלכער ס'איז פּאָליטישער אונטערנעהמונג, פּויקט ער אויף דעם פרייהייטס-געפיהל פון זיינע צוהערער, ער וועקט זייער איינגעשלאָפענעם ווילען צו מאַכט.

*) אין דער צייט, ווען דער בעזיץ פון שקלאַפען איז געוועזען מאָראַליש גערולדעט און געזעצליך געשיצט, האָט שוין דער רוימישער געזעצגעבער געזאָגט: iure enim naturali ab initio omnes homines liberi nascebantur. (Corpus iuris civilis: Institutiones, I, II), לויט נאַטור-רעכט זענען פון אָנהויב אַלע מענשען געבאָרען פריי.

עקזיסטענץ און מאכט

אויך דער מאדערנער נאציאנאליזם זאגט זיך אב פון די פאזיטיוויסטישע אנשויאונגען. דער מאדערנער מענש קען זיך ניט פיהלען אלס שפיעל אין די הענד פון דער געשיכטע, אלס אטאם פון א וועלכען ס'איז קערפער. א מענש מיט אינדיווידועלען בעוואוסטזיין וועט זאגען אזוי ווי שטירנער: Ich bin nicht Sache der Nation, die Nationalität ist meine Sache. די נאציאנאליטעט איז מיינס, א טייל פון מיין אינדיווידואליטעט, און בין איך פערזענליכקייט, מוז איך מיינע אינדיווידואליטעט בעהויפטען.

די נאציאנאליטעט, ווי א טייל פון דער אינדיווידואליטעט, איז אנ'אויספלוס פון דעם ווילען צו מאכט. נאר דער מענש, וואס זיין מאכטגעפיהל טרייבט איהם צו שיצען און פערטיידיגען זיין אינדיווידועלעם אייגענטום, וועט אויך קעמפפען פאר זיין נאציאנאליטעט. און פערקעהרט, דער וואס איז אין גאנצען איינגעשלונגען פון דעם אינסטינקט פון זעלבסטערהאלטונג וועט זעהר לייכט אפפערן פון זיינע נאציאנאלע פאדערונגען.

א פארם פון מאכט-געפיהל איז אויך די קונסט, וועלכע האט דעריבער שטענדיג אויפגעוועקט צווייפלען און ווידערשפרוכען אין דעם מאטעריאליסטישען לאגער, וואו דער ווילען צו מאכט ווערט אבגעלייקענט.

ניט נאר דער קינסטלער, וועלכען מיר האבען געקרוינט מיט דעם נאמען „שעפפער", נאר אויך די, וואס בעגרייפען די קונסט, זענען אויך שותפים אין מעשה בראשית. דען ניט נאר די געטליכע שעפפונגס-פריידען פון דעם קינסטלער, נאר אויך דער הימלישער גענוס פון דער קונסט, דאס נאכשאפען, זענען עמאנאציאנען פון דעם מאכט-געפיהל.

שוין שאפענהויער און וואונדט טראגען ארויס די קונסט איבער די גרענעץ פון אלטעגליכען לעבען. ביי שאפענהויער איז זי ריינע אביעקטיווע אנשויאונג, בעפרייט פון יעדען אינסטינקט, דאס איז דער פערשטאנד וואס האט זיך ארויסגעריסען פון זינדיגען געפלאגטען קערפער און פארטראגען זיך הויך אין די וועלט פון אידעען. ביי וואונדט איז די קונסט פערוואנדט מיט דעם שפיעל. דאס איז א פיזיאלאגיש-פסיכאלאגישע פונקציאן, אין וועלכער די צונויפגעזאמעלטע ענערגיע פליסט ארויס אויף א פרייער ארט, צוליעב אונזער אייגענעם גענוס און ניט אלס רעזולטאט פונ'ם וואכעדיגען לעבען, פון קאמפף פאר די עקזיסטענץ.

ניטשע, וועלכער האט אויפגענומען ביידע אנשויאונגען און דעריבער געטיילט די קונסט אין אפאלינישע — די קונסט פון רוהיגער בעטראכטונג, פון זעהען, פון טרוימען, און דיאניזישע — די קונסט פון שטורמישער בעוועגונג, פון זינגען, פון בערוישונג, זעהט אין ביידע ארטען פערוואנדלונגען פון איבערפליסיגער מאכט.

* * *

דער ווילען צו מאכט, גענוי ווי דער אינסטינקט פון זעלבסטערהאל־
טונג איז א נאטירליכע ערשיינונג, אדער לויט ניטשע, די נאטור אליין. ער
ווערט זיך דעריבער ערווערבען דיזעלבע אויטאָריטעט, ווי דאס דארוויניש
געזעץ פון קאמפף פאר די עקזיסטענץ.

די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע וועט האָבען די אויפגאבע, צו אנאליזירען אלע סאָציאלע ערשיינונגען. און צולעגען זיי אויף זייערע גרונד־עלעמענטען פון עקזיסטענץ און מאכט. זי וועט מוזען אויך דורכפיהרען די ריכטיגע גרע־נעץ צווישען די צוויי ספערען, אין וועלכע עס הערשען אָט די דאָזיגע צוויי ווילענס: דער ווילען צום לעבען און דער ווילען צו מאכט.

יהושע גאטליב.

בערן.

א. ח. שעפס.

* * *

עס האָט נאָך קיין ליכטיגע שטראהל נישט, די שויב פון מיין פענסטער געגלעט,
די בלום אין מיין גערטיל האָט קיינמאָל קיין קוויקענדער טוי נישט בעפייכט,
עס האָט דער הונגעריגער פויגעל די שפייז פון מיין דעכיל געווייכט...

עס האָט נאָך קיין ליבליכער וואונק נישט געמינטערט מיין שטילען געדאנק,
קיין פלאמיגע ליפ האָט נאָך קיינמאָל מיין באק די פערבלאסטע געקושט,
מיין צאפלענדיג לייב האָט נאָך קיינער מיט צערטליכע גלעטען דערפרישט.

עס האָט מיך א דארע צוועהטאָגטע ברוסט אין מיין קינדהייט גענעהרט.
דעם פראָסטיגען אָטהעם פון אומעט האָב איך אין מיין וויגעל דערפיהלט,
און ער האָט דעם וועג פון מיין צוקונפט אין פינסטערע נעבלען פערהילט...

(פון ק. באַלמאָנט.)

עס לויפט דער וואלד־שטראָם, פליעסקעט זיך און קלינגט,
און פלאַפּעלט זאָרגלאָז, פרעהליך־פרײַ און זינגט;
ער זינגט נאָך הילכיגער אין זונען־שײַן אין רײַנעם,
אזוי ווי מומלענדיג: „כ׳געהער נישט קײַנעם, קײַנעם״...

מײַן ליעבעם קינד, ביזט אײַביג פרעהליך, פרײַ,
אין דײַנע אויגען שפּיעלט אַ יונגער מאַי,
דײַן הארץ איז דאָס געזאַנג פון שטראָם פון רײַנעם,
וואָס זאָגט, אז דו געהערסט נישט קײַנעם, קײַנעם...

ווילנא

לײַב נײַדוס.

משה טייטש.

שניי.

I.

עס האט ווער נעפענט די אוצרות פון שנייען ביי נאכט...
גאט'ס שליח, דער ווינד, האט גריסען פון צפון געבראכט,
און האט זיי צוהאנגען, די קאלטע, אויף בוים און אויף דאך.
די ערד איז פערדעקט מיט א ווייסען זילבערנעם סכך.

די זון נעהט ארוים אויפ'ן הימעל און צינדט אן די „ליכט",
וואס זענען אויף שטיבער און פארקאנט צוהאנגען געריכט;

און ס'שפילען אין לופט זיך קאלירען פערשידען־ערליי;
ס'פראווען ערד און הימעל דעם ליכטיגען יום־טוב פון שניי.

II.

הויך אין הימעל אויף א וואלקען־פאס א בלאען
שטעהט פון אייז אנ'אויסגעהאקטער טראן;
אויפ'ן טראן דארט זיצט דער האר פון שניי,
מיט לאנגע ברעמען, ווייסע האר.

און ארום זיין קאפ זיך דרעהען קראהען,
שווארצע קראהען, אייזען־שנאבלען, —
שווארצע קראהען דרעהען זיך אין רינג: קרא־קרא —
די משרתים פונ'ם האר!

ס'גיט א ווינק דער האר און באלד:
עס פליהט א קראה און טראגט א ווינד: קרא־קרא,

און נאָך אַ קראָה—און טראָגט אַ פראָסט: קראַ=קראַ;
פערגליווערט ווערט דער טײַך, פערשטאַרט דער וואַלד.

און די קראָהען איבערן פעלד זינגען: קראַ=קראַ,
געלויבט זאָל זײַן דער האַר פון שנײַ,
אַ טויט=געזאַנג דער ערד: קראַ, קראַ!

הויך אין הימעל, אויפ'ן וואָלקען=פּאַס דעם בלאָען,
אויפ'ן טראָן פון אייז,
זיצט דער האַר פון שנײַ מיט לאַנגע ברעמען, ווײַסע האָר,
און בענשט דעם ווײַסען יום=טוב'דיגען טויט...

III.

הויך אין הימעל, אויפ'ן אייז=טראָן,
זיצט דער האַר פון שנײַ פערטראַכט,
און די קראָהען, אייזען=שנאָבלען,
קעמען איהם די האָר בעזאַכט.

און עס פליהען זילבער=פונקען
פון דעם ווײַסגעלאָקטען קאָפּ,
און דאָס שטיפערישע ווינדטעל
טראָגט זיי שטיל אויף דער ערד אַראָב.

און עס רוהט די ערד, אַ ווײַסע,
ווי אַ שטילע ווײַסע טויב,—
און נידערט באַלד דער שנײַ=האַר,
און אַ זײַל פון זילבער=שטויב.

IV.

אין אַ זײַל פון זילבער=שטויבלעך
פון דעם בלאָען וואָלקען=ראַנד,
געהט אַראָב דער ווײַסער שנײַ=האַר,
מיט אַ פּענזעל אין דער האַנד.

אוּן עָר געהט פוּן שטוּב צוּ שטיבעל ...
וואו אַ פענסטער , וואו אַ טהיר :
מאָלט עָר קאַלטע צויבער־בילדער
אוּן בעפּוּצט מיט פּערעל־שניר .

נעכטען איז עָר דאָ געוועזען ,
האָט געמאָלט אויף אונזער גאַס ;
מיט די קינדערלעך פוּן געסעל
האָט עָר לאַנג געטריבען שפּאַס :

האָט געפיהרט זײַ אויף אַ שליטעל ,
אויף די גליטשען זײַ געיאָגט ,
האָט בײַ אונז אין קלײנעם שטעדטעל ,
אי גענעכטיגט , אי געטאָגט .

ז.

שטיל אין פעלד . עס שלאָפט דאָס ווינדטעל ;
נאָר דער פראָסט אין העלען גלאַנץ ,
מיט די שטילע שנײ־האַר׳ס טעכטער ,
פיהרט אַ קאָרעוואָד , אַ טאַנץ .

אוּן די שנײען שעמערירען ,
ווי קאָלירטע צויבער־ליכט ;
אוּן זײַ קויקלען זיך אוּן שפּריצען
העלע פאַרבען אין געזיכט .

ס׳געהט די זון איהר וועג אין מערב ,
אוּן אין מזרח אויפ׳ן שנײ ,
שווימען נאָך איהר גאַנצע פאַסען ,
פּוּנקט ווי טײכלעך , ראָזע אוּן בלוי .

ווײַטער , שפּעטער , ראָזער , בלויער ,
ביז די זון איהר אויג פערמאַכט —
אין אַ טונקעל־בלאָען שליטען ,
פאָהרט אַרויס פוּן וואַלד די נאַכט .

VI.

לאנגזאם פאָהרט די נאכט פון ווינטער.
איבער טיעף פערשנײטע װעגען...
אױפ'ן פרײען פעלד אין װײסען,
קומט דער שנײ־האר איהר אנטקעגען.

אונטען פונקלען הימעל־שנײען,
אויבען — שטערען, װי שטורקאטצען, —
און ער נעהמט זי און ער פיהרט זי
ז'זײנע אײזיגע פאלאצען.

לאנגזאם ציהען זיך די שטונדען,
הויך און פריש — פריהמארגען־טענער,
קלינגען שוין אין װײטען געסעל,
ס'בילען הינד, עס קרײהען העהנער.

און עס האָט בעריהרט די שנײען,
שוין די פוס פון װאסער־טרעגער, —
נאר די װינטער־נאכט — זי שלאפט נאך
אויפ'ן װײכען שנײ־געלעגער.

VII.

עס האָט זיך די זון פון דער פריה ניט געװיזען:
עס האָבען געפאנגען זי בלאָה־שװארצע ריזען,
װאָס האָבען די ערד מיט א שאָטען פערצױגען.

עס האָט זיך דער שנײ־האר אין הימעל פערבאָרגען,
עס זענען בעפאלען איהם געטליבע זאָרגען
און האָבען פערנעפעלט די ליכטיגע אויגען.

און ס'װאקסט פון דער רגע זײן טרויער, זײן צער:
עס װאקסט א בענקשאפט אין הארצען פון האר...

VIII.

אַ ווילדער געדאַנק איז צייטיג געוואָרען —
עס האָט זיך צופלאַקערט דער געטליכער צאָרן:
ער האָט אויף דער ערד און זיין הערשאַפט חרטה.

ער כאַפּט פאַר׳ן קאָפּ זיך אַזוי ווי צושראָקען,
און רייסט אויף פּיך-פּיצלעך די גרייז-גראָהע לאָקען,
און וואַרפט זיי מיט צאָרן: אַ מדבר זאָל ווערען!

און האָט נאָך אַ בליאַז מיט זיין אָטהעם געגעבען,
פערלאָשען זאָל ווערען דאָס ליכט פונ׳ם לעבען —
ער האָט אויף דער ערד און זיין הערשאַפט חרטה!

עס שטורעמט, עס רעש׳ט דער ווינד אויף די דעכער,
די שנייאיגע בערגער — זיי ווערען אַלץ העכער,
און וואַקסען און וואַקסען...

עס טראָגען אין לופט זיך מיט ווילדען געלעכטער
און וועבען תכריכים — לילית׳עס טעכטער:
פאַר גוססנ׳דע לעבענס...

תכריכים — זיי פאַכען, ווי שד׳ישע פאָהנען!
די ליכט פונ׳ם לעבען, זי שטעהט אין סכנה —
ס׳בענשט גומל די ערד אין דער שטיל — — —
— — — — — — — — — — — — — —

IX.

אַ ליכטיגער פאַס פונ׳ם מזרח זיך ציהט:
עס האָט פאַר׳ן שניי-האַר זיך עמיץ געמיהט

און האָט אויף דער ערד זיין רחמנות דערוועקט:
עס האָט זיך דער שווערער נסיון געענדט.

און ווידער שוין ברענען די ליכט אויפ׳ן דאַך,
און ס׳דרעהט זיך דער ווינד מיט אַ פרעהליכען לאַך.

און ווידער אין פעלד, אינ׳ם זאַניגען גלאַנץ,
שוין פיהרען די שניי־עלעך אַ לוסטיגען טאַנץ.

אַלא האַנסזאָן.

אַ זעלטזאַמע ליעבע.

עס איז שוין אין נאָוועמבער געווען, נאַקעט זענען די בוימער געשטאַנען, און די בלעטער האָבען אויף דער נאַסער שמוציגער ערדגעפוילט. אין דער צייט פון יאָהר איז דער פאַרק לעדיג, אָהן מענשען; מיין פריינד און איך זענען מיר אַליין געווען, און שווייגענדיג זענען מיר דורך די אַלעען, וואָס האָבען זיך אַ הער און אַ הין געשלענגעלט, געגאַנגען. אַ נאַסער שפּעט־הערבסט־נעבעל איז שווער פון די צווייגען אַראָבגעהאָנגען, עס האָט אויסגעזעהן, ווי ס'וואָלט זיך די גרויע לופט אַליין אַרונטערגעזונקען, און זיך אויף די שאָקלענדיגע צווייגלעך געלעגט, און די פייכטקייט האָט זיך געגליטשט טראָפּענווייז, וואָס זענען געוואָקסען און זיך אָבלאָזענדיג אויף דער ערד געפאַלען. עס איז פאַר נאַכט געווען, אין שפּעטער נאָך־מיטאָג'ס שטונדע איידער די דעמערונג קומט. דאָ און דאָרט זענען מיר שטעהן געבליבען, אַרום אונז איז פייכט און שטיל געווען. נאָר דער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט שאַרף דורך־געשניטען דאָס שווייגען פון דער ווייטער שטילקייט, ווי אַ געשריי פון אַ קינד אָבהילכענדיג און צונומען. ווי אַ ראַקעטען־זייל, וואָס האָט אַרויף־שטייגענדיג די לופט צוטיילט דעם לויף פערהאַלטען, שטעהן געבליבען און פערלאָשען געוואָרען. און דאָס שווייגען און דער גרויער רויך, האָבען זיך ווידער איבער דער וואונד פערשלאָסען, און ס'האָט אויס־געזעהן, ווי ס'וואָלט דאָס שווייגען זעלבסט אין טראָפּען געדיכט געוואָרען, און זענען איינער נאָכ'ן אַנדערן אַראָבגעפאַלען, איינער דאָ און איינער דאָרט, גרוים און שווער.

מיר זענען אויף אַ וואַל אַרויף־געקומען. אַ אויסגעצויגענע לענג האָט זיך אויסענוועניג פון פאַרק־ראַנד געצויגען און זיך איינגעברייטערט מיט אַ ווייטען און ויסטען אויסזעהן איבער דער פלאַכער געגענד און מעער. אין אַ ווינקעל האָט זיך אַ אָפענע רונדונג געבילדעט און דאָרט האָבען מיר פּלוצלונג אַ פרויען־געשטאַלט דערזעהן, אין ווייכע ליניען פאַר דעם גרויען הינטערגרונד, הויך און שלאַנק, פריי קעגען דער לופט אין דער שטילער טריבער נאָוועמבער סצענעריע. ווען מיר זענען פאַרביי־געגאַנגען האָט זי זיך שטיל אומגעקוקט, און אויף דעם געזיכט, אין די שטריכען אַרום דעם מויל און אין די בליקען פון די טונקעל־בלויע אויגען איז געווען עטוואָס פון דערזעלבער

דעמערונג, פול מיט שמערץ און טרויער, ווי אין דעם שפּעט-הערבסט-לאַנדשאַפט, וואָס אַרום אונז. בײַם וועג-בויג פון דער אַלעע, האָב איך זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דערזעלבער פּאָזע, אונבעוועגליך, אײַנזאַם, פרײַ נעגען דער גראָהער לופט, ווי אַ באַנגער שאָטען אין שפּעטען הערבסט, און אין דער פאַרקערפּערטער דעמערונג'ס-שטימונג...

מײַן בעגלײַטער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען אײַן עפּיזאָד פון זײַן לעבען צו דערצעהלען, קוקענדיג דאַבײַ מיט אַ טרויעריגען שמײכעל פאַר זיך אַהין, און האָט מיט אַ שטילע שטימע גערעדט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עס וואָלטען די ווערטער נישט צו מיר געווען געווענדט, נאָר דאָס, די הערבסט-לאַנדשאַפט און די ערינערונגען פון דעם זומער, וואָלטען מיט אַ רײַכע שטימונג איהם איבערפילט, ביז ס'האָט די ברעגען פון זײַן זעעלע אַריבערגעשטיגען און די ווערטער גיסען זיך אַרוים אַזוי מעלאַנכאָליש, שווער, ווי דער אײנזאַמקײַטס-שטילע פלאַסקען פון די טראָפּען אַרום אונז.

„איך זעה אין דעם אויגען-בליק אַ פרויען-געשטאַלט אַזוי דײַטליך, ווי איך האָב עס קײנמאָל נישט בעמערקט זינט איך האָב עס, דאָס לעצטע מאָל, אין דער ווירקליכקײַט געזעהן. איך ווײס נישט ווער זי איז און ווי אַזוי זי האָט געהײסען, און מיר האָבען זיך קײנמאָל נישט מיט קײן אײנציג וואָרט איבערגערעדט, און דאָך איז דאָס וועזען געווען אַ גאַנצען זומער, דער אײנציגער אינהאַלט פון אַלע מײַנע געדאַנקען און אַלע מײַנע געפיהלען. ווען איך, אין מײַנע אײנזאַמע שטונדען, — און דאָס זענען די אײנציגע, וועלכע איך קאָן געניסען — פאָרש דורך מײַן פערגאַנגענעם לעבען און זוך צוזאַמען מײַנע פערפּאָסענע איבערלעבונגען און שײד זײ אויס — דו פערשטעהסט דאָך געוויס, וואָס איך מײן, ס'איז גלײַך ווי אײנער, וואָס קוקט דורך אַלע זײַנע אַלטע בריעף און ברענגט אין אָרדנונג אַלע זײַנע אַנדענקונגען — דאַמאָלס בילדען די צוויי מאָנאַטען אַ גאַנצקײַט פאַר זיך. און ווען איך עפען דעם קאָנווערט, וואָס טראָגט די דאָזיגע דאַטע, געפין איך דאָרט נישט מעהר ווי דאָס אײנזאַמע פּאָרטרעט פון אַ אומבעקאַנטע פרוי, אָהן אַ נאָמען, וועלכע איז דאָך צו מײַן זעעלע געווען אַזוי נאָהנט, ווי פאַסט קײנע פון אַלע מיט וועלכע איך האָב יאָהרען-לאַנג טעגליך פערבראַכט. עס קאָן זײַן ווען איך וואָלט זי ניט געטראָפען, וואָלטען די צוויי מאָנאַטען געווען ווי אויסגעמעקט פון מײַן לעבען, ווי זײ וואָלטען קײנמאָל נישט עקזיסטירט; נאָר ערשט אָבער, קעהר איך זיך צו דער ערינערונג ווידער און ווידער צוריק, ווי דאָס וואָלט דאָס אײנציגע וואָהרע גוטסקײַט דאָ אין לעבען געווען, וואָס איז פאַר מיר אַריבער געשוואומען און איז פערשוואונדען.

„ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָהל דערזעהן, איז שוין ערשט צוויי-יאָהר פאַראיבער. איך האָב זיך אין דער שטאָדט ה. אַראָבגעלאָזען, זיך צו באָדען און אויסצורוהען, און אין דער זון פון זומער און אין דער לופט פון מעער יונגער צו ווערען. עס איז אַ נאַסער טאָג געווען מיט אַ פייכטען טיף-בלאָהען הימעל צווישען שוואַרצע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך מיט'ן ווינד נידעריג איבער'ן אויסגאַם אין שטאָדט געטראָגען, טווישענדיג זונען-שיין און רעגען-וועטער. פאַר נאַכט איז ווינד-שטיל געוואָרען און עס איז געווען אַ שטראַהלענדער זונען-אונטערגאַנג. ווען איך בין אויפ'ן האַפען-דאַם אַרויסגעגאַנגען, איז געווען אַ קיהלע שטילקייט מיט שוועבענדע דופטען, וואָס דער רעגען האָט לויזגעלאָזט פון דעם גרינס און די בלומען, און שטאַרקע פאַרבען אין לופט און אין וואַסער, וואָס די פייכטקייט האָט אויפגעהויבען — אַ שטילער שלעפעריגער יובעל פון פאַרבען און דופטען; דו ווייסט, עס טרעפען אַזעלכע אָבענדען אין יוני. ווי דו ווייסט זיך געוויס דערמאָהנען געפינט זיך דאָרט, ביים ברעג, אַ שטיק דרויסען, וואָס ברייטערט אוים אַ רונדונג און טרעפ פיהרען איבער אַ שטיינערנע וואַנד אויף אַ ווייטען פלאַץ אַרונטער, פון גרויסע שטיינער אויסגעפלאַסטערט, וועלכען די איינוואָהנער האָבען אַ סענטימענטאַלען נאָמען געגעבען „דער זיפצען-באַרג“, וואו יונגע לייט רוהען און טרוימען אין די שטילע זומער-אָבענדען און לאָזען זייערע געדאַנקען איינשלעפערן ביים רוישען פון די כוואַליעס און אָבקיהלען מיט'ן געזאַלצענעם ווינדטעל. עס איז פיעל מענשען געווען. איך האָב זיך אויף איינעם פון די שטיינער אַוועקגעזעצט. אַלע האָבען געשוויגען, נאָר דאָ און דאָרט זענען זיך איינצעלנע שטילע ווערטער גלייכזאַם פון דער שטימונג אַרויסגעוואַקסען, נישט אָבוואַרטענדיג קיין ענטפער; ס'האָט אויסגעזעהן ווי עס וואָלט יעדערער געהאַט צו טראַכטען דאָס זייניגע, און ווען קיינער האָט עס פאַר'ן מויל נישט געבראַכט, איז עס געווען נאָר דערפאַר, דעם אַנדערן מיט זיינע פראָסטע וואָכעדיגע רייד נישט צו שטערן. איך בין שוין דאָרט לאַנג געהאַט געזעסען ווען איך האָב פלוצלונג, אויסדרעהענדיג דעם קאָפ, אויף מיר דערזעהן רוהען צוויי אויגען. אין אָנפאַנג האָב איך נישט מעהר געזעהן ווי די ביידע אויגען. נישט נאָר מיין בליק, נאָר מיין גאַנצעס וועזען איז פלוצלונג אָנגעגריפען און צוגעשמידט געוואָרען. עס האָט אויסגעזעהן ווי איך וואָלט אַהין געצויגען און אויסגעזויגען געוואָרען, און ווי איך וואָלט מיט אַלע מיינע געפיהלען און אַלע מיינע געדאַנקען אין די טיפענישען פון די אויגען געלעבט, און ווייטער קיין אַנדער זעלבסט-שטענדיגעם אָדער ווירקליכקייט נישט געהאַט. ווען דאָס איז געווען פאַראיבער און איך בין אויפסניי צו זיך געקומען און די אויפמערקזאַמקייט און מיין פרובענדע אויפפאַסונג האָט זיך צו מיר צוריקגעקעהרט, האָב איך נאָר געטראַכט וועגען די אויגען אין דער פרויען-

געשטאלט. די אויגען זענען געווען טונקעל־גראה און די שווארץ־אפלען פאסט אוננאטירליך שווארץ, פונקט ווי איין הילפלאז פרעגענדער שרעק, און אין דעם אויסדרוק איז געלעגען עפעס אומבעשטימטעס, עטוואס אזעלכעס, וואס איך ווייס נישט, וואס דאס איז געווען, פאר וועלכען איך האב קיינמאל קיין ווערטער נישט געפונען. איך דערקען עס איצט ווידער. ווען איך זעה די נאקעטע בוימער, די נעבעלדיגע לופט, און די איינזאמע פרוי דארט אויבען שטעהן, און כ'הער איינער נאכ'ן אנדערן די שווערע איינצעלנע טראפען פאלען. אין דער מאס, אויף וויפיל כ'האב געקענט מיין בליק בעפרייען, האב איך ענטדעקט, דאס זי האט א קליינעם קאפ און איין איידעלען קערפער, א שווארץ קלייד און א בלייך געזיכט, וואס די ליניען ארום דער קורצער אויבערשטער ליפ צייכענען א שווער־געמיטהליך אויסזעהן. זי האט אויסגעזעהן ווי א פיינע ווייסע בלום, וועלכע ענטפלעקט איהרע קרענקליכע פארבען אין דער הערבסט־זון און אין מיטען פון דער אבשטארבענדיגער נאטור. איך ווייס נאך יעצט נישט, ווי לאנג מיר זענען אזוי געזעסען, איינער געגען צווייטען, אויג אויף אויג, דען אין אזעלכע מאמענטען, פארלירען מיר דעם צוזאמען־האנג מיט אלץ וואס ארום אונז, און די צייטען שוועבען דורך הויך און ווייט איבער אונז ווי א שוואכעם ברויזען. די דעמערונג איז אראב־געזונקען און אלע פארבען האבען זיך אויסגעלאשען, עס איז שוין נאכט געווען, און זי איז אוועקגעגאנגען. איך האב זיך אויפגעהויבען און עס איז מיר געווען, ווי איינער וואס האט זיך פון א לאנגען שלאף אויפגעכאפט און א גוטער טרוים וואלט אין איהם, אינווענדיג, א זאנפטע לינדערונג איבערגעלאזט. איך בין אהיים געגאנגען און ביסלעכווייז בין איך ווידער מיט דער ווירקליכקייט צוזאמענגעוואקסען, און זי האט מיך ווידער ארומגענומען. אבער אין אלץ וואס איך האב בעגעגענט, וואס איך האב געהערט און געזעהן, איז עס געווען, ווי עס וואלט די אויסערע ווירקליכקייט זיך צופאלען, געעפענט און ווי א מארגען־נעבעל פערשוואונדען. און איך האב געוואוסט, דורך א געפיהל, וואס איז מיר אליין געווען אונבעוואוסט, דאס דארטען אין דרויסען האב איך עפעס, צו וואס איך קען זיך צוזאמענשליסען און פרעהליך ווערן, עפעס וואס קיינער קען נישט זעהן, און וואס קיינער האט נישט פארשטאנען אויסער איך, איך אליין, און וואס נאר מיר האט דאס געהערט, נאר מיר.

„יעדען אבענד ווען די זון איז אונטערגעגאנגען און די דעמערונג איז געקומען, בין איך אויפ'ן האפען־דאס ארויס־געגאנגען. איך בין געווען פאסט זיכער זי דארט, אויף דעמזעלבען פלאץ, זיצענדיג צו טרעפען, דארט וואו איך האב זי צום ערשטען מאל דערזעהן, און איך האב מיר געפיהלט גאנץ ענטטוישט, ווען איך האב זי אמאל נישט געטראפען דארט. איך פלעג מיך אוועקזעצען אביסעל ווייט פון איהר. דער אבגלאנץ פון דער אונטערגע־

גאנגענער זון, האט אויך איבען ווי א ליכטיגער שימער גערוהט, וועןן אונטען איז שוין דעמערונג געוועזן. די וואסער-פלעכע פון דעם אויסגאס האט איהר שארפע ליניע געצויגען געגען דעם אבענד-הימעל אין נארדען. זי האט אהין געקוקט פאר זיך, איינזאם און אונבעוועגליך זיך אבשאטענדיג אויפ'ן וואסער און לופט. זי האט געקאנט לאנגזאם זיך אומדרעהען צו מיר, און איך האב פלוצלונג דערפיהלט, ריין אינסטינקטיוו, איידער איך האב נאך געזעהן, איהרע אויגען געווענדט צו מיר. און אין דערזועלבער צייט, ווען קיינער פון די אלע, וועלכע זענען ארום אונז געזעסען, האבען דערפון גארנישט געוואוסט, האבען מיר זיך פעליג איינער דעם אנדערן געהערט, ווי צוויי מענשען איינער דעם צווייטען קאנען נאר געהערן. דען איז אין דער ווירקליכקייט זעלבסט א פעראייניגונג צווישען מאן און פרוי, עפעס אינטימע־רעס ווי דאס דאזיגע צוזאמענשמעלצען פון צוויי וועזענס, פון צוויי מענשען, ווען די געפיהלען פערמישען זיך, די געדאנקען ציהען זיך צוזאמען און ברענגען פרוכט?

„געקומען איז די נאכט, איינער נאכ'ן אנדערן האט זיך אויפגעהויבען און פארשוואונדען. עס איז געווארען אלץ איינזאמער ארום אונז, און די שטיין-בענק זענען לעדיג געבליבען. און ווען אויך זי איז אוועק און איך אליין האב זיך אויפגעהויבען און בין אהיים געגאנגען, האב איך מיטגע־טראגען מיט זיך א געפיהל, דאס איך האב אין מיין אינערן א געהיימניס, וואס קיינער, אויסער מיר און נאך איינע, ווייסט עטוואס, וואס מיך ערווארט באלד און וואס וואלט מיך איבער אונענדליכע צייטען ווייט. ווייט געקאנט אוועקטראגען. עס האט געוואקסען אין מיר און עס האט מיר איבערפילט. נייע געפיהלען און נייע ערשיינונגען האב איך גרייכזאם בעקומען, און אלץ ארום מיר, האט פאר מיר א אינטערעס געהאט און האט דעם אויסזעהן געטוישט. אלץ וואס פריהער האט פאר מיר ווי נישט עקזיסטירט איז ערשט געווא־רען פאר מיר ווי א פלייש פון מיין פלייש און א ביין פון מיין ביין. דאס וואסער אין וועלכען איך האב זיך געבאדען, די זון וועלכע האט געהיצט און געבלענדט, דער בלאהער זומער-הימעל, די בלומען און דאס גרינס. די גאסען און די הייזער, אלץ איז געווארען ווי נייע געהיימניסען, וועלכע איך האב דאכט זיך פריהער קיינמאל נישט געזעהן און וואס האבען פלוצלונג זיך ענטפלעקט פאר מיר. די ווערטער פון די מענשען האבען פלוצלונג נייע קלאנגען און א נייעם זין בעקומען, און זיי אליין זענען געוועזן ווי נייע בע־שעפעניש, וועלכע איך האב פריהער גארנישט געקענט. און דאס דאזיגע נייע און וואונדערליכע, וואס איך האב טראגענדיג אין זיך געפיהלט, נישט פעליג אדער קלאר וויסענדיג וואס דאס איז, האט מיך פלוצלונג געקענט אויפרעגען. מיין בלוט ווערט ערשיטערט פון שמערצליכען וואהלטאג. עס

האָט געברענט און פייכט געוואָרען אונטער די ברעמען, מיין בליק איז שאַרף געוואָרען, מיינע שטימונגס־זאַטע געדאַנקען האָבען געשאָסען ווי א שטראַהל אין פערבאָרגענעם לעבען אַריין פון דעם דאַזיין, און דאָס איז געוואָרען צו שטענדיגע ערשיינונגען און איך האָב געציטערט פונ'ם געוואַלדזאַמען פערלאַנג, זיך צו וואַרפען מיטן געזיכט אויף דער ערד און וויינען. אויב וועגען אַלץ אָדער וועגען גאָרנישט, אָדער וועגען עפּעס, דאָס ווייס איך נישט. ווען איך האָב מיך געפרעגט פאַר וואָס פיהל איך אזוי און פון וואַנען איז דאָס געקומען, דאָס מיטגעפיהל פאַר אַלץ און צו אַלעמען, דאָרט וואו פריהער האָט נאָר גלייכגילטיגקייט געהערשט, דאַן האָט זיך די טרויעריגע פרוי מיט די שווער־געמיטהליכע ליניען אַרום דעם מויל און דעם פרעגענדען שמערץ אין די אויגען, אַלס איינציגער ענטפער געשטעלט פאַר מיר. און די דאָזיגע זעלטזאַמע ליעבע איז געוואָרען קראַנקהאַפט־פיין, ווי די הויט פון א נאַר־וואָס געזונד־געוואָרענעם, ווען זי איז גלייך אין פולסטען און שטאַרקסטען געוועזען אין איהרע שמערצליכסטע זיסקייט, צו איין שווערגעמיטהליך באַנגען נאָך דעם, דאָס מיר ביידע, זי און איך, זאָלען זיך פעסט צוזאַמען שליסען, גלייך ווי צוויי איבערגעשראָקענע פון שלעכטען וועטער און לאָזען דאָס לעבען איבער אונז וויַט אַהין אַוועקברויזען, דאָס טרויעריגע לעבען" — — —

עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק פינסטער צו ווערן, א ליכטיגער נעבעל האָט איבער'ן שטאָדט גערוהט, די טראָפּען זענען געדיכט און שווער אין דער שטילער שטילקייט געפאַלען.

„און די טעג זענען דורכגעגאַנגען, דער זומער איז פערשוואונדען און עס איז הערבסט געוואָרען. אין איין אָבענד פון סעפּטעמבער, פונקט אַזעלכער ווי דער היינטיגער, פייכט און שווער איז דער נעבעל איבערן אויסגאָס געלעגען, און דאָס געמיטה איז געווען אַזוי טרויעריג ווי די נאַטור אַרום, מיר זענען געזעסען פאַסט ווי אַליין אויף אונזערע געוועהנליכע ערטער, האָבען מיר איינער צום צווייטען היילפלאָז און טרויעריג געמוזט צושמייכלען, פונקט ווי מיר וואָלטען ביידע אין דעמזעלבען אויגענבליק געפיהלט, דאָס מיר האָבען צוזאַמען דאָס בעסטע אין לעבען און אין דער ליעבע גענאָסען, דאָס יעדער פון אונז האָט גאָרנישט איבריג, ער זאָל דעם אנדערן האָבען עפּעס צו געבען. דאָס ערשט איז שוין אַלץ פאָראיבער דאָס זאָגאַר איין איינציג וואָרט צווישען אונז, וואָלט א פערשוועכונג געווען, דאָס יעדער פון אונז וועט פאַר זיך איין ערינערונג האָבען צו היטען.

„אויף מאָרגען בין איך אַוועקגעפאָהרען.

„אָבער אויך איהר בליק האָט ווי „דאַנק!" געזאָגט".

ערנסט גערגי.

די קינסטלערין.

(איבערארבייטונג).

אבענד.

א פיין-קינסטלערישער סאלאן. לאמפען, אונטער אבאזורען, — אויף שטענדער און ווענט. פיעל בלומען און קרענץ. א העל-פלאמענדיג פייער אין קאמין.

אלגא (די קינסטלערין קומט ארײן נאך דעם קאנצערט, אויפגעלעבט און שטוואס מיעד).

ד"ר פיינהאק (קומט איהר נאך, טראגענדיג איהרע בלומען וואס זי האט בעקומען).

אלגא.

(ווארפט זיך אויפ'ן שויקעל-שטוהל בײם קאמין, מיט א שמייכעל).

— נאך נישט אוועקגעגאנגען, דאקטאר?

פיינהאק.

(לעגט אוועק די בלומען אויף א טישעל, בלייבט שטעהן. זעהר ערנסט).

— איך האב אייך ליעב, אלגא!

אלגא.

(פערוויכערט, עטוואס אונרוהיג, א ציגארעטע).

— ליעב? איהר? געגארט איהר אייך נישט?

(בערוהיגט, מיט א שארפען בליק צו ד"ר פיינהאק).

— איהר פערלאנגט מיך! — דאס איז וואהר!

ד״ר פײַנהאָק.

(נאָכטראַכטענדיק).

— נײַן! — פון בעוואונדערונג פאַר אײַער קונסט, בין איך צו ליבע געקומען אומגעריכט!

(אונטער אָלגאַ׳ס פאַרשעמענדיקן בליק).

— איך לײַד זעהר, אָלגאַ!

אָלגאַ.

(בעהערשט דעם װײַכען אויסדרוק, װאָס האָט זיך אויף איהר בלאַס־מיעד געזיכט בעװיזען, פאַרשאַנצט זיך אונטער מיסטרויען און שפּאָט).

— עס דאַכט זיך אײַך.

ד״ר פײַנהאָק.

— נײַן, — עס איז איין אונגליק, — כ׳קען מיר נישט העלפען!

אָלגאַ:

(פאַרװיקעלט זיך אין שטוהל).

— נעמט אײַך נור דאָס לעבען נישט, דאָקטאָר; עס װאָלט געװען אָבגעשמאַקט.

ד״ר פײַנהאָק.

(ביטער).

— װי שטויסט איהר אָב פון זיך אַ טרײַ־ליבענדיג הארץ!

אָלגאַ.

— איך פערשטעה אײַך...

ד״ר פײַנהאָק.

— ערקלערט אײַך דײַטליכער, אָלגאַ.

אָלגאַ.

שפּעטער. פריהער װיל איך װיסען, װי װײַט עס איז בײַ אײַך געקומען. מאַכט מיר, דאָקטאָר, אַ רעגעלמעסיגע ליבעס־ערקלערונג...

ד״ר פײַנהאָק.

(נערוועז, אוועקווארפענדיג די נישט=דערראויכטע ציגארע אויף א זילבערנעם אש=בעכער).

— און איהר וועט אויסהערען און צושרײַבען מײַן נאָמען צו דער ליסטע פון די אָבגעשטויסענע... און, פערציהענדיג די רויט=פרישע ליפּעלעך, אויסלאַכען מײַן שפּעטע יוגענד? — קענט איהר מיר נישט די שאַנד פערשפּאָרען?

(פּויזע. אלגא שמײכעלט זעהר שטיל, ווײַגט זיך עטוואָס נערוועז, ווערט וואָס אַמאָל בעגאָסען מיט א רויטען אָבגלאַנץ פון קאַמין=פײַער; אָבגלאַנצען שפּילען אויף איהרע האָר. די ציגאַרעטע אין די שמאָלע ווײַסע פינגער ציטערט קוים, קוים. זי נייגט דעם רײַנעם קאָפּ צו זײַן זײַט. עס פונקלען איהם אַקעגען איהרע צײַהן, איהרע אויגען. פון אונטערן פײַנעם זײַדען=שטאָף רײַצען די שוך=שפּיצען מיט פּערל אויסגעשטיקט. עס פליסט פון איהר צו איהם: פּערפום, עלעגאַנץ, יוגענד. ער שפּרינגט אויפגערעגט אויף, לויפט איבער'ן צימער, ווערט פון שטאַרקען בלומען=גערוך און פערהילטען ליכט נאָך בערוישטער).

אָלגא.

— אַלזאָ, דאָקטאָר, איך וואַרט!

ד״ר פײַנהאָק.

(שטעלט זיך אין ווײַטסטען ווינקעל, קלאַמערט זיך, מיט פיעבערדיגע הענד, אַרום איין אָנלעהן פון אַשטוהל).

— אויף וואָס, אָלגאַ?

(אונטער איהר האַלב=שפּעטישען, נישט גלויביגען בליק, אויפגערעגט):

— אַלץ לאַכט איהר אוים, איהר זײַט יונג און דעריבער איבערמוטיג. איהר פיהלט אײַך זעהר גוט אויף דער הויכער הויך, און קוקט אויף אַלע אַראָב מיט שפּאָט! מיט אַבזאָגענדיגען קאַלטען שפּאָט! (נישט בעקומענדיג קיין ענטפער) און ווי לאַנג קען עס דויערן, אָלגא?

אָלגא.

— ביז איך וועל טרעפען דעם, וואָס איך וועל ליעב בעקומען.

ד״ר פײַנהאָק.

— און אז ער וועט זיך נישט בעווײַזען? מיט העלדען ווימעלט די

פּאַבעל; דעם לעבען זענען זיי אונבעקאַנט. און איך, דער עכטער קינסט-לערין, פּאַסט גאַר נישט די ראָמאַנטיק!

אָלגאַ.

(איינגעשפּאַרט).

— אָבער איך וויל, — איך וועל וואַרטען! און בעסער קיינער, אַלס אַ נישט-געליעבטער! געהן צו עמיצען אויף אויסהאַלטען ברויך איך גאָט צו דאַנק, נישט. מיינע עלטערן, מיין קונסט געבען מיר גענוג... איך ברויך מיך אויף דער עלטער נישט פּערזאָרגען!

(איראָניש. פריפּענדיג).

— און איהר האָט מיך ליעב, שטאַרק ליעב?

ד״ר פיינהאָק.

(שטיל און געקוועהלט).

— אונאויסשפּרעכליך!

אָלגאַ.

(ווייטער פריפּענדיג).

— און איך בין די ערשטע...?

ד״ר פיינהאָק.

— אַזוי איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזען...

אָלגאַ.

(שפּעטיש).

— און דאָס אונגליק האָט פּונקט איך געטראָפען? — —

ד״ר פיינהאָק.

(עמפּערט).

— פערשוועכט נישט מיין געפיהל, אָלגאַ!

אָלגאַ.

(שטעלט איך פלוצלונג אויף, אויפ׳ן געזיכט — אַ שמאַכטען, אַ בענגעהר אין ברענענדיגען אויג)

— אַזוי ווייט?

ד"ר פײַנהאָק.

(וואָס האָט, פערטיעפט אין זיך, איהר געזיכט נישט געזעהן).

— ביז אהער האָב איך, ווי א שמעטערלינג געלעבט... לײַכטזיניג פון איינער צו דער צווייטער געפלויגען, אלע זענען גוט געוועזען... קיינער נישט געשוינט... קליינע מיידלעך, בעקאַנטע פרויען, גרויסע קאָקאָטעס... אלע גענומען... מיט געלד, געשענקען, פיינע רעד... און שטענדיג לאַכענדיג, שטענדיג איבער דער סיטואַציע, —

אָלגא.

(האַקט איהם איבער מיט איין עקעל=צוג ארום די ליפען).

— און קיינע געליעבט?

ד"ר פײַנהאָק.

(אלץ אין זיך פערטיעפט).

— נײן... יאָ... איינע... נאָך יונג, סטודענט געוועזען... א רײַצענד מיידעל... אין דער שטיל זיך פערלאָבט...

אָלגא.

— און נישט געהײַראַט?

ד"ר פײַנהאָק.

— נישט געוואָלט זיך פערבינדען אויפ'ן גאנצען לעבען... צו פריש און מונטער געוועזען...

אָלגא.

(זעהר שטיל או ער הערט נישט).

— פוי!

(העכער, צו איהם).

— און פון איהר וואס איז געוואָרען?

ד"ר פײַנהאָק.

— א לעהרערין... אין א קינדער־שוהלע... אלט... אויסגעטריקענט...

אַלגאַ.

— און דערנאָך איינע נאָך דער אַנדערער... עפּיזאָדען... אָבער, איידער די — די דאַמען האָבען זיך אייך איבערגעגעבען, האָט איהר זיי וועניגסטענס, ליעב געהאַט?

ד"ר פּײַנהאָק.

— אָפט... לײַדענשאַפט איז געווען... דאָך געוואוסט האָב איך, אַז עס וועט זיך באַלד לעשען... דאָס מעהרסטע געשפּיעלט...

אַלגאַ.

— און זיי מיט אייך — אויך?

ד"ר פּײַנהאָק.

— דאָס מעהרסטע... מאַנכע זענען דאָך געבליבען הענגען אָן מיר מיט שטיקער האַרץ. שמאַכטען ערגיץ...

(וועקט זיך).

— אָבער, אַלגאַ, — דאָס זענען לאַנג פערגעסענע זאַכען! היינט האָב איך ליעב! זייט איך האָב אייך דערזעהן... פון ערשטען אָבענד אָן... (צוטרעטענדיג געהנטער) יעצט איז קיין שפּיעל נישט... איך האָב מיר די פּליגעל אָבגעזענגט (נאָך נעהנטער, מיט שטײַגענדער היץ) אַ הערבסט-ווינד נאָגט אין האַרץ, רײַסט פון די אַלטע בליטען, בלעטער און די צווייגען. זיי פערשווינדען, איינס נור בלײַבט, איינס שטעהט פעסט: איך האָב דיך ליעב, אַלגאַ...

אַלגאַ.

(אָהן אָטהעם, זעלבסט-פערגעסען).

— אַזוי ליעב האָט איהר מיך?

ד"ר פּײַנהאָק.

(פאַלט פאַר איהר, קלאַמערט זיך אַרום איהרע קניען).

— אַזוי אַלגאַ, אַזוי ווײַב! וואַהנזיניג האָב איך דיך ליעב. וואו איך געה, געהט מיר נאָך דײַן זיסע געשטאַלט. שלאָפענדיג צי וואַך ביסט דו מײַן איינציג בעגעהר: איך בין אוים מענש; צופלאַסען ווער איך! דײַן זיסער קאָפּ, דײַן הערליך לײַב, די גראַציעזע בעוועגונגען, אַלגאַ, דו קענסט נישט דײַן מאַכט —

(בויגט זיך צו איהרע פיס).

— צוטרעט מיך, אַלגאַ, אויף טויט — —

אַלגאַ.

(שטעהט אויף, זיך אָברוקענדיג).

— פון דעם רעדסט דו... און ווען איך וועל אַלט ווערען, ווען דאָס שענע און גראַציעזע וועט פערשווינדען...

ד"ר פיינהאָק.

(שפּרינגט אויף; ענטזעצט).

— נישט מעגליך! נישט מעגליך! דאָס קען נישט קומען... און ווערסט דו אַלט, ווער איך נאָך עלטער...

(הייסער, זינליכער).

— און נישט קלערען! לאָמיר דיין יוגענד געניסען, דיין פרישע, בערוישענדיגע — —

אַלגאַ.

(טרויעריג).

— נאָך איין עפּיזאָד!

(עמפערט).

— אַרוים — שורקע!

(פאָרהאַנג).

אָסקאַר ווײַלד.

געוועהנליכע שפּריכען.

דער סוד פון דער ליעבע איז טיעפער, ווי די טיעפסטע וואונדער פון טויט.

*

די ליעבע פון אַ פרוי קאָן מען בעקומען דורך פערנאַרען דאָס אויער, די ליעבע פון אַ מאַנספּערזאָן — דורך בעצויבערן דעם בליק; דאָך בין איך מסופק, צי דער מאַנספּערזאָן איז בכלל פעהיג צו ליעבען.

*

ווער עס דענקט נישט אויף זײַן אײגענער אַרט, דענקט בכלל נישט.

*

דער מאַנספּערזאָן לערנט זיך אוים צו וויסען דאָס לעבען צו פריה, די פרוי לערנט עס אוים צו שפּעט — דערין שטעקט דער טיעפער אונטערשייד צווישען מאַן און ווײַב.

*

ווער עס שפּיעלט זיך מיט פײַער, איז זיכער, קײנמאָל נישט אָבגעברענט צו ווערען. ווער עס ווײסט נישט זיך דערמיט צו שפּיעלען, ווערט פון פײַער פערברענט.

*

פאַר יעדען מענשען קומט אָן דער אויגענבליק, ווען ער מוז אויסקלײַבען אײנם פון די בײדע: אָדער ער זאָל פיהרען זײַן אײגען לעבען, אַ העכסט פערזענליכעס לעבען אין טיעפסטער פולקײט, אָדער ער זאָל זיך בעשליסען צו פיהרען יענע פאַלשע, קלײנליכע, ערנידערנדע עקזיסטענץ, וועלכע עס פאָדערט פון איהם די צביעות פון דער וועלט.

אפרים קאַגאַנאָווסקי.

גַנָבִים

I.

אין דער אַלטער מיהל.

(נאָוועלע).

אַ קאַלטע הערבסט נאַכט. עס רעגענט.

דער הימעל אין דער הויך איז גראָה-רויטליך, ווי דורכגענומען מיט אַ לײַכטען, ברודיגען פלאַם, און פערציהט זיך ווײַט, ווײַט, און פערגעהט אין אַ גראָה-פויל-וואַסעריגען נעבעל.

עס טריפען לאַנגזאַם גראָבע, פוילע רעגען-טראָפען. ס'איז קאַלט, און די קעלט איז אַזאַ פויל-נאָגענדע, ווי טראָפענס קאַלטער שווייס, וואָלטען זיך אויף דיר געגאָסען...

טיעף אין גראָהען נעבעל אַרײַן שנײַדט זיך דער שאָסע, און בלאַנקט מיט אַ גראָה-נאַסען גלאַנץ.

שטיל און פינסטער איז אַרום...

פון ביידע זײַטען שאָסע איז פינסטער, צײַטענווײַז צוויגען זיך, די נאַסע בוימער פונ'ם וואַלד, פון אַ ווינד וואָס קומט פון דער פערנעבעלטער ווײַטקייט.

בײַ דער זײַט פונ'ם שאָסע, נעבען אַ פײַכטען, זומפיגען גראָבען, שפּאַנט מיט שנעלע טריט, דער יונגער פויער „קאָסטעק". זײַנע פיס זענען באָרוויסע, און פּאַטשען אינ'ם שטײַנערנעם שאָסע, מיט אַ פײַכט-לײַמיג געפּליסטערײַ. זײַן לײַכטע, בלוי-לײַווענטענע בלוזע בלאָזט זיך פונ'ם ווינד, דער אַרומגע-ריסענער ראַנד פון זײַן שטרויענעם קאַפּעליוש, רײַסט זיך אַרויף און עס טריפט איבער זײַן פנים, מיט די פוילע טראָפען פונ'ם רעגען... ער איז אַ דאָרף-גנב און די פויערן רופען איהם „פטאַשעק".

— ווי שפּעט קען שוין זיין? קלערט ער זיך.

ער קוקט זיך אַרום, אַלעס אַרום איז שטיל און פינסטער. אַרום אין פעלד, אין וואַלד, הערט זיך נאָר דאָס רוישען פונ'ם רעגען, צייטענווייז טראָגט זיך קרום אַן אַ ווינד, און מיט אַ פייַכט געשווענקערײַ, צוויוגען זיך די בוימער...

— ס'וועט שוין זיין צוועלף! אָדער פריהער — אָדער שפּעטער, ווער ווייסט?

צוויי ביי טאָג איז געווען, ווען ער איז פונ'ם דאָרף אַוועק...

— כ'האָב נאָך אין דער פריה געוואוסט, אַז דער טאָג וועט זיין אַ פערשאַלטענער! — קלערט ער — כ'ווייס! אַז ס'קריכען מיר נאָר אין קאָפּ אַריין: די בלינדע „צעלקע". מיט'ן הינקענדיגען „פּיליפּ" איז עפּעס געשעהן! ס'אַ הינקעדיגער הונד! כ'האָב געוואוסט אַז ער וועט מיך קומען פערבעטען. זי בענקט נאָך מיר, דערצעהלט ער מיר. העט! העט! כ'האָב דיך שוין דער־קאַנט הינקענדיגער הונד, ווער דו ביסט! און דיך בלינדע האָב איך דערקענט!

אַזוי האָט „פּטאַשעק" אין זיינע געדאַנקען געזידעלט זיינע חברים, צו וועלכע ער געהט יעצט קיין „יאַלאָווקאַ"...

ער קוקט זיך אום הינטער זיך, צי ער איז שוין ווייט פון זיין דאָרף אָבגעגאַנגען. נאָר ס'איז אַזוי פינסטער, און פערנעפּעלט דער שאָמעט, אַז ער קען ניט וויסען, וואו ער איז. איהם דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך פון זיין דאָרף ניט אַרויסגעגאַנגען, און ער גיט אַ ציטער.

„פּטאַשעק" האָט ניט מורא פאַר די פויערן. ווען זיי האָבען איהם הײַנט געיאָגט, איז ער גאָר ניט אַנטלאָפען, ער האָט זיך גלייך אַוועק־געשטעלט, אויסגעצויגען דעם האַלז, און געזאָגט:

— נאַט אייך! שניידט מיר איבער דעם האַלז, — אָדער הענגט מיך אויף אַ בוים!

נאָר איהם שרעקט דאָס געשריי וואָס ווערט, ווען מען דערזעהט איהם און ער פרעגט זיך אַליין:

— וואָס ווילען זיי פון מיר? כ'האָב דאָך די שטיוועל ניט גענומען!

און ער דערמאַהנט זיך, ווי דער הינקענדיגער „פּיליפּ" האָט צו איהם גערעדט אין דער פריה:

— קום „קאַמטוש"! האָט ער געזאָגט און האָט איהם דערלאַנגט אַ אויסגעבויגענעם פּאַפּיראָס פונ'ם היטעל אַרויס.

— קום „פּטאַשעק"! צעלקע בענקט נאָך דיר, זי פרעגט זיך אַלע טאָג: פאַר וואָס זעהט מען ניט פּטאַשעק'ן? זעה נאָר ווי דער הימעל איז

פערוואלקענט, ווי ער וואלט מיט א אייזערנעם שלאס, פערשלאסען געוועןן; זעה נאר ווי אלץ איז פערנעפעלט, קום „פטאשעק”.

און ער איז מיט איהם געגאנגען.

אויפ'ן גאנצען וועג, האט איהם „פיליפ” דערצעהלט ווי גוט ס'לעבט זיך ביי דער בלינדע „צעלקע”. אלע ביי נאכט קאכט מען אב א גרויסען טאפ קארטאפליעס און קיין ביסעל בראנפען פעהלט ניט; „אלעק ניעמיעץ” ברענגט א ברוינע פיעדעל און מ'שפיעלט, „מאנקא” פערהויבט דאס קלייד'על, טהוט זיך אן א שיסעל אויפ'ן קאפ און טאנצט, נאך איהר לאזט זיך „וואצעק נאצני” און פויקט אויף א בלעכענע פאטעלניע. „פיליפ” האט איהם דערצעהלט, אז יענע נאכט, האבען זיי אוועקגעשלעפט א גאנצען פארקאן ביי „מאטעק פאכציארז”, קיין האהן האט זיך אפילו ניט אויפגעוועקט... און ווען זיי זענען צוגעקומען צום „קאנדוקטאר”, האט איהם „פיליפ” אנגערעדט, אז ער זאל די שטיוועל, וואס האבען זיך געטריקענט אויף דער „פורטקע”, אראבנעמען; „פטאשעק'ן” האט זיך אפילו ניט געגלוסט האבען צו טהון מיט'ן „קאנדוקטאר”, נאר אז דער הינקענדיגער הויבט אן איינצורעדען, וועסטו זיך פון איהם ניט ארויסדרעהען. „פטאשעק” האט זיך ארומגעקוקט, ס'איז געווען שטיל, מ'האט קיינעם ניט געזעהן.

„פיליפ” האט זיך געלעגט אונטער א „קשאק”.

„פטאשעק” האט ליעב די שטילקייט. ווען ס'איז שטיל דאכט זיך איהם אז אלעס געהערט צו איהם...

איז ער שטיל אונטערגעקראכען, מיט צוויי פינגער די שטיוועל פון דער פורטקע אראבגענומען, זיי אויפ'ן אקסעל אויפגעהאנגען און שטיל, ווי א קאץ, גענומען אבשפרינגען...

נאר באלד איז דער „קאנדוקטאר” ארויסגעגאנגען, זעהן צי די שטיוועל זענען שוין טרוקען און זעהענדיג אז זיי זענען נישטא, האט ער זיך געיאגט נאך „פטאשעק'ן” מיט א געשריי:

— א גנב! א גנב!

און אז „פטאשעק” הערט א געשריי, קען ער זיך שוין פונ'ם ארט ניט ריהרען, האט ער די שטיוועל אווארף געטהון און געוואלט אוועקגעהן; זענען זיך די פויערן צונויפגעלאפען און האבען איהם געשלאגען. ווי זיי האבען איהם געשלאגען ווייסט ער ניט, ער געדענקט ניט...

„פיליפ” איז פערשוואונדען, ער האט איהם מעהר ניט געזעהן...

באלד איז „פטאשעק” פונ'ם דארף אוועק, איז אבגעלעגען ביי'ם טויבען „ציעסלאז” ביז ביי נאכט און פון דארט געהט ער יעצט צו די בלינדע „צעלקע” שלאפען...

פון ערגיץ קומט אן א שארפער ווינד און יאגט איהם שארפע שנירלעך

רעגען אין פנים אריין. ער ציהט אראָב דעם קאַפּעליוש איבער די אויגען, נורעט איין דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען און שפּרייזט מיט ברייטע האַרטע טריט...

אָט איז שוין די „קוניע", נאָך צוויי דערפליך איז „יאַלאָווקאַ".

ער געהט שנעל און איהם דאַכט זיך: וואָס טיעפער ער ווערט קומען אינ'ם נעבעל, אין דער פינסטערניש, אַלץ שטילער וועט זיין און די שטילקייט האָט „פּטאַשעק" אַזוי ליעב...

ער פערטראַכט זיך, פערזשמורעט די אויגען און דערמאָהנט זיך אָן זיין דאָרף: ס'געהט אַזאַ לאַנגער ווינטער, באַלד וועט אַלץ אַרום ווייס, פער־שנייט ווערען, אַרום אין אַלע דערפער וועט ווערען אַזוי שטיל... פאַר נאַכט וועלען זיך אַלע פויערן לעגען שלאָפען און די נעכט וועלען זיין אַזעלכע פינסטערע, קאַלטע, פראָסטיגע...

דאָ אַרום, איבער אַלע פעלדער וועט זיך אַ דיקער, ווייסער שניי לעגען... און איהם, „פּטאַשעק'ן", איז שוין נמאס צו זיצען אין דער־היים...

דער פאָטער לעבט ניט, די אַלטע מאַמע שיקט איהם זוכען אַ ביסעל אַרבייט, נאָר קיינער גיעט ניט. מ'האָט מורא ער וועט בע־גנב'ענען...

און „פּטאַשעק" פּלאַנט זיך אַזאַ לעבען:

ער זאָל קענען אַוועקגעהן אין אַנ'אַנדער דאָרף, ווייט פון דאַנען, גאָר אויף אַנ' אַנדער שאָסעע, וואו קיינער קען איהם ניט, וואו קיינער ווייס ניט ווער און וואָס ער איז; דאָרט זאָל ער זיך שטעלען פאַר אַ „פּאַראָבעק" ביי אַ פריץ. ווען ס'וועט קומען זומער, זאָל ער אַלע פאַר נאַכט אַוועק־געהן אונטער'ן דאָרף, אין אַ יונג „בּושאַזאָווע" וועלדעל, זיך אַוועקלעגען מיט'ן פנים אַרויף און אַזוי זיך קלערען. ס'זאָל זיין שטיל, קיינער זאָל ניט שטערען און קלערען זאָל ער פון דער בלינדער „צעלקע", וועלכע איז אין אמת'ן דאָך אַ גוטע שוועסטער; פון דעם הינקענדיגען „פיליפּ" זאָל ער קלערען, און ער קריעגט זיי ליעב, און דערמאָהנט זיך אָן אַלע: אָן „אַלעק ניעמיעץ", אָן „מאַנקאַ'ן" און אָן „וואַצעק נאָצני" מיט די וואָלפישע אויגען... און ס'ציהט איהם, „פּטאַשעק'ן", אַהין צו „צעלקען", ער וואָלט שוין דאָרט געוואָלט זיין...

און ער הויבט אָן שנעלער צו געהן...

— — און ווען ס'וואָלט איהם נמאס געוואָרען דאָס קלערען, וואָלט ער זיך אויסגעקליבען דאָס שענסטע, בעסטע פערדעל פונ'ם פריץ און הײַדאַ! אַוועק אין דער וועלט אַריין! און געריטען וואָלט ער איבער אַלע שאָסעען, אין אַלע שטעדט וואָלט ער אויסגעוועזען; אַמאָל, ס'וואָלט זיך איהם פערגלוסט,

גאלאָפּ!! אוועק צו „צעלקען": כ'בין דאָ! וואָס מאַכסטו בלינדע?!

און די גאַנצע חברה שטעהט פערוואונדערט, גלעטען די ברוין-סאַמעטענע „באַקעס" פונ'ם פערדעל, שאָקלען מיט די קעפּ:

— אַ אַ! ווי „פּטאַשעק" זעהט אויס...

אין האַלבער נאַכט איז „פּטאַשעק" קיין „יאַלאָווקאַ" צו דער בלינדער „צעלקע" געקומען.

אין אָנהויב פון אַ ווייט פערגאַנגען פעלד, ניט ווייט פון אַ וואַסער-מיהל, שטעהט „צעלקעס" הייזעלע. די פאָדערשטע וואַנד פון דער „כאַטע" איז ווייס און האַלב איינגעבראָכען, דער דאַך איז אַ שטרויענער, אַ אויסגעקראָכענער און לאָזט זיך נידריג אַראָב איבער דער קרומער וואַנד.

די בלינדע „צעלקע" איז אַ מויד פון אַ יאָהר 25. שוין עטליכע יאָהר, אַז צעלקען האָט מען געבּרענגט מיט'ן „עטאַפּ" אין דער „גמינע" פון „יאַלאָווקער" שאָסעע, פאַר אַ גניבה. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך צוזאַמענגענומען מיט די גנבים פון דעם שאָסעע, זיי האָבען זי אויסגעקליבען פאַר אַ מאַטקע" און זי האָט זיך בעזעצט אין דעם הייזעלע, וואו זי האַלט אויף די חברה...

דאָס הייזעלע האָט פריהער געהערט צו דער וואַסער-מיהל וואָס שטעהט ניט ווייט פון דאָרט, ס'פלעגט דאָרט ליגען מעהל; נאָר צייט די מיהל האָט אויפגעהערט אַרבייטען, וואוינט דאָרט „צעלקע"...

דאָס גאַנצע דאָרף יאַלאָווקאַ קען צעלקע'ן און מען ווייסט וואָס זי איז, נאָר קיינער שטערט איהר ניט, ווייל זי איז אַ גוטע, האָט ליעב צו טהון אַ טובה. ס'מאַכט זיך אַ מאָל ווינטער, אין אַ פראָסטיגער נאַכט, ווען אַ פויער פאָהרט דורך מיט אַ וועגעלע, רופט מען איהם אַריין און מ'איז איהם מכבד מיט אַ שנאַפּס, מיט אַ ביסעל הייסע קאַרטאָפּליעס; ס'קומט אַ מאָל אַ „סטראַזניק" טרינקט מען איהם אָן אַזוי, אַז ער „טאָטשעט" זיך קוים אַהיים...

דאָס לעבען זייערס איז פריי, די טהיר איז אָפען אַ גאַנצע נאַכט און ס'זאָל קומען אַ פרעמדער מענש, וועט מען איהם ניט פרעגען ווער ער איז און וואָס ער וויל.

ביי צעלקע'ן איז דאָ אַ גרויסער שוואַרצער הונד, אַ פיערקאַנטיגער, מיט אַ איבערגעלעגטען קאַרק, מיט פייכטע קלעפּעדיגע אויגען. גאַנצע טעג ליעגט ער אָב אונטער אַ באַנק און סאָפּעט, ווי אַ „סאַמאָוואַר"; די חברה האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „סאָבאָטניק". אַזוי ווי דער חברה, אַרט איהם אויך גאָר ניט. מעג האַלבע נאַכט קומען ווער עס איז און אַריבערפּאַלען

איבער איהם, וועט ער ניט בילען; נאָר זיך אויפהויבען, אָפּשאָקלען זיך, וואַרפען מיט׳ן איבערגעלעגטען קאַרק און זיך ווײַטער אַוועקלעגען.

אַ ברייטער, הילכיגער פײַף האָט זיך אין דער טיעפער פינסטערניש פערטראָגען.

דאָס האָט „פטאַשעק", אַרײַנלעגענדיג צו צוויי פינגער פון אַ האַנד אין מויל אַרײַן, אַ פײַף געטהון אַז מ׳זאָל וויסען אַז ער געהט.

נאָר באַלד האָט ער חרטה געהאַט; ער האָט בעסער געוואָלט עס זאָל זײַן שטיל, ער זאָל אַרײַנקומען מען זאָל איהם גאָר ניט בעמערקען...

נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט.

די חברה זענען שוין אַרויס ענטקעגען „פטאשעק׳ן" מיט אַ פײַפערײַ, מיט אַ טאַנצערײַ. „פיליפּ" האָט געטאַנצט מיט׳ן הינקענדיגען פוס, טייל זענען געלאָפען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, מיט אויפגעהויבענע הענד, ווי זיי וואָלטען זיך געיאָגט נאָך אַ ווילדע חיה...

בײַ צעלקען אין „כאַטע" איז ליכטיג פון אַ גרויסער, בלעכענער ליכט-לאָמטער. אויף צוויי לאַנגע הילצערנע בענק, זיצען די חברה צוואָרפען, טייל די קעפ אַרונטערגעהאָנגען אונטער די בענק, אַרום זיי געהט אַרום „צעלקע", קוקט קרום מיט׳ן ווײַס-איבערגעקעהרטען אויג און טיילט דער חברה בראָנפען פון אַ קײַלעכיג גלעזעלע.

די ווענד אַרום זענען געל-לײַמיגע און פײַכטע; אין מיטען שטעהט אין אײַנגעהײַצטער „פיעציק", אויפגעשטעלט פון עטליכע שוואַרץ-פערוויכערטע ציגעל.

נעבען „פיעציק" שטעהט „מאַנקאַ". איהרע האַרטע העל-פלאַקסענע האָר זענען צולאָזען און הענגען אַרום, ווי פײַכטע שטריקלעך. זי געהט אָנגעטהון אין אַ קורץ-רויט קליידעל; דאָס קליידעל איז האַרט און עס שטעהט אָב בײַ די זײַטען מיט האַרטע קאַנטען, ווי בײַ אַ געלאָהמטען זאַק. זי מישט מיט אַ הילצערנעם לעפעל אין אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפליעס און שנײַדט אַלע מאָל אַרײַן שטיקער האַרטע פעסטע קילקע...

„מאַנקאַ" איז געווען אַ דינסט בײַ אַ פריץ, נאָר פאַר אַ גניבה האָט מען זי אַרויסגעטריבען...

— טרינקט ברידער! און ווייסט אַז צעלקע איז נאָך ניט געשטאָרבען; הע, אָלעק! וואָס שאַרסטו זיך דאָרט צו מאַנקאַ׳ן?! זי וועט דיר קײַן בראָנ-

פען ניט געבען. כ'האב שוין לאנג געזאגט, אז די דײַטשען האבען אין זיך היניטיש בלוט!—שרײַט צעלקע מיט א הײזעריגע שטימע, גיסענדיג איבער'ן גלע־זעל אראב אויף דער ערד. דער הינקע־דיגער „פיליפ״ איז שכור, ער ליעגט אויסגעצויגען אין מיטען שטוב אויפ'ן בויך, פרובט אלע מאל אנכאפען מאנ־קא'ן פאר א פוס, קריעגט ער א זעץ מיט'ן לעפעל איבער דער האנד, קוקט ער צו איהר ארויף, מיט פערחלש'ט־שכורע אויגען און שווערט זיך אונטער דער נאז: אז ניט זאל איהם א דונער צושמעטער'ן, ווי ניט ער...

די שטוב איז פערנעפעלט פון א פעטער פארע, געמישט מיט קנוילען רויך פון „מאכארקע״ און אינ'ם נעפעל מישען זיך, ווארפען זיך, האלב אבגעהאקטע ווערטער, הײזעריגע געשרײַען און דאס כראפען פון „פיליפ'ן״.

אלע מאל הויבט זיך איינער אויף, קוקט זיך ארום, ווי ער וואלט עפעס דארפען טהון און לעגט זיך צוריק, איינפלעכטענדיג זיך אין דער חברה.

און אין דרויסען הינטער דעם קליינעם כאטע־פענסטער'ל, טראגט זיך קרום א ווינד, וועלכער וואויעט ווי א חיה, די פוילע טראפען רעגען פויקען שווער אין דעם אויסגעקראכענעם שטרוי־דאך און די קאלטע, פינסטערע נאכט ציהט זיך אזוי נאס, אזוי שווער איבער צעלקע'ס „כאטע״ מיט דער קרומער פערערשטער וואנד...

אין דרויסען הויבט שוין אן טאגען.

דער הימעל אין דער הויך איז גראה־וואסעריג. פעט־גראהע וואלקען ליעגען איינער איבער דעם אנדערן ווי אנגעגאסענע און עס דאכט זיך, אז זיי גלאנצען מיט א גראה־פעטען גלאנץ. א נאסער, פויל־קאלטער נעבעל שטראמט איבער דעם ווײַטען, טונקעלן פעלד. פון דערווײַטענס, אויף דעם פערנעבעלט־וואסערי־גען האריזאנט, האט זיך א ברודיג־ראזער פאס געלעגט; עס זעהט אויס די זון דארף שוין אויפגעהן און דער ברודיגער, מאט־ראזער פאס ווייזט, אז דער טאג וועט זײַן א פוילער, א רעגענדיגער. ערגיץ ווײַט קרעהט א האהן, נאך דאס קרעהען מישט זיך צוזאמען, מיט דעם רוישען פונ'ם ווינד און דעם איינארטיגען פויקען פונ'ם גראבען, שיטערן רעגען...

איבער'ן פעלד הענגט א בלײַבע טונקעלקײַט.

בײַ צעלקע'ן אין שטוב איז דער נעפעל פונ'ם „מאכארקע״־רויך געדיכטער געווארען. דאס לאמטער־ליכט קנאקט, שמעלצט זיך אין חלב און איהר קרומער צאנקענדיגער פלאם, פונ'ם ליכט־קנויט, בע'פארבט מיט א ברודיגער רויטקײַט דעם נעפעל.

אין דעם „פיעציק" גליהען נאך עטליכע שטיקער האלץ אויון רכערן
אך מיט א ביטער=שטיקענדען רויך...
אין א ווינקעל ליגט „פיליפ". ער כראפעט שווער. „מאנקא" ליגט האלב
אנגעשפארט אן א באנק, איהרע אויגען זענען האלב אפען און איהרע דיקע
רויטע הענד הענגען מיעד איבער איהרע קניען. צעלקע זיצט נעבען איהר,
האלב=ליגענדיג אויף דער באנק, דעם קאפ פעררייסען און איהר ווייס=איבער=
געדרעהט אויג, בלישטשעט מיט א קאלטען, ווייסען בליאסק קעגען דעם קרום=
צאנקענדיגען פלאם פון דער לאמטער...
„אלעק ניעמיעץ" שלאפט ליגענדיג האלב קיילעכיג אויסגעצויגען אויף דער
ערד, איין האנד אונטערגעשפארט אונטער'ן קאפ, און זיין בלוי=טובען היטעל,
מיט'ן גלאנציגען לאקיר=דאשעק, איז טיעף אראפגערוקט איבער זיינע
אויגען.
„וואצעק נאצני" זיצט דעם קאפ פעררייסען, נעבען דער אפענער טהיר,
זיינע גרינע, שארפע אויגען ברייט געעפענט.
ער קוקט ארויס אינ'ם פינסטערן, נאסען פעלד אריין.
קעגען איהם, אויף דער ערד, זיצט, די פים אונטער זיך, „פטאשעק";
ער קוקט „וואצעק'ן" גלייך אין די אויגען אריין און „וואצעק'ן" דאכט זיך,
אז „פטאשעק" שלאפט מיט אפענע אויגען און ער קען ניט פערשטעהן: שלאפט
ער? — טא וואס האלט ער אפען די אויגען? וואצעק הויבט אהן צו מרוזשען
מיט די אויגען. ס'דאכט זיך איהם, אז זיין קוקען אויף פטאשעק'ן איז עפעס א
גניבה און ער קען זיך ניט בעשליסען עפעס אנצוהויבען צו רעדען צו „פטא=
שעק'ן"; ער שטעלט זיך פאר, ווי ער זאגט עפעס צו איהם און ער „פטא=
שעק" שלאפט גאר, זיינע ווערטער הילכען אזוי אין דער שטילקייט און
באלד כאפען זיך אלע אויף מיט א געשריי, ווי עס וואלט עפעס געשעהן.
„אלעק ניעמיעץ" הויבט אויף דעם קאפ פון דער ערד, רוקט ארויף דעם
דאשעק, ציהט זיך גלייך אוים אויף דער ערד, הויבט אויף דעם קאפ צו
פטאשעק'ן, און רעדט מיט א פערשלאפען ביי=קול:
— א=א=א! זאלען אייך טייוואלאנים בראטען! אוועקגעזעצט זיך קלערען;
כ'קען שווערען אז „פטאשעק" האט מיר די פאר גראשען פון דער קעשענע
ארויסגעגראבעלט!
ער הויבט זיך אויף, ציהט זיך אוים מיט די הענד אין דער הויך, און
גיעט א ברייטען גענעץ,
— ס'איז שוין טאג! ברידער, ס'איז שוין טאג!
דאס ליכט לעשט זיך אוים. אינ'ם לאמטער'ן הויבט זיך אן ציהען א
שמאלער פאס, שווארץ=שטיקענדער רויך...
— ס'איז שוין טאג! שרייען אלע דריי מיט א מאל אוים

דורך דעם קליינעם „באטע״ פענסטער׳ל, האט זיך דער גראָה־וואסערדיגער פאר טאָג אַ־ריינגעריסען און מיט אַ מאטער גראָהקייט די שטוב בעפארבט.

— מיר וועלען זיי אויפוועקען! האט אלעק אַ געשריי געטהון און צו־געהענדיג צו דער באנק, וואו „צעלקע״ און „מאנקא״ זענען געשלאָפען, האט ער זיי מיט איין שלעפּ פון דער באנק אראָבגעוואָרפען. מיט אַ ווייכען קלאפּ זענען זיי פון דער באנק אראָבגעפאלען.

„וואצעק״ און „אלעק״ האבען זיך צולאכט.

„מאנקא״ און „צעלקע״ האבען זיך שטיל אויפגעהויבען און זיך ארום־געקוקט.

„אלעק״ האט זיך דערווייל צוגערוקט צום שלאָפענדיגען „פיליפּ״; באלד איז צו׳ן איהם „וואצעק״ צוגעקומען און ביידע האבען איהם, מיט איין הויב, גלייכגעשטעלט.

„פיליפּ״ איז געשטאנען וואקלענדיג זיך, האט אנגעוויזען מיט אַ וואק־לענדיגען, אויסגעבויגענעם פינגער, ערגיץ אין אַ ווינקעל אריין און האט עפּעס מיט אַ פייפענדיגער שטימע, צוגעמורמעלט.

די חברה האבען הייזעריג געלאכט.

— ווערסט טאנצען „פיליפּ״! האט „אלעק״ אַ געשריי געטהון.

און ער האט פון אונטערן קאסטען זיין גרויסע, ברוינע פידעל ארויסגע־כאפּט, ארויפגעוואָרפען זי אויפ׳ן אקסעל און אנגעהויבען שפּילען...

— טאנצען! טאנצען! שרייען אלע אוים.

און „פיליפּ״ טאנצט, שפּאַרט צו איין האנד צום אויער, די צווייטע האנד אויף אַ זייט און שטעהענדיג אויף איין אָרט, הויבט ער מיט׳ן הינקענדיגען פוס, דרעהט מיט׳ן קאָפּ און וואקעלט זיך.

און „אלעק״ שפּילט... און אין יעדען טאָן, פון זיינע פאלש־אָבגעלאָזענע סטרונעס, הערט זיך דער נאסער נעבעלדיגער פאר טאָג, הערט זיך די שכור׳ע הייזעריגקייט פון דער חברה...

און „צעלקע״ פערוואַרפט איהרע צעלאָזענע האָר ארונטער, חאפּט ארום „פטאשעק׳ן״ און לאָזט זיך מיט איהם אין אַ טאנץ; „מאנקא״ און „וואצעק״ פלעכטען זיך איין און אויף דער ברודיגער „באטע״־פּאדלאָגע פּאטשען זייערע באָרוויסע פוס.

און „פיליפּ״ הויבט זיך, וואקעלט זיך און פּאטשט צו מיט די הענד:

— האָפּ! האָפּ!

באלד רייסט זיך צעלקע ארוים, חאפּט אַ פערבונדענע פּאטשיילע, בינדט אויף אַ גרויסע פלאש בראנפען און די חברה טרינקען.

און דער טאנץ ווערט שנעלער, ווילדער; די טענער פון אלעק׳ס

פיעדעל ווערען שפרינגענדיגער, ראַשיגער; צעלקע צווילדעוועט זיך, פאַלט ארויף אויף אַלעק׳ן, קושט איהם שנעל:

— דו הינטישער דייטש! כ׳האָב דיך ליעב, קומט ברידער! אַלע פלעכטען זיך איין אין איין קנויל און שטום, אָהן ווערטער, וויעגען זיי זיך שכור, וויעגען זיך...

נאָר אָט איז שוין טאָג! דער רעגען איז געדיכטער געוואָרען און דער ווינד יאָגט זיך קרום איבער די פעלדער: די עטליכע „באַטעס" וואָס האָבען זיך פון דערווייטענס אין פעלד געהאַט אָנגעזעהן, זעהט מען ניט, זיי זענען פערנעפּעלט, ווי זיי וואָלטען דורך דער נאַכט פערטראָגען געוואָרען...

ווי פערשלאָסען איז אַלץ אַרום.

נאָר אָט האָבען זיך די חברה צוטיילט; זיי האָבען דעם טאָג דערזעהן...

און מיט ברייט געעפענטע אויגען, קוקט איינער אויפ׳ן צווייטען, ווי זיי וואָלטען זיך פרעגען: וואָס?!

— ס׳איז שוין טאָג, שרייען מיט אַ מאָל אַלע אוים און עס ווערט שטיל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָט האָבען זיך שוין „וואַצעק" און „אַלעק", די קעלנער פון זייערע בלוזעס אויפגעשטעלט, די קעפּ אין די אַקסלען איינגענורעט און שטיל ווי קעץ זיך אין דרויסען אַרויסגעשלייכט, פערשוואונדען אויפ׳ן שאָסע, פערטראָגען ערגיץ ווייט, אינ׳ם גראָה וואַסעריגען נעפּעל אַריין...

„מאַנקאַ" ליעגט, דעם קאָפּ פערדריסען און פון איהר האַלב אָפען מויל, טראָגט זיך אַ הייזעריג כאָרכלען.

„פיליפּ" ליעגט שכור נעבען איהר...

„פּטאַשעק" רוקט אַראָב זיין נאַסען, שטרויענעם קאַפּעליוש, שטעקט אַריין די הענד אין די הויזען־קעשענעס, נורעט איין דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען, און געהט צו דער אָפענער טהיר.

— מיין טייערער „פּטאַשעק"! שפּרינגט צעלקע אויף. דו געהסט אויך אוועק!? און זי צעוויינט זיך מיט אַ גרילציג, שכור געוויין...

און אין דרויסען יאָגט זיך קרום דער ווינד, און וואויעט ווי אַ חיה.

— — — — — — — — — — — — — — — —

„פּטאַשעק" געהט אָב אַ שטיק׳ל וועג, די נאַסע קעלט לעגט זיך אויף איהם שווער און דער קאָפּ טהוט איהם וועה פון בראָנפען און ניט שלאָפען...

נעבען אַ נאַסען, אויסגעוואַקטען בוים, אין דער זייט פון שאָסעע, שפּאַרט זיך פּטאַשעק אָן און פרעגט זיך אַליין:

— וואו זאָל איך געהן? און דער ווינד גיעט זיך אַ טראָג, און ברענגט מיט זיך צעלקע׳ס געוויין.

— וואו זאָל איך געהן?! פרעגט זיך נאָך אַמאָל „פּטאַשעק״ און ער געהט ווייט ווייט, און פערשווינדט אין געדיכטען וואַסעריגען גענעפּעל...

I.

דער יונג.

ליבען איז א נאַרישקייט,
מען מוז נאָר זיין אַ יונג!
וויל מען נאָר א מיידעלע —
בעדאַרף מען נאָר אַ ווינק...

דרעהט מען זיך די וואָנסעלעך —
דערזעהט מען גאַנצע טיך;
וואַרפט מען מיט'ן שטעקעלע —
פערכאַפּט זיי באַלד אַ היץ!

ציהט מען פּאַר זיי ס'היטעלע —
דערצינדט זיך זיי די ברוסט;
דריקט מען זיי ביי'ם הענטעלע,
פערברענען זיי אין לוסט,

ווייזט מען זיי א שמייכעלע —
פערפלעכטען זיי די צעפּ;
מאַכט מען זיי א חנ'דעלע —
פערדולט מען זיי די קעפּ.

גיט מען זיי א צאַצקעלע —
פערליבען זיי זיך באַלד;
זאָגט מען זיי נאָר: ליובעניו! —
שפּאַצירט מען שוין אין וואַלד...

פיהרט מען זיי געארעמטע,
פערקריכט מען אין געביש —
שטעקט מען אוים דאס בוזשעלע,
בעקומט מען באלד א קוש...

לייכטען העל די נעכטעלעך.
פערגעסט מען אן די צייט —
אויף די שטילע וועגעלעך
פערליערט מען זיך אין פרייד,

ווערט אין שטאדט א רעדעניש,
פערבייסט מען מיט די צונג —
ליעבען איז א נארישקייט,
מען מוז גאר זיין א יונג!

II.

די שענע זלאטקע.

ביי דעם קלארען וואסעריל
שטעהט א קרומע האטקע,
דארטען אינ׳ם אלקעריל
וואהנט די שענע זלאטקע.

איהרע באקען — רויזעלעך,
שמייכלען מיט חן־גריבעלעך;
איהרע אויגען לעבעדיג,
לאשטשען אזוי ליעבלעך.

איהרע האָר צופלאָכטענע,
פּייכטע פונ'ם קעמען — ,
גלאַטיג־צאַרט דאָס העלזעלע,
האָטש אַרומצוגעהמען.

עדעל־ווייס די הענטעלעך,
אויפגעשאַרצט אין גאַנצען;
שלאַנקע פּיסלעך באָרפּיסע,
שטענדיג גרייט צו טאַנצען.

ווען מיר געהען, בחורים,
זומערלעב זיך באָדען —
טרעפט מען זי ביים לופטשיקעל
מאַכען צו דעם לאָדען.

ציהט מען נאָר די הויזעלעך
פון די פּיס אַרונטער —
הילעכט שוין איהר קול'עכיל,
מאַכט אונז אַלע מונטער.

טהוט מען אוים זיך נאַקעטע,
לערנט מען זיך שווימען;
רייצט אונז איהר געלעכטעריל —
אז ס'איז אומצוקומען!

שפּיעלט מען זיך אין קאַטשקעלעך,
געהט מען אויף די קניען —
קלינגט איהר בראַוואָ־פּאַטשעריי,
אז די הערצער גליהען...

מאַכט מען ווער אַ קאָזשעליק,
חיכעט זי אין שפּאַרע...
מען דערהערט איהר צוויטשערן,
נעהמט אַרום אַ פּאַרע!...

עֶנדיִגט מעֶן דאָם ווּעֶטעֶניִש ,
געֶהט מעֶן צ׳ריִק פון טײַכעֶל —
וואַרט זיִ אָב בײַם גאַניִקעֶל ,
וואַרפט אונז צו אַ שמײַכעֶל .

מאַכט איהר ווער אַ חנ׳דעֶלעֶ ,
ציִטעֶרט איהר דאָס העֶרצעֶל . . .
זיִ פעֶרדעֶקט זיִך שעֶמעֶווּדיִג
ס׳פּנים מיִט׳ן שעֶרצעֶל . —

רופט זיִ ווער אין גערטעֶנדיִל ,
כעס׳ט זיִ זיִך דעֶרצונדעֶן
און פעֶרקלאַפּט דאָס פאָרטקעֶלעֶ ,
ווערט דעֶריִן פעֶרשוואונדעֶן . . .

דאָך אויף מאָרגעֶן פאַר׳ן נאַכט
ווײַזט מעֶן זיִך בײַ׳ם וואַסעֶר ;
לויפט זיִ דורך אַ ברוגז׳עֶ ,
שעֶנעֶר נאָך און בלאַסעֶר .

שטעלט זיִך אין בעֶהעֶלטעֶריִל ,
העֶנגט דיִ שויבעֶן איִבעֶר
און צופּײַפט זיִך שיִקסעֶריִש —
אַזש מעֶ האַפּט אַ פיִעבעֶר . . .

אַזוי לעֶבט די בחור׳טעֶ ,
רײַטעֶלט זיִך אין שטיִלעֶן ;
מאַכט צו נאַר דיִ בחורים ,
וויִל קײַן ליִעבעֶ שפּיִעלעֶן !

לאָדז.

הערשעלע.

ציגיינער.

(א בילד)

א ברעג פון א שטיל שיטער וועלדעל. עטליכע פער׳יתומ׳טע, האלב=איינגעפאלענע פויערישע „חאטעס" קוקען פערסוד׳עט מיט שוואכ=בליצענדיגע פענסטערלעך אין דער נאכט אריין.

ביי א דערגעהענדיג פייעריל זיצען ציגיינער. אויף א הויפען אנגעווארפענע, נאכט=בעגאסענע און מיט א שוואך=רויטליכען שיין פון פייערל קעגענאיבער פערצויגענע קלעצער, זיצען און ליעגען פויערים און קוקען צו פויערים. איינגעקנייטשט, בלייך שווארצע, פון זאטקייט דרימעלדיגע חיות, איינע אין די אנדערע פערטוליעט. עס שימערירען נאר פונקען, טיעף אין דער פינסטערניש איינגעפאסטע פונקען פון ליולקעס בליהען און קוקען, ווי קליינע רויט אויפגעפלאמטע אויגעלעך, אין פינסטערניש אריין.

פאר׳ן פייערל טאנצט און דרעהט זיך ווילד ארום מיט לאנגע צולאזענע האהר, א יונג ציגיינער=מיידעל צווישען א ראד פון צופלויגענע, מיט רויטען שיין בעגאסענע בענדער, וואס קוקען אוים ווי א קרעמפפיג פערפלאנטערטער קראנץ פון רויטע גליהענדיגע שלאנגען, וואס בייסען זיך איין אין איהר שמאלע טאליע, קנוילען זיך וואוטהיג, און פליהען צעווילדעט, ווי מיט בלוט בעגאסען, ארום איהרע צופלאסענע האהר... ארום פייערל, אויף דר׳ערד, זיצען מיט פערלעגטע פים א קרענציל ציגיינער, די קעפ שעלמיש פערווארפען, און קלאפען לוסטיג מיט די פויסטען אריין אין מיט גלאקען בעהאנגענע פייקליך...

פון דער נאכט=פינסטערניש פאליעט זיך ארויס א שטיל געפליסטער, וואס שטארקט זיך וואס אמאל מעהר. די קופקעליך הויבען זיך איינציגווייז אן צו ריהרען און ארויסצורוקען זיך פון דער פינסטערניש, ווי שווארצע אומגעלומפערטע פיעל=פיסיגע חיות, וואס קריכען מיט זייערע קורצע אומגעלומפעדטע פים, און ריטשען זיך שלעפעריג אויף די קלעצער

נעהנטער צום פײַערל . . . באַלד רײַסען זיך אָב אײנצעלנע פיגורען, וואָס ווײַזען מיט די פינגער, רוקען זיך בגניבה און נישט-זיכער אַרוים פון צווישען די קלעצער און צוזעצען זיך וואָס אַמאָל דרײַסטער נעבען די ציגײַנער . . .

דאָס מײדעל טאַנצט און דרעהט זיך אַלץ ווילדער אַרום, שעלמיש וואַרפענדיג מיט איהר צופּלאָסענעם קאָפּ, די רויטע צופּלאָסענע בענדער קנוילען און וויקלען זיך קרעמפּפיג און וואָס אַמאָל ענגער אַרום איהר טאַליע . . . פּלוצלונג גיט זי זיך אַ האַסטיגען זעץ אַנידער אויף אַ פּויערס שוים, גיט שנעל מיט אַ פרעך הילכיג געלעכטער אַ ריס אַרויס פון זײַן מויל אַ רויכערדיגע ליולקע, און, ווילד אויפשפּרינגענדיג צוריק, אַנטלויפט זי, נאָר דרעהט זיך באַלד אום און שטעלט זיך ברייט אַקעגען, פערלעגט שעלמיש די הענד אויפ'ן אויסגעשטעלטען בוזים, רויכערט און זויגט האַסטיג די ליולקע, מיט שמײכעלדיג פערמאַכטע אויגען, שפּילענדיג און אײנציגווײַז אַרויסלאָזענדיג פון מויל קלײנע קײַליכיגע רויך-קנוילען . . .

די ציגײַנער לאָזען אַרוים די פּויקען פון די הענד, און שיטען זיך צוזאַמען מיט אַ צופּלאַצט געלעכטער, טהײל פאַלען ווי אָהנמעכטיג אונטער זיך, קויקלען און וואַרפען זיך אין אַ קרעמפּפיג לאַכען, אין דעם בלוט-רויטען אויף דר'ערד צוגאָסענעם פײַער-שײַן, ווי רויטע געקוילעטע גײַמטער . . . דאָס יונגוואַרג, ענג צוזאַמענגענומען, ווי דערשראָקען, רוקען זיך אונטערווײַליכס פּאַמעליך, נישט-זיכער און פויל אַרײַן צווישען די קלעצער און וואַרפען פון דאָרט, אײנער איבער'ן אַנדערענס רוקען, בעהאַלטענע, נישט-דרײַסטע בליקען אַהין צום קרענציל ציגײַנער, וואָס הויבען צווישען זיך אָן לעבעדיג צו שטיפען, און צווישען וועלכע ס'זעצט זיך באַלד דאָס מײדעל, אַ צוהיצטע, מיט פערלעגטע פּנים, און ווינקט צו זײַ קאָקעט, דאַרשטיג זויגענדיג די ליולקע, וואָס שטויבט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער מיט אַ געדיכטען שטאַרק-צופּאַליעטען וואָלקען-רויך . . . זי גיט אָבער באַלד ווידער אַ הילך אַרוים מיט אַ געלעכטער, חאַפּט זיך פלינק אויף און רײַסט זיך אַרײַן מיט אַ פול מויל רויך צווישען אַ קרענציל שקצים. זײַ ווערען ווי צטומעלט און לאָזען פערשעהמט אַראָב די קעפּ, זי לויפט צו צו אײנעם, פערוואַרפט ווילד איהר נאַקעטע האַנד אַרום זײַן האַלז און קוקט איהם שעלמיש אָן, פּאַמעליך אַרויסלאָזענדיג דעם רויך גלײַך אין זײַן פּנים אַרײַן . . .

ער קוקט זי אָן צוטומעלט, זי וויקעלט נאָך פעסטער איהר האַנד

ארום זיין האלז, און קוקט איהם טיעף אין די אויגען אריין מיט א פרעך שמייכעלע:

„דו האסט דען מיך נישט ליעב, נארעלע?... נא, גיב א קוש!..." זאגט זי מיט א געמאכטער זיסקייט און שטעלט איהם אונטער די באק, און ווען צווישען די ציגיינער פלאצט אויס א ווילד געלעכ־טער, גיט זי איהם מיט דער פויסט א שטארקען זעץ אין הארץ אריין און אנטלויפט מיט א ווילדען קוויטש...

צווישען די קופקעליך פויערים צופאליעט זיך א שטיל געמורמעל. טהייל שאקלען מיט די קעפ. ערגעץ פון א האלב-אויפגעמאכטער טהיר בעווייזט זיך א קאפ פון א פויערטע, וואס קוקט ארויס פערוואונדערט, און שטעקט זיך צוריק אריין מיט א שטארקען שפיי. די ציגיינער רוקען זיך ווייטער אב פון די מורמלענדע פויערים, נעהמען זיך אין אנ'ענגען קרענציל ארום דעם מיידעל, וואס זיצט א מיעדע, טיעף אטהעמדיג, מיט אנ'אויפגעשפיליעטער בלוזע אויף די קניה פון א יונגען ציגיינער, און גלעטען מיט ליעבשאפט איהרע צופלאטענע האהר, טהייל גלעטען איהר דיקע נאקעטע האנד, וואס ליעגט פערווארפען ארום דעם ציגיינערס האלז, אדער קלאפען איהר מילד אויף די פלייצע... זי לעגט זיך אויס וואס אמאל ברייטער, מיט א צופריעדענעם מאיעסטעטישען שטאלץ אין ציגיינערס ארים און ווארפט טהייל מאל א שפאטיש-טריאומפירענדען בליק אהין, צו די אויפגערעגטע פויערים, וואס וואגען זיך נישט נעהנטער צו ריהרען, און רוקען זיך, אלץ ענג צונויפגעדריקט און בייז מורמלענד ווי פאר מורא, טיעפער אין די פינסטערניש אריין... דאס געמורמעל ווערט צורייצטער און שטארקט זיך וואס אמאל מעהר... פון דא און דארט הויבען זיך שוין אן קלארער ארויסצורייסען שטומפע אויפגערעגטע שטימען:

„ס'ארא פערשאלטענע מכשפה... פשוא יוהא..."

דאס מיידעל גיט פלוצלינג א ווילדען שפרונג אראב פון ציגיינערס שויס, גיט וואוטהיג, ווי א צורייצטע ווילד-צושויבערטע חיה, זיך א רים ארויס פון צווישען דעם קרענציל און לאזט זיך מיט אימפעט, מיט ביידע אויסגעשטעלטע פויסטען צו צו די פויערים, זי האלט זיך אבער באלד צוריק, בלייבט שטעהן, נאר שטעלט זיך ברייט אקעגען און שטעקט ארויס צו זיי א לאנגע געזונדע בלוט-רויטע צונג, בלייבענדיג אין דער פויזע א היבשע צייט, דאן גיט זי א שים ארויס מיט א ווילד הילכיג געלעכטער, און שפרינגט פרעהליך צוריק...

די אויפרעגונג צווישן די פויערים וואַקסט ... פון צווישן די מורמלדיק=צונויפגעקנוילטע קופּקעלעך בעווייזן זיך פּויסטן, די דרייסטערע רוקן זיך אַרויס אַ ביסל, ווייזן אַהין מיט די קולאַקעס, אָדער בייגן זיך וואָרטשענדיק אַראָפּ, זוכנדיק אַ שטיין ... די ציגיינער זעצן זיך ברייט אויס אַרום דעם פייערל, און קוקן אויף זיי מיט אַ לייכטן געררייצטן שמייכל, טהייל דרעהען זיך שפּילענד פּאַפּיראָסן, פּערוויכערן און לאָזן מיט אַ געלעכטער אַרויס דעם רויך אין אַרבעל אַריין ... איינער ציהט זיך אויס אויף דער ערד, ציהט אַרויס פון ערגעץ אַ פייפעל און פּייפט פאַמעלעך אין הימל אַריין, ווילנדיק זיך אָנשטרענגען צו מאַכן אַן ערנסטע מינע, נאָר שיסט אָבער אַלע מאָל אַרויס מיט אַ צופּלאַצט געלעכטער ...

ס'דוערט אַזוי אַ שפּאַרע ווײַלע; פּלוצלינג, עפּעס ווי אונבעמערקט, רײַסט זיך אַרויס פון ערגעץ אַ שטיין, וואָס פליהט און נורעט זיך אַדורך דורך די פינסטערניש, ווי אַ שוואַרצער צוזאַמענגעקנוילטער פויגל, וואָס פערשווינדט און קומט אַוועק ערגעץ מיט אַ האַרטן שטומען קלאַפּ ... — דאָס צונויפגעפּרעסטע קרענצעל ציגײַנער גיט פּלוצלונג אַ האַסטיגען שפּרונג אויף, צורײַסט זיך און לאָזט זיך מיט אימפּעט אַרײַן צווישן די פויערים, אַלעס פאַלט און קנוילט זיך באַלד צונויף אין איין אונגעלומפּערטע שוואַרצע צוזאַמענגעשמאָלצענע קופּע, וואָס רודערט און שטויסט זיך צווישן די קלעצער, ווי אַ גרויסער צונויפגעקניפּטער און צוזאַמענגעקנוילטער באַרג בייזע פּערוואונדעטע שלאַנגען, וואָס וויקלען זיך צאָרניג צוזאַמען, רײַסן און וואַרפען זיך מיט וואוטה אײַנגעביסן איינער אין אַנדערן און איבער וועלגען ס'פּאַכען און סיקען נאָר די רומען, ווי גיפטיג=צורייצטע שלאַנגען=קעפּלעך, וואָס גראָבען זיך אַנגסטיג אַרויס, וואַרפען זיך אין קרעמפּפען און ווערען צוריק אַרײַנגעצויגען אין די צוזאַמענגעקנוילטע מאַסע ... באַלד צורײַסט זיך דער וואוטהיגער ריהרעוודיער הויפען, און צושלאָגענע קופּעס פויערים, צובלוטיגטע, מיט ענטבלויזטע צושויבערטע קעפּ און צוהיצטע פּנים'ער, לאָזן זיך לויפען צוטומעלט, איינע אויף די אַנדערע, און צושיטן זיך אין די פינסטערניש, ווי בונטן דערשראָקענע שאָטענס, וואָס צופּלאַמען און לעשען זיך אין דער שוואַרץ=צוגאָסענער נאַכט ... טהייל שלעפּען זיך מיעד נאָך, שטרויכלען זיך אָן עפּעס און פאַלן צווישן די קלעצער ווי געקוילעטע ... די ציגײַנער גיבן פון זיך שנעל אַ וואָרף אַראָפּ די רעק און מיט ברייט צושפּיליעטע וועסטן און פלאַמיגע בלוטיג=צואָדערטע פּנים'ער לאָזן זיך נאָך ווי ווילדע צופּלאָשעטע

חיות, מיט אַ צוריצט יעמערליך וואָיען, פּאַלען מיט זייערע לאַנגע צוקנויל־טע רומען, צושניידענדיג מיט אַ צעוואוטהיגט טריבען פּייפען די צושראָ־קענע פינסטערניש... באַלד ווערט לוידיג אַרום די קלעצער, דער גאַנצער טאַראַראַם דערווייטערט זיך ווי איינגעזאַפּט אין די פינסטערניש, ווייט ערגעץ אין די שטילע ביינאַכטיגע הימלען, וואו ס'צורינען נאָר און טיקען זיך וואָס אַ מאָל שוואַכער ווייטע נישט־דייטליכע קולות און לעשען זיך אין שטילקייט...

* *

*

ס'איז שטיל ביי די קלעצער, דאָס פייערל קנאַקט איינזאַם, קנוילט און צוגיסט זיך פרייער, ווי דער איינציגער הערשער איבער דער שטילקייט, צווישען די רויט־צוגליהטע צווייגען, וואָס צופאַלען ווי דער'הרג'טע און ווערען דערטרונקען אין די שוואַרצע רויבערדיגע פלאַמען... דערנעבען, ווי אַ שטילע פער'כשופ'טע סטאַטוע, האַלב פערזונקען אין שאָטען, צנועה'דיג פערשלייערט אין גאַנצען מיט אַ לייכטען ציטריגען געוועב פון רויטען פייער־שיין, זיצט דאָס מיידעל מיט פערלעגטע הענד און קוקט שטום אויפ'ן פייערל... אויף איהר ברייט אויפגעשפּיליעטען, זיך טיעף בעוועגעדיגען בוזעם, ליעגען מיעד צעוואָרפען בונטען צופלאָטענע האָהר, וואָס קוקען אוים, ווי זיי וואָלטען ווי אָפגעמאַטערטע דאָרט געדרימעלט צווישען איהרע ברוסטען און קוים, קוים פאַמעליך זיך געוויעגט אין שטילע פערצערטעלטע חלומות...

פון דער פינסטערניש דערנעהנטערען זיך שטימען. באַלד בעווייזען זיך צעוואָרפענע שאָטענס פון מענשען, אַלע געהען מיט אויפגעשפּיליעטע וועסטען, מיעד אַראָבגעהאָנגענע קעפּ אויף די ברוסט און רויטע צו־היצטע פנים'ער... טהייל ציהען זיך מיעד אוים אין אַ קרענציל אַרום דעם פייערל, אָדער וואַרפען זיך אַנידער ווייטער אַ ביסעל ערגעץ אויף אַ קלאָץ, פון וואַנען מ'זעהט נאָר זייערע ריהרעווודיגע שאָטענס, וואָס רודערן זיך אַ ביסעל, און בלייבען ליגען רוהיג, ווי צונויפגעוואַקסען מיט די פערשאָטענטע קלעצער... ס'ווערט אַלץ צוריק פערגאָסען מיט אַ טיעפער שטילקייט, אין וועלכער ס'הערען זיך נאָר קוים און ס'זאַפּען זיך מיעד, ערגעץ אין דער ווייטער שטילער פינסטערניש, שטילע איינזאַמע טריט,

וואָס שווימען אויף און קומען אַרויס וואָס אַמאָל האַרטער און קלאָרער. באַלד שלײַכט זיך, מיט א לײַכט, קוים דערהערט פײַפען, פון צווישען אַ פּאָר נאָהנטע צעוואָרפענע בוימער אַרויס א מיעדער פערשפּעטיגטער ציגײַנער, מיט אַנ׳ענטבּלויזטען צושויבערטען קאָפּ, דעם לאַנגען רומען פערוואָרפען אויף די פּלײַצע; צוקימענדיג נעהנטער צו די קלעצער, שטעלט ער זיך אָב און קוקט זיך אום מיט א ווילדען רויהען בליק, נאָר רוקט זיך באַלד צו צום פײַערל און זעצט זיך אַנידער נעבען מײדעל אויף דער ערד, פאַמעליך אויפשפּיליענדיג זײַן פערשוויצט העמד, פון וואַנען ס׳בעווײַזט זיך אַרויס א בּהנ׳ה האָהריג האַרץ . . .

דאָס מײדעל דערהויבט פאַמעליך איהר צושויבערטען קאָפּ און קוקט אויף איהם מיט מאַטע פערגאָסענע אויגען, וואָס פערציהען זיך באַלד מיט א שוואַכען מיעדען שמײכעל . . . זי דערהויבט איהר האַנד און לאָזט זי לאַנג און נישט זיכער אַרויף אויף זײַן פּלײַצע.

ער דרעהט זיך אום, אין זײַנע ווילדע, אין בלוט צורונענע אויגען בעווײַזט זיך א צופרידענהײט, וואָס צושפּילט זיך פאַמעליך איבער זײַן גאַנץ צוהיצט פּנים. ער הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, געהט צו צו איהר און נעהמט ווייך אַרום מיט זײַן האַנד איהר קאָפּ, זיך אַראָבלאָזענדיג פאַמעליך איבער איהרע צולאָזענע לאָקען, ביז צו דער פּלײַצע, וואו ער גיט געשווינד א פערוואַרף די האַנד אַרום איהר טאַליע און פרעסט זי פעסט צו צו זיך, גראָבענדיג לײדענשאַפטליך מיט זײַן פּנים אין איהר שוואַרצען ווילד=צולאָקטען קאָפּ — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — ערגעץ הערט זיך א שטיל געשאָרך, א לענגליכער שאָטען רײַסט זיך אָב פון די טויט=רוהיגע, אין אײַן פינסטערניש צונויפגעגאָסענע קלעצער, וואָס ריהרט זיך א ביסעל און ציהט זיך ווײַטער אויס ווי א שוואַרצער שטרײַף אײַנגעזאַפּט אין די טויט=פינסטערע נאַכט... באַלד דערויף שנײַדט זיך דורך די פינסטערניש אַדורך א פרעכער ווילדער לאַנג אויסגעצויגענער פײַף, וואָס ענדיגט זיך מיט א דערשטיקט געלעכטער.

דער ציגײַנער הויבט פאַמעליך אויף זײַן קאָפּ, אַזוי ווי אַרויסשלעפּענדיג זײַן פערנורעט פּנים פון איהרע ווילדע צופלאָסענע האָהר, וואו ס׳האָט זיך לײדענשאַפטליך גענורעט און וואָס אַמאָל טיעפער געגראָבען זײַן פּנים, ווי צווישען ווילדע צושויבערטע פאַליעס פון א ים . . . ער האָט, קניהענדיג אויף איהר שוים און מיט בײדע הענד אָנגעלעהנט אויף איהרע אָרימס, טיעף אַריבערגעצויגען זײַן האַלז איבער איהר קאָפּ, אויסשפּיצענדיג זײַן

ס׳איז אבער אלעם צוריק פער־
פנים אהין אין דער פינסטערניש אריין . . . ס׳איז אבער אלעם צוריק פער־
גליווערט געווארען אין א שטילער פינסטערקייט , וואס האט אלעם צונויפ־
געגאסען אין א שווארצע פערשטיינערטע מאסע . . . ער האט אהין געקוקט
א שפארע ווײַלע, אזוי ווי ער וואלט איינגעשפּיזט זײַנע בליקען אין די פינ־
סטערניש . . . דאן האט ער פאמעליך זײַן קאפ צוריקגעצויגען , א האס־
טיגען זעץ אנידער געגעבען זיך אויף איהר שוים , און ווילד־פערווארפענדיג
זײַן האנד אויף איהר האלז , זיך צוגעדריקט צו איהר און זי אנגעהויבען
ליידענשאפטליך צו קושען — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

17 דעצעמבער 1909 — י. י. טרונק.

ז . וועגדראָף .

זֶרח און בולַאני .

(אַ בּילד)

זעהט איהר זרח דעם יון , וואָס דרעהט די ראָד אין האַלפּערינ׳ס דרוקאַרניע , דערמאָהנט איהר זיך אָן בּולאַני׳ן , אליה=לייבּ מילנער׳ס פערד , וואָס טרעט בּיי איהם אויפ׳ן מיהל=ראָד .

קוקט איהר אויף בּולאַני׳ן — קומט אייך אויפ׳ן זינען זרח . געפאַלען אויף דעם לינקען פוס פון פאָרענט און אויך דעם רעכטען — פון הינטען ; אַ רוקען , ווי בּיי אַ קעמעל ; איין אויג אונטער אַ בּעלמע , די צווייטע — אַ פערצווייטערטע ; אַ קאָלטען אָנשטאָט אַ גריווע , אַן עק , וואָס זעהט אויס ווי אַן אָבּגעשלאָגענע הושענה ; אַ פעל , וואָס האָט דעם קאָליער פון אָבּגע=סמאַליעטע שטרוי , און מיט אַ פּאָר פערעלטערטע וואונדען בּיים האַלז ; אַ מאַכטלאָז=אַראָבּגעהאָנגענע אונטערשטע ליפּ , אין וועלכער ס׳דריקט זיך אויס דאָס גאַנצע עלענד , וואָס ס׳איז איהם פערבּליבּען בּירושה פון צעהן דורות האָראָפּאַשנע פערד בּיי יודישע בּעלי=עגלות , וואַסער=פיהרער און זאַמד=פיהרער , — דאָס איז בּולאַני .

הויך און בּייניג ; אַ פּנים , בּיז די סאַמע אויגען בּעוואַקסען מיט אַנ׳=אומגעלומפּערט געלבּגרויער בּאָרד , אַלט=אויסגעלאָשענע , שטענדיג=טרעהרענ=דע אויגען , טיעף אין קאָפּ פערזונקענע און בּעהאַלטענע אונטער געדיכטע ניִדריג אַראָבּ=געהאָנגענע בּרעמען , דאָס לינקע היפּט=בּיין שטאַרק בּולט— אַ זכר קאָנטוזיע — ; אַ טראָט פון אַ אויסגעהאָרעוועטען פערד , וואָס איז געפאַלען אויף אַלע פיער , און מיט דעם שטעמפּעל פון דרייסיג יאָהר קאַ=זאַרמע אויף זיך, — דאָס איז זרח דער יון .

שווער צו זאָגען, ווער פון זיי האָט אַ שווערערע עלטער : זרח צי בּולאַני. יעדען פריהמאָרגען פיהרט אליה=לייבּ אַרויף בּולאַני׳ן אויפ׳ן מיהל=

ראָד, בינדט איהם צו צום „זשאָלאָב“ מיט היי, לאָזט די ראָד און זאָגט יעדעס מאָל דאָסועלביגע:

— ביזטו אַ נבלה, טו געה אויפ'ן „טאָפּטשאַק“ — — — —

הויבט בולאַני אָן געהן און עסען, עסען און געהן... ווערט איהם דאָס געהן נמאס פריהער, ווי דאָס עסען; וויל ער זיך אַ ווײַלע אָבשטעלען און אַ קײַ טהון מיט אַ רוהיגען קאָפּ; מאַכט ער אַ שריט נעהנטער צום „זשאָלאָב“ — דער לעצטער טראָט“, קלערט ער — און מיינט דאָרט צו פערבלײַבען, — געהט דאָס ראָד אַוועק פון אונטער זײַנע פיס... וויל ער חאָטש אויף איין רגע שטעהן בלײַבען און אַ טראַכט טהון: „וואָס טהוט זיך דאָ?“ — ציהט איהם די שטריק פאַר'ן קאָפּ. — געהט ער ווײַטער, און געהט, און געהט... דער אָטעם ווערט קורץ, די זײַטען הויבען זיך, ווי בלאָז=זעק, די פיס דיעגען ניט, דער קאָפּ דרעהט זיך, — און אָבשטעלען זיך — קען ער ניט...

„נעהמען וואָס אין מויל, אונטערקרעפטיגען זיך“ — איז דערויף אויך קײן כח נישטאָ, ער ציהט זיך צום „זשאָלאָב“, נעהמט פיעל מעהר מיט די ליפּען, ווי מיט די צייהן — אַ מויל, פול טרוקען — פערשטויבטע היי, קײַעם אָהן טעם, האַלב פערשיטענדיג אויפ'ן ראָד, וואָס דרעהט זיך און דרעהט זיך און דרעהט זיך אונטער זײַנע פיס, און לאָזט איהם ניט אָבשטעלען זיך. — —

גראָד געגען איהם, אונטער'ן סאַמע דאַך, איז אַ קלײן פענסטערל פאַרהאַן, אין גאַנצען מיט מעהל=שטויב בעשאָטען. דורכ'ן פענסטערל זעהט זיך אַ ברעקעל הימעל אַרויס, וואָס קריגט דורך איהם אַ בלוי=פאַרב. קוקט בולאַני מיט זײַן פערטרערהטען אויג אויף דאָס גרויע הימעל=פלעק, און ס'דוכט זיך איהם, אַז דאָס איז דער פּאָטשטאָווער טראַקט, וואו ער איז אַמאָל מיט אַ פעררײסענעם קאָפּ געלאָפען, פרעהליך געקלונגען מיט'ן גלעקעל; האָבער געגעסען אויף די סטאַנציעס... שפּעטער אַ וואָגען משא געפיהרט. אויך ניט שלעכט געווען: גרינע פעלדער געזעהן; טהײלמאָל, פאַרבײַגעהענדיג, טועם געווען אַ זאַפטיגעם גרעזעלע.. אפילו ווען דאָס פאַס וואַסער געפיהרט, איז אויך בעסער געווען: אַלע ווײַלע אָבגעשטעלט זיך... ס'האָט זיך געמאַכט — אַ יונגעל האָט מכבד געווען מיט אַ בעזאַלצען שטיקעל ברויט... און דאָ — געה, געה און געה...

און אויף בולאַני'ן פאַלט אָן אַ שלעפערקײט... די אונטערשטע ליפּ ווערט נאָך מעהר אָבגעלאָזען, און אַראָב פון איהר ציהט זיך אַ דינע, קלעפּינע סלינע, רײַסט זיך אָב אין מיטוועגס צום ראָד, די אונטערשטע

העלפט פון דעם סליונע=פאדים פאלט איהם אויף דער פלאטשיגער קאפיטע, די אויבערשטע העלפט שפרינגט, ווי א נאכגעלאזטע פרושינע, צוריק צום ליפ ארויף...

און א געשמאקע מידקייט צוגיסט זיך אונטער'ן פעל, ס'ווילט זיך חאפען א דרימעל האטש שטעהענדיג... איין מינוט — ניט מעהר... די אויגען מאכען זיך צו ניט=ווילענדיג, די פים בלייבען שטעהן מאדנע פונאנדערגעשפרייט, און גלייך דערפיהלט ער: די שטריק רייסט איהם די אדערן פון האלז... חאפט ער זיך אויף א צושראקענער, ניסט דריי מאל אב, וויל, כלומרשט, א הירושע טהון, נאר ס'קומט ביי איהם ארוים א מין הייזעריגער הוסט... גיט ער זיך א טרייסעל — אויפצומונטערן זיך — און געהט ווייטער, און געהט, און געהט...

נאר טאג, שטעלט זיך זרח דער יון ביים ראד פון דרוק=מאשין און דרעהט דאס ראד, און דרעהט, און דרעהט...

פריהמארגענס איז ער, ווי א הילצערנער: מיט קיין גליעד ניט צו ריהרען. הענד און פים ציטערן, די אלטע וואונד אין היפט=ביין דערמאהנט אן זיך, דער קרייץ טהוט וועה ביים איינבויגען זיך, יעדער דרעה מיט'ן ראד צושיקט פונקען איבער היפט און רוקען... קלערט זרח, ער וועט זיך פורנאנדערוואריםען, וועט איהם גרינגער ווערען; נעהמט ער שנעלער דרעהען דאס ראד, ווערט ער גיך אויסגעמאטערט. דאס האהריגע, צוהראסניעטע האריץ ווערט מיט שווייס בעדעקט, ארויף און אראב געהען פון פארענט די אקסעל=ביינער, און פון הינטען — די לאפעטקעס; ווי שטריק ווערען די אדערן אויף די נאקעטע הענד און אויפ'ן אפענעם האלז; ווי פייער ברע=נען די הענד=מאזאליעס אונטער'ן הילצערנעם גלאט=גלאנציגען הענטיל פון דעם אייזען=ראד; די קניה זענען ווי פרעמדע, און דאך — וועהטאגען זיי... די אויגען ווערען ווי מיט זודיג וואסער בעגאסען און קריכען פון קאפ ארוים... וויל זרח אנהויבען דרעהען לאנגזאמער, לאזט ניט דאס יונגעל וואס לעגט די בלעטלעך אויפ'ן דרוק=מאשין.

„דרעהט, ר' זרח, דרעהט, שלאפט ניט".

און דאס יונגע יונגעל אין דעם בלויען העמדעל שטעהט און לעגט מיט פלינקע פינגער די ווייסע בלעטלעך אויפ'ס שווארצע שטיין=ברעטעל פון דער דרוק=מאשין. — זינגענדיג און פייפענדיג געהט ביי איהם די ארבייט.

אַז מען קען מיעד ווערען — פערשטעהט ער ניט. —

פון אַ ווייַלע אָבשטעלען זיך טראַכט אפילו זרח ניט: 40 קאָפּיקעס אַ טאָג נעהמט ער דאָך . . . דרעהט ער ווייַטער דאָס ראָד, און דרעהט, און דרעהט . . . און עס דרעהט זיך די שטוב אַרום איהם, און די מאַשין און דאָס יונג בחור'ל ביי איהר . . . היץ ווערט אַרום די אויגען, אין די שלייַפען קלאַפּט, אין קאָפּ פּלאָנטערט זיך עפּעס . . . קוקט ער אויפ'ן זינגענדיג בחור'ל און, ווי אין חלום, דערמאָהנט ער זיך: אויך אַמאָל יונג געווען . . . נאָך אַ קלענערער, אַ באָרפוסער יתומ'ל, האָט מען איהם אין באָר געפיהרט . . . האָט זיך טרינקען געוואָלט . . . האָט מען שמיץ געגעבען . . . גאָר שמד'ן זיך . . . מ'האָט די שטריק אָבגעשניטען . . . איז איהם בלוט פון האַלז געגאַנגען . . . ציילען סאָלדאַטען געהען . . . עס בלישטשען פּיקעס אויף דער זון . . . טרינקען פון בלאָטיג טייַכעל לאָזט מען ווייַטער ניט . . . „הוררראַאַ!" — שרייַט מען . . . פּלעוונע גענומען . . . בראָנפען גיט מען . . . חתונה געהאַט . . . אַ געזונטע מויד ציפּע געווען . . . וואָס איז 40 קאָפּיקעס אַ טאָג? . . קום אוים דערמיט! גוט, ס'איז קיין קינד נישטאָ . . . און אפשר וואָלט עס וואָס אַריינגעבראַכט . . . די עלטער פערגרינגערן . . . אַ — אַ —, ווי ס'שלעפּערט זיך . . . נו נו, לעבעדיגער, „פאָרסיראָוואַני מאַרש!" . . .

און ער טרייסעלט זיך אויף, אויפצומונטערן זיך, און דרעהט ווייַטער דאָס ראָד, און דרעהט . . .

* *

*

פאַרנאַכט, ווען בולאַני טופּעט זיך שוין אויפ'ן ראָד, ניט וויסענדיג אויף וואָסער וועלט ער איז, — נעהמט איהם אליה-לייב אַראָב פון ראָד, און לאָזט איהם אַרוים אויפ'ן הויף.

ווי נאָר פון מיהל אַרוים, אַזוי פאַלט בולאַני, ווי אַן'אונטערגעהאַקטער, מיט אַ גליעד ניט צו ריהרען.

שוואַרץ-גרויע קראָהען קלייַבען זיך אַרום איהם, ווי אַרום אַ נבלה; גריבלען זיך קאַלטבלוטיג מיט די טעמפּע שנאָבלען אין זייַן קאָלטען, זוכען אַ קערענדעל צווישען די שמוציגע האָהר פון זייַן אויסגעקראַכענעם עק . . . געשיקטע שפּערלינגע-גנב'טעם טאַנצען חוצפה'דיג איבער זייַן בייניגען קערפּער: פּיק-פּיק מיט שנעבלעך, אפשר האָט זיך אָן איהם וואָס אָנגעקלעפּט, חאָטש פּעטע מיסט אַ ברעקעלע, מיט וואָס מען קען זיך אָדער די עופה'ליך

אין נעסט דערקוויקען . . .

און ער ליגט , ווי א געפגר׳טער . . . ס׳ווילט זיך טהיילמאל א דרעה טהון מיט׳ן קאפ : „אוועק שקצים !“ , אדער ווען זיי דערקוטשען שטארק — מיט׳ן קירצען עק א שמיץ געבען , — איז קיין כח נישטא . . . זאלען זיי זיך גריבלען ; שטיינס געזאגט , וואס זיי וועלען שוין געפינען דארט . . .

* *
*

פארנאכט , שלעפט זיך זרח אהיים א צובראכענער . ווי נאר אין שטוב אריין , אזוי פאלט ער , ווי א סנאפ , אנידער. אין א מינוט שפעטער חראפעט ער שוין . . . גרויסע , פעטע , שווארץ־בלויליכע פליגען קלייבען זיך אויף זיין בעוואקסענעם פנים , פלאנטערן זיך אין זיין בארד , קוקען אריין אין די ברייט־אפענע , האהריגע נאזלעכער , זשומען איבער זיין קאפ , טהוען , וואס זיי דארפען , אויף זיין צוקנייטשטען שטערן , נור ער פיהלט עס ניט . . .

וועקט איהם ציפה : „שטעה אויף מעריב דאווענען ; געה עס וועטשערע“ , אבער ער שלאפט , ווי א דער׳הרג׳עטער . . .

גיט זי א מאך מיט׳ן האנד , שלעפט אראב פון זיינע פים די שווערע שטיוועל און לאזט איהם ליגען אזוי , ביז די זון געהט אויף דעם אנדער טאג . . .

* *
*

פרייטאג נור ווערט בולאני ווי ניי־אויפגעלעבט .

שוין ארום האלבען טאג נעהמט איהם אליה־לייב אראב פון ראד , גיט איהם א פאטש איבער דער דארער לאפעטקע : „הוליע , דיין וועלט איצט, ווייס אויך , אז ס׳איז פארהאן א שבת אויף דער וועלט“ . . . זומערציים פיהרט ער איהם צום טייכעל זיך אויסבאדען, אמאל קאטשעט ער איהם אב מיט אפאר עמער קאלט וואסער . נור אפילו א ווינטער־פרייטאג איז אויך ניט שלעכט : פרייטאג איז בולאני נישט אזוי אויסגעמאטערט ווי אין מיטען וואך, געהט ער ארוים אויפ׳ן הויף, לעגט זיך אנידער אויף דער ערד און מאכט א פערזוך אויסצוקייקלען זיך : א דריגע מיט די פים אין דער לופטען , א דרעה מיט׳ן קאפ, ווי ער וואלט געוואונקען ווערען, וואס דאס דארף איהם העלפען איבער־

קעהרען זיך אויפ׳ן צווייטען זייט . נור די אַלטע ביינער וועהטאָגען , די פּיס דינען ניט , עס קייקעלט זיך ניט . . .

און נאָך אַ קורצע צייט אומזיסטע מאַטערניש , שטעהט ער אויף פּאַוואָלינקע, טרייסעלט זיך אָב, שטאַרק הירזשענדיג, גלייך ווי ער וואָלט יאָ רעכט דורכגעקייקעלט זיך , און געהט גלאַסען דאָס מאָל אונטער׳ן ראָד , איין מאָל פאַר אַ גאַנצע וואָך , גוט אויסרוהען און אָבעסען .

* *

*

פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג פּיהלט זיך זרח , ווי אַ נייַ געבוירענער: זייגער צוויי — גלייך פון דרוקאַרניע אין באָד אַריין . פערקלייבט זיך אַוש אויף די סאַמע הויכע פּאָליצע, טרייבט אַרויס מיט׳ן בעזים דעם רעוומאַטיזם פון די ביינער , צופּאַרעט די מאָזאָליעס אויף די הענד און פּיס , וואַשט פון זיך אַראָב דאָס בליי און שווייס , טהיילמאָל פערגינט ער זיך עטליכע געהאַקטע באַנקעס שטעלען אויפ׳ן פּאַטעליצע . . . און ער קומט אַהיים אַ צופריהעטער , אַנ׳אָבגעפרישטער , אַ יונגער—חאָטש אין „אַטאַקע״ געה . . .

ווען בולאַני עסט מיט אַ רוהיגען קאָפּ דעם האָבער , וואָס אליה=לייב האָט פון זיינטוועגען אַ גאַנצע וואָך הויפענסווייז געשלעפּט ביי די פּויערים, וואָס קומען מאָהלען קאָרן , — זיצט זרח אַ פערבאָרגענער אין דער צימער=פּאַרע און דאַנקט גאָט אין האַרצען , וואָס ער האָט אהים כח געגעבען , געגען שמד בייצושטעהן און אַ יוד צו בלייבען . — אַ יוד , וואָס וויים דעם ע ו נ ג פון שבת=רוה . . .

און עס שטעהען ווידער אָן די וואָכען=טעג , און בולאַני און זרח געהען אויפ׳ס=נייַ יעדערער צו זיין ראָד . . .

ראָזאַ י.

צו מיין טאַטען.

אין שטילען,
אין הייליגען געבעל פארטאָג
פלאַטערט, ליידענשאַפטליך פלאַטערט
דער הארצרייסענדיגער
טרויער־געזאַנג
פון דיינע תורה־בענקשאַפט...

.....

אין דער אייביגער תפלה
פון דיין איינזאַמער
זעלען־סימפאָניע
ציטערן איכה־קלאַנגען
און ציטערן...

.....

אַ לאַנג פערוואָגעלט פאָלק
גיסט פאַר זיין פאָטער אויס
זיין שווער געמיטה...

.....

הערסט,
עס פליעסקען זיך וועלען
פון די טייכען פון בבל,

וואָס הײַם די גולים־טרעהרען
אײַנגעזאָפּט אין זיך —
אין שוואַרצען תהום . . .

. . . . .

זעהסט ,
צווישען גאָט און פאָלק
שרעקט אַ גרויע מויער ,
מיט פּראָפּעטען־גלאַנץ געפלעקט . .

. . . . .

עמיץ קרעכצט ,
נור ווינטען קומען און פערטראָגען
אין מדבריות דאָס קרעכצען ,
אין ווײַטע וויסטע וועלטען ערגעץ
דעם לעצטען אָטעם־קרעכץ
פון לעצטען העלד
אויפ׳ן ביתר־פעלד . .

. . . . .

אין פאַרטאָגיגען נעבעל אײַנגעהילט ,
איבער גאָטס־וואָרט געבויגען ,
ווי גרויס ביסטו , טאַטע !
משה׳ס שטעל־פערטרעטער !

. . . . .

אין דײַנע אויגען ברענען זײַנע ליכטער ,
שטרײַטען מיט די וואָלקען אויף דײַן שטערן ,
און פערפלאַנצען זיך אין יונגען האַרץ בײַ מיר ,
אײביג לײַכטען וועלען זיי , גענעהרט
פון נר־התמיד אין דײַן הײליג אויג . . .

. . . . .

אין שטילען גרויען נעבעל פון פארטאג,
בליקט דיין דבקות'דיגער בליק
אין אייביגקייט אריין . . .
אהן הײנט און מארגען —
אין אייביג שטראהלענדע פערגאנגענהייט,
וואו אייביג ס'ברענט דער סנה
און ווערט נישט אפגעזענגט . . .

. . . . .

איך הער דיין שטים,
כ'הער דאס רוישען פון לבנון, —
מיך בלענדט דיין ווייסע בארד —
כ'זעה דעם חרמון-שניי,
כ'באד מיך אין דיינע שרון-קוואלען . . .

. . . . .

גרויסער, גרויסער טאטע, — מיין!

יודיש

א זאמעל בוך.

רעדאגירט פון

י. ל. פרץ.

2 טער באנד

ווארשא נאלעווקי 36. Налевки 36.
פערלאג „פראגרעס".
ניו-יארק Forsait 51.

ЮДИШЪ. Сборникъ подъ Редак. И. Л. ПЕРЕЦА.

Типо-Лит. Ф. Баумритера, Красинская площ 6, Варшава 1910 г.

אינהאלט

י. ל. פּרץ. דער דיכטער, דאָס בוך און לעזער 7

ל. שאַפּירא. אום האַלבע נאַכט ... (געדיכט) 15

מ. ברכהן. קום! די זון איז שוין פאַרגאַנגען 16

ב. רובשטיין. צו דער שפּראַך־פּראַגע... 19

מ. ברכהן. . . . געדיכט 38

הערשעלע. משה זינגער (געדיכט) 39

נסתר. אַ טאָג־ביכעל פון אַ פערדפיהרער 45

פּרץ הירשביין. פון מיין אַלבאָם 58

ד"ר א. מוקדוני. גאָרדין און די יודישע ביהנע 63

י. י. טרונק. פון ים 81

אפרים קאַגאַנאָווסקי. מירעל (נאָוועלע) 87

ש. גאָרעליק. זאָרו ראָדענבאַך 99

י. מייזעל. דער דאָרפס־שמיד 109

מ. ברכהן. וואו דו ביזט (געדיכט) 121

אלא האַנסזאָן. דאָס יונגע פּאָר 123

הערשעלע. צו תשליך (געדיכט) 129

צ. הירשקאַן. צוויי וועלטען (ערצעהלונג) 133

י. ל. פּרץ.

דֶער דִיכְטֶער, דָאס בוּך אוּן דֶער לֶעזֶער.

א.

צווײַ בערג: דער באַרג גריזים און דער באַרג עבל. אויף אײן באַרג ווערט געבענשט, אויפ׳ן צווײטען געשאָלטען.

און געבענשט ווערט דער, וואָס היט גאָטס געבאָט און געהט אין זײַנע וועגען, און פערשאָלטען ווערט דער אָבטריניגער, וואָס היט נישט גאָטס געבאָט, וואָס איז איהם ווידערשפּענסטיג. די ברכה איז: געבענשט זאָלסטו זײַן אין שטאָדט און געבענשט אין פעלד. און געבענשט זאָל זײַן די פרוכט פון דײַן לײַב און די פרוכט פון דײַן ערד און די פרוכט פון דײַן פיה און דאָס אָבוואַרפעניש פון דײַנע רינדער און די סטאַדע פון דײַנע שאָף. זאָל די ברכה אַרײַן אין דײַן מולטער און אין דײַן קאָרב, און אין אַלעם, צו וואָס דו שטרעקסט אויס דײַן האַנד...

דעם גוטען וועט גאָט געבען טוי פון הימעל און פעטס פון דער ערד. אָבער איבערן קאָפּ פון אָבטריניגען וועט זײַן דער הימעל קופּער, די ערד אונטער זײַנע פיס אײַזען. פערשאָלטען וועט ווערען די פרוכט פון זײַן לײַב און די פרוכט פון זײַן פיה. פערשאָלטען וועט ער זײַן אין שטאָדט און אין פעלד...

אַ פעלד וועט ער בויען און אַנ׳ אַנדערער וועט צונעהמען דעם שניט, אַ ווײַנגאָרטען וועט ער פלאַנצען — אַ פרעמדער וועט טרינקען דעם ווײַן. איהם אין די אויגען וועט מען קוילען זײַן אָקס און ער וועט פון זײַן פלײש נישט עסען.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי די ברכה, אַזוי די קללה ווערען מקוים אויף דער ערד.

אַ געשלעכט קומט, אַ געשלעכט געהט — אייביג שטעהט די ערד. און וויל דער מענש זיך אין דער אייביגקייט בעהעכטען, מוז ער זיך בעהעפטען צו דער ערד. פון שטויב פון דער ערד קומט ער, צום שטויב פון דער ערד געהט ער צוריק. און בויט ער אַ טורם און שפּאַרט זיך אין הימעל אַריין, ווערען די שפּראַכען צומישט און די בויער צושטרייט און צוזייהט איבער דער ערד.

אין דעם פערפילען די ערד בעשטעהט די אויפגאַבע פון מענש און נאָר אין דער פאָרטפלאַנצונג, אין שטענדיג ניי געבוירען, אין קינדער און קינדסקינדער בעשטעהט זיין אייביגקייט.

איז דעריבער די הערשאַפט איבער אַ לאַנד דאָס גרעסטע גליק; קינדער און קינדסקינדער, די האָפנונג אויף שטאַמען און פעלקער — דער שענסטער חלום פון דער אייביגקייט.

פערוואָגעלט צו זיין איז די גרעסטע שטראָף; נע ונד איז קין, דער מערדער פון זיין איינציגען ברודער.

און די גרעסטע שטראָף איז כרת ועריריי — אָבגעשניטען צו ווערען פון אייביגען לעבען; דורכגעהן די וועלט ווי אַ שאָטען און פערשווינדען צו ווערען. און די גרעסטע טראַגעדיע אין דער פאַמיליע איז קינדערלאָזיגקייט. און די הערין, וואָס גאָט האָט פערשלאָסען איהר טראַכט, גיט איבער דעם האַר, דעם פאַטריאַרך די דינסט, די פאַמיליע זאָל נישט אויסגעמעקט ווערען אויסען בוך פון לעבען. און ווערט די דינסט געבענשט און דאַרף געווינען, נעהמט זי די הערין אויף איהר שויס, פילייכט וועט זי געבויט ווערען פון איהר.

ב.

און אויף עבל חי אויף גריזים ווערט גערעדט נישט צום איינצעלנעם מענש, נור צום פאָלק. געבענשט און געשאָלטען ווערט דאָס פאָלק. דער איינצעלער מענש, ווען ער ווערט געפּלאָגט מיט איוב'ס קרענק, מיט אַנ־אונהיילבאַרען אויסזאַץ, ווערט אַרויסגעטריבען מחוץ למחנה... זאָל זיין גאָט'ס שטראָף, זאָל זיין אַ פריעף פון גאָט, דאָס איז זיין זאַך. די פעטע ערד, מיט'ן טוי פון הימעל, מיט רעגען צו דער צייט. די ערד, וואָס גאָט'ס אויג איז אויף איהר געווענדט פון אָנהויב יאָהר ביז ענדע יאָהר איז

פֿערשפּראָכֿען דעם פֿאָלק . . .

די ערד ווערט צוטיילט צווישען שטאַמען, און די שטאַמען — צווישען פֿאַמיליען, די פֿאַמיליען=פֿעטער הערשען איבער די הייזער, די עלטסטע איבערן שטאַם, איבער אלע שטאַמען — איין גאָט!

און ווען אַ פֿאָטער פֿון אַ פֿאַמיליע שטאַרבען און נישט איבערלאָזען קיין מענליכען זאָמען, וועט זיך משה שטעלען פֿאַר גאָט און מיהען זיך פֿאַר איהם, זיין נאָמען זאָל נישט פֿערהילכט און פֿערגעסען ווערען, און זיין נחלה וועלען זיינע טעכטער בעקומען, און די בנות צלפחד וועלען האָבען אַ פּרשה אין דער תורה. און שטאַרבט ווער אין גאַנצען אָהן קינדער, גאַר אָהן לעבעדיגען זאָמען, זאָל זיין ברודער זיך מיט דער אלמנה בעהעפֿטען און לעבענדיג מאַכען זאָמען, דעם געשטאָרבענעמס נאָמען זאָל בלייבען אויף זיין נחלה און זאָל וויטער קלינגען אין דער אייביגקייט.

אַ מענש לעבט פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר קינדער און קינדס=קינדער. דאָס איז דאָס איינציגע לעבען פֿאַר'ן מענש: די פֿאַמיליע, דער שטאַם, דאָס פֿאָלק — קענען אייביג לעבען אויף דער ערד . . .

און משה, וואָס האָט אין גאָטס נאָמען אַרויסגעצויגען דאָס פֿאָלק פֿון מצרים, בעפֿרייט פֿון קנעכטשאַפֿט, פֿיהרט עס איבערן סטעפּ צום געבענשטען לאַנד, און חלום'ט פֿאַר איהם אַ גן=עדן אויף דער ערד, אין'ם געבענשטען לאַנד.

עס וועט זיין אַ לאַנד, וואָס פֿליסט מיט האָניג און מילך.

אַרבייטען מוז דער מענש, נור די אַרבייט זאָל איהם קיין פֿלוך נישט זיין. שבתים און ימים=טובים צו רוהען, פֿאַר'ן הערר, פֿאַר זיין הויזגעזינד, פֿאַר זיין דינערשאַפֿט, פֿאַר זיין פֿיה און פֿאַר זיין ערד . . . די ערד האָט נאָך איהר שמטה, דאָס זיעבענטע פֿרייע יאָהר.

און יעדער אַרבייט אויף זיך. די ערד ווערט צווישען אלע פֿערטיילט, און קיינער קאָן נישט פֿערליערען זיין ערד, גאָטס איז די ערד, גאָט שטעלט די גרענעצען צווישען פֿעלקער, דאָס רעכטע לאַנד האָט ער פֿערזאָגט זיין אויסדערוועהלט פֿאָלק, און גאָטס ערד קען איינער דעם צווייטען אויף אייביג נישט אָבטרעטען: יובל געהט די נחלה צו איהר בעל=הבית, וואָס האָט זי על פּי גורל פֿון גאָטס האַנד בעקומען.

און אַ פֿריי פֿאָלק זאָל עס זיין. דער אליינהערשער איז גאָט. דאָס געזעץ איז פֿון גאָט. צווישען פֿאָלק און גאָט שטעהט שבט לוי, דער לוי בעדינט דעם כהן, און דער כהן בעדינט גאָט אין'ם טעמפּעל און לערנט

אוים דעם פאָלק דאָס געזעץ, און לערנט איהם און ענטפערט זיינע פראַגען און איז מקריב זיינע קרבנות און בעט פאַר איהם און איז איהם מוחל די זינד אין גאָטס נאָמען, אויב די זינד איז נור קעגען גאָט. איז געקרצט געוואָרען אַ מענש, מוז פריהער אָבגעגעבען ווערען דאָס געראָבטע, דאָס אויסגענאַרטע, מוז דער, וואָס האָט געליטען, פערגיטיגט ווערען און דערנאָך ערשט וועט גאָט שענקען די זינד. דער שטאַם, וואָס שטעהט צווישען פאָלק און צווישען גאָט, האָט פאַר דאָס קיין רעכט אויף אייגענטום, קיין פעלד און אַקער.

דעם אַרבייטער געהער די ערד, די גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע וועט ווי אין עגיפטען דאָס פאָלק פון אייגענטום נישט בערויבען... און קיין הערשער, קיין קעניג מיט זיין הויף — נישט פערקנעכטען.

דער הערשער איז גאָט... און עס וועט נישט זיין קיין אָבגרונד צווישען אָרים און רייך: יובל — די נחלה קומט צוריק. שמטה — אַלע שייערן זענען אָפען פאַר אַלע, און איבער דער גאַנצער צייט — לקט שכחה ופאה. און מעשר עני. און פאַלט ווער, און מוז זיין אַרבייט פערקויפען, נור זעקס יאָהר דיענט ער, אויפ'ן זיבענטען ווערט ער פריי; אוים קנעכט.

און אַלע זענען גלייך אַלע זענען ברידער...

די היימישע פעלקער, וואָס האָבען זיך פערזינדיגט פאַר גאָט, ווערען פערטריבען, עמלק דער ערגסטער, — אויסגעמעקט. איין גאָט, איין געזעץ, איין פאָלק און איין לאַנד. און דער פרעמדער וועט אויך געניסען פון דער פרייהייט און פון דער ברידערשאַפט. האָב ליעב דיין חבר ווי דיך אַליין און האָב ליעב דעם פרעמדען. געדענק, אַז אַ פרעמדער ביזטו אין מצרים געוועזען. איין געזעץ פאַר אַלע. אויסער קרבן פסח. אין דעם קאָן דער פרעמדער קיין טייל נישט נעהמען, ער איז פון מצרים נישט אויסגעלייזט געוואָרען.

און דו וועסט נישט רויבען, נישט טויטען, נישט גענאַרען, און קיין נוקם ונוטר נישט זיין. און ווערט דיין ברודער אָרים, שטיץ איהם. און פערבלאָנדזשעט דיין פיינדס איזעל, פיהר עס איהם אָב. און זיי בארמהערציג קעגען אלמנות און יתומים. איך בין דער גאָט פון אלמנות און יתומים, זאָגט גאָט. און אָבגעזונדערט זאָלסטו זיין און הייליג, דען אָבגעזונדערט און הייליג איז דיין גאָט...

ערד — נור גערעכטיגקייט, הייליגקייט און ברידערשאַפט אויף דער ערד. אַראָבגענומען דעם פלוך פון דער אַרבייט, פערקלענערט ביז גאָר

דאָס ליידען, פערהייליגט און מיט ליעבשאַפט בעשטראַהלט דאָס לעבען. א גן־עדן אויף דער ערד.

אזוי האָט משה גע'חלומ'ט פאַר זיין פאָלק דעם חלום פון א גן־עדן אויף דער ערד...

ער האָט די ערד נישט געזעהן.

פיערציג יאָהר האָט ער געפיהרט זיין פאָלק אין סטעפּ, עס זאָל אויסשטאַרבען דאָס קנעכטישע געשלעכט, וואָס האָט געדיענט מצרים, א פריי פאָלק וועט ער אריינפיהרען אין לאַנד — אָבער אויך ער אַליין האָט נור פון ווייטענס דאָס לאַנד מיט די קערפּליכע, ווי ער האָט דעם חלום מיט די גייסטיגע אויגען געזעהן...

נישט דער גאַנצער חלום איז מקוים געוואָרען, און דער טייל — אויך נישט אויף לאַנג...

נישט אויסגעמעקט איז געוואָרען עמלק, נישט פערטריבען אַלע זיבען אומות, וואָס האָבען פערנומען דאָס לאַנד, נישט אָבגעזונדערט אין געבלי־בען דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק...

און נישט גאָט אַליין איז דער הערשער געווען, און נישט לאַנג איז דער כהן געשטאַנען צווישען איהם און זיין פאָלק...

נישט אַלע האָבען ערד בעקומען...

און אַן'אייביגער קריעג איז געשטאַנען מיט פלשתים און אַנדערע פעלקער אין לאַנד.

און דאָס פאָלק האָט א קעניג פערלאַנגט, וואָס זאָל פיהרען זיינע מלחמות... און צוזאַמען מיט'ן קעניג האָט זיך בעוויזען דער הויף, די קריעגסהעררען, דער ברודער־קריעג און מיט זיי אַלע סאָציאַלע ליידען: אָרימקייט, קנעכטשאַפט הונגער און נויט.

און איבערגערוקט זענען געוואָרען די גרענעצען צווישען אייגענטום און אייגענטום און פערשלונגען האָט דאָס גרויסע אייגענטום — דאָס קלענערע און פערשוואונדען זענען געוואָרען פאַמיליען פון זייער ערד און פרעסיג און זויפיג איז געוואָרען דער כהן, אין טעמפּעל רייסט זיך אַריין דער הענדלער, דאָס הייליגטום ווערט פערשוועכט, די אייגיגונג צוריסען, דער בונד צווישען גאָט און פאָלק פלאַצט און בלוט און שאַנד פערדעקט די ערד.

און אַרום וואַקסען פעלקער אויף דער שווערד, דאָס קליינע לאַנד ווערט אַ בלוטיגער וועג צווישען קריעגערישע אַרמעען פון פרעמדע פעלקער און דערנאָך די אַרענע פאַר זייערע שלאַכטען, און פערטריבען ווערט דאָס פאָלק, פון גן־עדן פערוואָגעלט —

נישט נאָר מענשען —, אויך פעלקער קענען פאַר זיך אַליין נישט לעבען . . . . . . אויסגעלייזט מוז ווערען די וועלט.

און איז געהעכטיגקייט די אויסלייזונג פון שמערץ און פּיין, מוז די געהעכטיגקייט הערשען איבער דער וועלט, און אויפ'ן אָרט פון ווייבערישען קעניג און פרעסיגען כהן בעקומט די הערשאַפט איבער די געמיטער דער נביא, וואָס פרעדיגט פאַר דער וועלט, וואָס רעדט אין'ם נאָמען פון גאָט און זיין געהעכטיגקייט צו דער וועלט. דער אַמוליגער, וואָס איז אַמאָל געוואָרען דער פאַמיליען־גאָט, דער גאָט פון אברהם, איז דערנאָך געשטיגען צו דער הויך פון אַ פאָלקס־גאָט, וואָס האָט געמאַכט דעם אונגעהויערן שריט פון אלהי אברהם, יצחק ויעקב צו אלהי ישראל, וועט באַלד זיין אייגען־נאָמען, וואָס טיילט איהם אָב פון אַנדערע געטער און אַנדערע פעלקער אין אַנדערע לענדער, פערלירען, דער נאָמען וועט פערוועהרט ווערען, אַז ער זאָל איבער קיין ליפּען נישט קומען, וויל ער ווערט געהויבט און געקרוינט צום וועלט־גאָט, וואָס ער דאַרף קיין נאָמען נישט, — וויל ער איז דער איינציגער און נישט איבער לאַנד רעגירט ער, און נישט פאַר איין פאָלק איז גילטיג זיין געזעץ, און נישט צו איין שטאַם רעדט אין זיין נאָמען דער פּראָפעט. און וויל דער פּראָפעט צו נגוה נישט געהן, דאָס פרעמדע פאָלק נישט וואָרענען פאַר דער שטראָף, אַנטלויפט ער פאַר גאָט אויף אַ שיף, יאָגט איהם נאָך גאָט'ס צאָרן, וויל די שיף אונטערגעהן, וואַרפט מען דעם פּראָפעט אין וואַסער אַריין, שלינגט איהם איין דער פיש.

אַלע וואָס רופען אין גאָטס נאָמען זענען אויסדערוועהלט — זאָגט דער פּראָפעט — אויסדערוועהלט איז דאָס פאָלק נאָר צו קינדיגען גאָטס וואָרט דער וועלט, אויסדערוועהלט איז ציון, כדי פון דאָרט זאָל אַרויסגעהן דאָס געזעץ פאַר דער וועלט, פון ירושלים זאָל אַרויסגעהן גאָטס וואָרט צו דער וועלט.

און ווערט דאָס פאָלק צושפּרייט און צוזייהט און ליידט אין גלות, געהט די שכינה מיט איהם מיט און ליידט מיט איהם אין גלות צוזאַמען. צו קליין וועט זיין כנען פאַר גאָטס קינדער, אָבער דאָס לאַנד וועט זיך צושפּרייטען איבער אַלע לענדער.

און איז גאָט דער גאָט פון דער וועלט און ווערט זיין פאָלק אַ צו־שפּרייט פאָלק איבער דער וועלט, מוז קומען דער אויסלייזער פאַר דער וועלט, מוז קומען אַ משיח פאַר דער גאַנצער וועלט,

דאָ הערט שוין אויף דער חלום פון דער ערד; דער פלוך און דער רעגען פון דער ערד . . . מיר שפּאַרען זיך אין הימעל אַריין . . .

עס הויבט זיך אָן אַ חלום פון אייביג לעבען: גן־עדן, תחית־המתים...

ל שאפּירא.

* *

*

אום האלבער נאַכט . . . אום האַלבער נאַכט . . .
עס שלאָפט דער גײַסט , דער בײַזער גײַסט ,
וואָס רופט זיך טאָג .
עס רוהט און וואַכט
מײַן הארץ אַלײַן
אום האַלבער נאַכט .

עס זויגט דאָס אויג דעם חשך איין .
קײַן פאָרם קלאָר , קײַן שטאַלט , קײַן פלעק ,
קײַן שאַרפער שטריך ,
קײַן העלער שײַן ,
עס פאַלט קײַן פונק
אין אויג אַרײַן .

דאָס אויער רוהט פון קלאַנגען־דראַנג .
די שטילקײַט ז׳טויעט , ווי ס׳איז דער ים ,
און רעדט , ווי ער ,
מיט ווײַטען קלאַנג , —
פיעלײַכט א פלוך ,
פיעלײַכט — געזאַנג .

בעשאַפען ווערט אום האַלבער נאַכט
וואָס ס׳לעבט אין חולה־נופל־טאָג
און שטאַרבט אין איהם .
דאָס האַרץ ערוואַכט
און רוהט און שאַפט —
אום האַלבער נאַכט.

* *

*

קום ! . . — די זון איז שוין פערגאַנגען.
און די מעריב־זייט פערגאָסען
מיט אַ פורפור־שיין אַ לאַנגען ,
וואָס זי האָט נאָך זיך געלאָזען . . .

קום ! . . — דער הימעל ווערט אַלץ בלויער ;
— זעהסט ; אַנ׳ אָווענד — טויזענד חנ׳ען !
און אין האַרצען טיעף אַ טרויער
ליעגט און דריקט , אַך , ביז צום וויינען . . .

קום ! . . — עס איז שוין אויפגעגאַנגען
די לבנה ; שטערען פאַלען ;
שאָטען ציהען זיך , ווי שלאַנגען ,
דורך די טויטע פאָספאָר־שטראַהלען . . .

קום . . . אין צימעריל אין קליינעם ,
קום אין צימעריל אין אייגנען ;
קום . . . עס ווילט זיך זיין אינאיינעם ,
קום . . . אינאיינעם ווילט זיך בייגען ! —

מ. בּדכהן

צו דער שפּראַך־פֿראַגע

צו דער שפּראך־פּראגע.

I.

די אידישע אַרבייטער־מאַסען און די אידישע שפּראך.

צוזאַמען מיט דער ערוואַכונג פונ'ם אידישען פאָלק צו אַן אַקטיווען קאַמפּף פאַר זיין נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, צוזאַמען מיט דער אויפבליהונג פון נייע אידישע האָפנונגען און שטרעבונגען צו נאַציאָנאַל־קולטורעלער זעלבסטשטענדיגקייט, איז אויך אַרויסגעשוואומען אויפ'ן אויבערפלאַך פונ'ם אידישען לעבען די שפּראך־פראַגע. דאָס אידישע פאָלק האָט פערשטאַנען, דאָס די נאַציע קען ניט זיין פריי, אויב איהר שפּראך איז פערשקלאַפט, דאָס דער אייגענאַרטיגער אידישער קולטורעלער גייסט קאָן זיך ענטוויקלען נור אין אייגענאַרטיגע קולטורעלע פאָרמען. און אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: צום ערשטען מאָל פאַר'ן לאַנגדויערנדען גלות שטעלט אַרויס דאָס אידישע פאָלק די פאָדערונג פון גלייכבערעכטיגונג פון זיין שפּראך.

אינ'ם ניט־לאַנג דורכגעלעבטען „שטורם און דראַנג פעריאָדע", ווען יעדע ריכטונג און שטרעבונג אינ'ם פאָלק טרעט דייטליך אַרויס, ווען דאָס פאָלק זעלבסט דריקט אויס זיין ווילען און שטרעבונג, האָט מען קיין איינציגעס ניט געקענט בעמערקען, וואָס זאָל אָנווייזען אויף אַ בעוואוסטזיניגע שטרעבונג פון אידישען פאָלק צו אַסימילאַציע. יעדע גרופּע, אויב נור זי האָט געוואָלט געווינען די סימפּאַטיע פון די אידישע מאַסען און אויף זיי זיך צו שטיצען — זאָגאַר די פערביסענסטע פיינד פון אידיש — די ציוניסטען — האָבען געמוזט אויפשרייבען אויף זייער פאָן די נאַציאָנאַלע פאָדערונג פון גלייכבערעכטיגונג פון דער אידישער שפּראך. דאָס איז דער בעסטער צייכען אַז דאָס פאָלק אַכטעט זיין שפּראך, ווייל זי בעפרייען און איז גאַנץ ווייט פון אַ בעוואוסטזיניגער אַסימילאַציע.

לײדער אָבער, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די בעדייטונג פון די פּסיכאָלאָגישע מאָטיווען, ניט זיי געהער די הויפּט־ראָליע אין דער ענטוויקלונג פונ'ם סאָציאַליען לעבען.

„ווען די אידעאַלען קומען אין אַ צוזאַמענשטוים מיט די אָביעקטיווע בעדינגונגען, זיגען שטענדיג די לעצטע". און ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין דער ווילען פונ'ם פאָלק צו בלייבען ביי זיין שפּראך, ווי היים עס זאָל ניט זיין ליבע צו איהר, קוים ווען די אָביעקטיווע בעדינגונגען ניט

גינסטיג זיין פאר איהר עקזיסטענץ און ווייטערדיגע ענטוויקלונג וועט דאן די אידישע שפראך מוזען ענדליך ארויס פון דער לעבענס-סצענע. צי זעגען גינסטיג די אביעקטיווע בעדינגונגען פאר דער עקזיסטענץ און ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפראך? צי שטופט ניט די עקאנאמישע נויטווענדיגקייט די אידישע מאסען אין די ארעם פון די ניט אידישע שפראכען? דאס זענען, אלזא, די הויפט-פראגען אויף וועלכע מיר מוזען זוכען איין ענטפער אין סאציאל-עקאנאמישען לעבען פון אידישען פאלק.

די „און און פיר זיך" אינטערעסאנטע פראגען, בעקומען יעצט נאך מעהר בעדייטונג דאדורך, וואס, ניט קוקענדיג אויף דער אויפבליהונג פון דער אידישער ליטעראטור, אויפ'ן וואוקס פונ'ם אידישען לעזער-קרייז און ביכער-מארק, בעמערקט זיך דאך ביי געוויסע שיכטען פונ'ם אידישען פאלק א נייגונג צו אסימילאציע. און שוין יעצט געבען די גרויסע אידישע צענטרען (ווארשוי, אדעס, לאדז און אזוי ווייטער) ביז 15% פון דער אידישער בעפעלקערונג, וואס האבען שוין פערטוישט די מוטער-שפראך אויף איין אנדערע *).

נאטירליך, רופט די דאזיגע ערשיינונג ארויס א געוויסען פעסימיזם וואס אנבעלאנגט דער אידישער נאציאנאלער צוקונפט אין אלגעמיינעם און דער אידישער שפראך בעזונדערס, א פעסימיזם, וואס ווערט אין פיל בעשטעטיגט דורך דער אידישער גלות-געשיכטע, וואו אידען האבען שטענדיג געביטען זייער שפראך אויף די שפראך פון דער ארומיגער בעפעלקערונג.

דאס אלץ פערגרעסערט די בעדייטונג פון די אויבענדערמאהנטע פראגען און גיט זיי צו דעם כאראקטער פון דרינגליכקייט.

און אויף די פראגען, וויל אונזער ארטיקעל פרובען געבען איין ענטפער. —

דאס כאראקטעריסטישע פונ'ם אידישען עקאנאמישען לעבען אין גלות איז דאס, וואס דאס אידישע פאלק איז אבגעריסען פונ'ם לאנד, האט אויפגעהערט צו שטעהן אין דירעקטע בעציהונגען און אבהענגיגקייט צו דער נאטור. דאס אידישע פאלק האט אין גלות פערלארען איינעם פון זיינע וויכטיגסטע געזעלשאפטליכע קלאסען — דעם קלאס פון ערד-ארבייטער, וואס האט גאנץ נאטירליך אין היימאט געבויט דעם יסוד פון דער אידישער נאציע.

דער ערד-ארבייטער קלאס, איז דער קאנסערוואטיווסטער פון אלע פאלקס-קלאסען. אין זיין עקאנאמישען לעבען בעמערקט זיך נישט קיין אפטע איבערקעהרענישען, קיין עקאנאמישע רעוואלוציעס, ווי אינ'ם לעבען פון

*) По переписи 97 года.

אַנדערע געזעלשאַפטליכע קלאַסען. דער פּאָרטשריט, די ענדערונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהט־צו אין זיין עקאָנאָמישען לעבען פיעל לאַנגזאַמער. דאָס אַלין ווירקט אויף דעם ערד־אַרבייטער קלאַס און מאַכט איהם אונפעהיג צו נייע פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע איבערקעהרענישען, מאַכט איהם פאַר א היטער און בעשיצער פון דער אַלטערטימליכקייט.

זייענדיג אין מיטעלאַלטער, ווען אין פויערשען עקאָנאָמישען לעבען האָט געהערשט די נאַטורעלע ווירטשאַפט, דער איינציגער שעפּפער פון זיין עקאָנאָמישען וואָהלשטאַנד, איז דער ערד־אַרבייטער געוועזען דער זעלבסטשטענדיגסטער פון אַלע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, עקאָנאָמיש ניט אַבהענגיג געוועזען פון דער אַרומיגער סאָציאַלער אומגעבונג, און האָט געקענט פיהרען א זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען לעבען, בעזיצען איין אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, אָבוואָהל ער איז געווען אונטערגעוואָרפען א פרעמדער הערשאַפט, איהם האָט אַרומגערינגעלט א פרעמדע נאַציאָנאַלע אומגעבונג.

אָט דער היטער און בעשיצער פון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און שפּראַך האָט געפעהלט דעם אידישען פאָלק אינ'ם גלות לעבען. אַנשטאָט איהם האָבען זיך ענטוויקעלט ביי אידען אַנדערע צוויי קלאַסען—הענדלער און האַנדווערקער—קלאַסען וואָס זענען שוין ניט אָבהענגיג אונמיטעלבאַר פון דער נאַטור: זייער עקאָנאָמישער שיקזאַל געפינט זיך אין די הענד פון דער אַרומיגער ניט־אידישער סאָציאַלער אומגעבונג, פון איהר זענען זיי אָבהענגיג.

צו דער ניט־אידישער סאָציאַלער אומגעבונג מיט איהר ניט־אידישער שפּראַך האָט זיך געמוזט צופּאַסען ניט נור דער אידישער הענדלער, נור אויך דער אידישער האַנדווערקער, ווייל אין דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע האָט דער האַנדווערקער געאַרבייט בלויז אויף פּערזענליכע בעשטעלונגען און ווי דער אידישער הענדלער, האָט אויך דער אידישער האַנדווערקער געמוזט זיך געפינען אין פּערזענליכע בעציהונגען מיט'ן ניט־אידישען פערברויכער, פאַר וועלכען ער האָט איבערהויפּט געשאַפען. און נור דערמיט ערקלערט זיך, וואָס די אידען האָבען אין מיטעלאַלטער אומעטום גערעדט אויף דער שפּראַך פון דער אַרומיגער בעפעלקערונג: אין דייטשלאַנד — דייטש אין שפּאַניען — שפּאַניש און אין די סלאַווישע לענדער — סלאַוויש *).

און אויב אין פּוילען האָט די אידען געלונגען פערהיטען זייער, פון גערמאַניען מיטגעבראַכטע דייטשע שפּראַך, און זאָגאַר זי ווייטער

---

*) См. Гаркави: о языкѣ евр., живших на древней Руси; Бершадск.: „Литовск. евреи" стр. 395; Регестры и надписи т. I стр. 45 № 145.

ענטוויקלען, איז געווים צו פערדאנקען דאס, וואס די דייטשע שפראך, אויף וועלכע זיי האבען גערעדט, האט געשפילט א בעדייטענדע ראלע אין פאליטישען און עקאנאמישען לעבען פון פוילען. זי איז געווען די אריסטאקראטישע שפראך און זי איז געווען נוצליך און זאגאר נויטווענדיג פאר זייער האנדעל, אין וועלכען ס'איז געווען פערנומען א בעדייטענדע צאהל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פוילען.

ניט קיין קליינע ראלע האט געשפילט אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפראך אויך דאס, וואס אידען האבען אין פוילען פון אנפאנג-אן, געבילדעט אידישע געטא'ס און האבען אלזא געשאפען איין אידישע נאציאנאלע אומגעבונג, וואו עס האט פאלקאם נעהערשט די דייטש-אידישע שפראך.

דא האט דער איד געמוזט פערבריינגען זיינע קינדער-יאהרען, דא איז געבוירען און האט זיך פארמירט זיין נאציאנאל-קולטורעלער „איך" און אויך שפעטער — א דאנק זייער איזאלאציע פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען אין דער ניט-אידישער וועלט — האט דער איד געמוזט דא פערברענגען זיין גאנצע פרייע צייט פון האנדעל און ארבייט.

דאס זענען די איינציגע אורזאכען, וואס האבען, לויט אונזערע מיינונג, פערהיט די אידען אין פוילען פון א שפראך-אסימילאציע און האט זיי זאגאר געגעבען די מעגליכקייט ווייטער צו ענטוויקלען זייער דייטש-אידישע שפראך.

יעצט ווען די איבענדערמאהנטע אורזאכען, וואס האבען מעגליך געמאכט די עקזיסטענץ פון א בעזונדער אידישער שפראך אין פוילען, זענען פערשוואונדען, וואלט ווירקליך אונז געדראהט א געפאהר צו אסימילירען זיך (אין דער שפראך) מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג, ווען ניט די קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג וואס האט אריינגעטראגען אייניגע ענדערונגען, וועלכע זענען רייך מיט פאלגען און וועלען גינסטיג זיין פאר דער ווייטערדיגער נאציאנאלער ענטוויקלונג פונ'ם אידישען פאלק.

די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האנדעלס-פערקעהר מאכט אוננוצליך פיעל פערמיטלערישע פונקציעס און טרייבט צוזאמען מיט דעם די ארויסגעשטופטע פון פערמיטלעריי צו ערווערבען נייע עקאנאמישע צווייגען פון וועלכע זיי זאלען זיך קענען ערנעהרען. דאס אידישע פאלק, וואס האט פאסט מאנאפאליזירט דעם קליינעם האנדעל און פערמיטלעריי, מוז אנהויבען איבערצוגעהן צו פראדוקטיווע ארבייט. אויב אמאל האט דאס אידישע פאלק געגעבען א גרויסע צאהל ארבייטער און האנדווערקער בילדען יעצט די לעצטע דאס מעהרסטע פון אידישען פאלק. די צאהל אידען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט האנדעל, האט נאך אין 1897 יאהר ניט דערגרייכט

קיין 1/3 פון אלע וואס האבען א זעלבסטשטענדיגע בעשעפטיגונג (פון דער אלגעמיינער צאהל 1,428,535 אידען מיט זעלבסטשטענדיגער בעשעפטיגונג (самодѣйствующіе) זענען מיט האנדעל געוועזען פערנומען 450,427 ד. ה. 31,5% *) און וואס מעהר ס'וועט זיך קאפיטאליזירען אונזער עקאנאמישע אומגעבונג, וואס מעהר ס'וועט זיך פערקלענערען דער צווייג פון פערמיטלעריי און קליינעם האנדעל, אלץ גרעסער וועט ווערן די נויטווענדיגקייט אין נייע ארבייטס-צווייגען, אלץ שטארקער וועט זיין דער איבערגאנג צו אינדוסטריע.

דער איבערגאנג צו אינדוסטריע וועט זיך נאך מעהר פערשטארקען דאדורך, וואס דאס דארף גיט א בעדייטענדע און אלץ וואקסענדע איבערבעלקערונג וואס מוז איבערגעהן צו אנדערע ארבייטס-צווייגען און ממילא אויך צו האנדעל און פערמיטלעריי.

אין קיינע אינדוסטריעלע צווייגען איז די קאנקורענץ פון דער ניט-אידישער בעפעלקערונג אזוי געפעהרליך פאר די אידען, ווי אין פערמיטלעריי און קליינעם האנדעל. לויט דעם כאראקטער פון פערמיטלעריי און קליינעם האנדעל מוז דער קויפמאן אדער קליין-הענדלער שטעהן אין פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן פערברויכער. אינ'ם אידישען תחום געהערען די צוויי קלאסען—הענדלער און קאנסומענטען — צו בעזונדערע נאציאנאלע גרופען, זיי טיילט אב איינער פונ'ם אנדערן א גלויבענס-תהום איבער וועלכען ס'איז איבערגעווארפען א בריק פון נויטווענדיגקייט. די פאלקס-מאסען — דאס גיעבען אויך צו די ארטאדאקסאלע סאציאל-דעמאקראטען ק. קאאוטסטי און א. באאוער — בעציהען זיך מיט אונטרוי און זאגאר פעראכטען צו אלעם וואס איז ניט עהנליך אויף זיי, רעדט ניט אויף זייער שפראך גלויבט ניט אין זייער גלויבען. נאר די עקאנאמישע נויטווענדיגקייט איז אימשטאנד צו צווינגען די ניט-אידישע פאלקס-מאסען צו קומען אין בעציהונג מיט'ן אידישען הענדלער. דאס גיט די אויבערהאנד דעם ניט-אידען אינ'ם קאמפף מיט זיין אידישען קאנקורענט. אום צו בעזיעגען דעם אידען ברויכט ער ניט צו בעזיצען בעסערע האנדלונגס-פעהיגקייטען. זיין עקאנאמישען קאמפף וועט ער פערשלייערן אין א נאציאנאלען שלייער, בעקרוינען מיט נאציאנאלע אידעאלען. דער קאמפף געגען דעם אידישען הענדלער וועט זיך פיהרען אונטער דער פאהן פון נאציאנאלער בעפרייאונג פון פרעמדער עקספלאטאציע. די פאלקס-מאסען, אין וועמענס הארצען ס'לעבט אן'אינסטינקטיווע פעראכטונג צו אלעם פרעמדען, וועלען

*) Б. Вруцкуса: „Профес. состав. евр. населенія Россіи" стр. 55.

מיטפיהלען דעם קאַמפף און ביי אַלע אַנדערע גלייכע בעדינגונגען וועט זיגען דער ניט־אידישער הענדלער.

זייענדיג אַרויסגעשטופּט פון פערמיטלעריי אין קליינעם האַנדעל אין תחום, קענען זיי אויך ניט האָפען איינצואָרדנען זיך אַלס פערמיטלער און קליין הענדלער אין אַנדערע געגענדען אָדער לענדער, וויל וואוהין זיי וועלען זיך ווענדען, וועלען זיי אומעטום געפינען אַן'אָרטיגע קליינבורזשואַזיע נאַציאָנאַל צוזאַמענגעבונדענע מיט דער אָרטיגער בעפעלקערונג, מיט וועלכער ס'וועט זיין אונמעגליך צו קאָנקורירען. איין וועג בלייבט פאַר'ן רואינירטען אידישען הענדלער און פערמיטלער — דער וועג צו האַנד־ווערקשאַפט און אינדוסטריע. אָבער אויך צו דער האַנדווערקשאַפט קענען זיי איבערגעהן נור דאַן און אין די צווייגען, וועלכע זענען קאַפּיטאַליזירט געוואָרען. דאָ זענען ניט וויכטיג די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען פון דער האַנדווערקשאַפט, וויכטיג איז איהר פּראָדוקציאָנס־אינהאַלט. פיעל אידישע האַנדווערקס־צווייגען זענען ביז יעצט געבליבען ביי פּרימיטיווע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען, אָבער לויט זייער אינהאַלט האָבען זיי שוין דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג. זייער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען זיך עמאַנסיפּירט ניט נור פון די פערזענליכע בעשטעלונגען נאָר אויך אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס פון די בעדערפנישען פונ'ם אָרטיגען מאַרק: דער אידישער ווערקשטאַט הויבט אָן צו שאַפען פאַר'ן גרויסען שטאַטס־מאַרק.

אַט די קאַפּיטאַליזירטע צווייגען פון דער אידישער האַנדווערקשאַפט זענען די איינציגע פאַר דעם רואינירטען אידישען קליין־הענדלער און פערמיטלער.

ביז וואַנען דער ווערקשטאַט אַרבייט אויף פערזענליכע בעשטעלונגען, און אינ'ם בעסטען פאַל פאַר'ן אָרטיגען מאַרק, איז דער וואוקס און ענטוויקלונג פון דער האַנדווערקשאַפט שטאַרק בעגרענצט: דער ווערקשטאַט מוז פּראָדוצירען נור אַזוי פיעל, וויפיעל ס'פאָדערט זיין פערברויכער — דער אָרטיגער מאַרק. ביי אַזאַ לאַגע קען זיך איבערהויפּט ניט ענטוויקלען שנעל קיין האַנדווערקער־קלאַס און דאָס איבערגעהן פון אַנדערע עלעמענטען צו האַנדווערקשאַפט קען פאָרקומען אין בעסטען פאַל אין איין אונבעדייטענדער צאָהל.

אויסער דעם זענען אין אַלגעמיין די אידישע פּאָזיציעס אין דער ניט־קאַפּיטאַליזירטער האַנדווערקשאַפט ניט קיין זיכערע, וויל דאַן שאַפט מען איבערהויפּט אויף פערזענליכע בעשטעלונגען און דער אידישער האַנדווערקער מוז זיך געפינען אין פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן ניט־אידישען פערברויכער. ווי אינ'ם קליינעם האַנדעל און פערמיטלעריי,

קען אויך דא דער ניט־אידישער קאנקורענט אויסניצען אינ׳ם קאמפף מיט׳ן אידען דעם נאציאנאלען און גלויבענס אונטערשיעד צווישען דעם אידישען פראדוצירער און ניט־אידישען קאנסומענט. דער עקאנאמישער קאמפף צווישען אידישען און ניט־אידישען האנדווערקער קען זיך אויך דא פערמאסקירען אין א נאציאנאלע מאסקע, און דעם אידישען האנדווערקער, ביי אלע זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען, וועט זיין שווער צו בעזיגען זיין ניט־אידישען געגנער.

אנדערש איז עס אבער אין דער קאפיטאליזירטער האנדווערקשאפט. דער קאפיטאליזירטער ווערקשטאט ווערט אונאבהענגיג פונ׳ם ארטיגען מארק, זיין פערברויכער איז דער אלשטאאטס־מארק. זי שאפט ניט בלויז פאר א בעשטימטער גרופע, נאר זי שטרעבט אונאויפהערליך צו ערקעמפפען נייע מערק, צו ערפינדען נייע קאנסומענטען. איהר מארק קען אלזא אונבעגרענצט וואקסען. די אלוואקסענדע נאכפראגע אויף די שטאאטס־פראדוקטען גיט די מעגליכקייט אנדערע עלעמענטען אין אלגעמיין און די רואינירטע אידישע הענדלער און פערמיטלער בעזונדערס, איבערצוגעהן אין א גרויסער צאהל צום ווערקשטאט. די קאנקורענץ פון דער ארטיגער בעפעלקערונג איז אין דער קאפיטאליזירטער האנדווערקשאפט ניט געפעהרליך פאר אידען, ווייל דא איז ניטא קיין פערזענליכע בעציהונגען צווישען דעם פראדוצירער און קאנסומענט. די אידישע ארבייטער, ווי אויך אלע אנדערע, פיגורירען דא אויפ׳ן אלשטאאטס־מארק אינם געשטאלט פון פערגליווערטע סחורות, אויף וועלכע ס׳ליגט דער שטעמפעל פון ארבייט און ניט פון נאציאן. די פערזענליכקייט פונ׳ם פראדוצירער איז אבגעטיילט פון פראדוקט און פערמאסקירען דא דעם עקאנאמישען קאמפף אין א נאציאנאלער מאסקע איז אונמעגליך.

אויסער דעם מוז מען נאך בעמערקען אז די קאפיטאליזירונג פון דער האנדווערקשאפט פערניכטעט אויך ביי אנדערע פעלקער די נאציאנאלע איינהייט צווישען פראדוצירער און קאנסומענט. אויך דער פוילישער ארבייטער פון דעם קאפיטאליזירטען ווערקשטאט שאפט גאנץ אפט פאר׳ן חינעזער פון אמורער געגענד אדער ארמענער פון קאווקאז. די נאציאנאלע אבגעזונדערקייט צווישען פראדוצירער און קאנסומענט, וואס ס׳איז ביז יעצט געווען א ספעציעל אידישע ערשיינונג, נעהמט אן איין אלוועלטליכען כאראקטער. אלזא דא אויפ׳ן וויטען אינערליכען מארק, וואו עס עקזיסטירט איבערהויפט ניט קיין נאציאנאלע איינהייט צווישען שעפפער און פערברויכער, קענען די סחורות קאנקורירען צווישען זיך נור מיט זייער קוואליטעט און פרייז, און אזא קאנקורענץ איז פאר אידען ניט געפעהרליך.

און ווירקליך האט די אידישע האנדוועריקשאפט אנגעהויבען שטרעבען צום גרויסען רוסלענדער מארק, און האט אין דעם זין שוין יעצט דערגרייכט א הויכע שטופע. די אויספארשונג פון „יקא" האט פעסטגעשטעלט, אז כמעט אלע אידישע אינדוסטריעלע צווייגען זענען פארגעשטעלט אין די וויטסטע טיילען פון רוסלאנד. א גאנצע רייהע שטעדט און שטעדטלעך אינ'ם תחום פראדוצירען בלויז פאר'ן אינערליכען רוסישען מארק (אויספארשונג פון „יקא" 1 ט. זייטע 216). אויך אינטערעסאנט זענען אין דעם הינזיכט דער פראצענט־פערהעלטניס צווישען אידישע און ניט־אידישע האנדווערקער. אין גראד. גוב. אין 1897 יאהר האבען די אידישע האנדווערקער געבילדעט אין די שטעדט 80,1% פון אלע האנדווערקער און אין אויעזד נור 50% *), ד. ה. אין די דערפער און קליינע שטעדטלעך, וואו מען ארבייט פאסט בלויז אויף פערזענליכע בעשטעלונגען, קאנקורירט מיט אין ערפאלג דער ניט־אידישער האנדווערקער; אין די שטעדט אבער, וואו די האנדווערקשאפט האט זיך אין א געוויסער מאס בעפרייט פון פערזענליכע בעשטעלונגען זענען די ניט־אידישע האנדווערקער ניט אימשטאנד צו קאנקורירען מיט די אידישע און די אידען בילדען 80% פון אלע האנדווערקער.

אזוי שטרעבט די אידישע מאסע צו דער קאפיטאליזירטער האנדווערקשאפט און זייער אנטייל אין איהר וועט וואס וויטער אלץ שטייגען.

אויך אין דער פאבריק־אינדוסטריע וועט מוזען וואקסען דער אנטייל פון די אידישע מאסען, וויל פאבריק־אינדוסטריע איז נאך ווייניגער אבהענגיג פונ'ם ארטיגען מארק און פערזענליכע בעשטעלונגען. די פעסימיסטישע שטימונג פון פילע, וואס אנבעלאנגט צו דער צוקונפט פונ'ם אידישען אנטייל אין פאבריק־אינדוסטריע, גרינדעט זיך אויף א פאלשער מיינונג, דאס די אידען וועלען ניט קענען קאנקורירען אין דער ניט קוואליפיצירטער ארבייט מיט די פויערים, וועלכע זענען פיזיש שטארקער פון זיי און בעזיצען א קלענערען מינימום בעדערפנישען. די אויספארשונג פון „יק"א" האט בעוויזען אז גראדע אין דער ניט־קוואליפיצירטער ארבייט איז דער אנטייל פון אידען גרויס. אויך דער לוין פון די ניט־אידישע ארבייטער איז אין דער פאבריק אינדוסטריע פיעל העכער, ווי דער לוין פון די אידישע ארבייטער, אזוי אז יעצט שפירען די ניט־אידישע ארבייטער א קאנקורענץ פון די אידישע.

אלזא די טענדענץ פון דער ענטוויקלונג פון דער אידישער עקאנאמיע פיהרט צום וואוקס פונ'ם אידישען אנטייל אין דער קאפיטאליזירטער האנדווערקשאפט און פאבריק־אינדוסטריע.

*) זאמעל־בוך פון „יקא" ערשט. העפט, זייט 229

די בעפרייטע קאפיטאליזירטע האנדווערקשאפט און פאבריק-אינדוסטריע, פון פערזענליכע בעשטעלונגען און ארטיגען מארק, וואו ס'איז שוין יעצט פערנומען דאס מעהרסטע פון אידישען פאלק און וואו זייער אנטייל וועט ווייטער שטייגען, שאפט א גינסטיגען באדען פאר דער אידישער שפראך. ווי אין מיטעל-אלטער, שאפט אויך יעצט די אידישע מאסע פאר'ן ניט אידישען פערברויכער, אבער יעצט פיהלט זיך שוין ניט די עקאנאמישע נויטווענדיגקייט פערזענליך צוצופאסען זיך צו דער ניט-אידישער אומגעבונג מיט איהר ניט-אידישער שפראך. דער אידישער פראדוצירער שטעהט אין קיינע פערזענליכע בעציהונגען מיט'ן ניט-אידישען קאנסומענט: צווישען זיי געפינט זיך א פערמיטלער. גאנץ אפט איז דער פראדוצירער אויך טעריטאריעל אבגעזאנדערט פונ'ם פערברויכער. דער אידישער ארבייטער איז ניט נור עקאנאמיש ניט געצוואונגען צו פערשטעהן די שפראך פון זיין פערברויכער, נאר ס'איז זאגאר אוננוצליך.

די ביידע קלאסען — פראדוצירער און פערברויכער — זענען אין יעצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג, קולטורעל גאנץ אבגעזונדערט איינער פונ'ם אנדערן, לעבען אין בעזונדערע נאציאנאלע וועלטען, קענען אלזא בעזיצען בעזונדערע נאציאנאלע שפראכען.

דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפראך וועט אויך מיטהעלפען דאס, וואס די קאפיטאליזירונג פון דער האנדווערקשאפט ווי אויך די ענטוויקלונג פון דער פאבריק-אינדוסטריע, טראגט אין א געוויסער מאס א נאציאנאלען כאראקטער. די אויספארשונג פון „יקא” האט פעסטגעשטעלט דעם נאציאנאלען צוזאמענבונד צווישען דער בורזשואזיע און איהרע ארבייטער-מאסען: פאסט אלע אידישע ארבייטער זענען פערנומען אין אידישע פאבריקען. די צאהל פון אידישע ארבייטער אויף די ניט-אידישע פאבריקען איז איין אונבעדייטענדע. זייענדיג מאסענווייז פערנומען אין די אידישע פאבריקען און ווערקשטאטען, שאפען די אידישע מאסען אויך דא א נאציאנאלע אטמאספערע, וואו עס קומט זיי אויס צו פערברענגען די גאנצע ארבייטס-צייט.

די קאפיטאליזירטע אידישע האנדווערקשאפט און פאבריק-אינדוסטריע, שאפט אלזא פאר די אידישע ארבייטער-מאסען א זעלבשטענדיגע בעוועגליכע טעריטאריע, וואו עס הערשט אונבעגרענצט זייער נאציאנאלער הומאר, זייער נאציאנאלעס ליעד, זייער נאציאנאלע שפראך.

דער וואוקס פון די אידישע נאציאנאליזירטע מאסען, וועט אין א געוויסער מאס אויך נאציאנאליזירען די אידישע קליין-האנדעלס-בורזשואזיע. וואס מעהר עס וועט וואקסען די צאהל פון די אידישע ארבייטער-מאסען, אלץ מעהר וועט וואקסען זייער בעדייטונג אלס קאנסומענטען. עס וועט אלזא בעשאפען

ווערן א אידישער נאציאנאלער מארק מיט אנ'אידישער שפראך, צו וועלכען עס וועט זיך מוזען צופאסען די אידישע האנדעלס-בורזשואזיע.

עס איז וואהר, נאך פיעל צייט וועט דורכגעהן ביז וואנען די פערהעלטניסע צווישען די פראדוצירענדע און פערמיטלער קלאסען ביי אידען וועלען ווערן נארמאל און די אידישע האנדעלס-בורזשואזיע וועט זיך קענען ערנעהרען פון איהר אייגענע נאציאנאלע קלאסען און ניט אבהענגיג זיין פונ'ם ניט-אידישען מארק, אבער שוין יעצט בעקומט ביי איהר די אידישע שפראך א האנדעלס-ווערט און דאס וועט איהר געוויס אבהאלטען פון א פאלקאמענער שפראך-אסימילאציע מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג און צוציהען צו דער אידישער שפראך.

II.

די אינטעליגענץ און די אידישע שפראך.

ווי נרוים ס'זאל ניט זיין די ראלע פון די ארבייטער-מאסען אין דער ענטוויקלונג פון דער שפראך, אבער דאך איז זייער קראפט מעהר איין אויפבעוואהרענדע. עס איז ניט צו גלויבען אז אהן דער הילף פון די העכערע קלאסען אין אלגעמיין און דער אינטעליגענץ בעזונדערס, זאל אידיש זיך קענען אויפהויבען פון א פאלקס-שפראך צו דער שטופע פון א נאציאנאלער שפראך, וואס זאל קענען ארומנעמען אונזער גאנצען קולטורעלען שאפונגס-פראצעס, אין וועלכער עס זאלען זיך קענען פערקערפערן אונזערע נאציאנאלע גייסטער. אויב די איינציגע וואס וועלען בלייבען ביי דער אידישער שפראך אויך אין צוקונפט וועלען זיין די אידישע מאסען, אויב די אידישע אינטעליגענץ וועט זיך, ווי ביז יעצט, אויך אין צוקונפט פערהאלטען פיינדליך, און אינ'ם בעסטען פאל גלייכגילטיג, צו דער אידישער שפראך און וועלן פארטזעצען זייער קולטורעלע שאפונג אין אנדערע שפראכען, וועט דאס געוויס זעהר פערשווערן, און פיליייכט מאכען פאלקאם אונמעגליך, די וויטערדיגע ענטוויקלונג פון דער אידישער שפראך. צו ניט ענטוויקעלט איז אין די ארבייטער מאסען דאס עסטעטישע געפיהל, זי זעלבסט זאל קענען וויטער ענטוויקלען די אייגענארטיגקייט און שענהייט פון דער אידישער שפראך; צו קליין זענען איהרע שעפפערישע קרעפטען זי זעלבסט זאל קענען שאפען נייע פאסענדע פארמען פאר איהרע נייע-ערווארבענע בעגריפען. יעדע בעוועגונג געהט אין ריכטונג פון קלענסטען ווידערשטאנד, און אנשטאט צו שאפען נייע פאסענדע פארמען, וועט דער מאסע פיעל לייכטער זיין

איבערטראָגען זיי פון ארומיגע סלאווישע שפּראַכען, אָהן דער נויטיגער צופּאַסונג, אָהן דער לינגוויסטישער און גײַסטליכער גערמאַנישער צוזאַמענגיסונג מיט דער אידישער שפּראַך און וועלען אויף אַזאַ אַרט פערדאַרבען די אידישע שפּראַך און פערוואַנדלען איהר אין אַ זשאַרגאָן שבזשאַרגאָן.

די בעציהונג פון דער אינטעליגענץ צו דער אידישער שפּראַך איז פאַר אונז וויכטיג אויך דערפאַר, ווײַל די אינטעליגענץ איז בײַ אידען, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער, די גײַסטיגע אַריסטאָקראַטיע, זי איז דאָס סאָציאַל-נאַציאָנאַלע לאַבאָראַטאָריום, וואו עס ווערען אויסגעאַרבײַט אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלען.

ווי אין דער מדבר צום נחש-הזהב, זענען געווענדעט די אויגען פון'ם גאַנצען פאָלק צו זײַן אינטעליגענץ, דאָס פאָלק הערט זיך צו צו איהר וואָרט, און אַלעם דיענט זי איהם אַלס אַ מוסטער.

זעלבסטפערשטענדליך וועט די שטימונג, וואָס הערשט בײַ דער אינטעליגענץ צו דער אידישער שפּראַך, זיך אויך איבערגעבען די אידישע מאַסען, און אויב די שטימונג וועט זײַן אַ פײַנדליכע און אפילו נור אַ גלײַכגילטיגע, וועט דאָס אין אַ געוויסער מאָס אָבשוואַכען בײַ'ם פאָלק דאָס געפיהל פון אַכטונג, ליעבע און הײליגקײַט צו דער אידישער שפּראַך, וואָס איז געוויס ניט וואונשבאַר און זאָגאַר שעדליך פאַר דער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך.

אַלזאָ, אום גענוי פעסטצושטעלען דעם שיקזאַל פון דער ווײַטערדיגער ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך, מוז מען פאָראויס אַנאַליזירען די בעציהונג צו איהר פון די העכערע קלאַסען און דער אינטעליגענץ, אין געגענוואַרט און אין צוקונפט.

בײַ הײַנטיגען טאָג איז פאַסט דאָס מעהרסט אידישע אינטעליגענץ אין גאַנצען אַסימילירט און האָט זיך ערוואָרבען נײַע מוטער-שפּראַכען. אויך דער איבריגער טײל געהט מיט ריזען-טריט צו דער שפּראַך-אַסימילאַציע. עס איז וואָהר, די לעצטע צײַט בעמערקט זיך אַ געוויסע נאַציאָנאַלע בעוועגונג צווישען דער אידישער אינטעליגענץ, אָבער ביז יעצט האָט די בעוועגונג ניט בעריהרט איהרע ברײַטע שיכטען, דאָס מעהרסט אידישע אינטעליגענץ איז געבליבען אויסער דער בעוועגונג און שטרעבט ווי פריהער צו אַסימילאַציע.

צוויי פאָלגענדע אורזאַכען רופען אַרויס בײַ דער אידישער אינטעליגענץ די אַסימילאַטאָרישע נײגונג: 1) דאָס ניט-קענען זיך ערנעהרען פון די אײגענע נאַציאָנאַלע מאַסען און 2) דער מאַנגעל אין אינטעלעקטועלע קרעפטען וואָס האָט

זיך געשפּירט ביז יעצט אין דער ניט־אידישער וועלט און וואָס האָט געשאַפען די מעגליכקייט דער אידישער אינטעליגענץ זיך איינצואָרדנען אין אַ פרעמ־דער, ניט־אידישער אומגעבונג.

דאָס אידישע פאָלק טיילט אוים פון זיך אַ פיעל גרעסערע אינטעליגענץ, ווי עס פאָדערן זיינע קולטורעלע בעדערפנישען. דערפאַר קען דאָס אידישע פאָלק זעלבסט ניט ערנעהרען זיין אינטעליגענץ. און זי מוז זוכען ביי אַנדערע אַ פעלד פאַר איהר אינטעלעקטועלער טעטיגקייט. דאָס איז אָבער פאַסט אַ עביגע קרענק. אַלע ציוויליזירטע פעלקער גיבען אַ גרויסע אינ־טעליגענץ און ביי פיעל בעמערקט זיך זאָגאַר אַנ'איבערפלוס פון אינטעליגענץ (אינ'ם פראָפעסיאָנעלען זין).

פיעל גרעסער מוז אָבער זיין די אינטעליגענץ־איבערפליסונג ביי די אידען, ווייל די אינטעליגענץ בילדעט אוים פון זיך איבערהויפּט די שטאָדטישע בעפעלקערונג און די אידען זענען אַ שטאָדטישע פאָלק par exc-lence. און די אינטעליגענץ־איבערפליסונג איז ביי אידען אזוי גרויס, אַז דאָס מעהרסט איז געצוואונגען זיך צו ערנעהרען פון פרעמדע נאַציאָנאַלע קערפּער און נור אַ קליינע טייל פון איהר קאָן האָפען צו בלייבען אויפ'ן אידישען נאַציאָנאַלען באָדען, ווען ביי אַלע אַנדערע פעלקער ביי'ם גרעסטען איבערפלוס בלייבט דאָך דאָס מעהרסט אינטעליגענץ אויף איהר אייגענעם נאַציאָנאַלען פעלד.

די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט איינצואָרדנען זיך אין דער ניט־אידישער אומגעבונג צווינגט די אידישע אינטעליגענץ זיך צו דענאַציאָנאַליזירען. און אָבשפּיגלענדיג זיך אין איהר קלאַססען־פּסיכאָלאָ־גיע, וואו אַלץ ווערט פערוואַנדעלט אין איין אילוזיע פון פרייען ווילען, מוז די דאָזיגע נויטווענדיגקייט שאַפען אַ טעאָריע, וואָס זאָל בערעכטיגען איהר דענאַציאָנאַליזאַציע, בעפּוצען איהר מיט'ן גלאַנץ פון אידעאַל.

און ווייל די אידישע אינטעליגענץ קען נאַציאָנאַל ניט עקזיסטירען, פערלירט ביי איהר די נאַציאָנאַלע צוטיילונג פון איהר מענשענהייט איהר Saison d'odre, קען ניט דערווייזען די צוועקמעסיגקייט פון דער עקזיס־טענץ און מוז אַלזאָ פערלאָרען געהן אינ'ם נאָמען פון דער אַלמענשהייט.

אַזוי ווערט געבוירען ביי דער אידישער אינטעליגענץ די קאָסמאָ־פּאָליטישע טעאָריע.

איינס אָבער אונטערשיידעט דעם אידישען קאָסמאָפּאָליטיזם פונ'ם ניט־אידישען. דער ניט־אידישער קאָסמאָפּאָליט טרוימט אויך פון אַלמענש־הייט, נור ער טרוימט נור דאַן ווען די אידעאַלען, צו וועלכע ער שטרעבט, זענען נאָך אין ווייטען נעבעל פערזונקען, ווען זיי לעבען נאָך איבערהויפּט נור אין זיינע געדאַנקען און האָבען נאָך ניט קיין גוף ניט קיין דמות הגוף.

זעלבסטפערשטענדליך אַז אין דעם פּעריאָד קען ער ניט דענקען זיינע אידעאַלען אין נאַציאָנאַלע פאָרמען. דער ניט־אידישער קאָסמאָפּאָליט איז קאָסמאָפּאָליטיש דערפאַר, ווייל זיינע אידעאַלען האָבען נאָך ניט דערגרייכט די נאַציאָנאַלע שטופע. דערום פעראורטיילט דער ניט־אידישער קאָסמאָפּאָליט אין אַ גלייכער מאָס אַלע נאַציאָנען אָהן שום אויסנאַהמע.

דאַגעגען דער אידישער קאָסמאָפּאָליטיזם שטאַמט אוים דער אונצופריעדענהייט פון דער אידישער אינטעליגענץ מיט דער אידישער נאַציאָן. אָבער קוים בעקומט דער אידישער אינטעליגענט די מעגליכקייט זיך איינצואָרדנען אין אַ ניט־אידישער נאַציאָנאַלער אומגעבונג, אַזוי ווערט פערשוואונדען די אורזאַך פון זיין קאָסמאָפּאָליטיזם, פון זיין אונצופריעדענהייט מיט דער נאַציאָנאַלער צוטהיילונג פון דער מענשהייט. דער אידישער אינטעליגענט ווערט נאַציאָנאַל, אָננעמענדיג אומעטום דאָס נאַציאָנאַלע געשטאַלט פון דער אומגעבונג, אין וועלכער ער לעבט: אין דייטשלאַנד ווערט ער אַ דייטש, אין פוילען — אַ פּאָליאַק און אין רוסלאַנד אַ רוס; אין בעסטען פאַל לאָזט ער איבער דעם עפּיטעט „פון משה'ס גלויבען". דערפאַר, וואָס אַנבעלאַנגט צום אידישען פאָלק, וואָס האָט איהם געבוירען און קען איהם ניט ערנעהרען, בלייבט ער שטענדיג פיינדליך, אַנטי־נאַציאָנאַל. דער אידישער אינטעליגענט — טעאָרעטישער קאָסמאָפּאָליט און פּאַקטישער נאַציאָנאַליסט פון ניט־אידישע נאַציאָנען — טרעט אָפט אַרוים אַלס אַ פערביסענסטער געגנער פון דער ענטוויקלונג פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, פון דער אידישער שפּראַך, איין ערשיינונג, וואָס ווייס קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער.

אַזאַ פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג קאָן עקזיסטירען נור ביז דאַן, ווען די אַרומיגע בעפעלקערונג געפינט זיך אויף אַ נידריגע שטופע פון ענטוויקלונג. ביז וואַנען אין דער אַרומיגער סאָציאַלער אומגעבונג פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין אינטעלעקטועלע קרעפטען, דאַן זענען די אידען די געוואונשענסטע געסט אין דער ניט־אידישער וועלט, מען נעהמט זיי זעהר גאַסטפריינדליך אויף, מיט זיי איז צופריעדען די גאַנצע ניט־אידישע געזעלשאַפט, אויסער פיליייכט אַ הייפעלע רעאַקציאָנערען, פאַר וועמען יעדער וואוקס פון אינטעלעקטועלע קרעפטען איז אַ שטערבליכער גיפט.

דער אידישער אינטעליגענט הויבט אָן ווירקליך גלויבען, אַז ער ווערט געפינען אין דער ניט־אידישער וועלט אַ צערטליכע מוטער־ברוסט, וואָס וועט איהם אַנשטענדיג ערנעהרען. ער הויבט אָן טרוימען וועגען אַ ברידערליכע צוזאַמענגיסונג מיט דער גרויסער ניט אידישער וועלט, און וואָס מעהר ער טרוימט פון דער גרויסער ליכטיגער ניט־אידישער וועלט,

אלץ מעהר אונאנגענעהם ווערט איהם די ענגע אידישע גאס, פון וועלכער ער שטרעבט מיט אלע זיינע קרעפטען זיך ארויסצורייסען.

דאס בילד ענדערט זיך אבער ווען ביי דער ניט-אידישער בעפעל־קערונג בילדעט זיך אויס איין איינענע געניגענדע אינטעליגענץ. די נאציאנאלע אינטעליגענץ קען גלייכגילטיג ניט צוזעהן, ווי איהר נאציאן ערנעהרט א פרעמדע אינטעליגענץ, ווען זי זעלבסט בלייבט אויסען. אונטער דער מאסקע פון אלערליי הויכע אידעאלען (ווי עס פאסט פאר אינטעליגענטען) מוז די ניט-אידישע אינטעליגענץ אנהויבען א קאמפף געגען דער אידישער קאנקורענץ.

און אין א קאמפף זענען אלע מיטלען כשר. ניט קענענדיג בעזיגען די אידישע אינטעליגענץ מיט פערזענליכע פעהיגקייטען, וועט די ניט-אידישע אינטעליגענץ — זאגאר די ראדיקאלע — זיך ניט אבזאגען אויסצונוצען אין'ם קאמפף פאר איהר עקזיסטענץ, דעם נאציאנאל קולטורעלען אבגרונד, וואס טיילט אב דעם אידישען אינטעליגענט פון די ניט-אידישע מאסען. דער לאזונג: „היט זיך! דער איד געהט, ער וועט אלץ פערדארבען!" וועט געפינען איין אבקלאנג זאגאר ביי ליבעראלע עלעמענטען.

מערקווירדיג איז, אין דער הינזיכט, די פאלעמיק וועגען דער נאציאנאל-פראגע, מיט וועלכער ס'איז ערשט ניט לאנג געווען איבערפולט די רוסישע פרעסע. ערשט מיט 10—15 יאהר צוריק, וואלט קיין איינציגער ליבעראל זיך ניט וואגען צו שטעלען די פראגע וועגען דער שעדליכקייט פונ'ם אידישען אינטעליגענט אין דער רוסישער ליטעראטור. יעצט... נייע צייטען נייע לידער — יעצט האט זאגאר דער ראדיקאל פאסע גע־פונען פאר מעגליך ארויסצודריקען זיין אונצופריעדענהייט מיט דעם גרויסען אידישען אנטייל אין דער רוסישער ליטעראטור, אנערקענענדיג, אז אידען פערדארבען ווירקליך די רוסישע שפראך און... קענען זיך ניט בענוצען ריכטיג מיט צוויי רוסישע צייטווערטער: выйти и выступить (Sic!). נאר דאס זענען ערשט בלומעלעך, די פרוכטען זענען נאך פאראויס! וואס מעהר עס וועט זיך ענטוויקלען די ניט-אידישע סאציאלע אומגעבונג, וואס מעהר ס'וועלען וואקסען איהרע אינטעלעקטועלע קרעפטען, אלץ פערבייסענער וועט ווערן דער קאמפף געגען דער אידישער אינטעליגענץ אין דער ניט-אידישער וועלט.

ווי אזוי זשע וועט ווירקען דער אויבענדערמאהנטער קאמפף אויף דער אידישער אינטעליגענץ?

אין וועסט-איראפא, וואו דער קאמפף געגען דער אידישער אינטעליגענץ האט זיך שוין לאנג אנגעהויבען און וואו די אידען צוליעב זייער קליינער צאהל אין סאציאלען כאראקטער (א חוץ גאליציען) קענען ניט

בילדען קיין בעדייטענדען מארק פאר די אידישע אינטעלעקטועלע קרעפטען, איז די לאגע פון דער אידישער אינטעליגענץ געווארן אזוי האפנונגסלאז, אז פיעל פון איהר האבען זיך בעשלאסען אויף א געוואלדיגען מהאס—זיי זענען בעגאנגען א נאציאנאלען זעלבסטמארד. מאסענווייז נעמט אן די אידישע אינטעליגענץ אין איראפא דאס קריסטענטום, כדי צו פערגיכערן דעם אסימילאציאנס־פראצעס, די פאלקאמע נאציאנאלע צוזאמענגיסונג מיט דער ניט־אידישער וועלט (ניט נור אין קולטורעלען נור אויך אין פיזישען זין פונ'ם ווארט), און פערניכטענדיג אויף אזא ארט דעם נאציאנאלען אבגרונד צווישען איהר און די ניט־אידישע מאסען, פערגלייכען די קאמפפס־בעדינגונגען מיט דער ניט־אידישער אינטעליגענץ.

אויך די איינצעלנע וואס קענען ניט האנדלען מיט גאט, מיט זייער זעעל, די וואס ווילען ניט פערקויפען זייער בכורה פאר א טאפ ליגזען, לעבען מיט א לעער הארץ, אהן גלויבען אין א בעסערע צוקונפט, אהן א פונק האפנונג אויף נאציאנאל־קולטורעלע זעלבסטשטענדיגקייט. זיי קוקען אויף זייער אידישקייט ווי אויף איין קין־צייכען צו זיין אייביג היימאטלאז, געיאגט און געפלאגט. זיי רינגעלט ארום א נאציאנאלער תהו ובוהו, איינזאם פיהלען זיי זיך, אבגעריסען פון דער גאנצער וועלט, איינזאם אהן האפנונגען, שטרעבונגען, אהן בענקעניש.

אנדערש אבער וועט עס פארקומען אין רוסלאנד (ווי אויך אין גאליציען). דא האט זיך קאנצענטרירט א גרויסע אידישע מאסע, וואס שאפט א בעדייטענדען באדען פאר דער אידישער אינטעלעקטועלער קראפט. עס איז וואהר, די אידישע מאסע, ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט, איז ניט אימשטאנד צו ערנעהרען דאס מעהרסט אידישע אינטעליגענץ, אבער דאך וועט א געוויסע טייל פון איהר זיך איינארדנען אויפ'ן אידישען פעלד, און וועט צוזאמען מיט דער אידישער מאסע ענטוויקלען די אידישע קולטור גלייכצייטיג מיט דער אידישער אינטעליגענץ אין דער ניט־אידישער אומגעבונג, וואס איז אייגענטליך אידיש נור לויט איהר שטאם, אבער ניט לויט איהר שאפונג, וועט אין דער אידישער גאס אויסוואקסען איין ווירקליכע אידישע אינטעליגענץ, וואס וועט לעבען, פיהלען און שאפען אידיש, וואס וועט ניט וויסען פונם צווייזייטיגען לאזונג: היה יהודי בביתך ואדם בצאתך.

פאר די אויגען פונ'ם געיאגטען און געפלאגטען אידישען אינטעליגענט אין דער ניט־אידישער אומגעבונג וועט שטענדיג שטעהן די אידישע גאס, וואו דער אידישער אינטעליגענט וויים פון קיין קולטורעלען גלות, לעבט און שאפט אין פאלקאמער הארמאניע מיט זיין נאציאנאלען „איך", וואס ווייסט ניט פון קיין נשמה־צושפאלטונג, וואס רעדט וואס דענקט און דענקט וואס

רעדט. און טרוימען וועט ער וועגען דער צייט, וואס איז נאך וויט — נאך גאנץ וויט — אבער דאך אמאל קומען, ווען די פערהעלטניס צווישען די אידישע געזעלשאפטליכע קלאסען וועט ווערן נארמאלער און דאס אידישע פאלק, ווי אלע אנדערע פעלקער, וועט קענען ערנעהרען די אידישע אינטעליגענץ.

און האפנונג וועט אויפבליהען אין זיין הארץ, האפנונג אויף נאציא־נאל־קולטורעלע אויסלעזונג, וואס וועט היילען אויך זיין נשמה־צושפאלטונג און וועט בעפרייען אין איהם ניט נור דעם מענשען נאר אויך דעם אידען. און גלויבען וועט ער און דער גלויבען וועט איהם געבען נאציאנאלען מוטה איבערצוטראגען מיט עכט־אידישען געדולד די נאציאנאלע פערפאל־גונגען, בייצושטעהן דעם נסיון און ניט נאכצוטהון דעם ביישפיעל פון דער אידישער אינטעליגענץ אין וועסט־איראפא.

דאס מעהרסטע אידישע אינטעליגענץ וועט לעבען אין א ניט־אידישער אומגעבונג און פאר איהר וועט זי שאפען, אבער איהר גייסט וועט געהערן דעם אידישען פאלק. און זייענדיג דארט געיאגט און געפלאגט, וועט זי אונאויפהערליך טרוימען וועגען דער זיסער רוהע אין דער אידישער גאס.

יעצט וועט זי שוין ניט קענען זיין אנטי־נאציאנאל, וואס אנבעלאנגט צום אידישען פאלק, ווייל זי וועט זעהן בעשיינפערליך, אז די אידישע אומגעבונג איז פאר'ן אידישען אינטעליגענט דאס איינציגע ארט, וואו ער קען זיך פיהלען פאלקאם זיכער; אז די ניט־אידישע וועלט איז ניט מעהר ווי א שטיפמוטער און נאך א שלעכטע דערצו.

די אידישע אינטעליגענץ פון דער ניט־אידישער אומגעבונג וועט זיך אויך אומקעהרען צום אידישען פאלק. זי וועט אנהויבען מיטהעלפען, ווי וויט ס'וועט נאר מעגליך זיין, זייענדיג אויסער דער אידישער גאס, צו דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, וועט אנהויבען אכטען די אידישע נאציאנאלע אייגענארטיגקייט, די אידישע שפראך.

די ענטוויקלונג פון דער ניט־אידישער אינטעליגענץ און דער קאמפף פאר איהר עקזיסטענץ, וועט זעהר פיעל ווירקען אויף דעם נאציאנאלעזירונגס־פראצעס פון דעם טייל אידישען אינטעליגענץ, וואס האט זיך איינגעארדענט אויפ'ן אידישען פעלד.

פיהרענדיג א קאמפף געגען דער אידישער אינטעליגענץ אויף איהר אייגענעם נאציאנאלען באדען, וועט די ניט־אידישע אינטעליגענץ גלייכצייטיג אויך שטרעבען צו ערקעמפפען אלע איבריגע נאציאנאלע מערק און, זעלבסטפערשטענדליך, אויך דעם אידישען. די דאזיגע שטרעבונג וועט זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פערשטארקען, ווייל צוזאמען מיט דער ענט־וויקלונג פון דער ניט־אידישער וועלט וועט אויך וואקסען איהר אינטעליגענץ

און מ'קען שוין פאָראויסזעהן אַז ניט ווייט איז די צייט, ווען דאָס רוסישע פאָלק, ווי אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער, וועט געבען אַ ברייטערען איבערפלוס פון אינטעליגענטע קרעפטען, וואָס וועלען מוזען זוכען פאַר זיך אַן אַרבייטס-פּלאַץ אויסער זייער אייגענער נאַציאָנאַלער אומגעבונג.

ביז וואַנען עס האָט נאָך עקזיסטירט אַ מעגליכקייט פאַר דער אידישער אינטעליגענץ צו אַרבייטען אויפ'ן ניט-אידישען פעלד, ביז וואַנען דער אידישער אינטעליגענט איז דאָרט געווען אַ געוואונשענער גאַסט, איז אויך די אידישע אינטעליגענץ פון דער אידישער גאַס געווען אין אַ געוויסער מאָס גלייכגילטיג צום שיקזאַל פון דער אידישער שפּראַך און קולטור. געצווינגען האָט צו זיך איהר אויפמערקזאַמקייט די ניט-אידישע אומגעבונג מיט איהר אונבע-גרענצטקייט און זי זעלבסט האָט נאָך געטרוימט אַרויסצורייסען זיך פון דער ענגער אידישער גאַס אויף דעם ברייטען ניט-אידישען פעלד. זי איז געוועזען שטענדיג נאַציאָנאַל אין איהר שאַפונג, נאָר איהר נאַציאָנאַליזם איז געווען אַ געגנייטער; זי איז געווען נאַציאָנאַל, ווייל נאַציאָנאַל איז געווען די אומגעבונג אין וועלכע זי האָט געלעבט און געשאַפען, אָבער איהר שטימונג איז געווען אַ קאָסמאָפּאָליטישע.

יעצט אָבער ווען די ניט-אידישע אומגעבונג איז שוין אויך איבערפולט מיט אינטעלעקטועלע קרעפטען, ווען דער אידישער אינטעליגענט אין דער ניט-אידישער וועלט מוז אויסשטעהן אַ שווערן נאַציאָנאַלען קאַמפף פאַר זיין עקזיסטענץ, וועט די אידישע אינטעליגענץ אין דער אידישער גאַס מוזען וואַרפען די טרוימען וועגען ברייטען ניט-אידישען פעלד און וועט געצוואונגען זיין צו קאָנצענטרירען איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אידישער גאַס. די אַנקומענדע בעוועגונג פון דער ניט-אידישער אינ-טעליגענץ וועט איהר עפנען די אויגען אויף דער ווירקליכקייט, זי וועט זיך איבערצייגען אַז ביי דער ווייטערדיגער גלייכגילטיגער בעציהונג פון דער אידישער אינטעליגענץ צו דער אידישער גאַס, ביי דער ענטוויקלונג פון דער אַסימילאַציע צווישען די אידישע מאַסען, דראָהט איהר די געפאַהר אַרויסגעשטופּט צו ווערן, אין אַ מעהר אָדער ווייניגער מאָס, אויך פון דער אידישער גאַס.

די אידישע אינטעליגענץ וועט ערוואַכען צום קאַמפף פאַר איהר עקזיסטענץ, צו פערטיידיגען איהר נאַציאָנאַלען מאַרק פון פרעמדע קאָנ-קורענטען. זי וועט זיך פאָלקאָם צוזאַמענגיסען מיט דער אידישער מאַסע, אום צו קענען אויסנוצען די נאַציאָנאַלע איינהייט צווישען איהר און די אידישע מאַסען אַלס אַ מיטעל צו בעזיגען די ניט-אידישע קאָנקורענטען. זי וועט זיך ניט נור נאַציאָנאַליזירען, זי וועט זאָגאַר ווערן שאָוויניסטיש געזאָנען.

זי איז שוין יעצט עקאָנאָמיש פערהאָנטערעסירט אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור מיט איהר נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט, איהר איז שוין יעצט עקאָנאָמיש נוצליך, אַז די אידישע מאַסען זאָלען בעזיצען אַ בעזונדערע אידישע שפּראַך. ביז וואַנען די אידישע מאַסע וועט רעדען אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אונפערשטענדליך דעם ניט־אידישען דאָקטאָר, יוריסטען און אַ. וו. זענען די לעצטע גאַנץ אונגעפעהרליך אַלס קאָנקורענטען אויף דער אידישער גאַס. דאָס גיט די מעגליכקייט דער אידישער אינטעליגענץ פאָלקאָם צו הערשען אויפ'ן אידישען מאַרק, אין גאַנצען צו איזאָלירען די ניט־אידישע אינטעליגענץ פון דער אידישער אומגעבונג. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די אידישע אינטעליגענץ וועט ניט דורכלאָזען אַזאַ גינסטיגען מיטעל און וועט זיך מיט איהם געוויס בענוצען אינ'ם קאַמפּף מיט דער ניט־אידישער אינטעליגענץ. די אידישע אינטעליגענץ וועט אָנהויבען רעדען מאַמע־לשון, און ניט נור רעדען, זי וועט ווערן די הייסעסטע אַנהענגערין פון דער אידישער שפּראַך, איהרע טרייעסטע פּריסטער.

אין עסטרייך, וואו די ניט־אידישע בעפעלקערונג (איבערהויפּט די דייטשען) גיט אַ גרויסע אינטעליגענץ, וואָס פיהרט אַ פערביסענעם קאַמפּף געגען דער אידישער אין דער ניט־אידישער אומגעבונג און גלייכצייטיג שטרעבט זי צו ערקעמפּפען דעם אידישען מאַרק אין גאַליציען און בוקאָווינע, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסע אידישע מאַסע, האָט שוין יעצט אָנגעווענדעט די אידישע אינטעליגענץ איהרע אַלע קרעפטען צו פערטיידיגען איהרע פּאָזיציעס אין דער אידישער גאַס, ניט לאָזען אַריינדרינגען אַהין אַ פרעמדע אינטעליגענץ. זי האָט זיך געווענדעט צו דער אידישער שפּראַך, ווי צו אַ קאַמפּף־מיטעל צו בעזיגען די ניט־אידישע קאָנקורענטען. די אידישע אינטעליגענץ האָט אויפגעהויבען די אידישע שפּראַך אויף דער שטופע פון אַ קולט. זי האָט אויך אָנגעהויבען קעמפּפען פאַר דער פּאָליטישער אַנערקענונג פון דער אידישער שפּראַך און האָבען שוין דערגרייכט אַ טייל־ווייזען ערפאָלג (אין איניגע עסטרייכישע אוניווערסיטעטען האָט מען אַנערקענט די אידישע סטודענטען אַלס אַ בעזונדערע גרופּע לויט זייער שפּראַך ביז יעצט האָבען זיי זיך געמוזט פערשרייבען אַלס דייטשען, טשעכען און אַ. וו.)

אין רוסלאַנד, וואו די ניט־אידישע אינטעליגענץ איז נאָך אין פערגלייך קליין און דער קאַמפּף געגען דער אידישער אינטעליגענץ, זאָגאַר אין דער ניט־אידישער אומגעבונג, הויבט זיך ערשט יעצט אָן, זענען נאָך די פּאָזיציעס פון דער אידישער אינטעליגענץ אין דער אידישער גאַס גאַנץ זיכער און פעסט; זענען נאָך ביי איהר ניט פערשוואונדען די טרוימען פונ'ם ברייטען ניט־אידישען פעלד; דערפאַר איז די אידישע אינטעליגענץ

אויך אין דער אידישער גאַס גלײַכגילטיג צו דער אידישער שפּראַך און קולטור. אָבער ניט לאַנג וועט דאָס דויערן. די ענטוויקלונג פון דער ניט־אידישער אינטעליגענץ וועט אויך דאָ אין רוסלאַנד צווינגען די אידישע אינטעליגענץ צו זײַן אויפמערקזאַמער צום שיקזאַל פון דער אידישער גאַס מיט איהר קולטור און שפּראַך; זי וועט זיך איבערצײַגען, אַז די אידישע אומגעבונג איז דער איינציגער באָדען, וואו די אידישע אינטעליגענץ קען זיך פיהלען זיכער נור דאַן, ווען די אידישע מאַסע וועט פערהיטען איהר נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקײַט, איהר שפּראַך, דאָס די שפּראַך־אַסימילאַציע גיט די מעגליכקײַט דער ניט־אידישער אינטעליגענץ איבערצוטראָגען די קאָנקורענץ געגען דער אידישער, אויך אין דער אידישער גאַס. ס'איז אַלזאָ ניט ווײַט שוין די צײַט, ווען צווישען דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ וועט זיך אָנהויבען אַ שפּראַך־בעוועגונג ווי אין עסטרײַך, ווען אויך אונזער אינטעליגענץ וועט אויפהויבען די אידישע שפּראַך אויף דער שטופּע פון אַ קולט, און ווערן איהרע פּריסטער.

און אויב אַ טײַל פון דער אידישער אינטעליגענץ, ניט קענענדיג זיך אײַנאָרדנען אויפ'ן אידישען באָדען און זײַענדיג געיאָגט און געפּלאָגט אין דער ניט־אידישער וועלט, וועט זיך אוים פערצווייפלונג אין גאַנצען אָברײַסען פונ'ם אידישען שטאַם, וועט דאָך דער גרעסטער טײַל אידישער אינטעליגענץ, ווי אין דער אידישער אַזוי אויך אין דער ניט־אידישער וועלט, בלײַבען טרײַ אונז, אונזער קולטור און אונזער שפּראַך.

אין דער אידישער אומגעבונג וועט די אידישע אינטעליגענץ אָנהויבען שאַפען אין דער אידישער שפּראַך. אידיש וועט אַלזאָ ווערן אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך, זי וועט אַרומנעמען אונזער גאַנצע גײַסטיגע שאַפונג, און איהר וועט זיך פערקערפּערן אונזער נאַציאָנאַלער געדאַנק, אונזערע נאַציאָנאַלע גײַסטער.

ב. רובשטיין.

משֶה זינְגֶער !

1

בּײדע שטעהען פאַר'ן טויער ,
בּײדע זעמען יונג און נעט ;
נור איז אײנע — אַ שאַטענקע ,
און די צװײטע — איז בּראָנעט .

בּײדע האָבען זיך פערדונגען ,
בּײדע דינען אײן מאַדאַם ;
נור די ערשטע איז אַ קעכין ,
און די צװײטע איז אַנ'אַם . . .

בּײדע קומען פון אײן שטעדטעל , —
אוי , עס איז פון גאָט אַ שטראָף ! —
נור די אײנע שטאַמט פון שוסטערס ,
און די צװײטע פון אַ רב .

בּײדע װײסען זײער יוגענד ,
בּײדע קענען זיך שוין לאַנג ; —
נור די אײנע איז צופרידען ,
און דער צװײטער טהוט עס באַנג . . .

בּײדע שטעהען פאַר'ן טויער ,
בּײדע זענען יונג און נעט ;
נור די אײנע — צו דער חופּה ,
און די צװײטע װי צום גט . . .

2.

די שאַטענקע איז געקומען
פונ'ם שטעדטעל ערשט די וואָך,
זיך פערדונגען פאַר א קעכין,
און זי נעהמט פאַר ליעב דעם יאָך.

געגעניבער ביי דעם חזן
וואוינט אַ שענער יונגערמאַן, —
אוי, ווי וואָלט זי איהם גענומען,
נור זי קען ניט, אָהן נדן...

יעדען מאָרגען, ווען זי עפענט
אין דער קיך דאָס פענסטער אויף, —
שענקט ער איהר אַ זיסען שמייכעל,
נור זי ענטפערט ניט דערויף...

עפּעס קענטיג איז זיין פּנים,
ערגעץ האָט זי איהם געזעהן:
— זאָל עס זיין דער משה זינגער?
אויסגעפראַנט זיך אַזוי שען?...

וואָלט זי איהם פון נאָהנט בעגעגענט —
אפשר וואָלט זי איהם דערקענט...
אינ'ם שטעדטעל האָט ער שטענדיג
איהר די אויגען צוגעוועגדט...

3.

די בראָנעטע איז אַנטלאָפען
פונ'ם שטעדטעל שוין אַ יאָהר,
מיט אַ וועהטאָג אינ'ם האַרצען, —
ז'האָט'ס נאָך ניט געוואוסט אויף קלאָר.

עפּעס זענען איהר געוואָרען
איהרע קליידער אזוי איינג, —
משה זינגער איז ענטקומען,
זי געלאָזען מיט דער קרענק..

אוי ווי האָט זי זיך געמאַטערט,
ביז זי איז'ם געוואָרען לויז...
קוים א יאָהר א האַלב אַריבער,
ווי זי דיענט דאָ אין דעם הויז.

נור צו צייטען הערט זי עפּעס
פון אַנטקעגען דאָ א קול;
א בעקאַנטער איז דער ניגון,
איהם געהערען מוז דאָס מויל!

וואָלט זי איהם פון נאָהנט געטראָפען,
וויזען וואָלט זי איהם אַצינד, —
זאָל ער זי צו גאַר ניט מאַכען,
ס'איז שוין מעהרער ניט קיין קינד!..

4.

ביידע וואַרטען פאַר'ן טויער,
ביידע זענען יונג און נעט;
נור די איינע פיהלט איהר צניעות,
און די צווייטע פיהלט איהר חטא...

געגענאיבער, ביי זיין פענסטער,
שטעהט דער יונגערמאַן און קוקט,
ווי זיי וואַרטען אויף איהם ביידע, —
און ער פיהלט זיך טיעף געדריקט.

זײ בענקענען זײנע בליקען
אין דערקאָנען זײַן געשטאַלט:
—„משה זינגער!" — „משה זינגער!" —
האָט עס אין דער גאַס געשאַלט.

בײדע אײַלען אין׳ם טױער,
בײדע זענען יונג און נעט;
װער די אײנע װי א מלאך,
און די צװײטע װי א שד.

א טאָג־ביכעל פון א פּשרפֿידהרטר

אַ טאָג=ביכעל פון אַ פערפיהרער.

סוף מערץ.

וואָס איז דאָס? וויפיעל מאָל איך לייען, אַז אַ יונגען מענשען גיט זיך זיין ליעבע נישט איין; אַז אַ יונגער מאַן מאַכט אַ פאָרשלאַג און דער צווייטער צד, די זי, מיט אַ גלייכגילטיגען און קאַלטען שמייכעל שטויסט איהם אָב, און זיין ציטערדיגע האַנד בלייבט אין דער לופטען נאַריש און קאַלט העגגען; — פאַרוואָס גלויבט זיך מיר דאָס קיינמאָל נישט? איך טראַכט מיר בסדר: אַך, טויגעניכטסען, וואוהין שטופט איהר זיך? איהר וועט דאָך גאָרנישט מאַכען.

און, באמת, וויפיעל מאָל איך בין ואָס „מין" בייגעווען און קיין איין מאָל, קיין איין=און=איינציג מאָל נישט אָהן ערפאָלג. און נאָך וואָס פאַר ערפאָלג: געקומען, אַ קוק געטהון — איינגענומען. כ'האָב פיינט אַ סך שהיות מאַכען: עטליכע ווייכע, שמייכלענדיגע און צוזאָגענדיגע ווינקען, אַ פאָר פערשעמטע, פערשטעלטע ליעבע=שמייכלען, אַ דריק די האַנד עטוואָס שטאַרקער, ווי געוועהנליך, — פערטשעפעט...

אַזוי איז בסדר, אַזוי וועט, אויפ'ן שטייגער, זיין אויך דאָס מאָל...

אָנהויב אַפּריל.

כ'האָב אין אָנהויב ווינטער נאָך זיך מיט איהר בעקענט, נור מאַלע וואָס מען בעקענט זיך. איך האָב זי גאָר דאַן נישט בעמערקט (ס'טהוט מיר טאַקי באַנג); ערשט די לעצטע צייט האָב איך זיך מיט איהר נעהנטער בעקענט און — דערזעהן: וואָר פאַר אַ שענהייט! וואָס פאַר אַנ'איידעלע, ווייסע און זויבערע הויט אויף איהר!.. זי מוז ביי איידעלע עלטערן איינ=שטעהן און צו אַ אַנשטענדיגער און יחוס=פאַמיליע געהערען. מען זעהט: עפּעס נישט קיין געוועהנליכס — ריין און איידעל. זי דאַרף נאָך דערצו אַ בת=זקונים'ל זיין (אַזוי וויל איך...) אַך, וואָסערע ווייכקייט און בויגינקייט פון אַ קערפער, און ווי יונג=שטאָלץ און זאַפטיג=שטייף ער איז! ס'איז קיין קערפער — ס'אַ פידעל!

כ'האב דעם ערשטען מאגיעווער געמאכט: כ'האב זיך שמייכלענדיג און ליעב מיט איהרע אויגען בעגעגענט. וויפיעל כשר'ע און ריינע בלוי־קייט איז אין זיי פארהאן, וויפיעל קינדערשעם נישט־וויסען, גאנצקייט און כשרות!.. העגטעלעך ביי איהר — אין זיי אליין צו פערליעבען זיך: אזוינע חייסינקע און זויבערע; פינגערלעך — נאר אויף הארפעס ערצויגען, — און, איבער אלץ, יונג... אך, ווי יונג זי איז!.. אויף מיין ווארט, כ'וואלט נאך היינט איהרע העגטלעך געקושט, ווען נישט איהרע חבר'טעס, וואס זענען מיט איהר געווען און מיר געשטערט... טאמער ווייסטו וואס פאר א רוח דארף זיי?...

10-טען אפריל.

זי וואוינט טאקי נעבען מיר — גוט! זי איז פריי: מען לאזט זי געהן, וואוהין זי וויל, מען קוקט איהר נישט נאך — נאך בעסער! כ'האב איהר פארגעלעגט צו מיר אריינקומען, ווען נאר ס'וועט זיך איהר פערגלוסטען. זי האט צוגעזאגט... בשעת־מעשה, דאכט מיר, א ביסעלע רויט גע־ווארען — פון אלע אנטיקען: ס'געהט!..

11-טען אפריל.

ליובינקע מיינע! פארוואס קומסטו נישט? איך גאר זיך דיך אזוי צו זעהן... דיך ארומנעהמען, און די ליפלעך דיינע קושען, קושען...

12-טען אפריל.

פארוואס קומסטו נישט? איך געה אוים... מיין טייערע! איך קוש דיין געשטאלט אין מיין פאנטאזיע אפילו.

13-טען אפריל.

היינט געווען. זי וועט אויך מארגען זיין. איך האב זי געבעטען און זי האט מיר צוגעזאגט עפעס אין אנדענקען צו ברייגגען.

זי האט איהר האנד אויפ'ן טיש ארויפגעלעגט און געהאלטען. ס'האט זיך מיר אין די אויגען עפעס בלאה'ס געווארפען. ס'איז א בלוי פינגערל, טראגט עס אויפ'ן פינגער, וואס פאר'ן מינדסטען. איהר וויים־קלארער פינגער מיט'ן בלויען פינגערל — אך, גאט מיינער, ווי שען דאס געהט איהר! איך האב די אויגען נישט אברייסען געקאנט...

יא, זי וועט מארגען זיין, וואס־זשע טהוט מען אצינד? זינגען,

שפרינגען ? הנני — איך בין אָנגעבריִט : האָפּ , האָפּ , האָפּ ! . .

15-טען אפּריל .

זי האָט מיר אין אַנדענקען אַ בילדעל געשענקט : „ליעבער פרײַנד" רופט זי מיך אין איהר אויפשריפט אָן . „ליעבער פרײַנד" ? — טײַערינקע ! . . .

אָט וואָס אויפ'ן בילדעל : — אַ בלויער פּאָן ; בלויער , פרישער הימעל ; בלויע רײַנע לופט , בלויער , פרישער ים . אַ ליעב=שען שיפעלע האַלט אין מיטען געהן . ס'שווימט און טיקט זיך אַרויף=אַראָב , אַרויף=אַראָב . . . האָט אַ ווינטעלע דאָס ווײַסע , קלאָרע און זויבערע זעגעלע אָנגעבלאָזען און טראָגט דאָס שיפעלע אַהין , אַהין , העט=ווײַט , העט=ווײַט , וואו , קוים=קוים מיט'ן אויג צו דערזעהן , זעהען זיך די ברעגעס אָן . פויגע=לעך אײַנציגווײַז בײַ און אַרום , שוועבען , טיקען זיך און פערשײַט און הפקר'ליך שלינגען , פרעהען זיך מיט דער לופט , דער פרישער , וואָס צווישען שפיגעל=ים און הימעל=פרײַד . און דאָס ווינטעל אויף דעם זיגעלע וועהט , שטיל און ווײַך , ווײַך און שטיל און טרײַבט עס אַהין , אַהין , העט=ווײַט , העט=ווײַט . — ליובינקע , וואוהין שטרעבט און געהט דאָס שיפעלע ? טײַערינקע , וואוהין וועהט דאָס ווינטעלע ? איך ווייס , איך ווייס ! . .

20-טען אפּריל .

ס'האָט שוין הײַנט אין דרויסען מיט זומער געשמעקט . קינדערלעך אויף די פריזבעס זיצען שוין און געגען דער זון שפּיעלען זיך . גרויסע , שווערע , נור ווײַכע און מידע וואָלקענס אויפ'ן הימעל ליעגען און ריהרען זיך נישט . די לופט איז וואַרים , שווערליך און שטעהט , בעוועגט זיך נישט . ווען=נישט=ווען שוין אַ פויגעל=קול'כעל הערט זיך . די בוימער האָבען זיך שוין פונ'ם ווינטער בעפרײַט , נור דאָך קיין זומער=לײַב אויף זיך נישט גענומען , און זײַערע טרוקענע הענד , דאַרע און לאַנגע פינגער זענען צו אַלע זײַטען אויסגעשטרעקט , ווי זיי זאָלען בײַ זיי אָנשמעקען און אָנפרעגען , צי איז נישט אפשר עמיצען פון זיי הײַנטיגען זומער בעשערט אַנ'עקר צו זײַן . . .

איך ווייס נישט : איך בין נאָך אַזוי יונג , דאָך אַז ס'קומט כסדר אין דער צײַט — ערב זומער אָדער ווינטער — פיהל איך דאַמאָלס איבער אַזוינס , וואָס נאָר אַ אַלטער , נאָר גאָר אַ אַלטער דאַרף איבערפיהלען . עפּעס אַ מין סך=הכל=פּאַסיקעל פיהר איך דאַמאָלס אונטער מײַן ביזהעריגען לעבען אונטער , און עפּעס ווערט מיר אַזוי טרויעריג , אַזוי טרויעריג . . . עפּעס האָב איך

רחמנות אויף מיינע יונגע , יונגע יאהרען , נאר אזוי ווי אויף יונגע פערשמארבענע ברידערלעך : — אזוי יונג און שוין נישטא . . . און וועלען זיך שוין קיינמאל , קיינמאל נישט אומקעהרען ! . .

מיט אזא געפיהל בין איך היינט פארנאכט געזעסען ביי זיך אין צימער . שווער און מיעד האבען זיך מיר הענד און פיס אבגעלאזען . כ׳האב זיי גאר , דאכט מיר , נישט געפיהלט און כמעט ווי פערגעסען . כ׳האב צוריק דעם קאפ אויפ׳ן אנלעהן פון בענקעל שווער אראבגעלאזט . . . כ׳האב שווער און מיעד געאטעמט . מיין גאנצער גוף האט זיך פערגעסען , זיך אבגעלאזט , ווי איינגעשלאפען און ווי נישט צו מיר געהערט . נאר דאס הארץ מיינס האט זיך נאך געדענקט , נאך געוואכט און אלע מאל געהויבען זיך , געהויבען און שווער געפיהלט .

שטיל איז געווען און טונקעל . און ס׳איז אלע מאל שטילער און טונקעלער געווארען . טייבעלש=שטיל און פערטראכט=בין=השמשות׳דיג איז די לופט אין מיין צימער געווען , מיין קאפ האט שוואך , אבגעלאזען איבערן אנלעהן פון בענקעל ווי פרעמד און איבריג שוין אראבגעהאנגען !

שטיל האט מיין הארץ מיך איינגעוויגט און מיינע אויגען האבען זיך מיר געשלאסען . און ס׳האט זיך מיר געוואלט און ס׳האט זיך מיר געדאכט , אז זי איז אויף מיינע הענד זיצט , זי האט שטיל איהר הארץ צו מיינעם צוגעטוליעט , שטיל איהר פנים צו מיינעם , האט אויך שטיל און ליעבענדיג די אויגען געשלאסען , און שטיל=שטיל מיט איהרע ליפען — ניין , מיט דעם אטעם , מיט דעם ווארים ליעבען אטעם איהרען — מיינע ליפען זוכען אנגעהויבען : עטוואס צו און אב , צו און אב , צוגעריהרט — נישט צוגעריהרט , פון אויבען נאר, מיט אטעם נאר , מיט ליעבע און וועהטאג— אט=אט . . . אט שליסען זיי זיך און פלוצים . . . האט עמיצער ביי מיר אין דער גלעזערנער טיר אנגעקלאפט . כ׳האב די אויגען געעפענט , אין דער פינסטער זיך ארומגעקוקט און זיך איינהערען אנגעהייבען . ס׳האט זיך מיר געדאכט , כ׳האב געחלומ׳ט : דאס האט מען אמאל , ערגעץ אנדערש אנדערש געקלאפט . . . שטיל , גרינג מיט א איידעלען=איידעלען פינגער , ווי א מיעד טייבעלע , וואס מיעד פון דער הויך האט זיך אראבגעלאזט און צו א טאפעל צו , — האט עמיצער נאך אמאל ביי מיר אין דער טיר אנגעקלאפט . . . ס׳האט מיר דאס הארץ „ס׳איז זי !“ — א זאג געטהון . . . יא , דאס איז זי געווען . שטיל , אהן ווערטער , אין דער פינסטער איז זי אריינגעגאנגען און שטיל זיך אוועקגעזעצט . . . די נאכט איז אנגעפאלען . שטיל האט זי אונז ארומגענומען און מיט שטילע טריט ארום אונז געהן

אָנגעהויבען . שטיל איז זיך די צייט געגאַנגען . שטילער ווי געוועהנליך האָבען מיר צווישען זיך גערעדט — ניין , נישט גערעדט (כ'געדענק נישט , וואָס און פון וואָס), אין די אויגען זיך געקוקט און , דאַכט זיך , זיך נישט געזעהן , עפּעס געמיינט און , דאַכט זיך , ארויסגערעדט , נור וואָס — נישט געוואוסט האָב איך און נישט געוואוסט האָט זי . . .

שטיל זענען מיר זיך צוגאַנגען : כ'האָב זי דורך דעם פינסטערען קאָרידאָר אַרויסבעלייט , איהר די טיר געעפענט , ביי איהר די האַנד אויף געזעגענען זיך גענומען . . . האַנד אין האַנד זענען מיר א ווײַלע איינס נעבען אַנדערן געשטאַנען — נאָהענט , נאָהענט . . . די אַנדערע האַנד האָט זיך שטיל און ווי פון זיך עטוואָס אויפגעהויבען , ווי זי האָט אויף איהר אַקסעל זיך אַרויפלעגען געוואָלט : אָט . . . עס האָט זיך די טיר ווי פון זיך א עפען געטהון (דאָס האָט זי זי געעפענט) און שטיל , אַזוי זיך אַרוים . . . און איך בין אין דער פינסטער און אין דער שטילקייט געבליבען . . .

25-טען אַפּריל .

חאַ-חאַ-חאַ ! איך מאָל זיך אוים , ווען איך זאָל היינט געווען שטעהן און קוקען אויף זיך אַליין און זיך הערען ריידען , וואָס פאַר אַ מין צונג וואָלט איך זיך געווען אַרויסגעשטעלט : לעקיש איינער , ווער כ'האָט זיך דאָ צורעדט ! . .

וואָרום באמת טאַקי , איך , וואָס קיין שום זאַך אין דער וועלט ווייזט מיר נישט אַזוי איבריג אוים , ווי דער קאָפּ — ווער דאַרף איהם און נאָך-ויאָס טויג ער — איך , וואָס האָב קיינמאָל נישט געטראַכט , וואָס ווייס נישט, ווי אַזוי טראַכט מען און וואָס איז דאָס בכלל פאַר א מין ; איך — און ריידען פון אַזוינע מינים „מאַטעריעס“ , מיט אַזוינע מינים ווערטער — איז דען דאָס נישט לעכערליך ? און דער עיקר נאָך דאָס , וואָס עס דאַכט זיך מיר נאָך אַצינד , אַז דאָס , וואָס איך האָב גערעדט , איז באמת גוט , שען , „לאָגיש“ און „אויסגעהאַלטען“ . חאַ-חאַ-חאַ ! אַפּנים אויף דערויף האָבען מיך זײַערע אויגען אַרויפגעפיהרט (אויגען ווירקען אויף מיר תמיד) .

ס'זענען זיך צו מיר בעקאַנטע צונויפגעקומען , יונגלעך מיט מיידלעך . זי איז אויך געווען . מען האָט זיך צורעדט ווענען א נייעם ראָמאַן . נישט-בעמערקט פאַר מיר אַליין בין איך דער ראש-המדברים געוואָרען . כ'האָב נישט בעמערקט , ווי אלע זענען אַנטשוויגען געוואָרען און צו מיר זיך איינ-הערען אָנגעהויבען .

כ׳האָב זיך פערגעסען און געשיט און גערעדט , און גערעדט און געשיט . און אַז כ׳האָב זיך אָבגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט , האָב דער=זעהן ברייט=געעפענטע מיילער און אויגען — נו , איז דאָס נישט קיין געלעכטער ? זי , האָב איך געזעהן , איז צופרידען געוועזען . . .

דער עולם איז לאַכענדיג , וויצלענדיג און פרעהליך זיך צוגאַנגען . פאַר גרויס שמחה האָב איך זי פערגעסען בעטען צו קומען , נאָר זי וועט שוין אַליין קומען . זי וועט קומען . . .

אנהויב מאי .

אַז כ׳האָב היינט אין דער פריה זיך אויפגעחאַפּט און די אויגען געעפענט , האָב געטראָפען מיין צימער פול און פול מיט פרישער , פריהלינגדיגער , פריהמאָרגען=ליכט איבערפולט . אויף דער וואַנד , געגענאיבער מיין געלעגער , האָט אַ פלעק שאָטען=ליכט געטאַנצט און געוואָרפען זיך פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערן , הין און צוריק , גיך , גיך . . .

„פּיט — פּיט — פּיט" — האָט זיך אין דער דרויסען=לופט פריי, פריש, פערשייט און הפקר׳ליך פויגעל=פרייד געטראָגען : פריהלינג , אָפען , ברייט און ווייט , לעבעדיג און אויפגעלעגט . און פון פרייקייט , יונגקייט און ליכטיגקייט האָט מיר אַ פרייד=שפּראָץ אונטערן האַרצען אַ קום געטהון , ס׳האָט מיך פון געלעגער אַ טראָג געגעבן . איך האָב זיך מיט אַמאָל אַ זעץ=אויף געטהון און דורכ׳ן פענסטער אין דרויסען אַרויס אַ קוק געטהון . דער בוים , וואָס ביי מיין פענסטער שטעהט , האָט מיר דורך זיינע דאַרע , נאָך נישט=בעגרינטע צווייגען שטיקלעך הימעל געוויזען ; אָבער גאָט מיין גאָט , ווי הויך , ווי בלוי , ווי ריין און טיעף זיי זענען ! . . . ווי גוט ס׳וואָלט איצט געווען פליגעל בעקומען און אַהין , אַהין , אין הימעל אַריין אַוועק, אַוועק—ווייט , הויך , בלוי ; וויטער , העכער , בלויער — אַוועק , אַוועק ! . .

אָט אַזוי בין איך אין ווייסען שלאָף=קאָסטיום ביים פענסטער געשטאַנען און זיך אין הימעל אַריין פערקוקט . און אַז כ׳האָב די אויגען פונ׳ם הימעל אַראָבגעלאָזט , האָב בעמערקט ביים ברונען , וואָס פונקט געגענאיבער מיין פענסטער שטעהט, אַ פּאָרעל — אַ יונגעל מיט אַ מיידעל — שטעהן . ביידע זענען צום ברונען מיט עמער געקומען וואַסער שעפּען . פול שטעהען שוין די עמער אונטען , ביים ברונען אַוועקגעשטעלט , און דאָס פּאָרעל — ער פון איין זייט, זי פון דער אַנדערער — די קעפּ שעמענדיג אין דעם ברונען אַראָבגעלאָזט , שטעהען , רוהיג=רוהיג קוקען אין דער טיעף , אין וואַסער אַריין ,

שפּיגלען זיך דאָרט אָן, טוליען און ריהרען זיך אין דעם וואַסער מיט די קעפּ אָן און ריידען אַהין אַריין — ריידען זיך דורך . . . עס האָט זיך מיר אַ שטיף טהון פערגלוסט. כ'האָב זיי דורכ'ן פענסטער אָנגעקלאַפּט אין אַליין דעם קאָפּ הינטער דער וואַנד פערשטעלט. זיי האָבען ביידע מיט אַמאָל די קעפּ אַ הויב געטהון און — דערזעהען, אַז דער טאָג איז נאָך גרויס, און אין דער אַרבייט זיך דערמאָהנט, און זיי האָבען אײַלענדיג, אויף גיך די עמער פון דער ערד אַ נעהם געטהון . . . איך האָב זיך ווייטער אין פענסטער בעדיזען און מיט זיי זיך מיט די אויגען בעגעגענט. עטוואָס ברוגז'ליך, שעמענדיג און שולדיג האָבען זיי צו מיר געקוקט . . . אָרימינקע! וואָס האָב איך געהאַט צו אײַך, נעביך? . . .

אין ס'איז מיר עפּעס אַזוי פרעהליך געוואָרען, טאַקי ווי נאָר מיר קאָן פרעהליך ווערען: מיט אַמאָל אונטערן האַרצען און אין גאָרגעל — דעם אָטעם ניט צו האַפּען, דערשטיקט צו ווערען . . . און נאַקעט און באָרפוס בין פון מײַן געלעגער אַראָב, זיך עטליכע מאָל אויף איין פוס איבערגעדרעהט, מיט'ן אַנדערן צום טאַקט צוגעקלאַפּט און דערנאָך — מיט אַמאָל, פרעהליך, לעבעדיג און הפקר איבערן צימער אין אַ קאָזאַק זיך צולאָזט: אי-אָ-אַ, מיט אַ קוויטש און צוגעטופּעט: אי-אָ-אַ . . . מען האָט אויך ביי מײַן בעל-הבית'טע דערהערט און מען קלאַפּט מיר דורך דער טיר פון דאָרט: צי ס'איז אײַך צוגעקומען, וואָס? וואָס איז פאַר אַ גדולה היינט אויף אײַך? וואָס איז פאַר אַ טאַנצען אין מיטען דרינען? —

ס'איז פאַרנאַכט געוואָרען. ס'איז נאָר-וואָס אַ רעגענדעל אָבגעגאַנגען אַ שמעקענדיגס, אַ וואַרימס, אַ זומערדיגס און זאַפטיגס. טיר און פענסטער זענען אָפען. איך בין בײַם פענסטער געשטאַנען. אין דרויסען האָט מיט זומער-לײַב געשמעקט. פון דער ערד, האָט זיך געפּיהלט, ווי אַ וועלט מיט יונגקייט אַרויס בעט זיך. די ערד — נאָר-וואָס פון דער טבילה, פון דעם רעגענדעל אויפגעהענדיג, האָט ליעב און שווערליך דאָס, וואָס ביי איהר אונטערן האַרצען, דערפּיהלט און, ווי אַ ערשטלינג אין די בין-השמשות'ן, יונג און מוטערליך זיך דאָס פאַרגעשטעלט און האַרציג וועגען דעם געטרוימט. ריין, בלוי און אויסגעוואַשען האָט דער הימעל אויסגעזעהן. אַ יונג פריש ווינטעלע איז שמעקענדיג פון די ביימער אַרויס און אַלע מאָל פון הימעל צו ערד און פון ערד צו הימעל אין זיסע ליעבע-שליחות געגאַנגען — און ס'האָט הימעל און ערד און וואָס צווישען הימעל און ערד מיט פריש כלה-לײַב גערייצט און צוגעזאָגט, צוגעזאָגט און מיט פרישקייט גערייצט. — —

שטיל און נישט=בּעמערקט איז זי דורך דער אָפענער טיר אַריינגע=גאַנגען און צום אָפענעם פענסטער צוגעגאַנגען. כ'האָב בּיי איהר די האַנד גענומען און געהאַלטען. ס'איז פינסטערליך געוואָרען... כ'האָב איהר וואַרימען אָטעם, איהר יונגען קערפּער דערפיהלט... כ'האָב איהר האַנד עטוואָס צו זיך אַ נעהם געטהון... איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך נאָכגעגעבען... איך האָב שטיל אין פאַמעליך איהרע הענד אַרום זיך אַרומגענומען און מיט מיינע זי צו זיך דערנעהערט... — אין שמעקענדיגען גרויסען דרויסען=פריהלינג איז אונזער פריהלינג פערזונקען... —

אָהן אָטעם האָבען מיר זיך אויפגעחאַפּט... אין דרויסען איז פינס=טער געוועזען.

20-טען מאַי.

מאַי! — מיר און פענסטער, האַרץ און וועלט האָבען זיך געעפענט און אַ ווינטעל אויף אַ תענוג=פליגעל בּריינגט זיי ליכט און פריַיקייט, פריידע און גאָטס גענאָד... קערעווע זיך, דרעה זיך און פרעה זיך: אומעטום אַרום און אַרום, אין אַלע עקען — ליכט, לעבען, פרייד און פריי און רחבות. —

דער הימעל — בּלוי, טיעף און הויך, די ערד — ווייט גרויס און בּרייט, פויגעל — פאַר פרייד מיט פרייד שפּיעלט זיך, גרעזעלע — גלוסטיג אויף דער וועלט אַרוים רייסט און בּוים און מענש — אין דער ליעבער מאַי=לופט דאָרשטיג, גלוסטיג און לעכצענדיג, מיט פערטאַכטע אויגען פאַר שמערצליכע גלוסטינג, די הענד שטרעקען אוים און אַ האַרץ, אַ חיות=האַרץ אויף צוצוטוליען זיך און הייסע, ליעבע=ליפּען אויף איינזאַפּען זיך זוכען: מַמַם — ליעבע, ליובּינקע מיינע!... —

שטיל קומט זי פאַרנאַכט צוגעהן. דורכ'ן פענסטער נאָך, אַז זי דערזעהט מיך, שמייכעלט זי שוין עפּעס פערשטעלט און שרעקענדיג. אין איהר קוק דאַן זעה איך ליעבע, פאַר=עפּעס=מורא און ווי שרעקענדיגע ער=וואַרטונג. און אַז זי קומט אַריין און כ'נעהם זי אַרום און דריק זי צו זיך צו, פיהל איך, ווי איהר האַרץ אין איהר קלאַפּט, וואַרפט זיך און איהרע קניה בּיי מיינע ציטערן...

שטיל און עטוואָס בּלאַס קומט זי איצט פאַרנאַכט צו מיר צוגעהן. יונגענדליך=פריש און ווי דער פריהלינג דאָרשטיג און שמעקענדיג, זאַפּט זי אין זיך מיינע קושען איין. און ווי שען, גלוסטיג, און געזעטיגט זעהט זי בּיים אַוועקגעהן אוים!.. און מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט!..

אַנהויב יונג.

קיין נייעס נישטאָ, נור ווער דאַרף עס? דער דרויסען שען, מיין טייערינקע שען און יונג, און איך — געזונד און שטאַרק און פרעהליך.

2-טען יונג.

פרעהליך ווי נעכטען.

3-טען יונג.

היי־געלעבט, ווי נעכטען און ווי איינערנעכטען.

4-טען יונג.

טייערינקע! וואו ביזטו דאָס נעכטען געווען? פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען? איך האָב דאָך אַזוי געוואַרט און אַרויסגעקוקט?

5-טען יונג.

ליובינקע, טייערע מיינע! וואו ביזטו? ווי שעמסטו זיך נישט? צוויי בעג נאָכאַנאַנד צו מיר, צו דיין געליעבטען, נישט קומען. אך, ווי שטאַרק און אנגעשטאַלט מיינע אָרעמס זענען, ווי היים מיין אָטעם און דאַרשטיג ביינע ליפּען!... קום־זשע צוגעהן, ליובינקע, האַרציגע מיינע!

7-טען יונג.

אך, ווי מיר האָט זיך נישט געוואָלט היינט פון שלאָף ערוואַכען... אין לעצטען שלאָף שוין האָב איך געפיהלט, אַז בשעת'ן אויפחאַפּען זיך וועל איך אין עפּעס אונאַנגענעהמעס און פערפאַלענס זיך דערמאָהנען דאַרפען. איך האָב די אויגען געעפענט און דורכ'ן פענסטער אַרויסגעקוקט. אין דרויסען האָט אַ רעגען געגאָסען — אַ איינמאָסיגער, אַ געלאַסענער, אַ קאַלטער און איינגעגעסענער. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז שוין לאַנג־לאַנג האָט ער זיך אַנגעהויבען און נישט אַזוי גיך וועט ער אויפהערען. ס'איז געווען פון די רעגענס, וואָס קומען אָן בייגאַכט און דעם גאַנצען טאָג אָהן אויפהער געהען און געהען. און, ווי קינדער, ווען זיי איז אויפ'ן האַרצען אַנגעזאַליעט, עפּעס ווילען און וויינען, ווילען און וויינען, לאַנג־לאַנג ביז שפּעט אין דער צווייטער נאַכט. אַרום, אומעטיג און אָבגעלאָזען האָט דער דרויסען אויסגעזעהן. די בוימער האָבען די בלעטער אָבגעלאָזט: זיי העגגען ווי איבריגע, ווי עבעס אַנגעטשעפּעטע. די פויגעלעך אונטער די דעכער טרייסלען אַלע

ווײַלע די נאַסע גופים׳לעך אָב און אײַנגעהויקערטע און אומעטיגע אויפ׳ן דרויסען קוקען . . .

איך האָב זיך אין נעכטען דערמאָהנט :

ס׳איז דער דריטער טאָג געווען , ווי איך האָב זי נישט געזעהן . ס׳איז פאַרנאַכט געווען. איך בין בײַם פענסטער געשטאַנען און אַרויסגעקוקט .

אין דרויסען איז פאַרנע געווען. די זון איז אין אַ שוואַרצען שטורם־וואָלקען פערגאַנגען . און אַ ווינטעל, פאַר עפּעס שרעקענדיג און צו עפּעס גרײַטענדיג , איז אַלײן דערשראָקען אין די בוימער־קעפּ אַרײַן. לײַכט איז עס איבער די דעכער אַריבער , צו אָפענע פענסטער צו און זײַ פערמאַכען געהײַסען ; אין גאַס אַראָב , די דורכגעהער אונטערגעשטופּט , זײַ עטוואָס שרעקענדיג , ווי מזהיר געווען , זײַ צוגעאײַלט און פון גאַס זיך פערנעהמען בעפוילען ; לסוף דעם גאַס־שטויב אויפגעהויבען און רעדעלדיג—אַרויף , אַרויף . . .

און ס׳איז שטיל געוואָרען . מענשען האָבען אַרויף , אויפ׳ן שוואַרצען וואָלקען געקוקט און זיך צוגעאײַלט. די גאַס איז לײדיג , רײן און שטיל געוואָרען . פענסטער האבען זיך מיט פּחד־רעש צוגעמאַכט . דער וואָלקען איז נעהנטער און נעהנטער געקומען . איך בין בײַ מײַן פענסטער געשטאַנען און אַרויסגעקוקט . שנעל איז אַ בליץ פון וואָלקען צו וואָלקען איבערגעלאָפען : ציק ! . . ס׳האָט זיך אַ ווינד אויפגעהויבען , אין דער לופט שטויב געטראָגען און פערשפּעטיגטע פויגעל געיאָגט . . . אין שטורם האָב איך זי דערזעהן . דער ווינד איז איהר אין פּנים געווען . ער האָט זי ווי צוריק געטראָגען , אַהער צוגעהן נישט דערלאָזט , שטײַף מיט איהר קלײד איהר קערפּער אַרומגענומען און איהם בולט געמאַכט . . .

אַ ווילדער שטורם־בעגעהר האָט מיך אַ נעהם געטהון . . . מײַנע קניה האָבען ציטערן אָנגעהויבען און זיך ווי אונטערגעזעצט . זי איז אַרײַן . . . אײַנגעזאַפּט שטורמדיג און פריש האָבען מיר זיך אײנם אין אַנדערן . . . און אָהן ווערטער און אָהן כח אויפ׳ן בעט אַנידערגעפאַלען . . .

— — — — — — — — — — — — — —

דער דרויסען האָט פון שטורם אָבגערוהט . זי איז שטיל , נישט גערעדט , אין דער פינסטער אַרוים . . .

סוף יוני .

שטיל געהען די אָווענדען איבער . זי רעדט נישט , זי האָט זיך אין

איהר גוף ווי מפקיר געווען: אבגעלאָזען, קאלטבלוטיג און ווי אויף א פרעמדען קוקט זי אויף איהר קערפער איצט, זי רעדט נישט, זי קוקט נאר. נור, — גאט מיין גאט—וויפיעל טרויער, ווי נאך עפעס פערשטאר-בענעס און פערפאלענס, ליעגט אין אט דעם קוק, אין איהרען! גאט מיינער! וואס פאר א יאוש, שולד און בעדויערן אויף אייביג-פערפאלענעם קוקט פון איהרע אויגען ארויס!... און וויפיעל הכנעה פאר מיר, וויפיעל נאכגעבען!...

ס׳רוב מאכט זיך די לעצטע צייט, — ווען מיר זיצען אזוי ביידע שטיל און פערטראכט, דערפיהל איך ווי איהרע אויגען אונטען ארום און פערשטעלט אין מיינע אריינקוקען. איך הויב אן קוקען אין איהרע. טיעף, ביז אין דער טיעף פון מיין הארצען דרינגט אין מיר איהר קוק אריין.

און, ס׳דאכט זיך, זי טרעפט אויף געוויס, זי ווייסט פון עפעס אזוינס פאר איהר שרעקליכעס, פון עפעס אזוינס פאר איהר אונדערבארעמדיגס... און ס׳פילען זיך שטיל און פאמעליך איהרע אויגען מיט טרעהרען אן — מיט שטומע, וויכע און הארציגע געבעט-טרעהרען... קיין שטיין וואלט זיי נישט געגענגעשטאנען! און זיי פילען איהרע אויגען אן, געהען איבער און קייקלען זיך שטיל, שטיל איבער איהר געזיכט אריבער און פאלען און פאלען... מיין רחמנות, מיין רחמנות אויף דיר, הארציגקע מיינע!... —

אנהויב יולי.

כמעט יעדעס מאל, ווען זי קומט צו מיר, וויינט זי, נור ניין, — דאס וויינט נישט זי, דאס וויינט איהר הארץ אין איהר. עס ליעגט אונטער דעם הארצען איהרען עפעס אזוינס שווערס, עפעס אזוינס שרעקליכעס, וואס נישט אויף ארויסצוזיידען, נישט אויף אויסדערצעהלען... שטיל קייקלען זיך די טרעהרען איבער איהר געזיכט און פאלען און פאלען. שווער, שרעקליך שווער קומט מיר אן, איידער איך בערוהיג זי, נור דער-פאר ווי היים, ברענענדיג און פלאטערנדיג זי גיט זיך מיר דערנאכדעם איבער, אך, ווי זי פערגעסט זיך דאן... —

און זי לעשט זינד מיט זינד און פייער מיט פייער... —

5-טען יולי.

זי וויינט... זי פיהלט — זאגט זי — אז איך בין צו איהר קאלט געווארען, אמת? ניין, דאכט זיך. איך קאן גאר נישט ליידען, אז זי וויינט...

10-טען יולי.

פאַר דער גאַנצער צייט בין איך נעכטען, ווען זי קומט געוועהנליך, אין דער הײם נישט געוועזען . . . ווי זי האָט דאָס אויף מיר היינט געקוקט! אַך, איהר קוק — ווי שטום ער איז און ווי טיעף ער דרינגט אַריין און דערלאַנגט . . . איך קאָן אַזוי נישט איבערטראָגען דעם קוק איהרען: גאָט מיינער! אַלע גיהנום׳ס, אַבי אונטער אָט דעם קוק איהרען נישט אונטערפאַלען . . .

20-טען יולי.

. . . אין דרויסען אַזוי מיאוס און אויפ׳ן האַרצען אומעטיג! ס׳גיסט אַ רעגען, פון אַלעם קאַפּעט, רינט און גיסט. דער רעגען איז איינגעגעסען, שמייסט און דערקוטשעט. די, וואָס איהם אַנטקעגען געהען, איז קאַלט און זיי ניאָרען זיך און בויגען די קעפּ צו דער ערד אַראָב און פערביסען און עקשנות׳דיג געהען ווייטער. ביי אַלע זעהט דער פּנים אויס געל, צוקנייטשט און פערטרויערט. דער הימעל איז דורכאויס, אין איין מאָס אין אין איין אופן פערוואָלקענט. דער גאַנצער וואָלקען-דעק זעהט אויס ווי אַלטע, קרענקליכע און אָהן-בלוטיגע הויט פון אַן׳אַלטען שלאָפען. דער גאַנצער דרויסען ווייזט אויס ווי נישט-אויסגעשלאָפען: פאַר דער צייט, אַ גרויסען פאַרטאָג אויפגעשטאַנען און קאַלט איז איהם, נישט איינגעלעגט, אומעטיג און ווי נישט מיט אַלעמען . . .

און ווי לעפּיש אָבגעלאָזען די בוימער שטעהען; ווי ס׳גיסט פון זיי . . . און ווי נאַריש-איבריג די פרוכטען פון די צווייגען אַראָב-הענגען און באָמבלען זיך — ווער קוקט אויף זיי? ווער דאַרף זיי? . .

זי איז היינט, נישט ווי איהר שטייגער איז, צו מיר אין דער פריה געקומען. אין רעגען. אין עפּעס אַ מין טיכעל איינגעהילט. שרעקליך בלאַס אויף מיין בעטעל זיך אַוועקגעזעצט און נאָך לאַנגען שווייגען אָהן טרערען און אַזוי ווי, דאַכט מיר, נישט מיט איהר קול מיר צו וויסען געגעבען . . . — . . . — . . . — . . . — . . . — . . . — . . .

„און וואָס טהוט מען אַצינד?״ וואָס טהוט מען אַצינד? יאָ, וואָס טהוט מען?

איך פערשטעה נישט, וואָס איז דאָ געוועזען? און וואָס עפּעס בין איך דאָ?

וואָס האָב איך איהר געזאָגט, וואָס האָב איך איהר געענטפערט און מיט וואָס איז זי אַוועקגעגאַנגען?

25-טען יולי.

כ׳האָב זי עטליכע טעג נישט געזעהן — אומעטיג. פאַרוואָס בענק איך נאָך איהר נישט? פאַרוואָס דערמאָהנט זי זיך מיר נישט?

27-טען יולי.

כ׳געה היינט אַלע אויף-דער-נאַכט אין שטאָדט, זעה זיך און שפּאַציר מיט בעקאַנטע.

מיט איהר האָב זיך שוין עטליכע טעג נישט געזעהן.

יאָ, צופעליג האָב היינט אונטער דער טיר געהערט, ווי ס׳האָט עמי-צער ביי מיין בעל-הבית׳טע דערצעהלט עפּעס פון א מיידעל פון דער גאַס, פון א אַנשטענדיג הויז און פאַמיליע, אַז ס׳איז זיך מיט איהר „א מעשה פערלאָפען“ . . . און וואָס דאָרט אין שטוב טהוט זיך . . . — מען זאָגט, אַז . . . און דאָ האָט דער דערצעהלער אויף עטליכע טענער נידעריגער זיך אַראָבגעלאָזט. מען האָט זיך דאָרט אַלע אינאיינעם שושקען אָנגעהויבען. אַזוי, אַז איך האָב שוין מעהר גאָרנישט איינגעהערט.

28-טען יולי.

עפּעס האָט מיין בעל-הבית׳טע אויף מיר אָנגעהויבען „קאָסע“ קוקען... איך האָב זיך בעטראַכט, אַז מען בעדאַרף אויף א נייע קוואַרטיר זיך איבער-ציהען. פאַר זומער איז מיין צימער גאַנץ נישקשה—שען, ליכטיג, פריי. נור ס׳געהט צו ווינטער און ווינטער, רעכען איך, איז ער זעהר אונבעקוועם.

פרץ הירשביין.

פון מיין אלבאם.

I.

פייערלעך.

ס'איז געווען ארום האלבע נאכט, איך בין געזעסען ביים שטראנד צווישען די פעלזען, זיך איבערגעגעבען דער פינסטערניש. פון אלע זייטען האבען זיך געשלעפט גראה־שווארצע וואלקען און געזאמעלט זיך אונטער'ן הימעל. פון מזרח זייט האט א בייזער ווינד געבלאזען און געטריבען דעם גאנצען ים צום שטראנד, נאר דער ים האט זיך איינגעשפארט און זיינע פאליעס, קומענדיג צו די פעלזען, האבען זיך צושלאגען אין שניי־ווייסען שוים און געלאזט זיך צוריק לויפען שטייערענדיג זיך מיט ווינד. די אויגען האבען מיר אומגעבלאנדזשעט צווישען וואלקען און וואסער און געזוכט — אליין נישט וויסענדיג וואס.

פלוצלונג האבען זיך דריי פייערלעך אויפ'ן האריזאנט בעוויזען: ערגעץ פון יענער זייט הימעל זענען זיי ארויסגעשוואומען.

— ווער געהט עס דארט מיט פייער אזוי שפעט אום?

מען זאגט, אין ים בלאנדזשען אום שיפען, וואס קענען זיך קיין מאל צו דער טריקעניש נישט דערשלאגען. ים־גייסטער האבען זייערע שיפסלייט פער'כשוף'ט און פערפיהרט; נאר אין א שטורם־נאכט בעווייזט זיך פאר זיי דער ברעג, דער שטורם־ווינד לאזט זיי נישט דעם ברעג דערגרייכען, און די פייערלעך טוקען זיך, הויבען זיך און זינקען — די שיפסלייט וואלטען וועלען וואס שנעלער דעם שטראנד דערזעהן.

ווער האט דארט זיין וועג פערלארען און קען זיך נים צוריק צו זיין היים דערשלאגען?!...

די וואלקען זענען נאך געדיכטער געווארען, שווערער געווארען; זיי האבען זיך אלץ נידריגער אראבגעלאזען צום ים:

די װאָלקען האָבען געװאָלט צו זיך דעם ים אַרױפהױבען, אָדער דער ים האָט געװאָלט די װאָלקען צו זיך אין זײַן טיפענישׁ פערנאַרען, און די װעלען האָבען זיך געשװאַרצט פון דער פינסטערנישׁ אַרױס, האָבען זיך געקױקעלט און געבלאָזען און צוריסען געװאָרען. און פון דעם ריס האָבען זיך אַרױסגעגאָסען שנײ־װײַסע געקרײַזעלטע שױם־פרענז און די פרענז האָבען זיך געגאָסען איבערן רוקען פון די װעלען און ס'האָט אױסגעזעהן: פון דעם אָפּגרונד זענען אַרױסגעשװאומען מעכטיגע, שװאַרצע פערד מיט װײַסע גזיװעס...

אַ בליץ האָט פּלוצלונג דעם שװאַרצען װאָלקען דורכגעשניטען און די װײַסע פרענז אױף די צוריסענע פּאַליעס האָבען זיך אָנגעצונדען און געלױכטען און די פײַערלעך טוקען זיך אַלץ צװישען װאָלקען און װאַסער.

— אַך נײַן! ניט קײן פערבלאָנדזשעטע שיפען זענען עס...

דאָרט זענען צאַרטע, װײַסע װאַסער־מײדען מיט פלאַמען אין די הענד. זײ רײַטען אױף גרױסע שילדקראָטען, טאַנצען איבער פון אײן װאַל אױף דעם אַנדערן, װאַרפען זיך צום אָבגרונד און שװימען װידער אַרױס... זײ האַרטען דאָרט איבער װעמען, װאַכען אױף אײן אָרט מיט פלאַמען אין די הענד.

— יאָ, איך זעה זײ... איך זעה זײ די װאַסער־גײַסטער...

אַ פערליבטע פּאָר איז אין זײער שיפעל אַרױסגעפאָהרען אין ברײטען ים אַרײַן. פון זײער שיפעל האָבען זײ זיך אין די װעלען געװאָרפען. געקניפּט אײנער צום אַנדערן זענען זײ צום גרונד געגאַנגען. די ים־גײַסטער שװעבען אום אױף יענעם אָרט, באַלױכטען איהם מיט פלאַמען אין די הענד — די פערליבטע אָבער, ליגען אױפ'ן גרונד און טרױמען נאָך אַלײן זײער לאַנגען ליבעס־טרױם...

דער שטורם איז נאָך שטאַרקער געװאָרען. פון ים אַרױס האָבען זיך געטראָגען מיט'ן װינד װאַסער־קולות, ס'האָט אין פּנים אַרײַן געשפּריצט און געפײַפט.

די בליצען זענען אָפטער געװאָרען און פון דעם װילדען װאַסער־געװיש האָט זיך אַרױסגעטײלט אַ פערקלערט געמורמעל פון אַ דונער. צװישען די פעלזען האָט אָנגעהױבען פײַפען דער װינד און איבער זײערע שפּיצען האָבען זיך דורכגעטראָגען צװײ מעװען און געבלאַנקט מיט די לאַנגע, װײַסע פליגלען...

טיפער אַראָב, בײַם שטראַנד, צװישען די װעלען האָט זיך עפּיס אָנגעהױבען רודערן; ס'האָט זיך געשפּירט, — װי די פּאַריעס װילען װעמען מיט ליאַרעם אױף די פעלזען אַרױסשטױסען... כ'האָב מײַן אָטעם אײַנגעהאַלטען; כ'האָב פּלוצלונג דערשפּירט אַזױנס, װאָס כ'האָב מיך געפּאָרכטען פאַר מײַן געדאַנק אױפצובערענגען...

אַ דוּיערנדער בליץ האָט אויף פּאַסען די וואָלקען צושניטען, און די אָנגעצונדענע לופט האָט פון אַ מעכטיגען דונער אַ ציטער געגעבען...

און אין דער בעלויכטונג האָט זיך אונטען בעוויזען אַ לעדיג שיפעל, וואָס דער ים האָט צו מיינע פיס ארויסגעוואָרפען...

גארדאן און די יודישע ביהנע

גאָרדין און די יודישע ביהנע.

I

דאָס אייראָפּעאישע טעאַטער האָט זיינע קינדהייטס־יאָהרען פערבראַכט אין קייזערליכען הויף, הויף־דאַמען און הויף־קאַוואַליערען זענען זיינע ערציהער.

דאָס טעאַטער האָט געהערט צום הויף־לוקסוס.

די דראַמע איז געוועזען א הויף־דראַמע; די שענע מאַניערען, דאָס שענע וואָרט, דאָס צאַרטע געפיהל, די וויכע און ריטערישע סאַנטימענטאַליטעט זענען געוועזען די הויפּט־מאָטיווען פון דער הויף־דראַמע.

אין גרויסע פּאַלאַצען, וועלכע האָבען זיך געבאָרען אין דופטיגע בלומען, איז לאַנג געוועזען פערשלאָסען דאָס אייראָפּעאישע טעאַטער.

ערשט שפּעטער איז דאָס טעאַטער אַרויס צום פאָלק, שפּעטער האָט עס זיך בעוויזען אין דער טומעלדיגער גאַס, אויף די רוישענדע פּלעצער.

מיט נייגיער איז דאָס פאָלק געלאָפען זעהען דאָס הויף־קינד, דעם ליעבלינג פון די קיסרים, מיט דרך־ארץ, מיט א טיעפען ערנסט און מיט א געוויסער דאַנקבאַרקייט האָבען זיי געקוקט אויפ'ן גרויסען יחסן, וואָס האָט זיי געטהון אַזאַ כבוד און האָט זיך אַראָבגעלאָזען צו די פּשוט'ע מענשען.

דאָס טעאַטער האָט געהערט צום „גוטען טאָן", יעדער בירגער האָט זיך געוואָלט ערלען דורכ'ן טעאַטער. רייד פון א נייער דראַמע, פון א שוישפּיעלער זענען געוואָרען דער מאָדע־שמועס.

דער פראַנצויזישער „סאַלאָן" האָט מיט התפעלות אויפגענומען דאָס טעאַטער. דער שוישפּיעלער, דער דראַמאַטורג איז געוואָרען דער מיטעל־פּונקט פון „סאַלאָן".

אין אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט הויבט דאָס טעאַטער אָן אַריינצודרינגען אין די נידעריגע שיכטען פון פאָלק.

עס איז די מאָדערנע סאָציאַלע געזעצגעבונג, וועלכע פערמאַכט אין

אנהויב אוועגד די פאבריק און עפענט פאר'ן ארבייטער דאס טעאטער ; זי הייסט דעם קרעטער פערמאכען דאס קרעמיל און לאזט איהם דעם גאנצען אוועגד פריי .

די סאציאלע געזעצגעבונג האט בעשאפען דעם פיעל-קעפיגען טעאטער-בעזוכער , זי האט בעשאפען דאס פאלקס-טעאטער .

דאס טעאטער איז ארויס פונ'ם רשות פון דער הויכער אריסטאקראטיע און פון דעם רשות פון דעם זאטען בירגערטום : עס איז געווארען דאס גייסטיגע פערמעגען פון גאנצען פאלק .

און מיט דעם אראבשטייגען פונ'ם טעאטער פון דער הויכער אריס-טאקראטיע צום פאלק , האט אויך די דראמע אראבגעשטיגען פון די ראמאנטיש-ריטערישע הימלען צו איינפאכען רעאליזם און נאטוראליזם .

גאר אנדערש האט זיך ענטוויקעלט דאס יודישע טעאטער .

בויים שניידער- און שוסטער-טיש דארף מען זוכען די ערשטע שפורען פון יודישען טעאטער . אין די נידעריגסטע שיכטען פון פאלק היט עס זיך בעוויזען צום ערשטען מאל . א גרויע , פראזאאישע קינדהייט האט עס געהאט . ארים , גרוי איז געוועזען זיין פאנטאזיע , עס איז ביים ערשטען טריט געשטאנען פעסט אויף דער ערד , עס איז פון אנהויב אן געוועזען נודנע-ניכטער .

אנ'ארבען, טרוקענעם לעקסיקאן האט עס געהאט אפילו, ווען עס איז געוועזען „היסטאריש" .

דאס ערשטע יודישע טעאטער-שטיק איז געוועזען היסטאריש לויט זיין אינהאלט , זיין שפראך אבער—א פאלקס-שפראך , די פארשוינען—פאלקס-מענשען .

די ערשטע שעפפער פונ'ם יודישען טעאטער האבען די „היסטאריע" גענומען מיט פרימיטיווע מיטלען ; דעם פאקט האבען זיי פערפלאכט, געמאכט איהם מגושמ'דיג , די היסטארישע פערזאנען זענען געווארען קליינשטעדטיל-דיגע בעלי-הבתים .

די „היסטאריע" האט אין זיך אזוי פיעל וואכעדיגען וויץ , אזוי פיעל נאסען-הומאר , אזוי פיעל וואולגאריטעטען ; זי האט אין זיך אויף אזוי פיעל אבגעשפיגעלט דעם קליינעם יאמערליכען גייסט פון דער גרויער , העסלי-כער סביבה , אז פון דער „היסטאריע" זענען געבליבען נאר די נעמען פון די היסטארישע פארשוינען .

פון דעם נעהמט זיך דער שרעקליכער חבוט-הקבר פונ'ם יודישען טעאטער .

פון דעם נעהמט זיך וואָס אונזער טעאַטער איז כמעט אַ טעאַטער פון איין קלאַס.

די שעפּפער פון דער וועלט־קולטור איז פריהער געווען די אריסטאָ־קראַטיע, נאָכהער דאָס זאַטע בירגערטום. זיי האָבען נעהאַט און האָבען אויך איצט די פרייע צייט און די נויטיגע מיטלען פאַר דעם.

די נידעריגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט האָבען נאָך ביז אהער זעהר וועניג געשאַפען, עס פעהלט זיי פשוט אַלע בעדינגונגען, אין וועלכע זייערע בעהאַלטענע קולטור־אוצרות זאָלען קאָנען אויפוואַקסען.

פון אויבען אראָב איז די קולטור געגאַנגען, פאַרטיגעס האָט מען דעם פאָלק אַלץ אונטערגעטראָגען און מיט דעם האָט מען געוואָלט ערציהען און אויפהויבען עס צו זיך.

אַזוי איז געווען אויך מיט׳ן טעאַטער.

אונזער טעאַטער איז געבוירען געוואָרען אונטען, פאַר די העכערע קלאַסען האָט עס קיין ערציהערישע בעדייטונג, זיי זענען אויך לאַנג איבער־געוואַקסען אַזאַ טעאַטער, אויסערדעם זענען זיי ניט געוועהנט נעהמען פון אַ קלענערן, לאָזען זיך לערנען פון אַ נידעריגערן.

און דאָס יודישע טעאַטער איז נאָך ביז היינטיגעס טאָג אַ טעאַטער פון איין קלאַס פון דער יודישער געזעלשאַפט, עס איז דאָס טעאַטער פון די קלענערע שיכטען פונ׳ם פאָלק, אַ טעאַטער, וואָס קאָן בעפרידיגען נאָר האַלב־ענטוויקעלטע מענשען.

דער אַרבייטער־שרייבער און דער אַרבייטער־שוישפּיעלער „אַרבייטען" פאַר די צוועהער־אַרבייטער.

די איבעריגע טיילען פון דער יודישער געזעלשאַפט שטעהען וויים פונ׳ם יודישען טעאַטער, ווייל עס איז ניט קיין פאָלקס־טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פון אַ קליינעם טייל פון יודישען פאָלק.

גאָרדין האָט צוגעצויגען נאָך אַ טייל פון דער יודישער געזעלשאַפט צום יודישען טעאַטער: דאָס קליין־בירגערטום.

גאָרדין איז שוין אַ קינד פון אַ עטוואָס העכערען קלאַס און ער האָט צוגעצויגען „זיינע" אין יודישען טעאַטער. גאָרדין האָט אויך צוגעצויגען „זיין" אַרטיסט, — דער אַרטיסט בעל־הבית׳ל האָט זיך בעוויזען אויף דער יודישער סצענע.

דער אַרטיסט, דער פרייער אַרטיסט, איז נאָך ניטאָ.

II

דאָס טעאַטער בכלל האָט זײַנע פּאַראויסזעצונגען.

עס מוז האָבען די גרויסע שטאָדט, וועלכע איז אימשטאַנד אָנפילען דאָס טעאַטער יעדען טאָג מיט אַ פרישען פּובליקום.

פּובליקום מוז האָבען פרײַע צײַט, עס מוז האָבען דעם אָווענד פרײַ. עס מוז איהם עקאָנאָמיש מעגליך זײַן צו בעזוכען פריהער די קאַסע, בעפאָר עס קומט אַרײַן אין טעאַטער.

די דרײַ עלעמענטאַר-בעדינגונגען זענען געשאַפען געוואָרען אין אַמע-ריקאַ; דורך דעם גרויסען אויסוואַנדערונגס-שטראָם איז ניו-יאָרק די גרעסטע יודישע שטאָדט אויף דער וועלט.

דער רוסישער יוד, קומענדיג אין אַמעריקאַ, האָט געפונען פאַרטיג די אַנדערע צווײ בעדינגונגען: די סאָציאַלע געזעצגעבונג האָט איהם אין אָנהויב אָווענד אַרויסגעטריבען פון שאַפּ. עקאָנאָמיש איז געוואָרען זיכערער פרײַער און ער איז געוואָרען אַ טעאַטער-בעזוכער.

דעם רעפּערטואַר און די אַרטיסטען האָט געבראַכט מיט זיך פון רוס-לאַנד, ער האָט געבראַכט זײַן רעפּערטואַר, זײַן קלאַסען-רעפּערטואַר און זײַן ברודער דעם שוישפּילער.

ער האָט געבראַכט מיט זיך די אָפּערעטע, אַ פּעקיל משוררים און אַ האַלבען טוץ אַרבײַטער מיט „כלים“.

די „אָפּערעטע“ איז געוועזען דאָס ערשטע טעאַטער-שטיק פון יודישען טעאַטער, וועהרענד אין אײַראָפּעאישען טעאַטער האָט זי זיך בעוויזען שפּע-טער, נאָך דער גריכישער טראַגעדיע, נאָך דער קלאַסישער דראַמע און נאָך דער גרויסער אָפּער.

די אײַראָפּעאישע אָפּערעטע איז געבוירען געוואָרען ערשט דאַן, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך שוין בעפרײַט פון דעם רשות פון דער אַריסטאָ-קראַטיע און איז איבערגעגאַנגען צום גאַנצען פאָלק. די קלענערע און נידערי-גערע טײַלען פון פאָלק האָבען דאָרט בעשאַפען די אָפּערעטע לויט זײַער געשמאַק און זײַער ענטוויקלונגס-שטופע; לײַכטער מוזיק, אַ זעהר לײַכטער אינהאַלט, פרײַע, אויסגעלאַסענע בעוועגונגען, פּשוטע ווערטער, אַנ'אָרימער לעקסיקאָן, — דאָס האָט געפּאַסט פאַר'ן קלײַנעם טעאַטער-בעזוכער, וועלכען מען האָט געקאָנט אַרײַננאַרען אין „גוטען טעאַטער“.

דער יודישער בעל-מלאכה האָט אויך בעשאַפען אַ בריאה, וואָס הײַסט

„אָפּערעטע", לויט זיין געשמאַק און לויט זיינע עסטעטִישע פאָדערונגען.

גראָב=פּרוֹם, קלאָציִג=נאַציאָנאַליִסטיִש, נאַריִש=פרעהליִך, אונגעלומפּערט=אויסגעלאַסען איז די יודיִשע אָפּערעטע.

דאָס געגענוועַרטיִגע, אייגענע לעבען האָט ניִט געקאָנט בעשאַפען די אָפּערעטע; צו גרוֹי, צו יאָמערליִך, צו קליין און איינג איז עס געווען. האָט מען זיִך געווענדעט צו דער „היִסטאָריע", ווי זי איז בעשריִבען אין טייטש=חומש, ביי איהר גענומען דעם „סיוזשעט" און בעאַרבייט מיִט דעם קליינעם גייסט, וועלכער קאָן זיִך בשום אופן ניִט בעפרייען פון דער וואָכעדיגער סביבה און אויפהויבען זיִך הויך.

דער היִסטאָריִשער פאַקט איז מיִט אַנ'אונגעהויערער נאַאיוויִטעט און מיִט אַנ'אונגעהויערען קליינעם און מאָגערען פערשטאַנד פערגרויט, פערוואָכעדיִגט געוואָרען.

די „היִסטאָריע" האָט זיִך פערקליִבען אין שוסטער=גאַס און האָט אָנגעהויבען סמאָלעווען דראַטווע.

דער ערשטער אַמעריִקאַנער דור האָט אָבער קיין אַנדער טעאַטער=בעשעפעניִש ניִט געקאָנט געבוירען. די יודיִשע אָפּערעטע איז אַ כשר קיִנד פון איהרע עלטערן, זי און איהרע עלטערן זענען ממש צוויי טראָפען וואַסער. זי האָט זייער שפּראַך, זייערע בעוועגונגען, זייער גלויבען, זייערע ליידען און שמערצען, זייערע שמחות און זייערע שטרעבונגען.

III

די היִסטאָריִשע אָפּערעטע איז אויפגעפּאַסט סיי פונ'ם שרייבער סיי פונ'ם שוישפּילער גראָב רעאַליִסטיִש.

דער גרעסטער און שענסטער היִסטאָריִשער העלד האָט בעקומען פון שרייבער אַ קליין בעל=הביִת'יִש נשמה'לע און פון שוישפּיִעלער — אַ גרוֹי פּנים'ל, גראָבע בעוועגונגען און אַ מאַרק=אַקצענט.

שמשון הגבור איז אין דער יודיִשער אָפּערעטע אַ ברוטאַלער נפש, וואָס גיִט פּעטש און קולאַקעס, ווען ער שטויסט זיִך נאָר אָן אויף אַ באַק און אַ פּלייצע; אַ מין געזונדער, שטאַרקער וואָוילער=יונג, פאַר וועמען דאָס גאַנצע שטעדטיִל ציִטערט.

יעקב אבינו איז נאַאיִוו, ישיבה=בחור'ש, אָבער שלוי ווי אַ פוקס. עשו פערשטעהט קיין חכמת ניִט, ער איז גראָב, ציִניִש, נאַריִש און אָנשטאָט

א מויל האט ער געזונדע פויסטען.

דוד המלך און שלמה המלך זענען ביידע שענע בעל-הבתים, דער ערשטער א ביסעל אלט-מאדיש, דער אנדערער א ביסעל פערדייטשט.

די היסטארישע אפערעטע איז א קאליידעסקאפ פון פערשידענע טיפען פון דער יודישער גאס, בעל-הבתים גרויסע און קליינע, שוסטער, שניידער, וואוילע יונגען, גוטמוטיגע בעל-הבית'טעצקעס, ארורות, פאלשע ווייבער, ווייבער וואס חנ'דלען זיך יודישליך, מיידלעך, וואס קאקעטירען קלאציג.

גארדין האט געפונען אויף דער יודישער ביהנע זיינע אלע „העלדען" און טיפען פארטיג.

דער אייראפעאישער שוישפילער האט זיך אליין געמוזט ברעכען, ווען ער איז איבערגעגאנגען פון דער קלאסישער דראמע צו דער רעאליסטישער; דער גרויסער זשעסט, די שטייפע ריטערישע האלטונג, דער פאטאס האבען גע-מוזט ווערען געענדערט און געמינדערט. ער האט געמוזט איבערגעהן פון „שפיע-לען" צו דער נאטירליכער שילדערונג פון דעקלאמירען צום פשוט'ן רעדען.

דער יודישער שוישפילער האט די קלאסישע שטריכען אין זיך קיינ-מאל ניט איינגעזויגען, ער איז ניט געווען איבערנאטירליך, נאר איבערטריבען נאטירליך, די שארושירטע נאטירליכקייט האט געהערט אויך דער יודישער סצענע.

גארדין האט געדארפט ארבנעהמען פון יודישען שוישפילער דעם טריקא, די פאפירענע היטלען, צונעהמען ביי איהם דעם הילצערנעם שווערד, הייסען איהם זיך אנטהון נאטירליך, אין גאסען-קאסטיומען, און שפילען דיזעלבע טיפען, וואס ער האט געשפילט אין דער אפערעטע.

דער יודישער שוישפילער האט עם געטהון אהן יסורים, ער האט ניט געבראכען קיין אלטע געטער פון קונסט און האט זיך ניט אנגעהויבען בוקען צו נייע.

אין גארדינס דראמען האט דער שוישפילער געפונען זיינע אלטע, בעקאנטע טיפען, פלאכע בעלי-הבתים, נארישע מלמדים, אידיאטישע ישיבה-בחורים, גראבע רבנים, קלוגע שניידער, עהרליכע שוסטער, צארטע דיענסטמיידלעך, פיינפיהלינגע דארפס-מוידען און פערדארבענע בעלי-הבית'ישע „בארישניעס".

פאר'ן שוישפילער האט זיך כמעט ווי גאר ניט געביטען.

פאר'ן יודישען טעאטער-בעזוכער האבען זיך נאר געביטען די דעקא-ראציעס און די קאסטיומען.

גארדין איז אייגענטליך געבליבען ביי דער אפערעטע, ער האט נאר

דעם קופּלעטיל און דאָס זינגעלץ אַרויסגעוואָרפען.

ער האָט זיך געהאַלטען שטאַרק בּיי דער מעטאָדע פון דער אָפּערעטע; די אָפּערעטע האָט די „היסטאָריע" פערגאַסט, פערוואָלעדיגט, האָט איהר אַ ווידער-טעם פון מאַרק און גאָס געגעבען, — דאָסזעלבע האָט גאָרדין געמאַכט מיט דער קלאַסישער דראַמע.

„דער יודישער קעניג ליער", „גאָט מענש און טייוועל" זענען פערפלאַכטע קלאַסישע ווערק.

ווי אין דער אָפּערעטע איז שלמה המלך געוואָרען אַ קלוגער בּעל-הבית, אַזוי איז דער קעניג ליער געוואָרען אַ בּעל-הבית פון דער יודישער גאַס; דער גרויסער פויסט איז געוואָרען אַ סופר, אַנ'אָרימער נאַרישער סופר.

קיין אַנדערן קעניג ליער, קיין אַנדערן פויסט וואָלט ניט דער יודישער שוישפּילער, ניט דער יודישער טעאַטער-בּעזוכער ניט משיג געווען, פּשוט ניט פערשטאַנען.

וואָס איז אָבער געבּליבּען פון די גרויסע קלאַסישע דראַמען?

דאָסזעלבע, וואָס איז געבּליבּען פון די גרויסע היסטאָרישע פיגורען אין דער „אָפּערעטע".

קעניג ליער איז אַ מאַיעסטעטישע פיגור, ער איז אַלעגאָריש און עס פּאַסט צו איהם די גאַנצע אַלעגאָרישע ענטוויקלונג פון דער דראַמע, אַ אַלעגאָרישער חן שטראַהלט אַרויס פון קעניג אויף די גאַנצע האַנדלונג.

ווי יאָמערליך, ווי בּאַנאַל איז דער יודישער קעניג ליער מיט זיינע טעכטער און איידימים און, נאַטירליך, ווי אונגעלומפּערט, ווי גראָב געהט אַרויס די ענטוויקלונג פון דער דראַמע!

גאָרדין האָט פערניכטעט די אַלעגאָריע, אַראָבּגעריסען פון די פיגורען זייער מאַיעסטעטישע מאַסקע, אָבּגעמעקט דעם גרויסען קלאַסישען צוג, און עס איז געבּליבּען אַ בּערגיל נודנע נפשות, וועלכע גרינצלען עפּעס אַזוי משונה'דיג, אַזוי בּאַרבּאַריש, אַז אַנ'עקעל פּאַקט דיך און דאָס האַרץ וויינט אויפ'ן חורבן פון אַ גרויסען ווערק.

פון פויסטס גרויסער געשטאַלט און טיעפער נשמה איז געוואָרען אַ תמ'עוואַטער סופר, פון זיין וואָרט, וואָס דונערט, וואָס דאָס וועלט-פּראָבּלעם לעזען וויל, איז געוואָרען אַ טומפּער וויץ.

מעפיסטאָפעל דער בּייזער וועלט-גייסט איז אויך שרעקליך בּעליידיגט געוואָרען; אַ בּעל-הבית'ל, וואָס שפּעקולירט מיט לאָטעריע-צעטלען און האַנדעלט צו מיט הערינג. דאָס איז דער פויזענדער גייסט, וועלכען עס

רײַצט ניט דאָס גרויסע, דאָס אונגעוויינלעכע, דאָס אײביגע, דאָס אונפּער־שטענדליכע; ער זוכט אויס דאָס קלײנליכע, דעם טפל, ווײַל דאָס איז איהם פערשטענדליך, דאָס איז איהם נאָהענט.

דער ספּור־המעשה איז דער עיקר!

גאָרדין האָט ניט אויפגעהויבען דעם יודישען שוישפּיעלער און טעאַטער־בעזוכער, ער האָט איהם ניט בעוויזען די בלענדע שענקײט, פּראָפּירענדען רײַך; פערקעהרט, ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען צו זײ און געמאַכט דאָס, וואָס זײ האָבען פערלאַנגט..

אין זײַנע אָריגינעלע דראַמען בלײַבט גאָרדין ווײַטער געטרײַ זיך, דעם שוישפּיעלער און דעם יודישען טעאַטער־בעזוכער.

עס הערשט דאָרט אַ קרעמערישע אויפפאַסונג פון דער יודישער געזעלשאַפט, פון מענשען און לײַדענשאַפטען.

דער „מענש" איז אַזוי פערשטענדליך בײַ גאָרדינען, ער איז אַלע מאָל אַזוי „קאָנזעקווענט", אַזוי לאָגיש, אַז מען קאָן אין ערשטען אַקט פאָראויסזאָגען, וואָס פאַר אַ „סוף" ער וועט האָבען.

די לײַדענשאַפטען, די לײַדען, די שמחות בעגלײַטען גאָרדינס „מענשען", ווי די וואַגאָנען דעם לאָקאָמאָטיוו: דער מענש שלעפּט נאָך זיך אַ ווילד־פרעמדען פּעקיל, ווײַל ער איז אַ חסיד, אַ מתנגד, אַ דאָרפסמאַן, אַ שנײַדער, אַ שוסטער.

גאָרדינס מענש קומט אויף דער וועלט אַ חסיד, אַ מתנגד, אַ סוחר, ער קומט מיט זײַן פּאַראַלעל; דער „מהיכי־תיתי", דער „האָדי", דער „דלות־דלות", דער מיט אַ פּאַראַלעל און פּרינציפּען פון אַ קאָמערטשעסקין מענש.

און דער גאַנצער תכלית פון זײַן קומען אויף דער וועלט איז נאָר זאָגען זײַן „ווערטעל".

דאָס „ווערטעל" אין גאָרדינס דראַמען איז די הויפּטזאַכע, דאָס איז די חאַראַקטעריסטיק, אין איהם ליעגט די נשמה פון מענשען.

און ווען מען נעהמט צוזאַמען אַזאַ פּעקיל מיט פּאַרשוינען און מען פלעכט פון זײ אַ דראַמע אין פיער אַקטען, בעקומט זיך אַ גראָב, קלאָציג געוועבס, אַ געוועבס, וואָס פּאַסט פאַר'ן גראָבען קערפּער פון דעם קלײן־בירגערטום.

דער מענש אַלײן איז קײן פּראָבלעם ניט. איז אַ יודישער רב דען אַ מענש, אין וועלכען מען קאָן אויפדעקען עטוואָס?

קיין אנדערע פראבלעמען, סאציאלע, עטישע, סעקסועלע זענען גאר ניט בנמצא; עס איז א וועלטיל פון שדוכים, פון פאמיליען=לעבען, און שדוכים זענען פארהאן פערשידענע: גלייכע (זעלטען), קרומע, גוטע (אויך זעלטען), שלעכטע און גלאט משונה'דיגע. עס זענען דא קינדער גוטע (וואס ריידען סאנטימענטאל), שלעכטע, ווייכע און הארטע.

און דאס איז דאס „מאטעריאל" פאר דער בירגערליכער דראמע.

דאס אייגענע קרעמעל, זיין בעל=הבתישקייט איז ביים בירגער זיין וועלט, קיין אנדערע ווייס ער ניט און וויל ניט וויסען.

אין „מירעלע אפרת" איז פארהאן א ניט=געראטענער שדוך, אין „חאסיע די יתומה"—א קרומער שדוך, אין „די שחיטה"—א שלעכטער שדוך, אין „קרייצער סאנאטא" — א מאוסער שדוך; אין „געברידער לוריא" ווערט צוזאמענגעפיהרט א גוטער שדוך, אין „גאט, מענש און טייוועל" גט מען זיך און מען טהוט א שדוך, איינער איז אראב כשורה, דער אנדערער נעביך ניט; אין „אונבעקאנטען" א אונגעלומפערטער שדוך.

הכלל דאס יודישע=לעבען קאכט און ברויזט פון שדוכים!

אין יודישען לעבען זאגט מען ווערטלעך, מען קוילעט און מען שיסט זיך.

די בעסטע דראמע גארדינס „מירעלע אפרת" איז די קלענסטע בירגער=דראמע. מירעלע איז א יודענע מיט האראקטער; זי קומט אין סלוצק און הייסט שטעלען א חופה ביי זיך אין אכסניא! זי רעדט פון זיך מיט גרוים דרך=ארץ, שלמה'ן רופט זי גנב און האט איהם סאנטימענטאל ליעב, די קינדער האט זי ערצויגען פאר איינפאכע אידיאטען, כדי זי זאל קאנען זיי פאטירען, ווען זיי וועלען האבען בערד, צו מחלה'ן רעדט זי מיט'ן שטעקען און מחלה איז איהר בעסטער גוטער פריינד.

א ברייטע האנד האט זי און האלט זי פערמאכט, תהלים זאגט זי, ווען דאס וואסער קומט שוין צום האלז, אין כעס ווערט זי, ווען מען קריכט איהר אין לעבער אריין.

דאס איז דער אידעאל פון א בירגערליכער פרוי!

איין פיינער שטריך איז אין מירעלען ניט אויפגעדעקט געווארען, אלץ איז פערלעגט מיט'ן גרויען שטויב פון בירגערליכען לעקסיקאן, פון בירגער=ליכען פערשטאנד.

דער מוסר השכל איז, אז מען פאלגט א קלוגע מאמע, האט מען א ביטערען סוף, קינדער פערלירען דאס פערמעגען, ווערען ארים.

א מאמע בלייבט אבער א מאמע, מיט שטעקענס וועסטו ניט ארויס=

טרײַבען די ליעבע צו קינדער פון איהר. קאָנען די קינדער זי ניט מילדערן, איבערבעטען, טאָ ווארט; זי וועט ווערען א באָבע, וועט קומען דער אײניקעל און וועט זי גובר זײַן!

דרײַ — פיער טיפען פערמאָגען גאָרדינס דראמען.

בצלאל ראפאָפּאָרט און גדליה פון די „געברידער לוריא" זענען צוויי לײַבליכע ברידער. נחום׳צע חנה-דבורה׳ס און מאָטיע שטרײַכעל זענען זעהר נאָהנטע קרובים.

אײן רב און אײן רביצין אין אלע דראמען.

פון אײן בירגערליכער דראמע האָט גאָרדין בעשאפען דעם גאנצען הײַנטיגען יודישען רעפּערטואר.

IV

הויפּטמאן קאָן אונז ניט דיענען אלס מוסטער אין דער טעכניק פון רעאליסטישער דראמע; ווי פערשיעדען הויפּטמאנס טעאטער-שטיק זענען, אזוי איז אויך פערשיעדען זײער טעכניק.

פון די „וועבער" ביז „דער פערזונקענער גלאָקע" ליעגט אנ׳אונגעהויער גרויסער וועג, צווישען „פוהרמאן הענשעל" און „האנעלעס הימעלפאָהרט" ליעגט א גאנצע וועלט.

נאָר איבסען, נאָר ער קאָן זײַן דער מײַסטער אין דער טעכניק פון דער רעאליסטישער דראמע.

איבסען האָט זי אײגענטליך בעשאפען, ער האָט זי „אונערבארימליך" קאָנזעקווענט דורכגעפיהרט.

בלויז אויף דער יודישער ביהנע איז גאָרדין דער „סצענישסטער" דראמאטורג, אזוי זאָגען אונזערע ארטיסטען.

גאָרדינס דראמען זענען רעאליסטישע דראמען און די טעכניק זײַערע מוז זײַן א רעליסטישע.

נאָר אויך אין דיזער הינזיכט האָט גאָרדין געהאלטען חברותא מיט׳ן אפּערעטען-שוישפּיעלער און מיט׳ן יודישען טעאטער-בעזוכער.

דער הויפּט-פּרינציפּ פון דער טעכניק פון דער רעאליסטישער דראמע איז, זעלבסטפערשטענדליך, רעאליזם: די ווירקליכקײַטס-עהנליכע האנדלונג, בעוועגונגען און רעדען, — דאס זענען די עלעמענטארסטע פאָדערונגען, וואס מען שטעלט יעדער רעאליסטישע דראמע.

דער מאָנאָלאָג, דאָס רײדען פאַר זיך מוזען אויסגעוואָרצעלט ווערען.

איבסען האָט בעקעמפפט דעם נאַרישען מאָנאָלאָג און דאָס אונגאַטירליכע רײדען צו זיך אין דער דראַמע.

אין איבסענס „געשפּענסטער" (גײַסטער) לאָזט איבסען דעם פּאַסטאָר פּרינציפּיעל ניט רײדען צו זיך בײַ אַזאַ סיטואַציאָן, בײַ װעלכער קײן דראַמאַטורג װאָלט ניט אויסגעהאַלטען.

דער פּאַסטאָר האָט אַ געשפּרעך מיט דער שטוב־מײדעל רעגינאַ, ער װערט איבערראַשט פון דאָס מײדעל, דאָס שטילע מײדעל קאָקעטירט, אין די אויגען ליעגט ניט דער בלאַסער, פײַכטער גלאַנץ פון איהר כלומר׳שטען פאָטער דעם סטאָליאַר. דער פּאַסטאָר דערקאָנט אין דאָס מײדעל אַ קינד פון דעם דעגענעריטען אַדעל. ער װערט צומישט און שיקט דאָס מײדעל רופען די װירטין. ער בלײַבט אַלײן און רעדט קײן װאָרט ניט.

זאָל ער חאָטש זאָגען: „דאָס מײדעל האָט מיך איבערראַשט".

קײן װאָרט!

איך װיל ניט גלײַכען גאָרדינען צו איבסען! נאָר בײַ דעם פּרינציפּ פון דער טעכניק אין דער רעאַליסטישער דראַמע, װעלכע אַלע האָבען אָנגענומען, מוז זיך יעדער רעאַליסטישער דראַמאַטורג האַלטען.

װאָס רײדען ניט אוים גאָרדינס רעאַליסטישע פּאַרשױנען, װען זײ בלײַבען אַלײן אויף דער ביהנע. דאָס דראַמאַטישע בײַ גאָרדינען גיט צו פיהלען גאָרדינס אַ העלד, װען ער בלײַבט אַלײן אויף דער ביהנע.

חאַסיע די יתומה קלײַבט זיך סמ׳ען. װאָס טהוט אַ מענש װען ער געהט זיך סמ׳ען?

צורעדט ער זיך לאַנג, נודנע צו זיך און מאַכט די דראַמע שטאַרק. צושרײַט ער זיך, צעװײנט ער זיך, װערט די דראַמע נאָך מורא׳דיגער; טענה׳ט זי צום קינד און דערשטיקט עס, — װײַטער קאָן שױן די דראַמע ניט געהן און זי סמ׳ט זיך.

די דראַמע איז לויט זײַן טעכניק כמעט שטענדיג עפּיזאָדיש, ד. ה. דאָס גרײַפט אַרוים נאָר אײן טײל פון מענשענס לעבען, פון מיטען, פון סוף, אַמאָל פון בײדע טײלען. אין אַ דראַמע קאָן מען ניט זײַן ערצעהלעריש, און עס פעהלט אין איהר די פערגאַנגענהײַט פון די פּערזאָנען.

דער דראַמאַטורג זעהט אָבער, אַז די פערגאַנגענהײַט זאָל זײַן קלאָר און דײַטליך, כדי די געגענװערטיגע האַנדלונג זאָל זײַן פערשטענדליך און נאַטירליך.

דער דראַמאַטורג צװײַהט די פערגאַנגענהײַט איבער דער גאַנצער דראַמע,

ער הויבט עס ניט אויף איין ארט, ער לאָזט , אַז איינער זאָל עס ערצעהלען דעם פובליקום.

אין איבענסנס דראַמאַטישע עפּילאָגען , וועלכע זענען מייסטענס דער סוף פון א לעבענס־דראַמע , וועלכע האָט אַ סאָציאַלע בעדייטונג , איז דער אָנהויב , דער מיטען פון דער דראַמע אַזוי קלוג , און אַזוי טאַלענטפאָל צו־וואָרפען איבערן דראַמע , אַז אַלץ איז קלאָר און פונדעסטוועגען קאָנט איהר ניט אָנווייזען, פון וועלכען אָרט אין דראַמע האָט אַרויסגעשטראָמט אַזוי פיעל ליכט אויף די פערגאַנגענהייט .

דער סוף פון א דראַמאַטישער פיגור איז ניט אָבגעשניטען פון דער פערגאַנגענהייט , זיי זענען איינג פערבונדען ; ווען די פיגור איז שאַרף גע־שילדערט, דאַן איז זי קלאָר אין אַלע פעריאָדען פון איהר לעבען.

גאָרדין מאַכט אַזוינע זאַכען מיט זיין געוועהנליכער פשטות און פלאַכקייט ; ער לאָזט אַרויס אַ פּאַרשוין און הייסט איהם פערצעהלען ער־שטענס וואָס איז געוועזען , ווי אַזוי דאָס איז געוועזען און ווי וואָלט עס זיין .

„קלאַסיש“ איז אויך גאָרדין אין זיינע ביהנע־סיטואַציאָנען . „צוויי וועלטען“ שפּיעלען ביי איהם אַלע מאָל צוזאַמען , אַ קאָמעדישע און אַ דראַ־מאַטישע .

זיי טרעטען ניט אָב איינע פון אַנדערן, ווי א שאָטען נאָך אַ מענשען.

„ארבייט“ א וויינענדער פּאַרשוין אויף דער ביהנע, מוז דער קאָמישער זיין דערביי און לאַכען .

קאָן דער קאָמישער גראַדע ניט לאַכען , ווייל ער אַזוי קאָמיש , אַז דער עולם לאַכט . דאָס געוויין מוז בעגלייט ווערען פון א געלעכטער .

מייסטענס ווירקט עס ציניש גראָב , ביידע פּאַרשוינען מאַכען קיין איינדרוק ניט , ביידע שוואַכען אָב איינער דעם אַנדערן .

גענומען האָט עס גאָרדין פון דער קלאַסישער דראַמע .

דער „נאַר“ , דער „לץ“ האָט אַלע מאָל בעגלייט א מאַיעסטעטישע דראַמאַטישע פערזאָן .

גאָרדין האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אפילו אויפ׳ן קלאַסישען „נאַר“ : ער האָט איהם פערפלאַכט ווי די „קלוגע“ קלאַסישע פערזאָנען .

דער נאַר אין דער קלאַסישער דראַמע איז לגמרי קיין נאַר ניט ; ער איז מייסטענס דער ביסענדער סקעפּטיק , דער גיפטיגער סאַטיריקער , ער ווערט אַלע מאָל אַרויסגעשטעלט געגען די סאַנטימענטאַליטעט און נאַאיווי־טעט פון זיין הערן .

ביי גאָרדינען איז ער אַלע מאָל אַ פשוט׳ער שוטה .

נחומצי חנה־דבורה׳ס, מאַטיע שטרײַכל, שמילי, שלמה היץ, ראַ־חמיליק, וולאַדימיר וואָראָבײטשיק, — דאָס זענען די געפאַלענע קלאַסישע „נאַראָנים״.

גאָרדינס נאַראָנים זענען נאָהענט דעם הײַנטיגען יודישען שוישפּיעלער און דעם יודישען טעאַטער־בעזוכער.

70 דראַמען האָט גאָרדין געשריבען און אין זײ אַלע זענען נאָר פּאַר־האָן אַ האַלב צענדליג מענשען.

די יודישע יוגענד מיט איהרע יונגע לײַדען און שמערצען, די יודישע נײַסטליכע אַריסטאָקראַטיע מיט איהר קינדישער רײַנקײַט, מיט איהרע הויכע וועלט־אידעאַלען, די מאָדערנע יודישע פרוי מיט איהרע בענקעניש נאָך אַ נײַען, פרײַען לעבען, דער יודישער אינטעליגענט מיט זײַן צוריסענער נשמה, דער נײַער יודישער אַרבײַטער מיט זײַן נײַען, שטאָלצען בעוואוסט־זײַן, — די אַלע זענען ניטאָ אין גאָרדינס דראַמען, זײ אַלע זענען פרעמד דעם יודישען שוישפּיעלער און דעם קלײַן־בירגערליכען פּובליקום, וועלכע קומען לאַכען און טעאַטער.

אַ פּאָר בעל־הבתים, אַ רב, אַ רביצין, אַ פּאָר פערשימעלטע מלמדים, אַ פּאָר שוסטער און שנײַדער דרעהען זיך אַרום אויף דער יודישער ביהנע שוין אַ צענדליג יאָהרען. אָוועגט אין אָוועגד ווײַזט מען זײ דעם פּובליקום.

תּרצ׳עס יודען, יודישע פרויען־געשטאַלטען קאָנען זיך ניט ווײַזען אויף דער יודישער ביהנע: ניט דער שוישפּיעלער וועט זײ שפּיעלען, ניט דאָס איצטיגע פּובליקום פון יודישען טעאַטער וועט זײ פערשטעהן.

אויף דער יודישער ביהנע קעניגט דער וויץ, דאָס ווערטיל. דער וויץ איז גאָרדינס, פלאַך און טומפּ, דאָס ווערטיל איז ברוטאַל און עקעל־האַפט.

דער וויץ איז די דראַמע, דער וויץ איז די הויפּט־זאַכע בײַם שוי־שפּיעלער!

גאָרדינס וויץ איז ניט דער בליצענדער, צווײַדײַטיגער ביהנען־וויץ, וועלכער לאָזט די פאַנטאַזיע שפּיעלען און וועלכער צווינגט צו נאָכדענקען; עס איז דער קלאָרער פערענדיגטער וויץ, דער וויץ, וואָס רײַסט אַרויס אַ האַסטיגעם לאַכען אויף אַ רגע און באַלד פערגעסט מען איהם.

אין דער יודישער ליטעראַטור האָבען מיר שוין לאַנג איבערגעלעבט דעם השכלה־פעריאָד מיט זײַן זיסקײַט און נאַאיווער התפעלות פון בילדונג און פערבײטערונג און ציניש בעציהונג צו דעם אַלטען יודענטום און זײַנע פאַנאַטישע טרעגער. אין גאָרדינס דראַמען איז די גאַנצע השכלה־אויפפאַסונג

דער הויפט=מאָטיוו.

די יוגענד, וואָס שטרעבט צו בילדונג מיט אַ נאַריִשער סאַנטימענטאַליטעט, איז שען, פיין און איידעל; דער פאָטער איז פאַנאַטיקער, פערדאַרבען, דער רב איז נאַריש און לא=יוצלח'דיג, דער רייכער חסיד איז פאַלש ווי אַ פוקס און שלעכט ווי אַ טיגער.

אַ פאָטאָגראַפיש־שטרענג פון יונגלעך געגען „אַלטע שמאַטעס" (דער ווילדער מענש), אַ בעגייסטערטע יאַגעניש נאָך ענטדעקונגען, אַ מאַשינע, וואָס ווערט בעטראַכט אַלס דבוק פון פאַנאַטיקער (דער מטורף).

קיין ליריִשע מאָמענטען, קיין נאַטירליכע אינערליכע וואַרימקייט, קיין הערצליכע שטרעבונגען, נאָר געשרייען און געפילדער מיט אַ ים פון הויכע, גאָר אינהאַלטסלאָזע ווערטער, וועגען אַלע שענע פּריִהייטען און אידעאַלען (סאָפּאָ).

די פלאַכסטע בריאה רעדט די שענסטע ווערטער, ווייל ער איז נאָך גאַרדינס מיינונג עהרליך. דער בעגריף „עהרליך" אין קונסט איז אַ השכלה=בעגריף, וועלכער פאַלט צוזאַמען מיט די בעגריפען פון מאָראַל פון דעם קליין=בירגערטום.

יעדער, וואָס טוט עטוואָס, וואָס ס'קאָן נאָר אויפרייצען פאַנאַטיקער, איז ער שוין מיט דעם אַליין הויך, איידעל און שען, ער איז שוין מיט דעם אַליין ביי גאָרדינען אַ העלד.

די יודישע פאַמיליע, די קאַנווע אויף וועלכער גאָרדין האָט געוועבט זיינע דראַמען, איז ניט די פאַמיליע, וועלכע איז איינג פערבונדען מיט דער געזעלשאַפט, עס איז ניט די פאַמיליע דער קערן פון דער געזעלשאַפט, עס איז ניט די פאַמיליע, פון וועלכער די גאַנצע יודישע געזעלשאַפט איז ענטשטאַנען און וועלכע שפיעגעלט אין זיך אָב אַלע ערשיינונגען פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען.

עס איז ניט די פאַמיליע, וועלכע ענטוויקעלט זיך כסדר און נעהמט אָן כסדר נייע פאָרמען, אין וועלכע עס דרינגען אַריין נייע געזעלשאַפטליכע און עטישע אידעען, נייע שטרעבונגען, נייע האָפנונגען.

מיר זעהען ביי גאָרדינען ניט דעם חורבן פון דער אַלטער פאַמיליען=אָרדנונג ביי יודען און מיר זעהען ניט די אויפבויאונג פון דער נייער; ניט די ליידען פון חורבן, ניט די פריידען פון אויפבויען פיהלען מיר.

די יודישע פאַמיליע ביי גאָרדינען איז עפּעס אַ מין צופאַל: עס לעבט בעזונדער אַזאַ מין פאָטער, האָט ער אַזאַ און אַזאַ מין טאָכטער, פערפלאָנטערט זיך די טאָכטער מיט אַ שידוך און עס ווערט אַ דראַמע.

איבסען האָט אויך געשריבען דראַמען. „נאָראַ", „דער מייסטער

סאַלנעס״ , „די ווילדע ענטע״ זענען אויך פאַמיליען־דראַמען .

נאָר איבסענס פאַמיליע איז ניט קיין צופאַל ; זי איז פערבונדען אייננ מיט דער געזעלשאַפט , די ליידען און שמערצען פון דער מאָדערנער געזעל־שאַפט זענען די ליידען פון איבסענס פאַמיליע.

גאָרא וויל ניט מאַכען פון איהר ליידען אַ קליינעם פאַמיליען־סקאַנ־דאַל , — זי מאַכט פון דעם אַ געזעלשאַפטליכע אונגערעכטיגקייט ; בשעת זי צובייזערט זיך מיט איהר מאַן, קריטיקירט זי ניט נאָר איהם, נאָר די גאַנצע געזעלשאַפט .

פון דער פאַמיליע בילדעט זיך די געזעלשאַפט , די פאַמיליע איז די געזעלשאַפט אין אַ קלענערן פאָרמאַט!

גאָרדינס פאַמיליען־דראַמע איז אייגענטליך אַ חראָניק־סקאַנדאַל, וועלכע ווערט געדרוקט מיט קליינע בוכשטאַבען און פערנעהמט דריי שורות .

דער פאַקט אַליין איז דער עיקר, דאָס דראַמאַטישע און טראַגישע איז די הויפט־זאַכע אין גאָרדינס דראַמען .

גאָרדין האָט אַלץ פערפלאָכט און האָט אויך פערפלאָכט די יודישע פאַמיליע , די פאַמיליע , וואָס שאַפט דאָס מאָדערנע יודישע לעבען .

גאָרדין האָט זיינע אַרטיסטען , ביים מעהר אָדער ווייניגער יודישען בעוואוסטזייניגען אַרטיסט איז גאָרדין דער גרעסטער דיכטער אין דער וועלט, ניט מחמת ער פערשטעהט איהם ניט, פערקעהרט, ווייל גאָרדינען פערשטעהט ער און קיין אַנדערע האָט ער ניט געזעהען און ניט געלעזען .

דער יודישער אַרטיסט איז דאַנקבאַר גאָרדינען פאַר דעם כבוד , וואָס איהם געבען זיי, און פאַר די שבחים, וואָס געשמאַקלאָזע קריטיקער זאָגען זיי נאָך .

ער האָט דעם יודישען אַרטיסט נאָר בעוויזען אייראָפּאַ , ער האָט איהם אָבער ניט אַריינגעפיהרט אין איהר .

אַלס פערזענליכקייט האָט גאָרדין געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די יודישע אַרטיסטען , אַזאַ איינפלוס , אַז זיי וועלען זיך פון איהם קיינמאָל ניט בעפרייען .

עס מוז קומען אַן׳אַנדער דור אַרטיסטען , וועלכער האָט ניט געקאָנט גאָרדינען ; מיט דעם דור וועט זיך אָנהויבען אַן׳אַנדער פעריאָד אין יודישען טעאַטער .

די היינטיגע אַרטיסטען זענען גאָרדינס לויט זייער ענטוויקלונג , לויט

זייערע פעהיגקייטען און לויט אָבשטאַמונג.

פינסקי האָט געמאַכט איין קלייניטשקען טריט ווייטער פאַר גאָרדינען, און אַלע אַרטיסטען האָבען זיך אָבגעקעהרט פון איהם; ליבין געהט גלייך מיט גאָרדינען, און ער איז דער געשוואָרענער דראַמאַטורג אויף דער יודישער ביהנע.

פרצ׳ן, אַש׳ן האָט די יודישע ביהנע; אינסטינקטיוו פיהלט דאָס היינ־טיגע יודישע טעאַטער, אַז די ווילען בויען דאָס נייע יודישע טעאַטער, אַ נייע יודישע סצענע, אויף וועלכער עס וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר זיי.

ד״ר אַ. מוקדוני.

פון ים.

ביים ברעג ים, אין א קליין הילצערן מיט געצען פערהאנגען הייזעל, וואוינט אנ'ארימע פישער-פאמיליע. איינזאם, ווייט פון גאנץ וועלט און איהר געטימעל לעבען זיי דא...

פריהמארגען. עס גראהט. די נאכט-שאטענס, וואס האבען אין זיך איינגעזאפט דאס שרעקליכע ברומען, צעשווימען איינציגוויי.

דער פרישער ים, מיט מארגען-שיין בעגאסען, ווערט ענטפלעקט. א זילבערנער שוים וויעגט זיך אויפ'ן בלויען וואסער-שפיגעל, פון וואנען ס'הויבען זיך וויים-געקרייזעלטע פאליעס און יאגען זיך שוימעדיג צום ברעג. שווימט דער פישער שטיל פון צווישען די פעלזענס ארוים, וויעגט זיך אויפ'ן שיפעל איבער די פאליעס אוועק פון איבער איין רוקען אויפ'ן צווייטען און ווערט ערגעץ אין דער אונענדליכער גרויקייט פערלוירען. און אין אוועגר, ווען די לעצטע גלאנצען פון דער אונטערגעהענדיגער זון לעשען זיך אויף די פאליעס, וואס פערציהען זיך איינציגוויי מיט שאטען, און א בייזער מיט נאכט פערגאסענער שוים רייסט זיך מיט וואוט ארוים פון דעם אין איין גרויקייט צונויפגעקנוילטען ים און ווארפט זיך צורייצט אויף די פעלזען, — שפראצט אויף ערגעץ אויפ'ן פינסטערן האריזאנט א ווייט פייערל, וואס טיקט זיך און ווערט פערגאסען אלע מאל אין דער ברייטער זיך וויעגעדיגער גרויקייט און בליהט ווייטער ערגעץ אויף אויף א פאליע, ביז עס גראבט זיך שוין קלארער ארוים דער שווארצער שאטען פונ'ם שיפעל און וויעגט זיך אויף און אב מיט א רויכערדיגען פייער-פאקעל איבער'ן שווארצען זידיגען שוים, פערשפינענדיג ארום זיך א מאטען פער-סוד'עטען שיין, וואס פערציהט און בעוועגט זיך שוואך איבער די צוגאסענע פאליעס...

* *

*

אָוועגד . ס'האָט זיך אַ בייזער שוים מיט'ן שיפעל ערגעץ פון דער טיעף־פינסטערער מוטער־נאַכט אַרויסגעגאָסען , עס אויפ'ן זאַמדיגען ברעג איבערגעלאָזט און שטיל און צופריעדען צוריק זיך אין דער פערנעבעלטער פינסטערניש אַריינגעצויגען . ס'שפּריגגט דער פישער פון שיפעל אַרויס , שלייפערט ערגעץ אַוועק דעם רודער און לאָזט זיך מיט האַרטע איינזאַמע טריט צו , צו אין פינסטערניש פערזונקענעם הייזעל , וואו אַ פייער צוגיסט זיך אומעטיג צווישען אַ הויפען פערטריקענטע דערנער און וואַרפט אַ רויטען שיין אויף אַ באַרג צעוואָרפענע נעצען , אויף וועלכע ס'זיצט די פישערין , האַלב דרימעלדיג , מיט פערלעגטע הענד , און קוקט נישט־בעוואוסטזיניג ערגעץ אין דער פינסטערניש אַריין .

אין דער האַטע עפענט זיך פאַמעליך אַ טיר , פון וואַנען ס'בעווייזט זיך אַ מיידעלע . דערזעהענדיג איהם , לויפט זי צו און וויל זיך אויף איהם אַרויפוואַרפען ; ער נעהמט זי אָבער שוואַך אָן ביי דער האַנד און פיהרט זי צו צו די נעצען , וואו ער וואַרפט זיך שווער אָבזיפצענדיג אַנידער ווי אַ'ן ערמאַטערטער . זי זעצט זיך נעבען איהם , נעהמט אָן זיין דיקע האָריגע האַנד , וועלכע ער לאָזט מאַכטלאָז אָב , און גלעט זי ליעב . . .

אַ ווײַלע הערשט אַ שטילקייט , אין וועלכער ס'הערט זיך נאָר דאָס מידע איינזאַמע קנאַקען פון פייערל , וואָס צופלאַקערט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער , אַרויסגיסענדיג זיך אין אַ קלאָרען פלאַם פון דעם שוואַרץ־געקרויזטען רויך־וואָלקען , וואָס קנוילט און שטיקט זיך נאָך דאָ און דאָרט צווישען די רויט־צוגליהטע דערנער . . . דער פישער ליעגט ווי אַ שוואַרצער שאָטען אויסגעצויגען אויף די נעצען , מיט צונויפגעוויקעלטע הענד אונטערן קאָפּ , און קוקט שטיל אויפ'ן שטומען , מיט שטערען אויסגעזייהטען הימעל . . .

דאָס מיידעל לאָזט איהם פאַמעליך אָב און רוקט זיך צו צום פייערל , גראַבעלט דערין אַ צייט , שטיל און פערטראַכט , מיט אַ ריטעל . ענדליך דרעהט זי זיך אוים , קוקט אויף איהם מיט אַ נישט־דרייסטען האַלב־שעמעוודיגען בליק , און קוים וואָס מ'הערט איהר שטיל־ציטריג נישט־זיכער קול :

— וואָס איז דאָרט . . . טאַטע . . . ווייט , ווייט אונטערן הימעל . . .

פון וואַנען עס שווימען אַרוים די פּאַליעס ? . . .

ער זעצט זיך שמייכעלדיג אויף, נעהמט די מילד אויף זיין קניה און קושט זי, פערנורענדיג זיין פּנים אין איהר שוואַרץ־געקרויזטען קאָפּ:

— ס'זוימט דאָרט, קינד, אַ גאָלדענער זאַמד דעם ים'ס פּערעלדיגע שוים . . . ס'שטעהט אַ שיפעל פערוועהעט אין גאָלדענעם זאַמד, וואו ס'זיצט דיין בעשערטער, פערצויבערט פון בענקשאַפט צו דיר . . . זיין לעבען־לאַנג זיצט ער דאָרט . . . און קוקט אויף די פּאַליעס, וואָס רייסען זיך פון בלויען הימעל־זוים אַרוים און לויפען מיט פריידי אויפ'ן שטיל גע־רונצעלטען, אין זונען־גאָלד צושטרוימטען וואַסער־שפּיגעל צו זיין שיפעל צו . . . בוקען זיך פאַר איהם, מורמעלדיג דיין נאָמען . . . און נעהמען עס האַלזענדיג מיט אַ זילבער־ווייסען שוים ווי אַ צערטליך קינד אַרום . . . נאָר ס'פּאַסט דער גאָלדענער זאַמד פּעסט דאָס שיפעל אַרום און גיט עס די פון ים געשיקטע פּאַליעס נישט אַרוים . . . און עס שוימט זיך אונרוהיג דער ים אויף איהם וואַרטענדיג, און שטורימט צורייצט, ווען ס'ציהען זיך לאַנגזאַם די פּאַליעס טרויעריג ווי פערשעמטע צוריק . . . אָהן דיין בעשערטען . . .

דאָס קינד לאָזט מיעד אַראָב דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, קרייזעלט שוואַך זיין ווילדע געלע באָרד, און ער קוקט אויף איהר מיט אַ גליקליכען שמייכעל און פּרעסט נאָך פעסטער צו איהר קאָפּ צו זיין האַרצען:

— און שוין יאָהרען־לאַנג קינד, שוין יאָהרען־לאַנג . . . וואַרט ער דיין בעשערטער ביים ברעג . . . ס'שיקט דער ים פּאַליעס נאָך פּאַליעס נאָך זיין שיפעל . . . און זיי שוימען זיך פאַר איהם אונטערטעניג מיט'ן ים'ס בעפעהל . . . און פערלאָזען עס מיעדע און צוגאָסענע, אַנטלויפענדיג ווי בעזיעגטע צוריק אין אונרוהיג־בייזען ים אַריין . . . און לאַנג וועסטו זיין אַ בענקשאַפט פאַר זיין האַרצען . . . ביז ס'וועט זיך אַ שטאָלצע, מיט זילבערנע לאָקען פערציהרטע פּאַליע פון בלוי־צעוויעגטען ים דערהויבען . . צו איהם צושווימען . . . זיין שיפעל פון גאָלדענעם זאַמד אויסרייסען . . . און עס אויף איהר רוקען נעהמענדיג, צוריק אין ווייטען ים אַנטלויפען . . . וואו זי וועט בלאָנזשען טאָג און נאַכט, צווישען די שוימיגע פּאַליעס, וואָס דרימלען, אַבוואַרטענדיג אין אַלע ימים . . . און וועקען זיך, ווען עס שווימט אויף דאָס שטילע געפּליעסק פון זיין רודער . . .

דאָס קינד בעהאַלט שעמעוודיג דעם קאָפּ צווישען זיין באָרד, און קוים וואָס מ'הערט איהר קול:

—און ווען וועט ער קומען, פאטער ... דער ליבער? ...
אויף זיינע בלאסע פערטריקענטע ליפצען בעווייזט זיך א שמייכעל.
ער הויבט זיין פינגער קעגען הימעל:
—ווען גאט וועט וועלען, טאכטער! ....

— — — — — — — — — — — — — —

י. י. טרונק.

יוני 1909

מירעל

אפרים קאגאנאווסקי.

מירעל.

(נאָוועלע).

ס'איז געווען אין אַ זומערדיגען פאַר נאַכט.

פון יענער זייט דאָרף האָט זיך די זון איבער'ן וואַלד אַראָבגעלאָזען און איהרע רויטע, שטיל־גליהענדע פלאַמען האָבען דעם הימעל ביז אין דער האַלב פערכאַפּט...

די רויט־צופלאַמטע הימלען האָבען געשווינדעלט און געדאַכט האָט זיך אַז זיי גיעסען זיך, צושפרייטען זיך אַלע מאָל מעהר און באַלד וועלען זיי דעם גאַנצען הימעל־ראַנד פערכאַפּען...

און צווישען די רויטע הימלען איז די זון, ווי אַ רונדיג בלאָהער פלאַם געראַהמט אין אַ גאָלד־צעגליהטער רייף געשוואומען, געוויגט האָט זיך די זון און געדאַכט האָט זיך, אַז דער גאַנצער זון־אונטערגאַנג לאַכט, מיט אַ רויטען, גאָלד־צוגליהטען געלעכטער...

אַט האָט שוין געגען דער פערגאַנגענער זון, אַ קיהל ווינדטעלע אַ בלאָז געטהון און אַ לייכטער טוי־נעבעל האָט זיך אויף די ווייטע, גרינע פעלדער געלעגט.

אויף די שוואַרץ פערוויכערטע קוימענס פון די נידריגע כאַטעס מיט די גרינ שטרויענע דעכער, האָבען זיך רויטע גאָלדענע פאַסען געלעגט און די קליינע דאָרפישע פענסטער־שויבען, האָבען ווי רויטע בלענדענדע שפיגלען געפינקעלט... אויף אַ שמאָלער זאַמד־סטעזשקע, וואָס איז געווען געהאַפּט צווישען ברייטע העל־פערגילדטע קאַסטען'ס קאָרן, איז מיט שנעלע טריט מירעל געגאַנגען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, אין דער האַנד אַ קליין רויט שירט'ל און איהר לענגליך העל ראָזע פּנים, איז געווען בעלויכטען פונ'ם זון אונטער־

גאַנג און ס'האָט אָבגעשלאָגען מיט פלאַמיג־רויטע, ליל־בלויע בלענדענדע גאָלד־פאַרבען ...

— צי קען מען איהם גלויבען? — פרעגט זי זיך אַליין, — צי וועט ער קומען נחום'קע?

און זי הויבט אָן געהן לאַנגזאַמער. עפּעס גלויבט זיך איהר ניט, נאָר זי דערמאָהנט זיך, ווי נחום'קע איז צו איהר צוגעגאַנגען און איהר שטיל אין אויער אַריין געזאָגט:

— וועסט קומען מירעל! כ'וועל זיצען און וואַרטען אויף דיר אונטער דער „תליה".

און זי הייבט אָן געהן שנעלער, זי האָט זיך פון דער היים אַרויסגע־גנב'ט. דער טאַטע זאָל וויסען וואו זי געהט, וואָלט ער בעסער געוואָלט בלינד ווערען, איידער זעהן זי, מירעלען, צוזאַמען מיט נחום'קע גנב ...

און זי געהט ווייטער, זי שפּאַנט איבער'ן בריקעל. אונטערן בריקעל וויעגט זיך שטיל דאָס טייכעל. זי זעהט ווי איהר רויט שירעם'ל שפּיגעלט זיך אין וואַסער און בעפאַרבט רויט די פאַליעס וואָס לעגען זיך, גיסען זיך. איינס איבער'ן אַנדער'ן ...

אָט זעהט זי פון דערווייטענס דעם וואַלד; איבער די וואַלד־שפּיצען הענגט נאָך אַ שמאָלער רויט־גליהענדער פּאַס. אַרום איז טונקעלער געוואָרען, די נאַכט רוקט זיך אָן ... ס'איז שטיל. צייטענווייז הערט זיך נאָר אַ סווישטש פון אַ פויגעל, אַ קוואַק פון אַ פראָש ...

— נחום'קע גנב! לויפט מירעל'ען דורך אַ געדאַנק, ווי עמיצער וואָלט עס איהר אין אויער אַריין אַ זאָג געטהון.

— יאָ! נחום'קע גנב, צו איהם געהט זי יעצט, מירעל.

מירעל האָט איהם נאָך קיין מאָל ניט געזעהן גנב'נען און זי וויל פאַר זיך אַליין אָבלייקענען:

— ניין: ר'איז ניט קיין גנב, נחום'קע?

און זי דערמאָהנט זיך, ווי דער „סטאַרשי־סטראַזניק" האָט איהם געפיהרט די הענד פערבונדען אַרונטער, און אַלע האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ: אַ שענע כפּרה, זאָל ער ניט גנב'נען! — דאָס איז געווען דאַמאָלס, ווען ער האָט ביי „וויקטאָר'ן דעם גאָספּאָדאַרז" אַ קעסטעלע מיט געלד צוגעגנב'ט. דריי חדשים איז ער געזעסען זיין טורמע, דערנאָך איז ער געקומען.

— נחום'קע גנב! וועסט נאָך גנב'נען? האָט איהם מירעל'ס טאַטע געפרעגט, פאַטשענדיג איהם אין דער פּלייצע אַריין.

— זאָל איך איינגעזונקען ווערען, צי איך האָב געגנב'עט! בעזוכט מיך!

האָט נחומ׳קע געענטפערט אויפשפּילענדיג זיך די מאַרינאַרקע, און מירעלס פּנים ווערט טרויעריג, זי לאָזט אַראָב די אויגען, טהוט אַ קלאַפּ מיט׳ן שירעמ׳ל אין דער ערד און בעשליסט ביי זיך:

— פון היינט אָן!

זי בעשליסט ביי זיך, אז היינט וועט זי איהם זאָגען:

— נחומ׳קע! פאָלג מיך, וואָס טויג עס דיר? זוך דיר אויס עפּעס אַנ־אַרבייט, לאָז מען דיך שוין מעהר ניט רופען „נחומ׳קע גנב״...

און עס נעמט זי אַרום אַזאַ וואַרעמקייט, זי פערגעסט באַלד אָן דעם — און דערמאַהנט זיך:

— ער וועט זיין! ער וועט וואַרטען אויף מיר, יאָ! יאָ!

און זי געהט ווייטער...

דערווייל האָט זיך שוין דער לעצטער פייער־פּאַס פונ׳ם זון־אונטערגאַנג אויסגעלאָשען, און אויפ׳ן קיהלען, טונקעלן נאַכט־הימעל, האָבען זיך איינצעל־נע שטערען בעוויזען. אין אַ שוואַרץ־בלאָליכען שלייער האָט זיך דער וואַלד פערהילט און אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט, האָט זיך דאָס קוואָקערייַ פון די פרעש דערוועקט...

אָט איז זי שוין נעבען וואַלד. זי זעהט שוין דעם ערשטען ריזיגען סאָסנע־בוים, דער ערשטער פונ׳ם וואַלד.

אָט ביי דעם בוים האָט זי זיך מיט נחומ׳קען בעשטעלט. די „תליה״ רופט מען דעם בוים, ווייל אויף איהם האָט זיך געהאָנגען דעם פריץ׳ס פאַסטוך „יאַנאָש״. זי ציעלט אָן איהר בליק אויפ׳ן בוים: ער איז העכער פון אַלע בוימער. מיט שוואַרצע, ריזיגע ווי אין קרעמפען געדרעהטע צווייגען, שניידט ער זיך אינ׳ם טונקעלן הימעל אַריין... און זי בלייבט אַ מינוט שטעהן. עפּעס האָט זיך מירעל דערשראָקען: אויף דעם בוים האָט זיך אַ מענש געהאָנגען, אַלע האָבען מורא ביי נאַכט פאַרביי דעם בוים דורכצוגעהן, נאָר באַלד הויבט מירעל אָן צו געהן שנעלער.

— ער וועט וואַרטען! פליהט איהר דורך אַ געדאַנק, און זי געהט ווייטער און פערשווינדט אין דער געדיכטער ביי נאַכטיגער טונקעלקייט...

— מירעלע! האָט מירעל געהערט הינטער זיך, ניט וויסענדיג פון וואַנען און ווער עס רעדט.

נאָר באַלד האָט זי דערקענט נחומ׳קעס שטימע, און האָט געענטפערט:

— יאָ. איך בין עס!

נחומ׳קע איז צו איהר צוגעגאַנגען, און האָט זי אַרומגענומען.

— דורך וואַנען ביסטו געקומען? האָט מירעל געפרעגט.

— גלײַך מיט׳ן װעג, האָט איהר נחומ׳קע געענטפערט, קוקענדיג איהר גלײַך אין די אויגען אַרײַן.

מירעלען האָט עפּעס שװערעס אַ דריק געטהון. זי האָט געװאוסט אַז ער האָט זיך אונטערגעגנב׳עט, װײַל זי האָט אַפילו קײן מענשליכען אָטעם ניט געהערט, אײידער ער איז צוגעקומען.

זי האָט קוקענדיג אָן אַ זײַט, פערקלעהרט געפרעגט:

— פאַר װאָס האָב איך ניט געהערט װי דו געהסט?

— צו װאָס דאַרף מען הערען? האָט איהר נחומ׳קע געענטפערט.

ער האָט איהר פּנים אין זײַנע הענד גענומען און איהר אַ קוש געטהון.

מירעל האָט זײַנע הענד פון איהר פּנים אָבגעריסען און זיך אָבגעקעהרט פון איהם.

— קום מירעל! מיר װעלען זיך אַװעקזעצען, האָט נחומ׳קע געזאָגט.

זײ האָבען זיך געזעצט אונטער דער „תליה״ און אַרום אין פעלד, אין װאַלד, איז געװען אַזױ פינסטער און די גרין־גאָלדענע שטערענדליך אויפ׳ן הימעל האָבען געציטערט און געדאַכט האָט זיך, אַז טויזענדער נײַגיריגע אויגען קוקען אין דער פינסטערניש, װאָס האָט איבער פעלד און װאַלד געהאָנגען, װי זײ װאָלטען זוכען עפּעס אין דעם ברײַטען פינסטערן ראַנד...

שטיל איז געװעזען. זעלטען האָבען זיך די בוימער צװױגט, פון אַ װינדטעל. װאָס האָט זיך אַ טראָג געגעבען, נאָר באַלד איז װײַטער שטיל געװאָרען, װי די בוימער װאָלטען זיך דערשראָקען פאַר זײער אײגענעם שאָרך...

שטיל זענען מירעל מיט נחומ׳קען געזעסען און אין זײער אײגענער שטילקײַט האָט זיך געהערט מירעל׳ס עטהעמען. שװער און אָבגעהאַקט האָט זי געעטהעמט...

און אַרום האָט זיך דאָס טונקעלע פעלד דערהויבען אין הימעל אַרײַן, מיט הויכע שװאַרצע װעלדער און געדאַכט האָט זיך: אַז עפּעס אַ ריזיגער, שװאַרצער טורעם האָט אַרום די װעלט פערשלאָסען און אַלץ איז הינטער דעם שװערן שלאָס, שטום און פערגליװערט שטעהן געבליבען...

— מירעל! האָט נחומ׳קע די שטילקײַט איבערגעריסען.

— װאָס איז נחומ׳קע? האָט מירעל געענטפערט.

— פאַר װאָס רעדסטו גאָר ניט, האָבסט מורא?

— כ׳האָב ניט מורא.

— מיט מיר האָסטו ניט מורא!

נחומ'קע האָט געוואוסט אַז יעצט איז איבעריג צו רעדען. ער האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס צו רעדען, נאָר איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט שווייגען, וועט די צייט שנעלער דורכגעהן. און מירעל וועט פאַר עפּעס מורא האָבען. ער האָט מירעלען שטאַרק צו זיך אַ דריק געטהון, אַ פלוצלונגע ווארעמקייט — צוזאַמען מיט אַ שטייפען עקשנות האָט זיך אין איהם צוגאָסען. נחומ'קע גנב האָט דערפיהלט זיין עלענדקייט צווישען אַלע, דעם קרומען קאַלטען בליק פון אַלע און יעצט האָט ער געוואָלט מיט זיין גאַנצער נשמה זיך באָדען אין דעם קוואַל פון ווארעמקייט...

מירעל האָט אַ לייכטען ציטער געטהון, באַלד האָט זי די אויגען אַראָבגעלאָזען...

נחומ'קעס קאָפּ, איז אין מירעל'ס שוים געלעגען, שטאַרק האָט ער זי צו זיך געדריקט...

און די נאַכט אַרום איז געווען שטיל און פינסטער. נאָר פון ווייטענס אויף דעם ווייטען האָריזאָנט, איבער די שוואַרצע וואַלד-שפּיצען, איז ווי אַ ווייסע פאַרע אָנגעלאָפען, בלאַס ווי העלע, מאַטע פלעקען האָבען זיך די שטערן אָנגעזעהן...

מירעל האָט דאָס בעמערקט און געזאָגט:

— ס'וועט רעגענען, נחומ'קע!

— זאָל רעגענען, זאָל דונער'ן, זאָל בליצען! מירעלע! און מיט גרינגע פייערלעך האָבען זיינע גראָהע אויגען אָנגעהויבען בליצען... ער האָט זי שטאַרקער צו זיך צוגעדריקט, פלוצלונג האָט זיך מירעל פון איהם אַ ריס געטהון און הויך אויסגעשריען:

— ניין, נחומקע! כ'דאַרף מיט דיר צו רעדען!

— מירעלע! האָט איהר נחומ'קע אויף דעם געענטפערט.

מירעל האָט געוואָלט רעדען צו נחומ'קען, רעדען וואָס זי האָט גע-קלערט אויפ'ן וועג געהענדיג צו איהם. רעדען לאַנג, ביז וואַנען ער וועט איהר צושווערען, אַז ער וועט שוין פון היינט אָן ווערען אַנדערש...

ער זאָל איהר צושווערען ווי ער האָט זי ליעב, ווי זי, מירעל, איז ביי איהם טייער... מיט איין אונגעהייערע ברייטקייט זענען די געדאַנקען ביי איהר אין מוח געוואַקסען און זי האָט גערעדט... איהרע ווערטער האָבען געקלונגען אין דער שטילקייט און געדאַכט האָט זיך אַז זי רעדט צו אַ גרויסע מאַסע מענשען:

— זאָג מיר נחומ'קע! האָסטו מיך ליעב?!

— כ'האָב דיך ליעב, מירעלע!

— הער זשע! דו ווייסט דאָך ווי מען רופט דיך ביי אונז אין דאָרף, יאָ, דו ווייסט!?

— כ'ווייס, מירעלע!

— אויב דו האסט מיך ליעב נחומ'קע, זאלסטו זעהן ווערען א מענש. גלייך מיט אלע; זאלסט פון זיך ארויסווארפען דעם נאמען „נחומ'קע גנב". זאלסט זיך זוכען אנ'ארבייט, הערסט נחומ'קע? דאס זאג איך דיר, און כ'וויל דו זאלסט עס מיר צושווערען. הערסט? יעצט זאלסטו עס מיר צושווערען, אויב דו האסט מיך ליעב, נחומ'קע!

— צושווערען! האט נחומ'קע שטיל געמורעלט, צושווערען!

און שוואך ווי עפעס אונבעהאלפענס, ערנידערטעס, האט זיך נחומ'קע אויף דר'ערד אראבגעלאזען און מיט זיינע הענד מירעל'ס קניע ארומגענומען...

ביידע האבען א מינוט געשוויגען, באלד האט מירעל ווייטער גערעדט:

— נו, נחומ'קע! כ'וויל דו זאלסט עס מיר צושווערען, דו זאלסט מיר שווערען ווי דו האסט מיך ליעב, ווי איך בין ביי דיר טייער.

— יא מירעלע! ווי כ'האב דיך ליעב, ווי דו ביסט ביי מיר טייער, מירעלע!

זיי האבען זיך ביידע שטארק ארומגענומען, און ווי זיי וואלטען ערגיץ פערטראגען געווארען, איז ארום שטיל און פינסטער געבליבען...

ערשט יעצט איז מירעלען ווי גרינגער געווארען, ווי א שטיין וואלט איהר פון הארץ אראב, — פאר דעם איז אבער נחומ'קען וואס א מאל שווערער געווארען, עס האט זיך איהם געדאכט אז ער האט עפעס אויסגענארט. נעגנב'עט ביי מירעלען, אזוינס וואס עס איז הייליג, וואס מען טאר ניט גנב'נען און פאר דעם האט עפעס עהנליכעס צו א כעס איהם ארומגענומען. ער האט געפיהלט ווי ער דארף פלוצלונג אויפשפרינגען, וויט ענטלויפען פון מירעלען און פון דערוויטענס שרייען צו איהר:

— ניין מירעל, ניט אמת, כ'האב דיך אבגענארט. גלויב מיר ניט!...

און ווי א טיעפע בענקשאפט האט זיך אין נחומ'ען צוגאסען. עפעס האט איהם אויף זיך אליין געדרייצט, ער האט זיך אין אלע זייטען ארומגעקוקט: אין א גראהער, אננעלאפענער פארע האט זיך דער הימעל פערשלאסען און גע-דאכט האט זיך, אז די נאכט איז ליכטיגער געווארען; נאר די ליכטיגקייט האט נאר גראה-פערברודיגט די פינסטערניש און נחומ'קעס בליק האט בעגעגענט א ברודיגע פינסטערניש ווי א גראה טריעב אויג וואלט אויף איהם געקוקט. און ער האט דערפיהלט א נויטיגקייט צו זיין אליין, טהון עפעס שטילעס, בעהאלטענעס, וואס קיינער קען ניט זעהן. ער האט דערפיהלט די נויטיג-

קײַט פֿון געהן עפּעס אַ װײַטען אונענדליכען װעג; איהם האָט זיך געװאָלט פֿרײַ זײַן, מיט זיך, מיט דער ברײַטער פֿינסטערער נאַכט . . .

דערװײַל האָט זיך אין מירעלען װי אַ פֿרעהליכקײַט צונאָסען, עס האָט זיך איהר געװאָלט לאַכען, שטיפֿען און זי האָט געזאָגט:

— נחום׳קע זאָלסט װיסען װאָס פֿאַר אַ נאַר אונזער משרת איז.

— װאָס איז?!

— נעכטען האָט איהם דער טאַטע געשיקט צום סטאָליאַר אָבהובליװען אַ ברעט, האָט ער זיך געזױמט אַ האַלבען טאָג. ניט געקענט זיך דערװאַרטען, בין איך איהם נעגאַנגען זוכען, טרעף איך איהם זיצענדיג אויף אַ בערגעל, אונטערן פּריץ׳ס פּאַרקאַן שײַלט ער אַ עפּעל און קוקט אין הימעל אַרײַן.

— װאו ביסטו פֿערפֿאַלען געװאָרען? פֿרעג איך איהם.

שפּרינגט ער אויף װי אַ ציג, טהוט אַ װאָרף דעם עפּעל, און גיט אַ געשרײַ:

— זאָל איך שטאַרבען אויף דעם אָרט, צי איך בין שולדיג!

און מירעל האָט זיך צולאַכט און איהר קלינגענדיג געלעכטער האָט זיך פֿערטראָגען אין דער נאַכט אַרײַן.

נאָר באַלד האָט אויף מירעל׳ס פּנים װי אַ מאַטער ערנסט צוזאַמען מיט אַ לײַכטע שרעק אַרויסגעטרעטען װען זי האָט אַ קוק געטהון אויף נחום׳קען.

זײַנע אויגען, אין װעלכע עס האָבען זיך צװײ גרינליכע פֿײַערלעך געשפּיעט, האָבען װי פֿערגליװערט געקוקט אין דער װײַטקײַט, װי דער הימעל איבער׳ן שװאַרצען װאַלד, איז מיט אַ רויטען פֿלאַם דורכגענומען געװען; גלײַך מיט זײַנע אויגען, איז זײַן האַנד האַרט געװען, און גלײַך װי אַ סטאַטוע אָבגעװענדט געװען אַהין.

— נחום׳קע אַ שׂרפֿה, האָט מירעל מיט שרעק אַ געשרײַ געטהון, אָנחאַפּענדיג נחום׳קען פֿאַר אַ האַנד . . . נחום׳קע האָט געשװיגען אין דער־זעלבער פּאָזע.

אַרום איז נאָך שטילער געװאָרען און אין דער שטילקײַט האָט זיך די נאַכט, דער װאַלד און דאָס פֿעלד, װי אויפֿגעחאַפּט, װי עס װאָלט זיך אויסגעצויגען, צונעגרײַט צו עפּעס שװערעס, שרעקליכעס. און פֿון דער־װײַטענס איבער׳ן װאַלד, אויף דעם רויט בעשלאָגענעם הימעל, האָבען צװײ גלײַכע, זײַלען רויך אַרויפֿגעצויגען און אין דעם רויך האָבען זיך פֿײַער־נעשפּרענקעלטע־קרוינען פֿונקען צוטאַנצט, װי געשפּריצט דורך רויט־פֿײַעריגע ליפּען . . .

פּלוצלונג איז נחום׳קע אויפֿגעשפּרונגען, נאָך איהם איז מירעל אויף־

געשטאַנען טוליענדיג זיך צו איהם... זײַן האַנד איז נאָך אַלץ געװענדעט געװען צו דער זײַט פון דער שרפה.

ביז װאַנען פון דער װײַטער פינסטערער שטילקײַט האָבען זיך װי פון טיעפע, הוילע גריעבער אַרױס, אָנגעהױבען צו טיקען שװער און ברײַט צופלאָסענע גלאָקען־טענער:

— באָאָמ'ן!! באָומ'ן!!

און געדאַכט האָט זיך, אַז נאָך יעדען קלונג, רוקט זיך די שרפה אַלץ העכער איבער'ן װאַלד...

— אין „ציאַרנע־װיעש", הינטער'ן װאַלד! האָט נחומ'קע געמורמעלט.

— אין „ציאַרנע־װיעש", הערסט מירעל!? האָט נחומ'קע נאָך אַ מאָל אַ זאָג געטהון און גענומען זיך אָברוקען פון מירעלען.

— נחומ'קע! פיהר מיך אַ היים! האָט מירעל מיט טרערען געבעטען, כ'האָב מורא! נחומ'קע!

— געה אַ היים! האָט נחומ'קע שנעל אַ זאָג געטהון און זיך װײַטער אָבגערוקט פון מירלען.

— נחומ'קע! האָסט מיר געשװױרען! האָט זיך מירעל צוװױינט, װאו װיל'סטו לױפען?! כ'װעל דיך ניט לאָזען, נײן!

— יאָ באַלד, מירעל! לאָז מיך! האָט זיך נחומ'קע אַ ריס געטהון און װי אַ שװאַרצער, ריהרעװדיגער פלעק האָט ער זיך איבער'ן שװאַרצען פעלד אַװעקגעקאָליערט און פערשװאונדען ערגיץ װײַט אין דער פינסטערניש... אַ װינד, צוזאַמען מיט אַ דינעם שטעכיגען רעגען, האָט זיך פון ערגיץ אָנגעטראָגען, דאָס פײַער האָט זיך געשטאַרקט און זיך געהױבען צוזאַמען מיט צופלאַמטע שטרויענע דעכער...

מיט'ן זעלבען װעג װאָס מירעל איז צו נחומ'קען געגאַנגען איז זי יעצט אַ היים געגאַנגען.

עפּעס אַ שװערער טרויער האָט זיך אויף איהר האַרץ געלעגט, װי פון אַ קװאַל האָבען זיך פון איהרע אויגען טרערען געגאָסען. אויפ'ן גאַנצען װעג האָט זי געװײַנט, ביז װאַנען זי איז אויפ'ן בריקעל צום טײַכעל צוגעקומען; האָט זי געזעהן, װי דאָס װאַסער איז שװאַרץ און עס גלאַנצט װי אַ גלאָז. זי האָט געקוקט אויף די שװאַרצע, װײַכע פאַליעס, װאָס האָבען זיך געשלענגעלט און געהױבען אײינס איבער'ן אַנדערן און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לױפען אַזעלכע קלײנע „נחומ'קעס" ערגיץ װײַט, צו אַ שרפה, צו אַ פײַער לױפען זײ, גנבים זענען זײ...

לאַנג איז זי נעבען פאָרענטש פון בריקעל געשטאַנען און איהר שװאַר-

צער לאנגער שאטען האט זיך לאנג און טיעף אין וואסער אריין געצייכענט און גערונצעלט...

זי האט געוויינט און איהרע טרערען האבען זיך שטיל אינ'ם ברייטען שווארצען וואסער אריינגעגאסען...

און וואס מעהר זי האט געוויינט, אלץ גרינגער איז איהר געווארען. זי האט שוין יעצט ניט געוויינט פאר וואס נחומ'קע האט די שבועה געבראכען, נאר פאר וואס ער איז פון איהר ענטלאפען. פאר איהרע אויגען האט זי יעצט נחומ'קען געזעהן שטעהן האלב אנגעבויגען איבער א גרינעם פויערישען קאסטען, מיט דערשראקענע אויגען עפעס צעהלענדיג פון דארט ארוים.

און איבער איהם יאגען זיך, הויבען זיך, קנוילען פייער — און ער שטעהט און צעהלט...

דער „סטארשי סטראזניק" האלט א שטריק, ער געהט איהם בינדען און נחומ'קע שטעהט און צעהלט...

געבונדען נחומ'קען, אוועקגעשלעפט. זי, מירעל, וועט איהם שוין מעהר ניט זעהן, און זי וויינט... און זי וויינט...

— — — — — — — — — — — —

ווען מירעל איז צו זיך אהיים געקומען, איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט.

מירעלס טאטע „בערעל ראטעוועט" אזוי האט מען איהם גערופען, ווייל איין מאל האט זיך איהם געחלומט אז עס ברענט, האט ער פון שלאף געשריען „ראטעוועט", א ברייט-בעוואקסענער יוד, וואס האלט א „קרעטשמע", איז געלאפען מיט'ן משרת נת'קע ראטעווען צו דער שרפה... קיינער איז ניט געוועזען אין שטוב א חוץ מירעל'ס מאמע. זי איז געשטאנען אויף א איבער-געדרעהטער פאס, און פאטשענדיג מיט צוויי הילצערנע לאטשען איינס אין אנדער'ן, האט זי געשריען:

— „ציארנע-וויעש" ברענט! „ציארנע-וויעש" ברענט!

מירעל'ס טאמע איז א האלבע משוגענע. א גאנצען טאג ליגט זי אויפ'ן בעט און דאווענט... עס מאכט זיך א מאל אין האלבער נאכט, שפרינגט זי פלוצלונג אראב פונ'ם בעט, חאפט א שטעקען, שארט אונטער אלע בעטען, מיט א געוואלד:

— א קאי'ן האט זיך בעהאלטען און וויל ניט ארוים!...

די טהיר פון מירעלס שטוב איז געווען אפען, אינוועניג איז געווען ליכטיג פון א בליץ-לאמפ, וואס האט געהאנגען אין מיטען שטוב, איבער'ן לאנגען בופעט אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשטעלט פערשיעדענע צו-בייסעכצען פון א קרעטשמע...

די משוגענע מאמע איז מיער געווארען שרייענדיג, האט זי זיך אויף דער ערד אראבגעלאזען, דעם קאפ איינגעגורעט און מיט א פערגלייסט אויג אין דער נאכט אריין געקוקט.

מירעל האט זיך געזעצט אויף דער באנק וואס נעבען דער טהיר און אריינלאזענדיג איהר קאפ אין די הענד אריין, האט זי לאנג, לאנג געקלעהרט פון נחום'קען און איז איינגעשלאפען...

ווי זי האט נאר די אויגען צוגעמאכט, האט זיך איהר אנגעהויבען צו חלום'ן: ווי פון ווייטען פינסטערן פעלד, הערען זיך טריט... זי קוקט זיך צו, זעהט זי ווי דער „סטראזשניק" פיהרט נחום'קען, געבונדען די הענד מיט די פיס, דער „סטראזשניק" שלעפט איהם אויף דער ערד און ער, נחום'קע, קאליערט זיך, וואָרפט זיך ווי א שלאנג.

— נהום'קע! גיט מירעל א געשריי.

— מירעלע! מירעלע! כ'מוז געהן, כ'וועל שוין מעהר ניט קומען, ענטפערט איהר נחום'קע און ווערט פערשוואונדען אין דער פינסטער...

ווען מירעל האט זיך אויפגעחאפט, איז שוין געווען פאר טאג.

דער פאר טאג איז געווען א פערנעבעלטער, א גראהער. מיט א פייכט וועשאָרכעריי האבען זיך די בוימער געוויעגט און געוויעט איבער'ן פייכטען פעלד, מיט א מאטער פוילקייט ווי נאך איין איבערגעריסענעם שלאף...

פון דערווייטענס, פונ'ם שאסע, האט זיך געהערט דאס געטראסקעריי פון די פוהרלעך, וואס זענען צוריק געפאהרען פון דער שרפה...

נאך האלבער נאכט, איז מירעל'ס טאטע, מיט'ן משרת אהיים געקומען, זיי האבען דערצעהלט: אז פינף באטעס מיט איין קוה, זענען פערברענט געווארען...

און שפעטער, ווען די זון האט זיך דורך די גראהע שטיקער וואלקען, אין א בלאס-גאלדענעם אבשיין בעוויזען און די קינדער זענען געלאפען קיין „ציארנע-וויעש" זוכען געלד מיט זאכען, אויף די אבגעברענטע חורבות, האט נת'קע דער משרת דערצעהלט מירעל'ען, אז פון איין זייט האט מען געראטעוועט און פון דער צווייטער זייט האט נחום'קע גנב געגנב'עט און די פויערן האבען איהם מיט העק און אייזענס פעריאגט ערגיץ ווייט און מען ווייסט ניט וואו ער איז אהינגעקומען...

און ווען מירעל איז געגאנגען אין שטאל מעלקען די קוה, האבען הייסע טרעהרען צוזאמען מיט פריש-אויסגעמאלקענע מילך, דאס מעלק-שעפעל אנגעפילט.

ז. ראָדשטנבאַך

זארז ראדענבאך.

די שעהנקייט פון טרויער איז
העכער אלס דאס שעהנקייט
פון לעבען.
(ראדענבאך).

I.

„אויב מען וויל דעם דיכטער לערנען, מוז מען צום ערשט אין זיין לאנד געהן, א אלטער ריכטיגער מנהג און וועלכען מען טאר ניט פערגעסען בעזאנדערס ווען מיר טרעטען צו צו אזא פערזענליכקייט ווי זארז ראדענבאך, „דער שוואן פון יונגער בעלגיע" ווי מען רופט איהם, דער פאעט פון „שטילקייט און טרויער".

„נור שעהנע שטערט שאפען שעהנע נשמות" האט ראדענבאך בעמערקט. אויב דאס איז אזוי, אויב דאס איז ריכטיג, טא ריכטיג איז אויך דאס נור די אלטע, און איהרע אלטע זכרונות פערטיפטע פלאנדריא, מיט איהרע טויטע קאנאלען איבער וועלכע שטיל, פערטראכט, פונקט ווי ביי א הייליגער מעסע, שוועבען לאנגזאם די שוואנען; פלאנדריא וואו די טויטע שטילקייט ווערט נור צערשטערט דורך דעם מעלאנכאלישען קלינגען פון די פיעלע גלאקען, דער קלינגען וואס דוכט זיך ראדענבאך'ן ווי טומעל פון שליסלען מיט וועלכע די שוועסטער בעגלייט די צייט אין דער עביגקייט, נור פלאנדריא, די זעלטענע קאנסערוואטארשע וועלכע לאזט צו זיך ניט צו אלעס וואס טראגט אויף זיך די חתימה פון איצטיגער קולטור — האט געקאנט געבארען אזא פאעט ווי ראדענבאך.

ווי שטארק דארף עס פערדריסען, וואס אין אונזער ליטעראטור איז ניטא איבערזעצונגען פון ראדענבאך, וואס ביי אונז איז זיין נאמען בכלל אונבעקאנט. אויף ראדענבאך'ן האט מען זיך געדארפט אפשטעלען מיט א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט, דען ביי איהם קען מען לערנען די גרויסע פאעזיע און קלוגהייט — פון רוהם פון שטילקייט, „פון ליבע צו זאכען". מיר אידען האלטען שטענדיג אין איין פאקען זיך, מיר פאהרען איבער פון איין

קוואַרטיר אויף דער צווייטער, מיר זענען וואַיאַזשאָרען, דער איד איז אַ פּאָ־סענציאַלער עמיגראַנט.

אין אונזער פּסיחיק איז פאַרמשער די ליבע צו אַ „אָרט”, די ליבע צו אַ „זאַך”. אַלע אונגאָרמאַלע בעדינגונגען פון דעם איצטיגען לעבען בכלל און אונזער לעבען בפרט, ברענגען דערצו וואָס מיר פיהלען ניט די גאַנצע שעהנ־קייט פון לאַנגזאַמען טעמפּ, פון שטילע טריט. דערפאַר זעהען מיר ניט זעהר אַ סך וואָס זעהן איז ווערטה; דערפאַר איז אונז געגעבען לערנען נור דעם מעכאַנישען אויסדרוק פון „זאַכען”, ניט זייער נשמה. כדי די נשמה זעהן, דאַרף מען זיך אָפּט אָפּשטעלען און קוקען טיעף, טיעף. עס איז אונמעגליך לויפען און שאַרען אַ פאַנטעאיסטישע סיסטעם...

פאַר דעם איצטיגען מענשען איז אַלץ אָפּגעריסען, אָפּגעזונדערט איינס פון דאָס אַנדערע; ניטאָ קיין צוזאַמענהאַנג. עס הערשט דער באַרבאַ־רישער אינדיווידואַליזם וועלכער האָט ניט צו טהון להלוטין מיט דעם ריכטיגען בעגריף וואָס דאָס וואָרט „אינדיווידואַליזם” דאַרף האָבען. פאַר דעם איצטיגען מענשען, פאַר דער איצטיגע קולטור, עקזיסטירט ניט דאָס וואָרט „היילינקייט”; דען עס איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַזאַ קאַטעגאָריע, ווי באַלד אַלעס פערקויפט זיך, ווי באַלד „רעליגיע” איז אומגעביטען אויף „פּאָליטיקאָ” און „עסטעטיק” — אויף „לוקסוס”. זעהען מיר דען ניט אויף יעדער טריט און שריט דאָס די „טייערקייט” פון דער אָדער יענע זאַך, גאַראַנטירט אין די אויגען פון היינטיגען מענשען איהר „שעהנקייט”? שוין לאַנג האָט מען אָנגעוואָרען דעם חוש פון אמת'ע שעהנקייט און „שעהן” איז נור דאָס וואָס עס איז „טייער”.

און אין די וועלט פון טומעל, שרייענדיגע פאַרבען, וואָלוועלקייט און פערברעכענדע איילינקייט, שטעהט אַליין בעזונדער זאָרז ראָדענבאַך מיט אַ שטילע תפילה אויף די ליפּען. זיין וועלט איז ניט קיין מאַרק, אויך ניט קיין קאַמפּף־אַרענע — נאָר אַ טעמפּעל. דאַריבער איז אין ראָדענבאַך'ם פּאָעזיע ניט צו געפינען אַ סימן אפילו פון זאָגענאַנטע געזעלשאַפטליכע מאָטיוען. אַ טעמפּעל איז ניט קיין סאַלאָן, ניט קיין בודואַר, דעריבער וועט איהר אין ראָדענבאַך'ם פּאָעזיע ניט געפינען די רייכע וויטרינע פון רייכע, בלישטשענדע שטיינער. ער מיידט מיט אַכיון די פיעלפאַכיגע סימפאָניע פון פאַרבען און קאָליערען. און דאָס קומט פאַר נישט דערפאַר וואָס זיין שפּראַך איז אָרעם, ניט דערפאַר וואָס איהם פעהלען ווערטער. גבריאל דע אַנונציאָ, ביי וועמען עס איז דאָ גאַנצע בלעטער וועגען פערשידענע שטיינער, בלומען, איז ווענ־גער פּאָעט איידער ראָדענבאַך, הגם איהם איז בעקאַנט אַלע סטילען פון אַלע עפּאָכעם. אָפטמאָל דיענען די בערג מיט ווערטער נור אַלס סוראָגאַט פון אמת'ע קונסט, פון אמת'ע טיעפע געפיהלען.

Wo Begriffe fehlen,
Da stellt ein Wort zur rechter Zeit sich ein......

ראָדענבאַך איז דערפאַר קאַרג אויף ווערטער און פאַרבען, ווייל ווירקליכע גרויסקייט און ערהאַבענקייט טהוט זיך קיין מאָל ניט אָן אין פורפורמאַנטעל. די מוזאַ פון ראָדענבאַך איז שטענדיג איינפאַך געקליידט און ווייסען... „ווייסע" ווערט וואַרירט ביי ראָדענבאַך כמעט אין אַלע זיינע ווערק, „ווייסע ליליען", „ווייסע שוואַנען", ווייסע גאַרדינען", „ווייסע צעפּצען" אויף די קעפּ פון די מאָנאַחינעס באַגינקעס. ווייסע קליידער האַרמאָנירען אַזוי מיט די שטילע, לאַנגזאַמע טריט פון זיינע העלדען, מיט זייערע שטילע תפילות אין וועלכע עס איז ניטאָ דער שטאַרקער, צאָרענדער צושטעהן צו גאָט נאָר אין וועלכע עס הערשט די עלעגיע וואָס איז נויטיג און וואָס עס פּאַסט צו יעדער תפילה.

ווען מען רעדט איבער ראָדענבאַך'ן קומט אויס אָפּט ברויכען דאָס וואָרט „שטילקייט", דען דאָס איז כמעט דער הויפּט-שטריך פון זיין פּאָעטישע נשמה. ראָדענבאַך איז דער שטילסטער פּאָעט וואָס איז ביז איצט געווען; דער שטילסטער ניט דער רוהיגסטער. כדי צו זיין „רוהיג", אין דעם העכסטען און פולסטען זין פון דאָס וואָרט, מוז מען זיין אַ גאָניע, מוז מען זיין געטהע, מוז מען קוקען פון אויבען אַראָפּ, מוז מען שטיין אויף דעם אָלימפּ. ראָדענבאַך איז צו „מענש" געווען אום רוהיג צו זיין; נאָר פּראָטעסט, צאָרן, טראַגעדיע איז איהם געווען פרעמד. אין זיין שטילקייט האָט ער זיך נור געקאָנט ערלויבען עלעגיע.

ראָדענבאַך איז ניט נור דער שטילסטער, נאָר אפשר אויך דער עלעגישסטער פּאָעט וועלכער איז ביז איצט געווען.

ראָדענבאַך'ס עלעגיע האָט ניט צו טהון מיט פּעסימיזם. פּעסימיזם, אַז דער ביטערסטער פון אַלע קראַנקהייטען, וואַקסט מעהרסטען-טהייל אויף דעם באָדען פון פערזענליכען אומגליק, פון פערזענליכע ניט איינגעבענקייט אין לעבען. ביי קליינע מענשען איז דער פערזענליכער מאָמענט שטאַרק קענטיג, שטענדיג אויבען-אויף; גרויסע מענשען—בעזייטיגען איהם און פּעסימיזם, שטאַמענדיג פון פערזענליכע אורזאַכען, וואַקסט ביי זיי אויף ביז אַ וועלט-טראַגעדיע. אַ דאַנק דעם טאַלאַנט, אַ דאַנק די גרויסע קראַפט פון זייער גייסט, הויבען זיי אויף דעם פּעסימיזם ביז די העכסטע שטופע פון יאוש אָדער ביז די העכסטע שטופע פון דעמאָנישע איראָניע. ביי דעם ערשטען פאַל — בייראָן, לעאָפּאַרדי, סטרינדבערג, ביי דעם צווייטען פאַל — אַנאַטאָל פראַנס אַלס ביישפּיעל.

ראָדענבאַך'ן איז אונבעקאַנט אי פּעסימיזם-טראַגעדיע אי פּעסימיזם-איראָניע. אויף זיין געזיכט איז ניטאָ די טראַגישע קנייטשען פון די דערשראָ-

קענע וועלכע שרײַען אין זייער שרעק און געוויס וועט איהר ניט בעמערקען דעם שטייבעל פול מיט צאַרנדע איראָניע וועלכער וויל בעהאַלטען פאַר דער וועלט זײַנע אינערליכע ליידען און איבערלעבונגען ·

ראָדענבאַך'ס געדיכט איז עלעגיע, טרויער און אַזוי איז זײַן פּאָעזיע · ניט די „צעשטערונג" פון גרויסע דאָמבען נור די „פערוועלקונג פון קלייניקע בלומען בעווײַנט ראָדענבאַך, דערפאַר איז בײַ איהם ניטאָ דער גוואַלדיגער יאָמער, נאָר אַלע מאָל די שטילע טרעהר ·

ראָדענבאַך'ן, כדי קומען אין אַ טרויעריגע שטימונג, איז ניט נויטיג דערוויסען זיך פון אַ גרויסע וועלט־קאַטאַסטראָפע, ניט נויטיג דאָס עס זאָל פאָרקומען אַ געוואַלדיגע אומרעכט, ווי דאָס פערברעכען פון די אונדאַנקבאַרע און אַכזרי'שע קינדער, וועלכע האָבען אין אַ פראָסט אַרויסגעטריבען זייער פאָטער דעם קעניג ליר, אָדער ווי דער טויט פון די אונשולדיגע, ריינע קאָרדעליע · ניט נויטיג דערפאַר, דען אין דאָס קלענסטע זעהט ראָדענבאַך דאָס גרעסטע, דאָס טרויעריגסטע · ראָדענבאַך איז דער פּאָעט פון פּאַנטעאיזם, ער ווייס ניט פון אונבעדייטענטע, נשמה־לאָזיגע זאַכען, ער ווייס ניט פון קלייניגקייטען, אַלץ איז וויכטיג, אַלץ איז גרויס, אַלץ האָט אַ נשמה און דעריבער וועקען זיך בײַ איהם ניט אויף קיין טרויעריגע געדאַנקען נור דאַן ווען דער ערד־קוגעל ציטערט אין זײַן פונדאַמענט, ניט נור דאַן ווען פון הימעל פאַלען פײַערדיגע שטיינער און עס בליצט און דונערט · ראָדענבאַך שפּאַצירט איבער דעם גרינעם גאָרטען און זעהט ווי די פאָנטאַנען וואַרפען זייערע וואַסערן צום בלויען הימעל, דאָרט אויבען גיט מען אָבער ניט די הסכמה אויף דאָס „דערגרייכען" און די וואַסערן פאַלען צוריק צו דער ערד בעזיעגטע, נידערגעשלאָגענע · בײַ איהם איז דאָ אַ גאַנצער ציקעל פון ליעדער אונטער איין נאָמען „פאָנטאַנען", די גאַנצע מאַכטלאָזיגקייט פון ווילען, די גאַנצע טראַגעדיע פון מענשענס שוואַכקייט און הילפלאָזיגקייט, אַלץ צו וואָס מיר שטרעבען שטענדיג אַזוי איבריג און וואָס ווערט קיין מאָל ניט דערגרייכט — ווערט איבערגעגעבען אין די ליעדער ·

אַלץ האָט אַ נשמה — דריבער וועלקט ניט ראָדענבאַך'ס ראָזע אין הערבסט, נאָר זי הוסט ווי אַ לעבעדיגע זאַך · זי הוסט און אונז חאַפּט אַרום אַ שוידער, אונז ווערט טרויעריג זעהענדיג ווי עס פאַלען די פערוועלקטע בלעטלעך ...

אָט דער בעלגישער פּאָעט איז איינזאַם, נור איינזאַמקייט איז ניט מיזאַנטראָפּיזם: אַ מיזאַנטראָפּ איז שטענדיג אין כעס, בעז · דאָס האָט זיי, די מיזאַנטראָפען, געמיינט דידראָ מיט די ווערטער „נור שלעכטע פאַרשפאַרען זיך אַליין" · ראָדענבאַך'ס איינזאַמקייט איז גאָר אַ אַנדערע, מען מעג איהר מקנא זײַן, דען איהם איז געגעבען געוואָרען דאָס גליק אָנפילען זײַן איינזאַ־

מען צימער מיט פערשידענע געשטאלטען. זייענדיג אליין איז ער דאך אין א גרויסע געזעלשאפט פון פאעטישע פיגורען, ער קען אלע מאל ארויסרופען די, וועלכע זענען איהם טייער. ביי ראדענבאך'ן איז ניטא אין צימער אונבעדייטענדע זאכען, אויף אלעם הענגט דער שלייער פון אינטימע ווארעמקייט, אבער אויך פון שטילען טרויער, פון ווייכען ליזירם, דען אלעם איז פערמשפט געוואָרען צום וועלקען, צום אונטערגעהן.

צוזאמען מיט דעם דייטשען פאעט לענאו, האט ראדענבאך געקאנט וועגען זיך זאגען: „אהן דעם שלייער פון טרויער, בעווייזט זיך מיר קיין זאך ניט אין לעבען".

פאר וואס? אפשר דערפאר וואס „אמת'ע שעהנקייט אין איהר העכסטע שטופע פון ענטוויקלונג, מוז אויפרעגען א עדעלע, נערוועזע נשמה ביז צו טרערען און מעלאנכאליע. טרויער איז אלזא איינע פון די ריכטיגסטע פאעטישע שטימונגען" (עדגאר פאָ).

ראדענבאך אליין האט קיין מאל ניט אפגעלייקענט זיין בעזונדערע צוגעבונדענקייט צו עלעגישע מאטיווען, צו דעם מעלאנכאלישען קלינגען פון די גלאָקען, צו דעם עטוואס געבויגענעם קאפ, צו דער פאעזיע פון אונטערגעהן און וועלקען.

„פאר וואס האסטו מיך אזוי ליעב" פרעגט איינער פון ראדענבאך'ס העלדען ביי זיין כלה. „דערפאר וואס ביי דיר איז אזא אומעטיגעם אויסזעהן", ענטפערט זי...

און מיר אליין, מיר אלע, די לעזער, האבען דען ניט ליעב די פאעטען פאר זייער „אומעטיגען אויסזעהן"? אייגענטליך קיין פרעהליכע פאעטען גיבט גאר ניט. דאס זענען פילאזאפען שטענדיג פרעהליך און פון זיך צופרידען, דערפאר לעבען טאקי פילאזאפען א סך, עלטערען זיך אין וואולטאג פון זייערע סיסטעמען. ניטשע איז דערפאר אזוי יונג געשטארבען, ניטשע איז דערפאר פון זינען אראפ ווייל ער איז געוועזען מעהר פאעט, מעהר קינסטלער אלס פילאזאף; ווייל ער האט מעהר געפרעגט איידער געענטפערט. די פאעטען פרעגען שטענדיג, דערפאר האלטען זיי זיך ניט לאנג אויף דער וועלט. פונקט ווי אלע גרויסע פאעטען איז ראדענבאך יונג געשטארבען.

„ווער דארף זיך היינט צושיידען מיט דער ערד"? ווען די הארץ פון פאעט וועהטאגט מיט אזוינע פראגען דאן קען ער ניט איבער דאס פעלד פון לעבען דורכגעהן מיט א פרעהליכען ניגון.

Durch Wald und Feld zu Schweifen
Mein Liedchen hinzupfeifen
So geht's den ganzen Tag.

דער גרויסער געטהע האָט זיך געקאָנט ערלויבען אַזאַ פּײַפען דען אין זײַנע אויגען איז אַ טעמאַ:

Grün des Lebens goldener Baum.

ראָרענבאַך'ס עלעגישע נשמה האָט אָבער געזעהן ניט נור דעם אויפגאַנג נאָר אויך דעם אונטערגאַנג, ניט נור דאָס בליהען נאָר אויך דאָס וועלקען, דעם טויט פון אַלעם צו וואָס מיר בינדען זיך צו, מיר געבען זיך איבער מיט דער גאַנצער טרײַשאַפט און ליעבע.

„בײַ די בלומען, ווען זיי וואַקסען נאָך, איז דאָ אַ באַרחאַטענער שלײַער אַזאַ אויף די בלעטלעך, וועלכען עס איז קוים, קוים צו בעמערקען. אַפילו בײַ דעם קלענסטען אָנריהרען, בײַ דעם קלענסטען און פאָרזיכטיגסטען, ווערט אָט דער שלײַער, דאָס באַרחאַטענע הײַטעל פערשוואונדען. שווער צו זאָגען פון וואָס דאָס איז בעשטאַנען, וואָס איז פערלאָרען געגאַנגען; נאָר מיר איבערצײַגען זיך, מיר פיהלען אַז עפּעס איז פערלאָרען געגאַנגען" (קאַרל אַלמקוויסט).

און עס דוכט, אַז דאָס „עפּעס" וועלכעס איז אונבעקאַנט, אונבעוואוסט פאַר דאָס רוב מענשען, ווײס ראָרענבאַך, דערפאַר קען ער שוין ניט אָפּקומען נור מיט דעם „וואָס מיר איבערצײַגען זיך דאָס עפּעס איז פערלאָרען געגאַנגען" און זײַן הארץ ווערט פערוואונדעט דאָרט וואו דער פילאָזאָף געהט דורך גלײַכגילטיג.

„עפּעס איז פערלאָרען געגאַנגען", דאָס איז די הויפּט קאַנוואַ אויף וועלכע ראָרענבאַך נעהט זײַנע פּאָעטישע קווײַטען, שטענדיג מעלאַנכאָלישע, שטענדיג ליריש-ווייכע און עלעגישע. די גלאָקען פון טויטען ברוגע דאַרפען ניט אויפהערען קלינגען, דען די נשמה פון פּאָעט ווײס ניט קיין רוה און איז שטענדיג פעראומערט און פרעגט אַלע מאָל:

„ווער דאַרף זיך הײַנט צושײַדען מיט דער ערד"?

בײַ איהם איז געווען אַ זעלטען אַדעלע, אַריסטאָקראַטישע געזיכט און פיעלע וועלכע מײַנען דאָס אויף דער וועלט מוז מען קומען מיט שטאַרק-ענטוויקעלטע מוסקעלן אום צו קעמפפען, צערשטערען, האָבען צוגערעכענט ראָרענבאַך'ן צו די קאַטעגאָריע מענשען וועלכע מיר רופען אַן „מיעדע". ער איז ווירקליך געווען מיעד פון דעם מוראַוועניק, פון דעם וואַנדאַליזם וועלכער האָט זיך פערגעסען שעצען דאָס אַלטע, די פערגאַנגענהייט. איהם איז געווען העסליך די אינדוסטריעלע-איילעניש, וועלכע לאָזט ניט דעם מענשען צוקוקען זיך צו די שעהנקייטען, וועלכע זענען פערנאַנדער געוואָרפען אין יעדער ווינקעל, צו דאָס „געטליכע" וועלכע איז שטענדיג אַרום אונז און וועלכע מיר ווילען ניט בעמערקען. ראָרענבאַך האָט געהאַט דאָס אומגליק, מײַנען, דאָס ניט נור „אַרבײַטען" דאַרף זײַן די הויפּט-אויפגאַבע פון מענשען נאָר אויך „טראַכטען". ער איז געווען מיעד; ער, וועלכער האָט אַזוי געשעצט דאָס „שוויי-

גען" האָט ניט געקאָנט לאַנג בלײַבען אין פּאַריז וואו מען האָט איהם ליעב געהאַט. זײַן נשמה האָט געבענקט נאָך פלאַנדריאַ, נאָך דעם טויטען ברוגע, נאָך די קאַנאַלען און קלויסטערס, וועלכע פלעגען מיט זייער טרויעריגען קלינגען בעגלײַטען די אַלטע קולטור און אָנזאָגען דאָס דער טויט איז נאָהנט, דאָס „עפּעס איז פערלוירען געגאַנגען".

„עפּעס" פאַר אַלעמען, אָבער „אַלץ" פאַר ראָדענבאַך'ן. ער איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר אין דעם שענסטען זין פון דאָס וואָרט, ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ זעלטענע ליעבע צו אַלטע זכרונות, ער האָט געפיהלט די שעהנקײַט פון עראינערונגען, „אָט דעם איינציגען גן עדן, פון וואַנען מען קאָן אונז ניט אַרויסטרײַבען...

דאָס „נײַע" ערקלערט אַ מלחמה דאָס „אַלטע", פערגעסט אָן אַלע פערדיענסטען פון דער פערגאַנגענהײַט. ווי בעשיצט מען די גראָה-אַלטע קולטור פון דעם נײַעם קאַניבאַל? אונטער די טויערן שטעהט אַטילאַ מיט העק און ווילעס, ווי האַלט מען אָפּ אָט די גרויסע מחנה זיגער? ראָדענבאַך איז ניט קײַן מענש פון קאַמפּף, פון פּראָטעסט, זײַן העלד דער אַרחיטעקטאָר וועלכער זעהט זײַן מאַכטלאָזיגקײַט בעגעהט זעלבסט-מאָרד, וואַרפט זיך אַראָפּ פון טהורם, ניט קענענדיג שיצען דאָס „אַלטע" פון דאָס אונדאַנקבאַרע, באַרבאַר'שע „נײַע".

ראָדענבאַך איז געשטאָרבען אַ יונגער...

ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט...

ניט אַלע פערשטעהען איהם נאָך, נור אַלע וועלכע האָבען זיך געגעבען די מיה צוצוטרעטען צום איהם נאָהנט, ליעבען איהם שוין, דען מען קען ניט ניט פיהלען, ניט נור די שענקײַט פון זײַן נשמה נאָר אויך די טיעפקײַט פון זײַן אמת...

ש. גאָרעליק.

מאַרסעל (פראַנקרײַך) 20טען מערץ.

ברוך דער דארפס־שמיד*

בָּרוּךְ דֶער דָארְפְסשְׁמִיד.

ברוך דער שמיד און חנה זיין ווייב זענען די איינציגע יודען אינ'ם דאָרף וואָראָבי. אַמאָל איז וואָראָבי פול געוועזען מיט יודען. געוועזען: איטשע דער שענקער — צוליעב דעם מאָנאָפּאָל האָט ער געמוזט עוקר זיין, זעליג דער מילנער, לייזער דער קרעמער און מענדעל דער קליין=וואַלד=הענדלער — האָט מען זיי צוליעב ניי=בעזעצונג אַרויסגעטריבען...

איינזאַם, איינע אַליין זענען ברוך און חנה אין וואָראָבי געבליבען. די קינדער זייערע האָבען שוין אויך לאַנג דאָס דאָרף פערלאָזען, און די אַרומיגע שטעדטלעך וואוינען זיי אַלע: ווער אין יאַטעווקע, ווער אין מוהאַלקע און ווער אין בערעסטעווע. פיינע בעלי=מלאכות זענען זיי: איין זוהן אַ שוסטער, דער צווייטער אַ שניידער און דער דריטער, דער מיזיניקעל, גאָר אַ טישעסליער — אָבאָרעס, שניערן אין די פריצישע הויפען בויט ער.

ברוך איז גאַנצענע טעג אין קוזניע פערנומען. אַ נאָמען פון אַ גוטען שמיד האָט ער אין דער גאַנצער געגענד; פון אַרום און אַרום שלעפּט מען אַרבייט צו איהם; די וואָראָביער גוים, איבערהויפּט די אַלטע, האַלטען זיך גרויס מיט זייער „קאָוואַל“, בעריהמען זיך אומעטום מיט זיינע חריפות'קייט אין שמידערי=זאַכען. „אַזוי ווי אונזער ברוך מאַכט אַ סאָחע — זאָגען זיי — וועט מען שוין אפילו אין „פּעטאַמבורעג“ אַליין אויך נישט מאַכען בעסער!“

חנה האָט גענוג אַרבייט אין שטוב, עסען צו דער צייט צוגרייטען, דאָס פיהעלע איהרע אַרומזעהען. אַ פּראָסטע יודינע איז חנה, כמעט אַנ'אמת'ע פויערטע. קאָכט אין שטוב אַלע גוישע אכילות: „קוטיאַ“, „טאָלקאָניצאַ“, „סוויִרעפּאַ“. זשאַלעוועט זאַלץ אין דאָס ברויט ביים באַקען: זאַלץ קאָסט געלד, און דאָרף וואַקסט עס נישט. פלעגט אַמאָל קראַנק ווערען אַ קינד ביי איהר, פלעגט זי אַלע גוישע רפואות אויספּרובירען: אַ

גאַנצע גלעזעל שמאַלץ מיט אַמאָל אויסטרינקען געבען, אַ גלאָז צום בויך צושטעלען, צוריבענע זשאַבע־שיסעלעך צום אָרט, וואו ס'טהוט וועה, צולעגען, מאַחאָרקע פערקאָכען און דאָס וואַסער פון דעם צו ביסעלעך טרינקען געבען . . .

ברוך און חנה בענקען געוואַלדיג נאָך די קינדער. זיי דערוואַרטען זיך קוים אַ גוישען יום־טוב, ווען וועניגער אַרבייט אין קוזניע איז דאָ, מ'דינגט פאַר 3 טעפ זאַלץ אַ גוישע פוהר און מ'פאָהרט אין „מקום" צו אַ קינד צו גאַסט. מ'פיהרט מיט זיך מתנות: עטליכע טרוקענע קעזלעך, אַ שעסנאַסטקע קאַרטאָפעל: זאָלען די אייניקלעך נישט זשעדנע זיין אַ קאַרטאָפעל, אין שטאָדט קאָסט דאָך עס טייער . . .

חנה'ן געפעהלט נישט גרייליך דאָס לעבען ביים זוהן אין שטוב: עפּעס עסט מען גאָרנישט ביי איהם, אַ „גריצעל" מיט אַ פּאָר קאַרטאָפליעס קאָכט מען אָב און מיט דעם לעבט מען אַ גאַנצען טאָג! . . . אַזוי האָבען דען די קינדערלעך געגעסען ביי איהר, אין דאָרף? גאַנצע טעפּ „טאָלקאַניצע" פלעגט מען דאָך טאָג־טעגליך אויפעסען! אַרבעס האָט דען געפעהלט? פאַסאָליעס וועניג געווען? ווי די „באָרסוקעס" האָבען דאָך די קינדערלעך ביי איהר קליינוויי־אויף אויסגעוויזען! . . . און די אייניקלעך אַצונד? אוי, ווי אויסגעמאָגערט, ווי פע'חושכ'ט זיי זענען! . . . זיי ווייסען דען וואָס אַ גלעזעל מילך, אַ איבעריגע שיסעלקע אַרבעס איז? . . נעהמט זי צוריק מיט זיך אין דאָרף אַ פּאָר אייניקלעך. אויף עטליכע וואָכען, אויף „פּאָפּראַווען זיך" בעט זי זיי אויס ביי דער שנור און פאָהרט צוריק צופרידען: וועט האָבען אַרום וועמען אַרומגעהן, וועט האָבען וועמען צוצוזעהן . . .

קומען ברוך מיט חנה'ן צוריק אין וואָראָבי, וואַרט מען אויף נאָך אַ „חגא", מ'צעהלט די טעג, מ'זאָל קענען פאָהרען אַ צווייטען קינד בעזוכען . . .

ס'פעהלט קיין פרנסה נישט ברוכ'ן און ס'לעבט זיך איהם גאָר נישט שלעכט אין דאָרף, אָבער „איין יוד" איז ער אין וואָראָבי געבליבען, און אַז עס קומט שבת, פאַלט אויף איהם אַ אומעט אָן: ניטאָ קיין מנין, ניטאָ וואו צו דאַוונען . . .

ציהט אַרויף אויף זיך ברוך שבת אין דער פריה דעם טלית. הויבט אָן צו דאַוונען, ס'פערקלעמט אָבער דאָס האַרץ, די ווערטער געהען פון מויל נישט . . . וואָלט ער זיך פאַר'ן ווייב נישט געשעמט, וואָלט ער זיך פונאַנדערגעוויינט . . .

. . . . יאַשקאַ, בויטרוק געהען דאָך אויך זונטאָג אין צערקווע —

טראַכט פערבּיטערט בּרוך — און איך ? ערגער פון אַ פּראָסטען גוי בּין איך דאָך ! הער איך דען גאָטס וואָרט אַמאָל ? ווייס איך דען וואָס אַנ׳עליה איז ? . . .

אַמאָל, שוין לאַנג, האָט אינ׳ם נאָהנטען הויף אַ יוד אַ פּאַסעסער געוואוינט. אַ שטענדיגער מנין איז בּיי איהם אין שטוב געווען. פלעגט קימען אַ שבּת, אַ יום=טוב, פלעגען זיך אַלע ישוב׳ניקעס פון די נאָהנטע דערפער צום מנין צונויפקומען. דאָרט האָט מען זיך געזעהן אַיינע מיט די אַנדערע, אַלע וועלט=נייעס זיך אָנגעהערט: צום פּאַסעסער איז דאָך אַ „בּלאַט" געגאַנגען . . .

מעהר יודישליך, אין אַ הייליגער שטימונג פלעגט זיך בּרוך שבּת בּיים מנין פיהלען. אַ פולע שטוב מיט יודען, בּרוך גיט יערען שלום=עליכם: אַ יוד צווישען אַלע יודען. מען דאַווענט, די עברי געהט איהם אפילו שווער צו, ער קען קוים דעריאָגען דעם חזן, מוז זיך גוט צוציעלעווען, ווי אויסצושיסען פון אַ בּיקס, צו יעדער „בּרוך הוא וברוך שמו" און „אמן". ער איז אָבער צופרידען: מיט׳ן מנין דאַווענט ער, גאָטס ווערטער הערט ער... מען לייענט די תורה: דאָס האַרץ הויבּט איהם אָן שטאַרק צו קלאַפּען: האָט מורא, טאָמער וועט מען איהם מפטיר געבּען . . . אַ שווערע זאַך פאַר איהם דער מפטיר: אַזוי פיעל בּרכות מאַכען, דערצו נאָך דאָס ענדיגען מיט׳ן נגון דעם לעצטען פּסוק פון דער הפטורה. די סדרה דערגעהט שוין צום סוף . . . „רבּונו של עולם! חאָטש גלילה זאָלען זיי מיר געבּען, אַבּי ניט מפטיר!" בּעט זיך בּרוך רחמים בּיים אויבּערשטען. נאָר ס׳העלפט נישט, — מ׳רופט איהם שוין אויף צו מפטיר. ער וואַרפט אַ בּליק פול מיט שנאה צו זיינע שכנים: זעליג דעם שענקער און לייזער דעם קרעמער. ער ווייס, אַז דאָס איז זייערס אַ שפּיצעל. זיי רייךען דאָס איין אַלעמען, מען זאָל איהם אַזוי אָפט מיט מפטיר מכבּד זיין, כדי דער מנין זאָל האָבּען אַ בּיסעל הנאה פון זיין עברי זאָגען . . .

אַ צייט שטעהט בּרוך פערטראַכטערהייד. דער טלית אויף די פּלייצעס, דער סדור פאַר די אויגען, נאָר די געדאַנקען זיינע שוועבּען אַרום מנין . . . אַ געוואַלדיגע בּענקשאַפט נעהמט אַרום זיין האַרץ . . . אַוואו נעהמט מען דעם אַמאָליגען מנין ? . . געקושט, געהאַלזט וואָלט ער אַצונד דעם שענקער, לייזער דעם קרעמער . . . זאָלען זיי נור זיין, חאָטש איין מאָל אין וואָך אַ יודען אָנקוקען . . .

קוים קוים, מיט פערשטיקטע טרעהרען אין האַלז, פערענדיגט בּרוך

זײַן דאַוונען, מאַכט קידוש, עסען גלוסט זיך נאָך נישט, הויבט ער אָן אַרומגעהן אַהין און צוריק איבערן בעשאָטענעם מיט געלען זאַמד „טאָק״.

חנה האָט שוין לאַנג ווי עס איז אָבגעדאַוועט, זיצט נעבען טישעל, קוקט זיך צו מיט גרויס פערגעניגען, ווי איהרע צוויי אייניקלעך, וועלכע גאַסטיען בײַ איהר אַצונד, שפּיעלען זיך מיט דער קאַץ. אָט יאָגען זיי איהר אָן, ווילען איהר ווײַדעל אין אַ צושפּאָלטענעם פלעקעל אַרײַנזעצען, נאָר די קאַץ רײַסט זיך אַרויס פון זײַערע הענד און פערקלײַבט זיך טיעף אין קאָטוך. זיי קריכען אויף אַלע פיער אויך אַהין אַרײַן... חנה פיהלט גאָר נישט קיין שום אומעט נאָכ׳ן מנין: די אייניקלעך זענען דאָ, וואָס דאַרף זי נאָך?...

לאַנג, לאַנג געהט אַרום ברוך אין האַטע פון איין ווינקעל צום אַנ־דערן און איז פערזונקען אין מחשבות. שבת יאָווען זיך אַזוי פיעל מחשבות אין קאָפּ... טראַכט וועגען זײַן זיידען, וועלכער איז אויך אַ שמיד אין וואָראָבי געווען און פונדעסטוועגען אַזוי פײַן לערנען געקענט... דערמאָהנט ער זיך פלוצים, ווי דער אָרב טאַטע זײַנער איז געשטאָנען, קיין גוי אין גאַנצען דאָרף האָט דעמאָלט געוואָלט זײַן פערד און וואָגען פערדינגען, אום דעם געשטאָרבענעם אין שטאָדט אַוועקפיהרען... מ׳האָט דעמאָלט גערעדט אין דאָרף, אַז ווער ס׳פיהרט אַ יודישען מת — פגר׳ן אוים בײַ איהם די בהמות אין „האָמפּאָדאַרקע״... קוים אַנ׳אַלטען, קרעציגען פערדעל בײַ אַ „באַטראַק״, וואָס האָט מעהר ווי דאָס שטיקעל בהמה נים פערמאָגט, גע־קריגען... די גויים האָבען דעמאָלט חוזק געמאַכט... אַצונד איז ער שוין אַליין אַלט, וועט מען איהם אויך אַזוי פיהרען נאָכ׳ן טויט?.. ס׳גיט עפּעס אַזוי אַ ציטער דאָס האַרץ... חאָטש אַ יאָהר, חאָטש אַ האַלב יאָהר פאַר׳ן טויט אין „מקום״ אַרויספאָהרען...

דער זומערדיגער שבת שלעפּט זיך עפּעס מאָדנע לאַנג. אַנ׳אָביקומעניש איז ער פאַר ברוכ׳ן. געהט אַרום אַ גאַנצען שבת און געגעצט, האַלט זיך איין פון שלאָף: נים געדאַוועט מיט׳ן מנין און נאָך שלאָפען אום שבת! וועט דאָך גאָר פון איהם אַ „יורקע״ ווערען... פּרובט ער אַרײַנקוקען אין אַ חומש — פערשטעהט ער דאָרט איין וואָרט פון הונדערט... זיפצט ער שווער אָב און לעגט איהם צוריק אַוועק. פון די גויים דערווײַטערט ער זיך שבת: וויל זיך נישט וואָכעדיג מאַכען. עפּעס ווײַט פיהלט ער זיך פון שבת. ער דערוואַרט זיך קוים פאַרנאַכטצײַט, געהט אַרום פאַרבײַ דער האַטע און קוקט אויפ׳ן הימעל, וואַרט, ביז וואַנען ס׳וועט זיך אַ שטערן

ווייזען, ווען ער קענען מעריב דאַווענען, צוריק וואַכעדיג ווערען און דער שבת'דיגער אומעט וועט אויפהערען זיין האַרץ צו נאַגען...

עס געהען צו צו איהם עטליכע אַלטע גוים, גיבען אַב „דאָברי וועטשער", שטעלען זיך אַוועק נעבען איהם און הויבען אויך אָן אויסקוקען אומגעדולדיג אַ שטערן אין הימעל... זיי ווייסען, אַז אָהן אַ שטערן וועט זיך ברוך נישט שטעלען צו דער „נאַצנער מאָדליטווע" און פאַר דעם וועט מען ביי זיין ווייב חנה'ן קיין סחורה נישט קריגען, דאָס הייסט: שמעק־טאַבאַק, מאַחאָרקע און נאָך אַזעלכע אַרטיקלען, מיט וועלכע זי האַנדעלט צו, זינט ס'איז לייזער דער קרעמער פון דאָרף אַרויסגעטריבען געוואָרען.

די אַזויערע, וועלכע ציהט זיך אויף יענער זייט וועג נעבען ברוכ'ס חאַטע בעקומט אַלץ מעהר אַ שטאָל־קאָליר פון די טונקעלע שאַטענס, וואָס בעדעקען זי ביסלעכווייז צו. פון צייט צו צייט שפרינגען אַרויס קליינע פי־שעלעך פונ'ם וואַסער, גיבען אַ גלאַנץ אין דער לופטען מיט אַ זילבערנעם זייטעל און פאַלען באַלד צוריק אין וואַסער אַריין. די גויים בעמערקען: „ביינאַכט וועט זיין אַ רעגען." אַלע פערקוקען זיך אויף די פישעלעך, ווי זיי שפּיעלען זיך אין וואַסער, מען שמייכעלט איינער צום אַנדערן און מען בעגלייט יעדערס אַרויסשפרינגען פונ'ם וואַסער מיט איינצעלנע ווערטער: „אַ־נוליאַ", „באַטשיש?", „קאַב יעיאָ!"

דערווייל ווערט פינסטערליך. שטערן אויפ'ן הימעל — וויפיעל דאָס האַרץ געלוסט! ברוך גיט זיך אַ חאַפּ, לויפט אַריין אין חאַטע און דאַווענט אָב מעריב. נאָך מעריב געהט ער שוין אַרויס צוריק אין דרויסען מיט אַ פערראויכערטער ליולקע. די גויים רויכערן שוין אויך, מען צוזעצט זיך אויפ'ן פריזבע.

—כ'פאָהר אַזוי איינמאָל פון קערמאַזש—הויבט אָן דערצעהלען ליעוואַן, אַנ'אַלטער גוי, קוים וואָס ער שלעפּט זיך — אַ בלאָטע געווען, אַסיען געווען, ביינאַכט געווען, כ'פאָהר אַזוי נעבען קאַמויקע... ניין, „ליודקאָ־וויע", ניט נעבען קאַמויקע, נור נעבען ליפעצע און אפשר?... וואַרטץ, „ליודקאָוויע!"... יאָ, יאָ טאַקי נעבען קאַמויקע, כ'פאָהר אַזוי, שטעלט זיך פּלוצים די קאָבילע, שריי איך: „אַ נו!" — די קאָבילע וויל נישט געהן... נו, קריך איך אַראָב פון וואָגען. „אַ־נו־ליאַ" — ליעגט אַ געבונ־דענער שעפּס אויפ'ן מיטען וועג... טראַכט איך מיר: אַ „דורני" געפאָהרען צום קערמאַזש, האָט אָנגעוואָהרען... נו, האָב איך זיך דערפרעהט, גענומען אַרויפגעלעגט דעם שעפּס אויפ'ן וואָגען און אַוועקגעפאָהרען ווייטער... כ'פאָהר, כ'פאָהר, ס'האָט שוין בעדאַרפט זיין די גרעבליע פון אונזער

אָזױעֶרע, „דזיִװונאָ ליאַ!“, ניִטאָ! װאָס מײַנט איהר „ליודקאָװיעֶ“? אַ גאַנצעֶ נאַכט האָב איִך אַזױ געֶפּלוטעֶט... עֶרשט פאַרטאָג, אַז די העֶהנעֶר האָבּעֶן שױן אָנגעֶהױבּעֶן קרעֶהעֶן, גיִט דעֶר שעֶפּס אַ שפּרונג אַרױס פון װאָגעֶן און לאַכט זיִך װיִלד פונאַנדעֶר!... קאַלט איִז מיִר אונטעֶרן „שױטקעֶ“ געֶװאָרעֶן און דאָס האַרץ האָט געֶקלאַפּט: טוק, טוק, טוק, פּונקט װי אַ דיאַטיעֶל איִן װאַלד!... כ׳קוק זיִך אַרום: איִך שטעֶה אײַנגעֶגריאַזיעֶט איִן די ליעֶסאָװוטשיִזנעֶר בּלאָטעֶס!...

— אַ שד!... בּרומעֶן די גױים.

— אַ „װאָוקולאַק“ איִז עֶרגעֶר — רופט זיִך אָפּ בּױטרוך טיעֶטיעֶרקאָ, דעֶר „סאָטסקי“ פון דאָרף — אַ װאָוקולאַק אַז מ׳טשעֶפּעֶט — װעֶסטו שױן מיִט דײַן אײַגעֶנעֶם טױט ניִשט שטאַרבּעֶן!.. בּײַם לאַשיִניאַנעֶר פּריץ האָט זיִך אַמאָל אַ „װאָוקולאַק“ פעֶרנאַדזשעֶט. מ׳שטעֶהט אױף אַמאָל איִן לאַשיִניאַן איִן דעֶרפריִה, זעֶהט מעֶן — ס׳איִז דעֶר גאַנצעֶר סאָד צוגראָבּעֶן. מ׳שטעֶהט אױף איִן לאַשיִניאַן דעֶם צװײטעֶן טאָג, זעֶהט מעֶן — ס׳איִז ניִטאָ די גאַנצעֶ „סאַלאַ“ און דאָס גאַנצעֶ פּלױט פון „קליעֶט“... „זשליעֶליאַ!“... קומעֶן איִן דעֶרפריִה די פּאַרובּקעֶס צום פּריץ און בּעֶטעֶן זיִך בּײַ איִהם, װײַנעֶן אַזש: „פּאַנאָטשקו, שיִק נאָך אַ זנאַחאַר, װעֶט עֶר דעֶם „װאָוקולאַק“ פעֶרטרײַבּעֶן!“.. לאַכט דעֶר פּריץ, „בּלאַזני ליאַ“, און זאָגט צו די פּאַרובּקעֶס: כ׳װעֶל איִהם אַלײן פעֶרטרײַבּעֶן!... נו, געֶקומעֶן די נאַכט, נעֶהמט דעֶר לאַשיִניִנעֶר פּריץ זײַן בּיִקס און שטעֶלט זיִך אַװעֶק היִטעֶן דעֶם „װאָוקולאַק“...

— חעֶ, חעֶ, חעֶ! — צולאַכעֶן זיִך אַלעֶ גױים אױפ׳ן פּריזבּעֶ — „אָ טאָ דורני!“ מיִט אַ בּיִקס אַקעֶגעֶן אַ װאָוקולאַק? חעֶ, חעֶ, חעֶ!.. װאָס אַ פּריץ קעֶן!..

— גריִנגעֶ מחות בּײַ די פּריציִם, זײ װײסעֶן דעֶן װאָס זײ טהועֶן?

— ציִהט װײַטעֶר בּױטרוך טיעֶטיעֶרקאָ — אַ װאָוקולאַק טאָר מעֶן ניִט טשעֶפּעֶן! מיִט אַ װאָוקולאַק דאַרף מעֶן געֶהן נאָר מיִט גוטעֶן, אַ װאָוקולאַק, אַז עֶר װיִל, טהוט עֶר אַמאָל אַ מעֶנשעֶן אַ טובה אױך!.. נו, „ליודקאָװיעֶ“ אַװאָו האָב איִך געֶהאַלטעֶן?.. יאָ, קומט בּײַנאַכט דעֶר װאָוקולאַק, נעֶהמט דעֶר פּריץ דעֶר „בּלאַזני“ און שיִסט איִן איִהם אוים! דעֶר װאָוקולאַק איִז אַזױ װי איִן דעֶר עֶרד פעֶרפאַלעֶן געֶװאָרעֶן!.. נו, קלוגעֶ מעֶנשעֶן האָבּעֶן דעֶמאָלט בּאַלד געֶזאָגט: „זשליעֶ בּודיעֶ“ — דעֶר װאָוקולאַק װעֶט ניִשט שװײַגעֶן... „אַ-נו-ליאַ“ ס׳איִז אַװעֶק קױם אַ װאָך און דעֶר לאַשיִנעֶר פּריץ איִז פעֶרפאַלעֶן געֶװאָרעֶן!.. האָט מעֶן איִהם געֶזוכט אַ טאָג,

צוויי, דריי, פיער — „נימא!״ אויפ׳ן פינפטען טאג האט מען איהם געפונען אין וואלד אנ׳אויפגעהאנגענעם!...

די לעצטע ווערטער בויטרוק׳ס ווארפען אן עפעס א שרעק אויף די גוים. מ׳סאפעט האסטיג מיט די ליולקעס און מ׳זיצט שטיל, פערטיפט יעדערער אין זיינע געדאנקען און שווער ריהרען זיך די געדאנקען אין זייערע קעפ, ווי א סאחע אין הארטער, קיינמאל געאקערטער ערד...

מיחאלקע „סינאר״ — אנ׳אלטער און קלוגער גוי, וועלכער האט דאס צונעמעניש „סינאר״ געקראגען אין דארף צוליעב זיין אנגעלעזענהייט אין די היילינגע ספרים און ליעב־האבען שענע מעשיות דערצעהלען — וויל זיך דערמאהנען עפעס א מעשה. איהם פערגלוסט זיך געוואלדיג עפעס דערצעהלען. מעשיות ווייס ער אפילו א סך, נאר ער האט ליעב צו דער־צעהלען יעדעס מאל א נייע, האט פיינט איבער׳חזר׳ן די אלטע. שטאפט ער אן די ליולקע מיט טיטון און טראכט, טראכט... און דערמאהנט זיך א מעשה פון א גרויסער שטאדט: ס׳איז פארהאן אין א שטאדט זעהר א רייכער סוחר, איז יעדעס יאהר אין זיין געבורטס־טאג צוטיילט ער אין גאנץ שטאדט אויף יעדען נפש צו פלעשעל בראנפען, צו גרויסע ווייסע בולקע, צו פעקעל מאהארקע און צו פעקעל שוועבעלעך...

— אזוי, אזוי! — פערוואונדערן זיך שטארק די גוים, אויסהערענדיג די מעשה — צו פעקעל מאהארקע און צו פעקעל שוועבעלעך אויך, זאגסטו מיחאלקא?

מיחאלקא פוילט זיך נישט און דערצעהלט די מעשה נאך אמאל. די גוים סמאקעווען מיט די ליפען און חזר׳ן איבער יעדער פאר זיך: צו פלע־שעל בראנפען, צו בולקע, צו פעקעל מאהארקע און צו פעקעל שוועבע־לעך... אוי, ווי גוט דאס איז!.. אט דאס מוז זיין א גוטער מענש, יענער סוחר!..

— אויף יעדער נפש פון גאנצען שטאדט, זאגסטו מיחאלקא? — וואונדערט זיך ליעוואן — אויף קליינע קינדער אויך?

פאר די קליינע קינדער נעהמען אב זייערע טאטעס! — ענטפערט מיחאלקא — וואס פערשטעהסטו דאס נישט? אזוי איז פארט דער ווילען פונ׳ם רייכען סוחר!

די גוים לאזען אראב די קעפ און פערטראכטען זיך. אין זייערע הער־צער דערוועקט זיך א שטארקע קנאה צו די גליקליכע איינוואוינער פון יענער שטאדט... הלואי וואלט עס אין זייער דארף אזא רייכער סוחר געוואוינט!...

די נאַכט איז אַ דונקעלע, ס'איז וואַרים, שטיל. ס'ציהט זיך פון ערגעץ ווײַט אַ לײַכטער ריח פון גריקעאַפּויבליהעלץ. די אָזיערע פערציהט זיך מיט אַ ווײַסליכען נעבעלקלייד. פונ'ם וועג דערטראָגט זיך אַ טופּערײַ פון צעהנדליגער פערדישע פיס און אַ געזאַנג פון יונגע שקצים: דאָס פאָהרט מען אויף „נאָטשליעג״ אויף דער גרויסער לאָנקע, וואָס איז אויסגעשפּרײט אויף יענער זײַט אָזיערע. די פערד וועט מען דאָרט אַ גאַנצע נאַכט פּאַשען. „פּוסטעס״ וועלען זײַ די שקצים אויף די פערערשטע פיס אַנטהון און אַלײן זיך לעגען שלאָפען אונטער'ן בלויען הימעל, צודעקענדיג זיך מיט די וואַרימע „קאָזשוחעס״ און גראָבע „שוויטקעס״. נור צוויי שומרים וועט מען איבערלאָזען די פערד היטען, אַ געוואַלט מאַכען, ווען פערד־גנבים וועלען זיך בײַנאַכט צום נאָטשליעג צורוקען...

ברוך דערמאָהנט זיך, ווי ער האָט אַמאָל יונגעלווײַז אַ גאַנץ זומער צוזאַמען מיט די שקצים אויף „נאָטשליעג״ געפאָהרען... אַ שלעכטער זומער געווען, ווענינ אַרבײַט אין קוזניע געווען. האָט דער טאַטע זײַנער אַ פערד געקויפט, שטײַנער אַ גאַנץ זומער געפיהרט צום שאָסע, וואָס מ'האָט עטליכע מײַל ווײַט פון דאָרף געבויט: מיחאַלקע „סינאָד״ איז נאָך דעמאָלט אַ יונגער שײַגעץ געוועזען, זײַן בעסטער חבר געווען, מיט איהם צוזאַמען אויף אײַן „שוויטקע״ גאַנצענע נעכט געשלאָפען..., מיט גרויס ליעבשאַפט גיט ברוך אַצינד אַ קוק אויף מיחאַלקע „סינאָד'ן״, מישט זיך פלוצים אַרײַן אין געשפּרעך, דערצעהלט אויך אַ מעשה, ווי בײַם פּאַסעסער האָבען זיך אַמאָל ווילדע חזירים אין די קאַרטאָפעל פערנאַדושעט...

ברוך פיהלט זיך שוין וואָכעדיג, זײַן שבת'דיגער אומעט איז שוין אַוועק, דאָס האַרץ האָט שוין אויפגעהערט צו נאָגען, פיעל נעהנטער פיהלט ער זיך יעצט צו די גויים...

פאַרטאָג גלײַך מיט דער זון שטעהט ברוך זונטאָג אין דערפריה אויף. דאַווענט אָב, עסט אויף גיך אַ שיסעלקע „טאָלקאַניצע״ און לויפט צום קוזניע, וואָס שטעהט דיכט נעבען ברעג אָזיערע.

די זון האָט זיך שוין דערווײַל אַרויסגע'גנב'עט פון הינטער'ן וואַלד, האָט פערשטעלט דאָרט ווײַט־ווײַט דעם גאַנצען האָריזאָנט, און האָט מיט איהרע וואַרעמע שטראַהלען אָנגעהויבען צוטרײַבען דעם נעבעל, וואָס העננט איבער'ן אָזיערע. דער אַויר, וואָס וואַקסט נעבען ברעג, שלאָפט פער׳־איבער׳ן חלום'ט און וואַרט, אַ ווינטעלע זאָל איהם פון שלאָף אויפוועקען... שטיל שטעהען די בעריאָזקעלעך נעבען קוזניע, קײן צווײַגעלע ריהרט זיך נישט אויף זײַ. פון דאָרף דערטראָגט זיך נישט דער מינדסטער שאָרך, יום־טוב

הײַנט — אײַלט מען זיך נישט מיט׳ן אויפֿשטעהן. שטיל, שטיל אַרום . . .

נאָר אָט הויבען זיך אָן צו טראָגען פֿון קוזניע האַרטע מעטאַל־קלאַנגען. די קלאַנגערײַ פֿערפֿולט די גאַנצע לופֿט און וועקט די שלאָפֿענדע נאַטור און מענשען אַרום און אַרום.

אין דאָרף האָבען מסתמא די ערשטע דערהערט ברוכ׳ס קלאָפּערײַ די שקצים מיט שיקסעס, די פּאַסטיכער, וואָס שלאָפֿען אין דרויסען אין די „קליעטיען“, וואָרום באַלד האָבען זיך בעוויזען אויפֿ׳ן וועג נעבען אָזערע אָקסען מיט יונגע ביטשקעס. האָפּ! אַליאָ! שרײַען די יונגע פּאַסטיכער, אָנטרײַבענדיג די אָקסען, און קנאַקען מיט די לאַנגע בײַטשען. מ׳אײַלט זיך שוין, עס איז שוין שפּעט, מ׳האָט פֿערשלאָפֿען. די אָקסען אײַלען זיך אָבער גאָר נישט. זײַ געהען סאָליד, שטעלען זיך אָב, בעשמעקען די ערד, טרײַבען זײַ די פּאַסטיכער אָב, לאָזען זײַ אַרויס אַ ריק, אַז מ׳הערט אין צעהנטען דאָרף. די יונגע ביטשקעס, וועלכע געהען נאָך די אַלטע אָקסען, עפּעס פֿערטראַכט זײַן זיך, ווי די קלײַנשטעדטעלדיגע יונגע בעל־הבית׳לעך, דערהערענדיג דעם ריק, שטעלען זיך אָב, אַזוי ווי זײַ ווילען זיך עפּעס דערמאָהנען און פּלוצים הויבט מען אָן עגטפֿערן אויף אַלע כלים . . . לאַנג, לאַנג טראָגען זיך אַרום זײַערע קולות, ביז וואַנען זײַ ווערען ערגעץ פֿערהילכט אין די קושאַקעס אויף יענער זײַט אָזערע . . .

עס סקריפּען שוין אין דאָרף די „זשוראַווען“ בײַ די ברונימער, אײנציגע קולות פֿערטראָגען זיך פֿון דאָרט. דיניקע זײַלען רויך הויבען זיך אָן בעווײַזען כמעט מיט איין מאָל פֿון אַלע קוימענס. ראָזליך, בעגילדעט פֿון די זון־שטראַהלען ציהען זײַ זיך גלײַכע־גלײַכע צום הימעל, אין לופֿט צוטראָגט זיך אַ געשמאַקער ריח פֿון פֿערברענטע יעגלינע־צווײַגען. עפּעס דערפֿרישט אַזוי דער ריח און מאַכט פֿרעהליך די גויים, וואָס זעגען נאָר וואָס נאָך האַלב־פֿערשלאָפֿענע אַרויסגעקראָכען פֿון די חאַטעס, אַז זײַ הויבען אָן ווינצלען זיך מיט די אַנטקעגענדיגע איבערן וועג שכנים.

פֿול מיט פֿרישען טוי זענען נאָך בעדעקט די שמאָלע, גרינע לאָנקעלעך, וואָס ציהען זיך פֿון די חאַטעס צו די שײַערן. די יונגע „פּאָדסאָלנוחעס“ אין די קלײנע גערטעלעך פֿאַר די חאַטעס שטעהען פֿרישינקע, אַרומגעוואַשענע און שמײכלען חנ׳עוודיג מיט זײַערע געלע קעפּעלעך צו דער זון, וואָס בעוואַרימט זײַ אַזוי ליעבליך. עס זשוושען שוין די בינען אַרום די בינשטאָקען, זײַ אַרבײַטען שוין, זײַ ווײסען פֿון קײן זונטאָג נישט . . .

די זון הויבט זיך אַלץ העכער, ס׳ווערט הײסער. גויים מיט גויעס קלײַבען זיך שוין אין צערקווע. די גויים טראָגען אין די הענד די שטיוועל,

דיִ גויעם — דיִ שיִך : פאַר דער צערקווע ווערט מען זיי אָנטהון , דערווייל איִז אַ שאָר . . . קלייִנע שקצים׳לעך מיִט שיִקסעלעך פערקלייִבען זיִך צום ברעג אָזיערע . מען באָדט זיִך , מ׳גראָבט אוים זשאַבע־שיִסעלעך פונ׳ם זאַמד , מ׳חאַפּט פיִש .

ניִט וויִיט פון קוזניע , דאָרט וואו דאָס וואַסער איִן אָזיערע איִז טיִע־פער , זיִצט אַ מחנה שקצים׳לעך . מ׳זיִצט זעהר שטיִל : מ׳חאַפּט פיִש מיִט ווענדקעס . שעה׳נווייז ווערט זיי ניִט נמאס קיִקען אויפ׳ן „פּאָפּלאַוואָק“ , טאָמער גיִט ער זיִך פלוציִם איִן וואַסער אַ טונק . . . טרעפט עמיִצען פון זיי אַ גליִק , שלעפּט אַרוים פון וואַסער אַ „פּלאָטווע“ אָדער אַ „קעלב“ , ווערט אויף אַ מיִנוט אַ געוודער , אַלע בעטראַכטען דאָס פיִשעל . נאָר דער גליִקליִכער איִילט זיִך , ציִהט אַרויף דאָס פיִשעל דורך דיִ „זשאַברעס“ אויף אַ שניִרעל , לאָזט אַריִין דאָס שניִרעל איִן וואַסער און ציִהט אַרויף אַ פריִשען וואָריִם אויפ׳ן האַטשיִק . צוויִשען דיִ שקצים׳לעך מיִט דיִ ווייִסע קעפּלעך וואַרפען זיִך איִן דיִ אויגען צוויי שוואַרצע קעפּלעך — דאָס זענען „בני ישראל“ : ברוכ׳ס אייִניִקלעך . וויִ אַ פּאָר שוואַרצע שעפּסעלעך צוויִשען אַ גאַנצער סטאַדע ווייִסע שעפּסעלעך ווייִזען זיי אוים . זיי זענען קוים אַ וואָך איִן דאָרף . פונדעסטוועגען פערשטעהען זיי שוין דיִ שקצים׳לעך , רייִדען שוין אַ סך גוישע ווערטער , מיִשען צו יודיִשע , נאָר עס איִז קייִן בייִז : דיִ שקצים׳לעך זענען גוטע חברים׳לעך , האָבען זיי שוין אויסגעלערנט אויסגראָבען פון דער ערד וואָריִם , אונטערהאַקען דאָס פיִשעל . ווען דער „פּאָפּלאַוואָק“ גיִט זיִך אַ טונק איִן וואַסער , און נאָך און נאָך אַזעלכע נויטיִגע ידיעות . זעהר צופריִ־דען זיִצען זיִך דיִ „בני ישראל“ צוויִשען דיִ שקצים׳לעך , דיִ שוואַרצע אויגע־לעך זענען אָנגעשטרענגט אויפ׳ן וואַסער , מ׳פיִהלט גאָר דיִ היִץ ניִשט , מ׳איִז געוואַלדיִג פערנומען . . .

ברוך שטעהט נעבען קוזניע און פאָרעט זיִך איִבער אַ צובראָכענעם ראָד . דיִ פערסמאָדערטע אַלטע קאַפּאָטע האָט ער שוין לאַנג אַראָבגע־וואָרפען פון זיִך און איִז געבליִבען איִן דעם האַלב־צוריִסענעם וואַטאָווען קאַמזויל , פון אונטער וועלכען ס׳הענגען אַראָב לאַנגע ציצית . דיִ יאַרמולקע האָט זיִך אָוועקגערוקט אויפ׳ן שפּיִץ פּאַטיִליִצע און פון שטערען ריִנען אַראָב אויפ׳ן פּניִם און פון דאָרט אויף דער גרויער באָרד גרויסע טראָפּען שווייִס , צומיִשטע מיִט סאַזשע און שטויב פון קויהלען .

פון דערווייִטענס בעווייִזען זיִך אויף דער לאָנקע מחנות גוייִם מיִט גויעס , וועלכע געהען שוין צוריִק פון דער צערקווע . ברוך הערט אויף צו אַרבייִטען און בעהאַלט זיִך איִן קוזניע : ער וויִל ניִשט דערצאָרענען דיִ יונגע

גוֹיִים מִיט זַיין אַרבּײַט אום זונטאָג . עֶפּעֶס האָבּעֶן פּלוּצִים דִי יונגע וואָראָ-
בּיעֶר גוים פַייַנט געֶקראָגעֶן יודעֶן און פּאַרוואָס ווײַסעֶן זֵיי אַלײן נִישט .
פּאַרהערט אַרײַן אַמאָל אום זונטאָג אַ יוד אַ „אָנוּטשעניק" אין דאָרף , פּאַלעֶן
אויף אִיהם אָן עֶטלִיכֶע יונגע גויִים , שלאָגעֶן אִיהם גוט אָן : פּאָהר נִיט אַרום
אום יום-טוב האַנדלעֶן אִיבּעֶר דִי דעֶרפעֶר . . . געֶהט מעֶן אַמאָל זונטאָג
פון צעֶרקווע און מעֶן זעֶהט , ווִי בּרוך שטעֶהט נעֶבּעֶן קוזניע און אַרבּײַט
— צִינדט זִיךְ אָן אִין זֵיי אַ פַייעֶר , חאַפּעֶן זִיךְ אַרײַן עֶטלִיכֶע יונגע גוים
צו אִיהם אִין קוזניע און הויבּעֶן אָן מאַכעֶן אַ חורבּן . . . בּרוך אִיז אָבּעֶר
אַ גבּור — אײַזעֶן-שטאַרק , הויבּעֶן אָן דִי גויִים צו פלִיהעֶן פון קוזניע ווִי דִי
שפּעֶנדלעֶך . . . ווערט אַ געֶוואַלט , ס׳קומעֶן צולויפעֶן נאָךְ יונגע גויִים . . .
ס׳לויפעֶן אָבּעֶר אויךְ אָן אַ סך אַלטע גוים . . . מִיחאַלקאָ „סִינאָד" אִיז
אויךְ אִידאָ . . . מעֶן צוטרײַבּט דִי יונגע . . .

—וואָס ווִילט אִיהר פון בּרוכ׳ן ?—צושרײַט זִיךְ מִיחאַלקאָ „סִינאָד",—
עֶר אִיז דאָךְ אַ יוד ! בּײַ אִיהם אִיז דאָךְ נעֶכטעֶן געֶווען זונטאָג ! עֶר האָט
דאָךְ נעֶכטעֶן גאָר נִישט געֶטהון . . . יעֶדעֶר מעֶנש האָט דאָךְ זײַן אמונה !
אַ פּאָליאַק האָט זײַן אמונה , אַ דײַטש — זײַנע , אַ טאָטעֶר זײַנע , אפילו
אַ „חראַנצוז" האָט דאָךְ אויךְ אַ אמונה ! . . טאָ וואָס ווִילט אִיהר פון
בּרוכ׳ן ? . .

און נאָךְ און נאָךְ רעֶדט מִיחאַלקאָ סִינאָד און דִי אִיבּעֶרִיגע אַלטע גויִים
שאָקלעֶן צו מִיט דִי קעֶפּ און בּעֶ׳דאַגה׳ן שטאַרק , וואָס דעֶר „מאָלאָדאָי
ראַנד" אִיז אַזוי ווִילד געֶוואָרעֶן . . .

עֶפּעֶס נִישט גוט האָט זִיךְ בּרוך אִין דעֶר לעֶצטעֶר צײַט אום זונטאָג
אָנגעֶהויבּעֶן פִיהלעֶן . אִין גאַנצעֶן דאָרף אִיז יום-טוב׳דִיג , אַלע געֶהעֶן אויס-
געֶפּוצט אִין דִי דִינע , ווײַסע זונטאָגדִיגע העֶמדעֶר און אִין נײַע „שווִיטקעֶס"
מִיט דִי אָרומגעֶנײַהטע אַרום דִי קאַנטעֶן שוואַרצע טאַשמעֶס , און אַזוי
פרעֶהלִיךְ , יום-טוב׳דִיג גלאַנצעֶן זײַערע פּנים׳עֶר . . . ס׳רוהט דאָס גאַנצע
דאָרף , דִי מעֶנשעֶן , דִי בּהמות . . . און עֶר שטעֶהט און קלאַפּט מִיט זײַן
גרויסעֶן האַמעֶר , שטעֶרט דִי יום-טוב׳דִיגע רוהה פון דאָרף . . . עֶפּעֶס שול-
דִיג פִיהלט עֶר זִיךְ אִין דעֶם און ס׳פּעֶרגלוסט זִיךְ אִיהם צווִישעֶן אײַגעֶנע ,
צווִישעֶן יודעֶן זײַן . . . צום שטעֶדטעֶל הויבּט אִיהם אָן צו צִיהעֶן , וואו
יודעֶן האָבּעֶן דִי אויבּעֶרהאַנד . . . דעֶרמאָהנט עֶר זִיךְ אָבּעֶר , אַז אִין
שטעֶדטעֶל זעֶנעֶן אִידאָ געֶנוג שמִידעֶן אָהן אִיהם . . . אִין הונגעֶר , און
דחקות לעֶבּעֶן זֵיי . . . וואַרפט אַ בּלִיק אויף זײַן שעֶנע , ווײַסע חאַטע ,
וואו חנה וואַרט שוין מִיט׳ן עֶסעֶן אויף אִיהם , — לאָזט עֶר אַרויס אַ שווע-

רען זיפץ און נעהמט זיך ווידער צום האמער . . .

נאר ס'קלאפט זיך שוין נישט מיט אזא חשק, ווי פריהער. און וואס נעהנטער ס'ווערט צו נאכט, ווען פונ'ם דארף הויבען זיך אן דערטראגען פרעהליכע געלעכטערס און געזאנגען, ערגעץ-וואו שפיעלט זיך א פידעלע פונאנדער . . . — אלץ שוואכער, איינגעהאלטענער ווערט זיין קלאפען. און דער בעקאנטער שבת'דיגער אומעט פערקלייבט זיך אין זיין הארצען און עלענד, צובראכען פיהלט ער זיך ווידער . . .

יעקב מייזעל.

וואו דו ביזט — — —
און ווי ווייט דו זאָלסט ניט זיין
פון מיר , אָ , יונגער מיינע !
דאָך בעגריסט
מיך ווען־ניט־ווען פון דיר אַ שטראַהל ,
עס טהוט אַ שיין . . .
שוין ליכטיג איבעראַל . . .
און אַלע מיינע טאָג־און נאַכט־חלומות
ווערען דיינע . . .

און ווי ווייסט
עס זאָל ניט זיין ביי מיר אין הארץ
און ווי לעער ; —
דער לעצטער פונק פון האָפענונג
פערלאָשען זיך ,
שוין שווארץ . . .
צורונען ווי אַ טרעהר . . .
דאָך צוניסט
זיך אַ ליעבע ליכטיגקייט
ווי פון אַ שטראַהלען־סנאָפּ :
דאָס הארץ הויבט ווידער ליעבען אָן ,
פון טרוימען פול דער קאָפּ .
און הייסער ליעבט זיך ווי אַמאָל ,
און שטאַרקער נאָך , און מעהר . . .

כ׳ווער פון ס׳נײַ אַ קינד — — —
— צום הימעל קוקט זיך חנ׳עווריג ,
עס גלויבט זיך אין זײַן הויך . . .
אַ חבר ווער איך מיט׳ן ווינד ,
און יאָג מיך נאָכ׳ן רויך . . .
און ווייִנען וויינט זיך
קיהלענדיג , —
אַ דאגה מיט דער טרעהר ;
און לעבען ווילט זיך
שפּיעלענדיג ,
און שטאַרבען איז ניט שווער . . . — — —

מ. ברכהן.

אָלאַ האַנסזאָן.

דאָס יונגע פּאָר.

איין אָבענד אין מאַי האָבען מיר דאָס יונגע פּאָר, אונזער פריינד און זיין ווייב, צום שיף בעגלייט, מיט וועלכע זיי האָבען אויף זייער האָבצייטס-רייזע געוואָלט אוועקפאָהרען. ער האָט אויסגעזעהן, ווי א מענש מיט וועלכען עס האָט א גרויס גליק געטראָפען, און ער שטעהט אין שטילער בעוואונדערונג פאַר אלע אונגעאַהנטע הערליכקייטען און דערקענט זיך אליין נישט אין דער דאָזיגער נייער וועלט, און אויף זיין געזיכט, אין זיינע ווערטער און אין אלע זיינע בעוועגונגען, איז א ליכטיגע רוהיגקייט געלעגען — און זי איז געוועזען ענהליך צו א זוניגען טאָג אין פריהלינג, ווען דאָס לעבען שטייגט איבער די ברעגעס.

און ווען די שיף איז פון האַפען אָבגעשוואומען, איז אונז ביידע געוועזען, שטעהענדיג אויפ'ן שטראַנד, ווי עס וואָלט די זון הינטער א וואָלקען אונטערגעגאַנגען און ווייט, ווייט דרעמעלט אין רוהיגקייט א מערבען-לאַנד, אין וועלכען זיי דאַרפען אָנקומען, אָבער מיר וועלען עס קיינמאָל נישט זעהן, און מיר זענען אָנגעגריפען געוואָרען פונ'ם גרויסען איינזאַמקייטס-געפיהל פון לעבען.

דריי מאָנאַטען שפּעטער, אין א לבנה-אָבענד פון אויגוסט, האָבען מיר זיי עמפּפאַנגען. ער איז פאַר אונז ערשינען ווי איין פריעדלאָזער מענש, וואָס שיינט אין אלעם צו פערצווייפלען, און אַרום זיין מויל איז א צוג געלעגען און אין זיין בליק איין אויסדרוק, ווי ער וואָלט שטענדיג איבער א שמערצליכען רעטעניש געטראַכט, וואָס גיט איהם קיין רוה נישט און ער וועט אַנדערש נישט לויז ווער־ען דערפון ביז ער וועט קענען דאָס רעטעניש טרעפען.

זיי זענען צו זיך אַהיים געפאָהרען, און עס איז פערגאַנגען א יאָהר, און עס זענען פערגאַנגען צוויי יאָהר, און מיר האָבען נישט פיעל פון זיי געהערט, אָבער אין א שעהנעם טאָג איז אָנגעקומען א לאַנגער בריעף, וועלכער איז צו איינעם פון אונז געשיקט געוועזען, אָבער פאַר ביידע בעשטימט, און פאָלגענדען אינהאַלט געהאַט:

„עס איז שוין יאָהרען זינט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן, און איך האָב קוים איינמאָל מיט עטליכע אָרעמע צייל'ען אויף אייער פריינדליכען בריעף גע-

ענטפערט, אָבער איהר דאַרפט דעריבער נישט בייז זיין, דען עס איז מיר אין די צוויי יאָהר נישט גוט געווען. איך בין אין איין אונרוהיגקייט ארומגעגאַנגען, וואָס האָט מיך פערצערט און מיין זעעלע אַזוי עמפפינדליך געמאַכט. און ווען איך פלעג אַמאָל די פעדער נעהמען און טראַכטען: אָט וועל איך איצט שרייבען, פלעג איך דאָך שטעטס די פעדער צוריק אַוועקוואַרפען, און אויפשפרינגען פון מיין אָרט, מיינענדיג, איך האָב וועגען גאָרנישט וואָס צו שרייבען. און דאָס, וואָס איך טהו דאָס ערשט, קומט דערפון, וואָס אין דעם אויגענבליק, פיהל איך מיך אַזוי שרעקליך! איך זיץ דאָ ווי אַ מענש, ארום וועלכען אַלעס צופאַלט אין חורבות, און איך פיהל מיך אַזוי קראַנק, וויסט און איינזאַם.

„איך און מיין פרוי לעבען מיר צוזאַמען נישט גליקליך. אָבער ווי שווער עס קומט מיר אָן, דאָך בעגש איך די שטונדען, אין וועלכע איך האָב זי אנגעבאָטען מיינע צו ווערען. דען צוזאַמען מיט איהר האָב איך דאָס הערליכסטע אין לעבען גענאָסען, ווען עס זענען זאָגאַר נאָר עטליכע עלענדע וואָכען געוועזן; און איך גלויב דאָס אַ מענש וואָס האָט אַזעלכע, ווען זאָגאַר אויך נאָר קורצע סעקונדען איבערגעלעבט, האָט נישט דאָס רעכט צו בעקלאָגען זיך, דען ער האָט דאָך בעקומען, דאָס וואָס ער האָט געקאָנט בעקומען, און דאָס איז אין גרונד גענומען גענוג, איבערצוּוועגען דאָס עלענדקייט פון גאַנצען לעבען.

„זי האָט זיך מיר איבערגעגעבען נישט קלערענדיג פון זיך אַליין, איבערגעגעבען אָהן רעפלעקסיאָן, וואָס האָט איהר גאַנצעס וועזען, קערפּער און זעעלע, געפאַנגען געהאַלטען. זי האָט געטראָפען מיינע פערבאָרגענסטע פערלאַנגען, נאָך איידער זיי זענען רייף געוואָרען, ווען זיי האָבען נאָך נישט דייטליך אין מיין מינע אָדער אין בליק ארויסגעשטראַהלט. מיינע וואונשען אין די קלענסטע זאַכען, האָט זי פאַר מיר אַלעס גוט געמאַכט, ווי פאַר אַ קליין קינד. זי האָט זיך אין גאַנצען פאַר מיר ענטפּלעקט, נישט פערבאָרגענדיג דאָס מינדעסטע, און זעלבסט נישט וויסענדיג האָט זי געקענט, מינוטען-לאַנג זיצען און נאָר קוקען אויף מיר, אַזוי ווי עס וואָלט קיין וואָרט איהרע געדאַנקען אַזאַ שטאַרקען אויסדרוק נישט געקאָנט געבען. און אַזוי האָב איך געהייראַטעט מיט איהר, זי איינענטליך נישט מעהר ליב האָבענדיג וויפיעל אַנדערע פרויען, וואָס איך האָב אין מיין יוגנד בעגעגענט און וואָלט זיי געקענט ליעב האָבען, נאָר דעריבער ווייל איהר איבערגעבען זיך איז ריהרענד געווען, און זי האָט מיר לייד געטהון, און צו דער פערבינדונג פון די יונגע זעעלען בין איך גאַנץ גלייכגילטיג געווען.

„איך האָב גוט פערשטאַנען, ווי קאַלט מיינע געפיהלען אין מיין הארץ זענען צו דער דאָזיגער ליעבע געווען, אָבער זי האָט געוואוסט פון מיין צערטליכקייט מעהר ארויסצונאַרען, וויפיעל עס איז געווען דאָרט, און איך

זעלבסט בין גליקליך געוועזן, ווייל זי איז גליקליך געוועזן — אזוי שטיל און היימער, ווי איך בין נאך קיינמאל נישט געוועזן, ווי מען קאן נאר פרעהליך זיין אין א זומער-מארגען, א מארגען מיט פויגעל-געזאנג, און פרישען טהוי און אויבען געהט די זון אויף.

„גאנצע צוויי מאנאטען האט דאס געדויערט, און דערווייל זענען מיר אלץ ווייטער קיין דרום געקומען, און עס האט געשטראמט און געבליהט ארום אונז פון דרום'דיגען פריהלינג. מיר זענען געפאהרען איבער'ן רהיין, ארויף מיט'ן שטראם, מיר האבען אויסגערוהט ביי דעם גרינעם, פון דער זון בעפלעקטען זשענעווער מעער. מיר האבען דורכגעוויילט דורך דער שטאדט סט. גאטהארד אין דרום זייט פון די אלפען, מיט זיינע ברויזענדע וואסער-פאלען, וואס העננען ווי ווייסע שלייערס ביי די ווענד פון די בערגעס. און ארום אויף דער לאמבארדישער פלעכע. דער דאזיגער קאמפלעקט פון פארקען וואס איז נישט מעגליך מיט'ן אויג צו פערהאפען, צווישען וועלכע די שטעדט ליגען צושפרייט ווי ווילדעס, אינ'ם גאנצען זיך טוישענדען געווימעל פון מענשען-געזיכטער און נאטור-ערשיינונגען, וואס מיר האבען געזעהן געשווינד פערביילויפענדיג דורכ'ן פענסטער פון וואגאן, אויפ'ן פארדעק פון שיף, אין די רעסטאראנען פון די האטעלען, זענען מיר אלץ ענגער איינער צום אנדער'ן צוזאמען-געשמידט געווארען, עס האט אויסגעזעהן ווי עס וואלטען אונזערע בלוטען זיך פערמישט. איך האב ארויסגעוואנדערט, אין דער פייערליכע שטימונג פון א קינד אין פרעהליכע רוהע, און עפעס גוטס איז אין מיר געקומען, ווי אויף א צופוילטען בוים-קלאץ שפריצט אמאל א יונג צווייגעל ארויס.

„אין א שעהנעם מארגען, ענדע יוני זענען מיר אראבגעשטיגען אויפ'ן ברעג פון בעללאדזיא, א קליין שטעדטעל, וואס דער קאמער-מעער שפרייט זיינע בלאהע ארעם אויס, צום גערדרעהטען ברעג-שפיץ, קלעטערט ארויף און קלעבט דארין פעסט. מיר האבען זיך געפיהלט דא אויף דעם ארט אזוי גוט, דאס מיר האבען זיך דא אבגעשטעלט, מיר האבען געוואנדערט איבער די בערגעס, אדער געדרודערט אין דער לענג פון ברעג, און די טעג געלאזען קומען און געהן, נישט וויסענדיג ווי די צייט פערגעהט. שטונדען-לאנג פלעגען מיר זיצען, נאך יעדען מיטאג אונטער'ן בוים אונטען ביים מעער געגען האטעל, אין דרויסען ארום אונז איז שווער און דיק די היץ געלעגען, און דאפעלט פארנע האבען מיר זיך אין גרינעם האלב-דונקעל געפיהלט.

„איינמאל האבען מיר אונזערע געוועהנליכע ערטער געפונען פערנומען פון א פאר ניי-אנגעקומענע רייזענדער, וועלכע איך האב שוין ביי דער האטעל-ליסטע בעמערקט. ער האט אויסגעזעהן ווי איין אפיצער, און די יונגע דאמע איז שיינט מיר זיין טאכטער געוועזן. דאס איז געוועזן איינע פון יענע פרויען-געזיכטער, וואס דערמאהנען מיט דער פלוים-ווייכע רונדונג

פון די ליניען און פיינע קאמען, אין וועלכע דער קאנטראסט צווישען גרויסע שווארצע אויגען און מאט־בלאנדע פראכטפולע האר, גיט צו דאס אויסזעהן, אין וועלכען עס איז צו זעהן, זעעלען־פיינהייט, ווי זעלטענע פארבען ביי א געוועהנליכע בלום. און נעבען דעם געזיכט, מיט א הויט ווי מעהליגע פלייש־מאסע פון א ווייסען אסטראכאנישען עפעל, האב איך געזעהן מיין פרויס געזיכט, פול בליהענד און פראסט ווי ביי א קליין קינד; און איך האב געפיהלט, דאס ענטגעגען דער לאנדשאפט מיט טיף־בלאהען וואסער און ווייסען זונען־לופט, ווי אויסגעשטאלצען זילבער, און מיט בלאהליך ווייסע־ווילעס און פראכטפאל טונקעל־גרינס, ענטגעגען דער לאנדשאפט, וואס איז אזוי רייכט און ליכטיג ווי א מארגען־דרעמעל, ווען די זון שיינט אונטער דער פארהאנג, האב איך געפיהלט אז איינע פון די ביידע פרויען, איידעל און פערפיינערט אין איהר אינטעליגענץ און אין איהרע געפיהלען. וואלט דעם עסענס פון דער לאנדשאפט, איהר פיינסטען אראמאט און איהר גרינגען דופט געקענט געניסען, ווי מען געניסט טהייערן פערפום, אדער אלטען וויין, ווערענד די אנדערע וואלט איבער דעם געפאלען ווי א הונגעריג קינד, וואס זעטיגט זיך געריג און אהן געשמאק.

„איך האב עס דערפיהלט אונגעפעהר, ווי עפעס א גרויסע ענטטוישונג, וואס איז מיר שווער געפאלען, און זיך אין מיר איינגעבויערט, און דאן האט זיך מיר אויסגעדאכט, ווי עס וואלט אונזער צוזאמען־בונד שוואך געווארען, און ווי איך וואלט אויסגעוואקסען פון פרעמדען וועזען, אין וועלכען איך בין געהאט אויפגעגאנגען. איך האב מיך אליין ווידער דערקענט, ווי איך בין געוועזן אין די פריהערדיגע צייטען, איך האב צוריק בעקומען מיין וועזען פון א מאל און מיין א מאליגען בליק. אלץ ארום מיר איז ווי ניי געווארען. אין מיר און ארום מיר, איז געוועזן פונקט ווי עס וואלט דאס ליכט פון טאג אויסגעלאשען געווארען, און איך האב געהאט אזא געפיהל, ווי א נומער פון א קאנצערט ענדיגט זיך, וואו אלע זענען אין דונקעל געזעסען און זיך שווייגענדיג צוגעהערט, און פלוצלונג איז ליכטיג געווארען און א געמורמעל האט זיך אויפגעהויבען. אבער פריהער פאר אלץ האב איך דערפיהלט, דאס עפעס, מיט וואס איך בין געוועזן צוזאמען־געוואקסען, איז ארום מיר און אלע זייטען לויז געווארען. עס האט אויסגעזעהן, ווי איך וואלט אויפגעשטאנען נאך א רויען פיזישע אומארמונג, און איך בין זיך לעכערליך פארגעקומען, איך האב געפיהלט שאנדע און עקעל, ווי נאך א געמיינזאמע נאכט מיט א פרעמדע פרוי.

„מיר האבען זיך ארומגעשלעפט, דא און דארט, און זי איז אלץ מעהר געווארען פאר מיר א פרעמד פרויען־צימער, מיט וועמען איך בין נאר צו־

זאמען געפאהרען, און וועמעס בילעט און נאכט־לעגער איך האב בעצאהלט. איהר הויכע ענטציקונג ביי אלץ וואס מיר האבען געזעהן, האט שרעקליך געקלונגען אויף מיין אויפגערעגטע שטימונג, מיר געשטערט און אויסגעדראכט, ווי קינדעריש; איהר אגרעסיווע צונייגונג צו מיר איז געווען פאר מיר, ווי נישט פיין און לעכערליך, און איך האב זי בעהאנדעלט ווי א וואלוועלע זאך, וואס מען נעמט אן ווייל מען קאן נישט זאגען: ניין. איך בין געווארען אלץ אויפגערעגטער און איראנישער געגען איהר, און האב ביים בעסטען ווילען אין דער וועלט, איהר נישט מעהר געקאנט געבען, ווי מען גיט די ערשטע בעסטע פרוי, וואס קומט איינעם אין וועג ענטגעגען. נאטירליך האט זי שוין נישט געקאנט, נישט בעמערקען, דאס איך בין צו איהר אנדערש, ווי פריהער, געווארען. אין אנהויב, האט זי ענטגעגען געשטעלט, אויף מיין פערהאלטען זיך צו איהר, איהר פערדאכטלאזע און איינפאכע נאטור, און האט געקוקט אויף אלץ, ווי אויף קלייניגקייטען און צופעליגקייטען, ווי אויף איין אויסברוך פון א שלעכטע שטימונג, וואס איז איהר נישט איינגעפאלען פאר א בעזונדערע בעדייטונג אנצונעמען. שפעטער אבער ווען זי האט געזעהן, דאס איהרע געפיהלען און צערטליכקייטען זענען שטענדיג אין מיין קאלטקייט אבגעשטויסען געווארען, ביז אין בלוט פערוואונדעט, און פונקט ווי א אונגליקליכע שמאטע אין א זייט אוועקגעווארפען געווארען, דא האב איך בעמערקט, ווי זי האט זיך אנגעהויבען צו וואונדערן, און מיט א לאנגען פערוואונדערטען בליק פון א קינד מיך אנגעקוקט וואס האט מיין קראנק געוויסען זעהר וועה געטהון. דאן אבער, ווי זי האט זיך איבערגעצייגט אז דאס איז ערנסט געווען, און דאס איך שלעפ זיך מיט איהר ארום, ווי מיט א צו שווערען רייזע־זאק, קאלט, מעכאניש און נישט גערן, ווי מען ערפילט א שווערע פפליכט, דא האט זי זיך אליין צוריקגעצויגען, און איך האב זי אפט געזעהן, מיט א הילפלאזען פארקלערטען אויסדרוק אין בליק, שטאר פאר זיך קוקען, ווי זי וואלט זיך מיט א שמערצליכע פערוואונדערונג אבגענארט, און מאטערט זיך איבער דעם, און קאן דאס ניט בעשיידען. אם ענדע — עס איז געווען נאך דעם ווען מיר זענען שוין צוריק אהיים געקומען, ווען מיר זענען שוין דא אין דרויסען געווען — ווען מיין אויפרעגונג און מיין איראניע האט זיך איהר אויסגעוויזען בעליידיגענדער ווי אלע מאל, האט זי פלוצלונג, ווי זי וואלט א מאמענטאלע איבערקעהרעניש אין איהרע געדאנקען דורך־געמאכט, און ביי איהר איז פארגעקומען, א געוואלדיגע פערענדערונג אין די אינערליכע געפיהלען פון איהר לעבען. עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, ווי זי וואלט אנגעשטרענגט איהר גאנצע שטארקע נאטור אין א בליק פון שטאלצקייט און עטשלאסענע פעראכטונג, וואס זי האט צו מיר געווענדט, און די גאנצע צייט געטראגען

גענגען מיר, און װעלכען איך האָב גלײַך װי אַ שטאָך דערפֿיהלט, האַלב פֿון בײזע אײנגעשפּאַרטקײַט און האַלב פֿון מיטלײד און װעהטאָג.

„עס איז שוין דאָרט אױף דער רײַזע פֿײַנליך געװען, אָבװאָהל דאָרט האָבען מיר עס װיניגער געפֿיהלט: די שטענדיגע ענדערונג פֿון מענשען און נאַטור, האָט אָהן אױפֿהער, דאָס, אָדער אַנדערע נײַעס געגעבען, װאָס האָט אונזער זעהן און אונזער דענקען פֿערהילט. און דאַבײַ האָבען מיר געקאָנט לעבען יעדער פֿאַר זיך, און זײַן אײגענער װעלט, נישט געצװאונגען צו זײַן, אין אינטים אַלײן, און װעלכען מיר זאָלען דאַרפֿען, אױג אױף אױג, אײנער געגען צװײטען שטעהן. אונערטרעגליך אָבער, איז דאָס דאָ געװאָרען, װען מיר זענען דאָ, אין דרױסען, אַלײן אין אײנזאַמקײַט געװען, און פֿון טאָג צו טאָג אָהן אױפֿהער אײנער דעם אַנדערן געמוזט זעהן.

„צו װאָס נוצט דען די ערקלערונג? זי װעט דאָך מיך ניט פֿערשטעהן, װי איך פֿערשטעה מיך אַלײן נישט; דען װאָס װײס איך פֿון דעם פּראָצעס, װאָס איז אין מיר פֿאַר זיך געגאַנגען, פֿון װאָס בעשטעהט ער און צו װאָס װעט ער װירקען? — עס איז געװיס נישט מעהר, װי אַ נאַטור־נױטװענדיגקײַט, אײן איבערפֿאָרמירונג אין מײַן פֿיזישען װעזען, אַ בעפֿעהל, װעלכער איז אײן אונװילקירליך װירקונג פֿון אַ געגעבענע אורזאַך, װאָס מען קאָן נישט זעהן און נישט בעשרײַבען, און קאָן דורך קײן זאַך נישט געשטערט װערען. איך זעה אָבער, דאָס זי װאַרט עפּעס פֿון מיר, און איך לײד דעריבער. איך זוך מיט גערינגע הײס־הונגעריגע געדאַנקען, עפּעס אײן אױסװעג, און געפֿין קײנעם. אונזער צוקונפֿטיגעס לעבען ליגט פֿאַר מיר, װי אַ פֿערבאָרגענער שמײַכעל, און איך װאָלט געװאָלט מײַנע אױגען צומאַכען, אום דאָס נישט צו זעהן; אָבער איך זעה עס דאָך.

„פֿאַר אונז בײדען איז דאָס לעבען, װי פֿון ראָד אַרױסגעטראָטען, און עס איז אַ באַנאַטעליע, װאָס האָט דערצו געװירקט. איך קאָן דאָס לעבען נישט האַסען און נישט פֿעראַכטען. מײַן געשפּעט פֿערשטומט און מײַן לאַכען שטאַרבט אױף מײַנע ליפּען; און זיצענדיג אין מיטעלפּונקט פֿון „דאַזײַן” פֿיהל איך נאָר שרעק, דען דאַן האָט זיך מיר שטענדיג געדאַכט, דאָס איך בעגעגען דעם שרעקליכען קרומען בליק פֿון אײן װאַהנזיניגען, װעמען מיר אַלע מוזען בלינד און בעװאוסטלאָז פֿאָלגען, פּונקט װי דער נאַכט־װאַנדלער.

איבערזעצט יעקב פּרענער.

צו תשליך.

ראש=השנה פארנאכט
  געהט מען צו די טעשליך;
טהו איך אן די אוירינגלעך
  מיט די בלאנקע מעשלעך.

שטעך מיר אן דאס בראשקעלע,
  הענג ארום די קרעלען;
וועט מיך זעהן מיין הארציגער,
  לאמיך איהם געפעלען.

קום איך פאר'ן בריקעלע,
  שטעל מיך ביי דער מאמען —
טרעף איך באלד מיין איינציגען,
  בין מיט איהם בייזאמען...

געה איך צום געלענדעריל,
  ווארף א בליק אין טייכעל —
רויטעלט זיך זיין פנים'על
  געגען מיר מיט שמייכעל.

*לענגלען זיך די חוואליעסלעך,
  פון ווינטעלע געבלאזען;
קרויזלען איהם די פאה'לעך,
  ווי אין פעלד די גראזען.

---

*) תשליך

גראַבט ער זיך אין סידור׳ל,
מישט די ווייסע בלעטער —
הויבט זיך מיר מיין בלוזקעלע
אינ׳ם לינדען וועטער.

גלייכט ער אוים זיין קעפּעלע,
ווענדט מיר צו די בליקען —
פלאַטער איך, אַ גליקליכע,
איהם צום האַרץ צו דריקען.

שענקט ער מיר אַ חנ׳דעלע,
שיקט מיר שטיל אַריבער...
קעם איך גלאַט די העהרעלעך,
ענטפער איהם וואָס ליעבער...

צינדען זיך די וואָלקענדליך,
גליהען זיי אין פייער —
גריסט מען איינס דאָס אַנדערע,
ווערט מען דאָפּעלט טרייער.

רופט מיך אָב די מאַמעניו,
קוואַקען שטיל די פרעשלעך;
— ראש־השנה פאַרנאַכט,
געהט מען צו די טעשליך...

גענף הערשעלע.

צווײ װעלטען

זיך אין זיי"; אַלץ איינס ווי אַ נגידות'ער קרעמער האָט אויף די פּאָליצעס אַ סאַמעט, אַ זייד, אַ פּראָסטע געוואַנט. — אַ שעהנעס פּנים האָבען טאַקי די קראָמען, וואָס בעשטעהען פון איין לייוועגט מיט פּאַטשיילקעס?.. — אזוי מוז אַ אידישע שטאָדט האָבען אי נגידים, אי קבצנים אי בעלי-הבתים. און אַ יום-טוב פּריה-מאָרגען אין בית-המדרש, אַז מען דערזעהט צווישען די צעהנדליגער היטלען און יאַרמולקעס דעם נגיד אין דעם קאַפּעליוש, ווערד מען עפּעס ברייטער אין דער דעה און ערנסטער, די לופט ווערט אָנגעפילט מיט אַכטונג, מיט אַ שטיק יראת-הכבוד און קלמן, — הגם ער איז גאָר ניט קיין „שמעקער", — געהט אויך צו, חאַפּען אַ נאָגעל טאַבאַק פון דער זילבערנער פּושקעלע... קלמן האַלט עס ביז „ואנחנו-כורעים, פיהלענדיג, אַז מיט דעם שמעק-טאַבאַק, האָט ער זיך בעהעפט נאָך מיט הונדערטער אידישע נשמות, מיט לעבענדיגע און טויטע און אויך מיט נע־ונד'ניקעס, וואָס זענען איצט ערגעץ פאַר טויזענדער מייל, — אין ווייטע לענדער, און זיי בענקען און לעכצען נאָך אָט דעם „שמעק-טאַבאַק", נאָך ביעראָזאָווע, וואָס איז אייניג, אפילו אין איהר צוטיילונג; וואָס זעהט אויס אַנ'אַנדערש מאָל, ווי אַ גרויסער שותפות'דיגער עסק, אין וועלכען די שותפים, גופא, זענען ניט מקפיד, וואָס אייניציגע פון זיי האָבען אויסגעבויט שעהנע, אויסגעפּוצטע הייזער, געגעבען טעכטער גרויסע נדן'ען און, בכלל, געפיהרט זיך, להבדיל, פּריץ'יש, מיט אייגענע פערד און שמייסערס און פערהאַפּט דעם אויבען אָן... אַ דאגה אַ גרויסע, — אייגענע שותפים, ווי „יששכר" מיט „זבולן"'ען — איינער פיהרט געשעפט, האַנדעלט, — דער אַנדערער — זיצט און לערענט תורה... איז דען ניט אַ חיות צו קוקען, ווי איצעלע דעם נגיד'ס שטעהט צווישען אַ חברה-מלמדים און מען האַמפּערט זיך וועגען אַ ווערטעל פון „ליקוטי-תורה" אָדער וועגען אַ שטיקעל „תוספות-יום-טוב"?... עס טרעפט אַנ'אַנדערש מאָל, אַ מחלוקת'ל אויך... פון דעסטוועגען זאָל אַ פרעמדער ווען עס איז אָנריהרען... אָ, אָ אָ!... עס איז ווי אַז אַ טאַטע מיט קינדער צוקריגען זיך... אָ, דאַכט זיך בראַנד-פייער, — קומט אָבער אַ יום-טוב, ווערד ווידער שלום, אחדות...

דעריבער אַז קלמן וואָלט דערהערט אַזוינע רייד פון שרה וועגען אַ ביעראָזאָווען נגיד אפילו אין אַ געוועהנליכער צייט, וואָלט ער, מסתמא אויך ניט צוגעשוויגען, נאָר היינט. זענענדיג — ווי מען זאָגט — „אויף אַ לינקען זייט", איז ער גאָר אַרויס פון די כלים... אָבגעשטופּט פון זיך די קאַלאַקאָטקע, שטאַרקער פערגאַרטעלט זיך, ווי ער וואָלט זיך גרייטען צו אַ געשלעג.

— טאַ, טאַ, טאַ, זעה אָקאָרשט, „איצעלע דעם נגיד'ס קינדער"... אויף דעם אַנדערן לשון-הרע-נען און רכילות'ן זענט איהר בריות, — און די

קבצנות'ע קינדער זענען בעסער?... דיין בן־יחיד'ל, דאכט זיך — גאר א גאט־בענשונג, א רב'ל א גאנצער, און איך קאן אייך שווערען. אז ער איז אזוי געווען אין בית־המדרש, ווי מיין לייווע איז געווען אין בית־המדרש... אויף איין אופן... אויך, מסתמא, געווינט זיך ביי יעקב־אפרים'ען אין סאד, צודרעהט די געדערים מיט דעם הארץ און איצט פאלט ביי איהם אלץ פון די הענד... בעל־טרוד, — אנדערע בעשפייען און בעקייען, אויף דערויף איז פאראנען צייט,—וואלסט בעסער קוקען אויף די אייגענע, איידער קריכען צו דעם אנדערן אין הארלאטשיק... גיב מעהר נישט א קוק אויף זיין פרצוף, ווי ער טרייסעלט זיך, חניקעט... פאלג מיך נעם אראב פון זיינעטוועגען די לבנה פון הימעל און גיב איהם א זופ טאן פויגעל־מילך, דעם אדון־הגדול... „איצעלע דעם נגיד'ס זון גערעדט מיט א שייגעץ", — מה־רעש?... נגידות'ע קינדער, — סוחרים דארפען קאנען גוי'יש ריידען... ווי דען?.. עס מאכט זיך אנ'עסק מיט א דייטש, צי כ'ווייס, צוליב א קהל'שען אינטערעס, מען דארף האבען צו טון מיט א גובערנאטאר, אנ'איס־פראווניק... אוי, שלעפער, שלעפער, באלבען קאנט איהר...

די גאנצע צייט וואס קלמן האט גערעדט, האט ער געטייטעלט מיט די פינגער אויף מענדעלע'ן, וועלכער האט פערטראכטערהייט, געזופט דאס אייער־מילך, וואס שרה האט איהם געגעבען אנשטאט דעם אויסגעגאסענעם שצאוו...

— יא, ער ווייס פון אלץ... געזעהן, געזעהן... וואו בעהאלט מען זיך?..—און מענדעל האט, שיער, דעם צווייטען טעלער ניט צובראכען, דער לעפעל איז איהם ארויסגעפאלען פון האנד... נאר קלמן האט זיך נאך אלץ ניט געקאנט בערוהיגען,—עפעס א ווילדער שגעון האט איהם אנגעהאפט: ער האט זיך געמוזט היינט קריגען, האמפערן, שטעכען, ווי, למשל, אנ'ערב־שבת פאר מנחה, אז קיין חלות אויף קידוש איז נאך דער מין ניטא און די „מרשעת", די „אלטע מכשפה", טרייבט איהם פון שטוב, ער זאל אליין געהן צו עטע דער בעקערין, נעמען אויף בארג... דער קלאנג פון לעפעל האט איהם נאך אונטערגעהיצט, פענאנדערגערייצט, פערגרעסערט זיין כעס:

— חכם פון דער הגדה, וואס ביסטו ברוגז?.. אפשר ועסטו זיך אויך גלייבען צו די נגידות'ע קינדער?.. געבען דיר א מעדעלע אונטער'ן האנד „פאשצירען"?.. דלפן! מאך דיר קוראזש, ניטא קיין חרפה ניט פאר גאט און ניט פאר לייטען...—

קלמן'ס לעצטע ווערטער,—הגם ער האט, אייגענטליך, דערמיט קיין שלעכטס ניט געמיינט, — האבען מענדעל'ען אזוי דערנומען,—אז ער האט אבגעשליידערט פון זיך די אכילה, און פענאנדערגעוויינט זיך אויפ'ן קול...

אָבגעשװאַכט, אָנגעשראָקען, צוטומעלט פון דעם גאַנצען הײַנטיגען אָבענד, — האָט ער אָנגעהױבען צו קראַמפּפען און איז אַזױ געבליבען אין חלשות אױפ׳ן קאַנאַפּע, דער קאָפּ פערװאָרפען אָן אַ זײַט ... פינסטער ... אױם, אױם ...

יעקב־פּסח, בעמערקענדיג, אַז מענדעל איז טױט־בלײַך, פערגליװערט, איז צוגעלאָפען צו איהם מיט דעם קרוג־װאַסער, װאָס איז געשטאַנען צוליב „מים־אחרונים", — מינטערן, קװעטשען דעם נאָז ... „מענדעלע, מענדעלע"!

קלמן האָט אױסגעגלאָצט די אױגען, — װאָס זענען שיער ניט אַרױס־געקראָכען פון די גרױע ברעמען, — ניט פערשטעהענדיג, װאָס דאָ טוט זיך אָב ... שרה, װאַשענדיג די אומרײַנע געפּעס נעבען פּריפּעטשיק, האָט אָנגעהױבען היסטעריש צו שרײַען — זאָל גאָט אײַנהיטען — װי עמיצער װאָלט געלעגען אױף דער ערד:

— אײַ אַ פינסטערע עין־הרע האָט איהם אױפגעגעסען, אײַ ראַטעװעט, ראַטע־ע־װע־עט ... אַ־אײַ! ..

זי האָט אַרױסגעכאַפּט פון צװישען זײַגער אַ רפואה־בוטעל מיט בראָנפען, װאָס איז דאָרטען געשטאַנען — הלװאַי זאָל מען גיט דאַרפען — צוליב צײַהן־װעהטאָג, און איז צוגעלאָפען מיט קולות צום קאַנאַפּע „ראַטעװען" מענדעלע׳ן, רײַבען איהם דאָס האַרץ ... יעקב־פּסח איז געשטאַנען פון אײן זײַט, שרה פון דעם אַנדערן, און פײַגעל אױך: אַ צושראָקענע האָט פון איהם אַראָבגעצױגען צערטליך — מיט אַ שװעסטער׳דיגען רחמנות — דעם בגד, אױסגעטאָן די שיך און זאָקען ... און שטוב — אַ מהומה ... זעלדקע די קלענערע טאָכטערקע, װאָס האָט די גאַנצע צײַט געשלאָפען, איז אױ אָבגע־שפּרונגען פון בעט און, הערענדיג דער מאַמעס קולות, האָט זי זיך געריבען אָן פײַגלען, און רײַסענדיג די האָר, אין אײנעם מיט דעם נײַען קעמעלע, פון איהר קעפּעל, האָט זי געשריען: — מענדעלע, מענדע־ע־לע־! ברודערל, שטאַרב ניט! — מיט אַזױנע געװאַלדען—, אַז, אַפילו נאַסטיע מיקיטעס איז אױך אױפגעשטאַנען פון שלאָף און איז צוגעלאָפען אין אײן העמד צו יעקב־פּסח׳ס פענסטער, זעהן, װאָס טוט זיך דאָרטען.

מורזיק איז אױך געװאָרען װאַכענדיג פון אָט דעם טומעל, און, אָב־טרײַסלענדיג פון זײַנע געקרײַזעלטע האָר, דעם זאַמד און שטױב, האָט ער זיך פענאַנדערגעבילט מיט אַ יאָמערדיגען ניגון, — האַרץ־רײַסענד, װי אין אַ חשון׳דיגער, נאָך־סוכות׳דיגער נאַכט, בשעת עס איז חושך, און דער רעגען קלאַפּט איבער זײַנע בעל־הבתישע, האַלב־צובראָכענע, פערשטעקטע און פערקיטעװעטע פענסטערלעך, — אָדער װי בשעת דער מלאך־המות איז אין ביערזאָװע.

די גאַנצע נאַטור מיט אַלע איהרע קינדערלעך, וואָס האָבען געשלאָפען אַזוי רוהיג, געשמאַק, טוליענדיג זיך איינע צו די אַנדערע, אויף דעם ברעג פון „אוליאַנקע”, האָבען זיך אויפגעחאַפּט פון שרה'ס קולות און טרעהרען.

אַ שרעקטער חלום האָט צושטערט דעם זיסען, נעבען־טייַכעל'דיגען שלאָף, און, אַ פּנים אויפ'ן הימעל איז מען אויך געוואָרען עפּעס אונרוהיג... שוואַרצע וואָלקענדלעך, האָבען זיך געשלענגעלט און געדרעהט אַרום דער לבנה, ווי זיי וואָלטען וועלען אייַנשלינגען איהר און דער ווינד וואָס האָט זיך געלאָזען גאַלאָפּ איבער די פעלדער און טייַכעל איז געווען אַזוי שטעכענד און בייז, ממש, ווי, בשעת אַ שריפה... עס וועט נאָך זייַן, מסתמא אַ גוס רעגען.

מענדעלע'ן האָט מען אָבגעמינטערט... נאָר דער רושם איז געבליבען אַזוי שטאַרק, ווי פריהער בשעת ער האָט גע'חלש'ט... געלויבט איז גאָט, געקומען צו זיך, אָבגעעפענט די אויגען, נאָר שרה האָט נאָך אַלץ געשריען:

— אויף דעם שוועל וועל איך איהם מעהר ניט אַרויפלאָזען דעם אַלטען רכילות'ניק, דעם בלינדען מחבל... אַ בעלנות פון אַ תרח, מעהר קיין עסקים האָט ער ניט, ווי צובינדען זיך צו דעם אינגעל... וואָס, ווען?.. אַלטע באַנדורע! זאָל ער געהן צו זייַן ווייַב'ס פּלימעניצע,—צו דעם ממזר, וויאַזוי זי האָט געבוירען פון דעם אַקציזניק...

קלמן אָבער, האָט שרה'ס זידלערייַען ניט געהערט.—און אפשר „גם זו לטובה”, סוף כל סוף וועלען זיי דאָך ווערן גוטע פרייַנד — ווי נאָר עס האָט זיך אויפגעהויבען דער רעש, האָט ער ניט געמאַכט קיין שהיות און, — ווי, בשעת אין די יונגע יאָהרען, אַז מען פלעגט איהם חאַפּען אין חתן־שטיבעל מיט אַ נקבה, — אויף גיך אַרויסגעמאַכט זיך... ער האָט זיך אַליין דערשראָקען, דערזעהענדיג, וואָס ער האָט אָנגע'מלאכה'ט...

אַז מען האָט זיך שוין אַביסעל בערוהיגט איז מענדעל אַוועק שלאָפען. הייַנט — נעבעך אַ חולה—אין מתתיהו'ס בעט... עס האָט איהם שטאַרק געוואָרפען אין קעלט, געקלאַפּט מיט די צייהן,—אַלע שבת'דיגע און וואָכעדיגע מלבושים, ביז אַ זוים האָט מען אַרויפגעלעגט אויף איהם, כדי דערוואַרעמען זייַן גוף...

יעקב־פּסח, שרה, פייגעל, האָבען זיך צוזעצט אַרום איהם,—זעלדעלע איז געלעגען נעבען איהם און געקושט איהם, געוואַרעמט זייַן פיבערנדע לייַב, — דאָס גאַנצע הייזעל האָט זיך אייַנגעהילט אין אַ וואַרעמער, שטילער ליבע... אָהן ווערטער האָט זי געשוועבט און געשטראַהלט אין אַלע ווינקעלעך און בעשפּינט אַלץ און אַלעמען מיט איהר חן...

דערזעהענדיג דאָס אומרוהיגקייַט פון אַלעמען, האָט מענדעל צוגעמאַכט די אויגען, אָנגעהויבען חראָפּען, כלומר'שט ווי ער וואָלט שלאָפען... אַלע זענען

געוואָרען שטיל, — אויף די שפּיץ-פינגער איז מען זיך צוגאַנגען אין רי בעטען...

אַ בהלה איז אויף איהם אָנגעפאַלען... ווי וואָלט געווען, אַז זיי וואָלטען וויסען דעם אמת פון זיין חלש'ן?.. די קאָלדרע האָט ער אַרויף געקאַשערט איבער זיין קאָפּ און די שטראַהלען פון די אויגען, וואָס האָבען אין דער פינסטערניש ניט געלויכטען, נאָר מיט אַ גלאַנץ געשטאָכען, — האָבען איהם נאָך מעהרער געשראָקען... לעבען, — זינדיגען... שווער... און ניט טראַכטענדיג גאָר וועגען דעם, איז איהם פּלוצלום אַרויף אויפ'ן זינען די מעשה מיט בן-זומא'ן, וואָס איז געווען מיט זיינע דריי חברים, אויף דעם הימעל, — צופיל געקוקט און איז איבער דעם געשטאָרבען:

— פאַר אַ קוק — שטאַרבען... וואָס וואָלט האַרען דעם איבער-שטען, אַז אַלע מענשען זאָלען געניסען פון עץ-החיים, און מען זאָל גאָר אויפ-הערן שטאַרבען?.. פאַר וואָס עפענט ניט גאָט אַלע הימלען, אַלע זיבען הימלען און זאָלען אַלע זעהן, וואָס דאַרטען טוט זיך?.. איינמאָל נאָר בעוויזען דעם גיהנם, — און מענשען, וואָלטען שוין מעהר ניט געזינדיגט, — וואָלטען געוואָרען אמת'ע צדיקים... בן-ציון דער שוחט זאָגט, אַז אַלץ האָט דער בורא בעשאַפען, כדי מען זאָל זיך וואונדערן, אָבער ניט פער-שטעהן; דאָס וואָס איז העכער פון דעם מענשליכען שכל, — קאָן מען מיט דעם מענשליכען שכל, ניט משיג זיין, אַלץ איינס למשל, ווי די לייווע פערשטעהט ניט צוליב וואָס מען פיהרט זי מעבר לים, אַזש גאָר אין יאַקאָב-שטאַט, אין ריגא...

אחר — געזעהן די „מרכבה“, דעם רבונו-של-עולם מיט אַלע מלאכים, און פון דעסטוועגען אַרויס „לתרבות רעה“, פלעגט געהן צו רום'ישע מטרניות — צו גויה'ס... אַגאַפיע... קלמן... דער אַקציזניק... ער חלש'ט... ער אַנטלויפט פון ביעראָזאָייע און אַנ'עדה אידען אין טליתים יאָגען איהם נאָך...

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, דרעמעלט ער איין. ער פערלירט דעם סוף און דעם אָנהויב פון זיינע געדאַנקען... פערשידענע בילדער טוישען זיך יעדער רגע... ער שוועבט אין דער לופט — אויף דעם ברעג פון אוליאַנקע... ווער שרייט עם דאָרטען?.. ס'ער אַ ווייסקייט דער הימעל איז... מען שמייסט די לבנה...

נאָר דאָס זיבצען-יאָהריגע עלטער גיט זיך ניט אונטער, און מענדעל איז אַנטשלאָפען געוואָרען מיט אַ יונגען געזונדטען שלאָף, פערוויגט אונטער דעם ניגון פון אַנ'איבעוויגיג-זינגענדען: „אַליו-לוילו-ליו“...

X.

ביערעזאָווע, וואָס איז, כמעט, אַ גאַנץ זומער אַרומגעגאַנגען „פּוסט און פּאַס“ איבער די גאַסען, די הענד אין די קעשענעס, מיט גאַנצע פּעק „גלייַכע ווערטלעך“ און נייַעסען פון אַלע מלוכות, — איז פּלוצלום עפּעס געוואָרען פערהאַוועט און שטאַרק פערנומען... מיט אַ פּנים פון „ניטאָ קיין צייט“, פּלעגט מען זיך אָבשטעלען אויף עטליכע מינוטען נעבען יוסף דער באָבע' קונעס — אַ גראָטענער יונגער-מאַן, וואָס לייענט אַ בלאַט און האַלט אַנ'אַפּטייק-קראָם — און, לגמרי אָהן ויכוחים, אייַנשלינגען אין זיך, — ווי אַ וואָכענדיגע מנחה, — עטליכע „אייַנפּאַלען, וואָס פּערלויפען אין דער וועלט“ און תיכף, אָהן מחזקות, אַריבערגעהן צום „יעווריעסקי וואָפּראָס“... דערהערענדיג אַז דאָ געהט אַלץ כשורה, געלויבט איז גאָט נאָך מיט חסד, — קיין נייַע גזרות ניטאָ, פּלעגט מען צוגעהן בערוהיגטע אַהיים... קאָן מען זאָגען, עס קומט אָן ניט גאָר גרינג: — דער יצר-הרע, רעדט שטאַרק איין, בלייַבען נאָך אַ ווייַלע, נאָר... די ביערעזאָווער ווייַבער, זענען אַ פּנים געווינדטער פאַר דעם ביערעזאָווען יצר-הרע, דען, אַז זיי גיבען וועמען עס איז אַ ציה אוים פאַר'ן אַרבעל: „אַהיים!.. איך האָב קיין כח ניט אַליין צו האָרעווען“... מאַכט יענער ניט קיין שטיק, און ענטפערענדיג: „איך געה דאָך, וואָס דאַרפסטו שרייַען“?.. לאָזט ער זיך גלייַך אַוועק אַהיים.—אמת, בייַסענדיג די נעגעל און קראַצענדיג די באָרד פון עגמת-נפש...

אינעווייניג איז—הלואי ווייַטער — כמעט איין קהל'שע דאגה ניטאָ. מאיר דעם שליח-פּורעניות'עס נייַעס וועגען דעם פּאַראַחאָד איז גאָר אַ שקר וכזב, — אַ נעכטיגער טאָג, — אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביז'ן סוף; די בלאָטעס נעבען די יאַטקעס, — האָט דער סטאַנאָוואָי געזאָגט — וועט מען געוויס ברוקירען, און נאָך אַ שטיקעל פּלאַץ פאַר דעם בית-עולם, פערקויפט דער פּריץ; הגם ער בעט אַ הוספה, דאָך וועט מען ווי עס איז דורכקומען...

די סעדער, וואָס זענען אַ גאַנץ זומער אָבגעזעסען אין די געדונגענע סאָדען און מעהרער פערנומען זיך מיט חזנות איידער מיט היטען די עפּעל פון גנבים, — האָבען זיך שוין ביסלעך־ווייַז אָנגעהויבען אַרייַנקלויבען זיך מיט זייער סחורה אין ביערעזאָווע... מען לאַטעט די קעלערם פאַר דער „ווינטערדיגער סחורה“ און פאַר די „ווייַנענדיגע פּרימאַ“... די פּלעקסער, וואָס האָבען זיך שוין אין גאַנצען אָבגעוועהנט פון אַרבייַט און פוילען זיך פון איין פּריה-מאָרגען ביז דעם צווייַטען, אַראָבלאָזען דאָס אַרבעל פון „של-יד“, — בעווייַזען זיך איצט גאָר ניט אויף דעם מאַרק, ווי „וועלט-ענינים“ וואָלט זיי אין דער לינקער פּאה ניט געלעגען...

די שיינקאַרעס לויפען אַרום איבער די קראָמען און די קרעמער איבער די שיינקען, — מאַכען אַ הלואה'לע, לייען אויף עטליכע טעג אַ פּאָר קערב־לעך... צו שמעון קליין מענשעלע — אַ וואָכערניק אין ביעראָזאָווע, — טראָגט מען פון אַלע זייטען פּסח'דיגע סאַמאָוואַרען, ניקעלנע לייכטער, חתן זייגערס, און אַלערליי דרשה־געשאַנק... די בעל־בתישע אידען פון די „גע־פאַלענע משפּחות" — דורכ'ן יאָהריגע לעדיג־געהער, וואָס זיצען פון ל"ג בעומר ביז עשרת ימי־תשובה — אַ חוץ די רעגענדיגע טעג — אפילו אין מיטען העלען־טאָג, שררה'דיג אָבגעלעגט אויף די בענקלעך, — ווי מלמדים סוף הזמן אויף דעם גאַניק פון בית־המדרש — אין ברייטע ריפּסענע היטלען אריבער די אויגען, און אין לאַנגע זשופּעצעס, — אָט די פיינע בעל־הבתים, שטעהען איצט אין יאַרמולקעס מיט צוקנייטשטע שטערנס, נעבען די הייזער און וואַשען בוטלען, רייבען חריין, אָדער שאָבען טאַראַנעס מיט אַ טאַרטקע. — נייע בעל־פּרנסות!... און טאַקי אַלץ ניט צו דערקאָנען. ביעראָזאָווע האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען אַ נייע הויט: — לעבענדיגער, ענערגישער, אינגער!..

אין ביעראָזאָווע גרייט מען זיך צו דעם גוי'ישען יום־טוב „פּיאַטניצע", בשעת אַלע מאָל — נאָך האַלבען טאָג איז אויך אַ יריד... און נאָך וואָס פאַר אַ יריד?.. „פּיאַטניצע" געהט אַריין אין דעם חשבון גאָר פון די גרויסע ירידי'ן, פון וועלכע, כמעט, אַ שליש ביעראָזאָווע, ציהט חיונה עטליכע חדשים; וואָס פאַר אַ וועטער עס זאָל ניט זיין — הייס צי קאַלט, — טרוקען צי נאַס — פאָהרען זיך צונויף פון דעם גאַנצען געגענד פּויערים מיט פּויערטעס מיט זייערע קינדער, מתפלל זיין אין דעם ביעראָזאָווען קלויסטער און זיך טובל זיין ביז די קנעכלעך אין דעם אוליאַנקע, בשעת דער גלח שטעהט אויף אַ בריקעלע פון דריי ברעטלעך, — וואָס מען מאַכט צוליב איהם — און בעשפּריצט מיט דעם הייליגען אוליאַנקע־וואַסער די „איקאָנעס"...

אויף דער אוליאַנקע — ווי גוים זאָגען — האָט מיט עטליבע הונ־דערט יאָהר צוריק, — אויך זומער, — עפּעס אַ יונגער שייגעץ אין אַ ווייסען שעפּסען־פּעלץ, בעוויזען גרויסע וואונדער און דעריבער איז עס נאָך עד־היום ביי זיי הייליג... און צוליב זיין געדעכעניש אָבגעשטעלט דעם יום־טוב פּיאַטניצע... אויך איבער דעם פלעגען די ביעראָזאָווער גוים ברענען פון כעס, ווי פייער, דעם ערשטען טאָג ראש־השנה פאַר נאַכט, — נאָך מנחה — בשעת גאַנץ ביעראָזאָווע — פון קליין ביז גרויס מיט די ווייבער און קינדער, שטעהט מיט די מחזורים, קרבן־מנחה'ס און „פּיצינקע סידורים'לעך", אויף דעם ברעג פון אוליאַנקע און וואַרפען אַהין אַלע זייערע חטאים פון אַ גאַנץ יאָהר, טרייסלען די ציצית, טונקען די העגד אין וואַסער און דערמאַהנענדיג זיך, אַז אָט דאָ אויף דעם זעלביגען אָרט האָט אָבגעריכט

„תשליך” דער „טשערנאָבעלער” פאָהרענדיג איבער ליטע און רייסען, — ווערן די הערצער פול מיט גרוים בטחון און קוקענדיג ווי די פישעלעך שווימען זיך אום זאָרג־לאָז, — כמעט, אויפ'ן ברעג, — אַרום די גראָזען, וואָס זענען פול מיט וואַסער, הויבט אוף דער ביעראָזאָוער איד די אויגען צום הימעל און עפּעס מיט אַ ברייטקייט זאָגט ער צו גאָט: „רחמנו כּרחם אָב על בנים” — האָב אויף אונז רחמנות ווי אַ טאַטע אויף די קינדער — זענען מיר דען ניט דיינע קינדער, ווי די פישעלעך? ... און, בשעת ביעראָזאָווע טענה'ט זיך אוים מיט דעם טאַטען אין הימעל, שטעהט האַנקע דעם דיאַקס בעהאַלטען צווישען די מצבות פון דעם גוי'ישען בית־עולם און שעלט די אידען מיט ביטערע קללות, דערפאַר וואָס זיי זענען מטמא איהר הייליגע אוריאַנקע...

פאַרצייטען—ווי מען דערצעהלט און ווי אין חברה'שען פנקס שטעהט בעשריבען, — פלעגט „פיאַטניצע” טאַקי זיין סכנת־נפשות און ניט ווייניג אידישע קדושים, זענען אין אָט דעם טאָג אומגעקומען אין ביעראָזאָווע. איצט אָבער האָט מען זיך איינגע צו די אַנדערע אַביסעל צוגעוועהנט און „פיאַטניצע” איז אויך געוואָרען, כמעט, אַ אידישער יום־טוב. —נאָך מיט אַ וואָך פריהער, פערלאָזען די מלמדים די חדרים—ווי חנוכה להבדיל, — און די תלמוד־תורה אינגלעך גרייטען זיך אין אָט דעם יריד־טאָג, צו האַנדלען מיט חזיר־האָר, פעלבלעך און טחוירען... פון אַנדערע אידישע שטעדט און שטעדטלעך פאָהרען אָן אידען מיט בלעכערנע כלים, מיט פאַרטיגע שוך־וואַרג, גוי'ישע קליידער און סיערפּען. אַנדערע קומען אויפקויפען ביי דעם גלח דאָס לייוועגט, וואָס די פויערים זענען מנדב פאַר דעם קלויסטער... אויף פיאַטניצע קומען אויך די חתנים מיט זייערע טאַטעס אויפמאָהנען דאָס „צוגעזאָגטע” אָבשטעלען אלול'דיגע חתונות, אָדער פאָדערן מתנות...

איבערהויפט רעש'ט אין די טעג ביי אָשר דעם טאַנדעטניק: — אַלע אָרעמע מעדלעך — וואָס וואַקסען פון יחוס און דעריבער קאָנען זיי ניט געהן דינען אין אַ שטוב — מיט אַלע נייה־מאַשינען, וואָס האָבען זיך וואו עס איז פערוואַלגערט אין ביעראָזאָווע — סיי פון דעם אלטען פאַסאָן, און סיי די נייע — „זינגער'ס” — געפינען זיך איצט ביי אָשר'ן אין שטוב, וואו מען „שטשאָבעט” רויטע קאָפּטקעס אין בלויע קווייטען און מיט רויטע פיינעלעך, — „פירזשאַקען” פון גרויען קעשטעלדיגען געוואַנט, פאַר די פויערים מיט די פויערטעס, וואָס וועלען קומען אויף דעם יריד... עטליכע וואָכען, כסדר, אַרבייט מען ביי אָשר'ן דורך טאָג און דורך נאַכט... אָשר אַליין געהט ניט, אפילו צו מעריב, אין בית־המדרש... די בריוו־לאָמפּען וואָס ברענען ביי איהם אין שטוב — געליהען אין בית־המדרש — בעלויכטען דעם גאַנצען ביעראָזאָווען מאַרק... „חברה־פּאַטש” — שמייסער, שוסטער־

יונגען, קלויבען זיך צונויף אַרום די פענסטער און העלפען די מעדלעך אונטערזינגען ... זייער גוט־ברודער — בענטשקע דעם קומען־רײַבערס אָדער בענטשקע דער קאָלבאַסניק — אַ געגאָלטער שנײַדער־יונג מיט דעם היטעלע אויף אַ זײַט און לאָקען שוואַרצע האָר ביז די אויגען — „אַ סיביר־ניק” מיט שוואַרצע אויגלעך, אַ טענצער און אַ „פאָזשאַרניק”, — איז איצט די אַנדער האַנד, דער „שני־למלך” פון אָשר'ן אַליין ... אינאיינעם מיט די מעדלעך, וואָס געהען אוים נאָך איהם, זינגט ער:

„פרײַטאָג פאַר טאָג
אוי אַ קלאָג
די חלה איז צוגעברע־ע־ענט־ט־...

מען אַרבײַט שנעל, מען ליאַסקעט מיט די מאַשינען, הו־האַ, עס ברענט אין די הענד, און די יונגען, בריאַזגענדיג מיט אַ פאַפירענעם פלאַצער, ענטפערן מיט אַ „לאַל־עירך”דין” ניגון:

„גיט מען טאַקי איבער די בײַנע־ע־ר־ד־ר”.

און פון ביידע צדדים ווערד אַ געלעכטער—חאַ־חאַ־חאַ ... פרעהליך, לוסטיג, יום־טוב'דיג, בענײַעט, ווי אין ביעראָזאָווע וואָלט עפּעס געווען אַנ־ערב־חופה און ניט — אַ געוועהנליכער, — אמת אַ גרויסער — ערב־יריד ...

יעדערער גרייט זיך אויף דעם יריד אויף וויפיל ער איז ביכולת, נאָר, בכלל, טוט זיך אַלץ מיט אַ פולער האַנד. די רײַכע שײַנקאַרעס — וואָס פיהרען זייער כפר־היחוס פון די אַמאָליגע ברויזערס — קויפען אָן גאַנצע עמער בראַנפען מיט ביר, קאָכען אָן גאַנצע קאַסטענס טאַראַנען מיט הערינג, און די „אָרעמע געגרעלעך” נעמען בײַ זיי אויף אוים־צאָהל, ראַטעס־ווײַז ביז נאָכ'ן יריד ... אין די „פיאַטניצע”־טעג, פלעגט אַלעמען אָנ־חאַפען אַ שײַנק־חשק, — עס רופט, עס ציהט ... אַפילו סענדער דער גע־מעביר'טער שוחט — אַ איד אין יאָהרען, פלעגט אויך אָנגרייטען עטליכע בוטלען בראָנפען, טאָמער, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, אַ טשיקאָווע, עס שפרינגט אַרײַן אַ גוי אָדער אַ גויה און בינו־לבינו, האָבען „אַ שטיקעל ריוח” — אויף עטליכע פעקלעך שמעק־טאַבאַק, — דאָס פושקעלע שוין אויך צײַט איבערצובײַטען ...

די מעדלעך פלעגען מיט אומגעדולד וואַרטען אויף אָט דעם יום־טוב, בשעת זיי וועלען אין טומעל און טעהער, בגניבה, קאָנען פערקוועטשען עטליכע גידעגנס, און נאָך דעם אויף יום־טוב קויפען אַ שפילקע, אַ בראָש, אָדער אַ נײַע סטענגע צו דעם ווינטערדיגען היטעלע, — דער טאַטע גיט אויף אַ זשאַקעט, אויף טיעפע קאַלאָשען, ער פיהלט דאָס קעלט פון גוף, אָבער ניט פון דער נשמה און ער פערשטעהט ניט, אַז אָהן אַ סטענגע קאָן

זיין נאך מעהרער קאלט איידער אהן אמולעטענעס לייבעל און דעריבער מוז מען אליין דאגה'נען... א דאנק פיאבניצע!

די בחורים וואס ארבייטען אין די ציגעלניעס אדער אין די מיהלען, קומען אהיים אויף „פיאטניצע”, אלץ איינס ווי זיי קומען אויף תשעה-באב, אדער אויף שבת-נחמו... זיי טוען זיך אן האלב יום-טוב'דיג; די „יון'ישע מאמעס” — ברוך-השם — ווארטען מיט פערוויינטע אויגען אויף די גוי'ישע סאלדאטען וואס קומען צו גאסט, אבנעהמען ביי זיי א גערוס פון די קינדער און, כ'וויים, אפילו א קאץ קאן אויך קאליע מאכען, — גרייט מען אן פאר זיי א שטיקעל מתנה, בפרט א גוי — עשו מעג דאך אלץ, — מסתמא — „אנ'עלטערער”, — א „נאטשאלניק”...

מיט איין ווארט אין דעם ביעראזאווען לעבען איז „פיאטניצע” געווען א גאנצע עפאכע און מיט וואס יעדערער האט געקאנט, — איטליכער נאך זיין פערמעגען, — האט זיך מכין געווען צו איהר...

היינט — דאנערשטאג — דער לעצטער טאג פון ערב-יריד, האט זיך ביעראזאווע אין גאנצען פערגראבען אין די הייזלעך... פריה-מארגען האט מען געדאווענט פאר זיך — אהן א מנין — ניט אלע טאג איז א פיאטניצע: גאט וועט מוחל זיין, — און פאר נאכט האט מען גאר צוגעשלאסען דעם בית-המדרש...

אפילו די זקנים, וואס געהען ניט ארוים אויפ'ן גאס פון שבת ביז שבת, — האבען אויך אנגעגורט די לענדען און געהאלפען די שניר און טעכטער, צושטעלען, צולעגען די שפייז און משקאות אויף די פאליצעס, מיט די אלטע ביינער געקראבען אין די לעכער, — בעהאלטען דעם טאבאק און בראנפען — טאמער געהט אן יאחים דער סאטסקי אדער דער אוריאדניק... דער שונא שלאפט ניט און מען האט טאקי מורא; — פענאנדערלעגענדיג די פיש און טאראנעס אין די טעלער און פולמעס'קעס, זאגען ביעראזאווער ווייבער מיט א זיפץ:

— דער הימעלדיגער ווייס עס זאל נאר אראבגעהן גלאט... עס זאל אין מיטען דערינען ניט ארויסשפרינגען א „רעוויזאר”, א שד, א מחבל... דעם עבר'דיגען יאהר, — ניט איצטער גערדאכט — האט מען געמאכט אודאי פינף אקטען — אהן א גוזמא... דוד דער בעל-חלום — זאל ער זיין א גוטער בעטער — איז אפשר געשטארבען פון די עסקים, פון די לויפעני'שען צום מיראוואי און פון מיראוואי... דער „שווארצינקער” — האט איהם שיער ניט גע'ממית'ט אויפ'ן ארט.

נאר די מאנסביל ווערן אין כעס און הויבען אן צו שרייען:

— וויבערשע ציגגלעך... גזלן'טעם — מען באלבעט וואס מען

דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט... ניט קיין געדונגענע צונג, — רק מען לעגט אוים צו שלעכטס... טהו דיין מלאכה און שווייג.

און די ווייבער ווערן שטיל, בעהאַלטענדיג די אימה פאַר די „שדים" און „מחבלים", טיעף אין האַרצען, ניט אַרויסרעדענדיג עס מיט'ן מויל, — טאַקי דער שטן קאָן נאָך אונטערהערען און—חס־ושלום—מקיים זיין...

דער מאַרק האָט פון נאָך־האַלבען טאָג אָן בעקומען גאָר אַ ניי־פּנים: אָנגעפּאָהרענדע פערד־הענדלער מיט ציגיינער האָבען איהם אַריינגעחאַפּט אין זייערע הענד, און אַנשטאָט שמועסען הערט מען מעהר נישט: „ניאָ" און „האַ"...

פאַר נאַכט... די זון האַט שוין בּיין אונטערגעהן, — זי איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון דעם בית־המדרש־דאַך, און פון דעם ווייטען האָריזאָנט שפּילט זי זיך מיט דעם בלוי־סאַמעטענעם קופּאָל פון דעם פּוילישען קלויס־טער און איהרע שטראַהלען קושען זיך, פאַר'ן זעגענען, מיט דעם קאַלטען אייזערנעם צלם, וואָס ריהרט זיך, אַפילו פון אָרט ניט... די אָנגעפּאָהרענע „אורחים", די־הענדלער, זיצען אין די אכסניות, אָהן רעקלעך; זיי טרינקען טהיי, בייסען צו עטוואָס און בעטען דעם, וואָס וויים „ווי שווער עס קומט אָן חיונה", אז חאָטש ביז אַ זייגער פינף זאָל ער מאָרגען איינהאַלטען די אוצרות פון רעגען... נעבען גוי'ישען טראַקטיר שטעהען אויף די קניען, גוי'ישע אָרעמע לייט, — בלינדע, הינקעדיגע און בעטען נדבות פון יעדער פערבייגעהער... מיט אַנ'אומעטיג האַרץ־רייסענדען דינען קול, זינגען זיי זייערע בענקענדע ניגונים, אין וועלכע עס הערט זיך דאָס שמערץ פון הונגער, קעלט, האָגעל און חיות־רעות, — דאָס שמערץ, וואָס לאָזט ניט רוהען דעם אָרעמען וואַנדערער און טרייבט איהם פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטוב צו שטוב... אויף דעם דעמערענדען מאַרק, צווישען די שוואַרצע שאָטענס, — הילכט דאָס רחמנות־קול, וואָס רופט צו גאָט און צו מענשען... עס בעט, וויינט, שרייט, עס דאַכט זיך, אַז זיינע טענער שלענגלען זיך אין די שאָטענס, נאָר ביסלעך־וויַיז ווערן די אָרעמע לייט שטיל און געהען אַוועק איבערנעכטיגען צו זייערע בעקאַנטע אידען...

די זון האָט שוין אויפגעהערט צו בעשיינען דעם פּוילישען קלויסטער אויך. געהענדיג אויף הינטער, האָט זי זיך עטליכע מאָל בעגריסט מיט ביעראָזאָווע און איז אַוועקגעגאַנגען שלאָפען אונטער דעם קלאָהר־ווייסען הימעל, צוזאָגענדיג, אַז מאָרגען וועט זיין, אויף אַנ'אמת, אַ שעהנער טאָג, — וועגען רעגען איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען... פון אַ ציגיינערשען וואָגען האָט זיך דערהערט אַנ'איינטעניגער ניגון, — ווי אַ דאַנק דער זון פאַר איהר הבטחה, — און דער ביעראָזאָווער מאַרק האָט זיך איינגעהילט

ווי אין א׳שבת׳דיגע מנוחה און אינאיינעם מיט דעם ווארעמען ווינדטעל, געקליבען נחת פון גאט און זיינע משרתים...

רוהיג, אבער, איז מעהר נישט דרויסען, — אינעוויייניג, — אין די הייזלעך, קלעהרט גאר קיינער ניט וועגען שלאף, וועגען רוה... עס איז הייס —פון די אנגעהייצטע אויוועגס—ווי אין א באד... עס פאלען מעוברת׳דיגע ווייבער אין חלשות, — ווער קוקט אבער אויף דעם?.. צי איצט איז א צייט צו טראכטען וועגען געזונד? — נישקשה, דער טאטע אין הימעל איז א גוטער דאקטאר, — און ער האט ליב ארבייט... ארבייט, ארבייט, אידען, מארגען וועלען פון אייך טויזענדער מענשען הנאה האבען!...

אין ביערזאווע הארעוועט מען איצט, אבער עס איז ניט אומעטיג... פון די הייזער, וואו עס איז דא יונג־וואַרג, הערען זיך פערשיעדענע לידער, — אלט־מאדישע, ניי־מאדישע און מאטעס מיט קינדער זינגען צופרידען „לא המתים יהללו יה־ה״ — ניט די טויטע וועלען לויבען גאט — און אין מיטען זינגען, עפענט זיך אב א טיר מיט „א גוט־נ׳אבענד״... — איין בעל־הבית לויפט צו דעם אנדערן לייען א האק, א מעסער, א ריב אייזען, אדער בין שפעטער אנ׳עמערל וואסער...

אויף יעדער טראט פיהלט זיך אנ׳אמת׳ע, ריין־אידישע אחדות!...

גאנץ אנדערש איז אבער איצט ביי יעקב־פסח דעם „כזית״, נעבען טייכעל... דארטען שלאפט מען אויך ניט, מען גרייט זיך אויך צום יריד, אבער איינזאם, אבגעריסען און פערווארפען, — עס פעהלט דער ברען, די ברייטקייט... שטיל אהן ווערטער שפאלט יעקב־פסח האלץ, ווי ער וואלט זיך גרייטען סמאליען א כפרה, און הייצט אונטער דעם אויווען מיט אזא מינע, ווי ער כשר׳ט די אלטע צובויגענע ציינענע רעפעל ערב־פסח... מיט דערזעלביגער מינע, אהן התפעלות, דרעהען זיך ארום אויוועץ שרה מיט פייגלען... מען דארף ניט זיין קיין נביא, כדי צו טרעפען, אז קיין גרויסע גליקען בעשטעהען דא ניט, דאס איז ניט אין שטאדט אויף דעם דעם מיטען מארק.. נעבען דעם אוליאנקע... מ׳שטיינס געזאגט, ניט מעהר זאל זיין רשעים אין גיהנם, וויפיל עסער און טרינקער דא וועלען זיין... אויב ניט די עטליכע פויערים, וואס שטעלען זיך אב על־פי בע־קאנטשאפט ביי מיקיטען, איז עלול, אז עס וואלט, אפילו א ברעקעל פדיון ניט געווען... א מסחר!..

שרה שרייט שוין לאנג, אז עס לוינט בעסער אין גאנצען מבטל זיין פיאטניצע... ניטא אמאליגע יאהרען און צוליב עטליכע פרוטות, שטעלען דעם נפש אין סכנה און פאר א גלעזעל בראנפען אדער פאר אצעהגרליג פאפיראסען, האבען אויסגעריסענע יאהרען, און נאך ארייַנפאלען אין תפיסה איז געווים ניט כדאי... נאר יעקב־פסח וויל ניט הערען און זעהן: — בטבע

איז איהם שווער צו שיידען זיך מיט אזא אלטען מנהג, ווי שמינקעווען אום „פיאטניצע“, — אז מען זאל מוזען, אפילו, צולעגען פון דער אייגענער קעשענע, שוין ניט געשמועסט וועגען פרנסה... און קיין חידוש איז עס ניט: פון געבוירען אן האט ער זיך אויפגעהאדעוועט אויף אט דעם אלטען מנהג, און אויב ער וואלט ניט אומלויפען ווי א שעפס צומריימעלט ערב־„פיאטניצע“, ניט זיין מבולבל, מעשה אמת'ר שמינקער, אום פיאטניצע גופא, וואלט איהם, אפשר, א גאנץ יאהר דאס לעבען ניט איינגעגאנגען, פשוט, די וועלט ניט ניחא, ווי ער וואלט א שטיינער, געבליבען ימים־נוראים אהן מוספים... עס קאן זיין, אז מיט'ן שכל פערשטעהט עס יעקב־פסח ניט, ער פיהלט עס אבער בחוש, — אינסטינקטיוו, און דעריבער גרייט מען זיך ביי איהם אויך צום יריד, הגם אויפן ארעמען אופן... מען קאכט ניט פיל, —לפי־ערך, באקט מען אן זעהר ווינציג חלות, —פון דעסטוועגען פיהלט זיך אין אלע ווינקעלעך דעם יום־טוב „פיאטניצע“, — דעם יום־טוב וועגען וועלכען ביערזאווע, טרוימט אזוי פיל פון נאך־שבועות אן... „אנ'ארעמער מחותן, אבער דאך א מחותן“!..

מענדעל העלפט אויך דער מאמען און פייגלען אין פערשידענע מלאכות, — ער טראגט צו רויהע חלות צו דער לאפעטע, דרעהט קרוטקעס, מאכט זעלדעלען פון טייג מייזעלעך, און נעהמט ארוים פון קארב בוטלען ביר און סיראפ... גרינגע מלאכות, — נאך אשטיקעל חולה: די הענד און דאס פנים זענען געל, ווי פארמעט... שווער איהם דאס אויך צו טאן, נאר עס ווילט זיך ניט אונטערגעבען... שרה בעט זיך ביי איהם: —זוהן מיינער, מען וועט אום קומען אהן דיר... שפאר זיך צו אביסעל... טונק איין א צוקער־לעקעך אין מילך אדער פערזוך א וויינענדיגען עפעל, — בכיון צוליב דיר געגומען ביי אסגע דער רויטער — וועסט זיך מחיה זיין — נאר מענדעל ציהענדיג מיט א פרעגט פון זאגטיק די פראפקעס פון די בוטלען ענטפערט איהר: —וואס רעדסטו מיר איין... הלואי וויטער, איך פיהל מיך אויסגעצייכענט... —

און שרה בערוהיגט זיך... דאס גאנצע משפחה'צקע נעבען זיך, — אלע געזונד, א דאנק דיר רבונו־של־עולם! דער „רופא־חולים“ האט זיך דער־בארעמט — נאך דעם, אז מענדעל איז געבליבען אין חלשות איבער קלמן דעם בדחן, איז ער אבגעלאָ־גען עטליבע וואכען צו בעט. מען האט זיך געשראקען, אז עס וועט זיין א געלעגער... עטליבע מאל, איז דער גוי'ישער רופא אריינגעגאנגען, און ביערזאווע האט אויף א ווילע אראבגעלאזען דעם נאז, — די אינגלעך ניט געלאזען בארען זיך, די מעדליך, — אהן א פאטשיילקע אויפ'ן קאפ, — מורא־האבענדיג, אז אויף ביערזאווע געהט עפעס אגרויסע חולאת, נאר דער ביערזאווער גאט איז ניט קיין בעזער,

ער האָט זיך ליב אַנ'אַנדערש מאָל אַ שפּיל טאָן מיט דעם וועלטער, בעשיטען איהם מיט שנעען, בעגיסען איהם מיט מבול'ם און נאָך אַזוינע זאַכען, — עס געדויערט אָבער ניט פיל, און ער ווייזט ווידער אַרויס זיין גוטסקייט און ווי אַ גוטער זיידע שענקט ער ווידער די עניקלעך, ליכט, זון און וואַרעמקייט, — גלעט זיי איבער די קעפּלעך, זענענדיג צופרידען מיט זיינע יורשים, — און, אפילו די שאָרסטקע קינדער, וואָס זענען שטענדיג מלא צו איהם מיט טענות און תביעות, געהען אויך אָב דענסטמאָל פון כעס און ווערן בעסער, צערטליכער.

און דער אויבערשטער האָט מעגדעלע'ן ווידער אַנידערגעשטעלט אויף די פיס, און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז די קרענק איז גאָר ניט געווען אַזאַ שווערע... נאָר וואָס געווען איז שוין אַריבער — און, אפשר איז דאָס אויך צו גוטען, — אויף אַגאַפּיען האָט ער זיך פאַר דער צייט, כמעט, ווי פערגעסען און דערמאָהנענד־זיך אויף „יענער נאַכט", פערשעמט ער זיך און איז צופרידען פון דעם, וואָס ער איז נצול געוואָרען פון דער „שיקסע", וואָס האָט איהם אַגאַנץ זומער ניט געלאָזען רוהען... גאָט ווייס וואָס ער טוט...

איצט דרעהט ער די קרוטקעס, עסק'ט זיך פלייסיג מיט די בוטלען און וואַרפט זיך דורך מיט אַ תורה־ווערטעל, מיט אַ מעשה וועגען ר' ישראל בעל־שם־טוב— און הערט זיך צו, צו דעם, וואָס עס ענטפערט דער טאַטע, וואָס שטעהט נעבען אויווען און קלויבט נחת פון די האַלץ, וואָס ברענען אַזוי אויסגעצייכענט מיט אַ העלען פייער... רוהיג אויף דער וועלט, רוהיג אויפ'ן האַרצען, מען נישט די פערד־העגדלער, וואָס פיהרען זייערע טאַבונעס, טרינקען וואַסער צו דעם אוליאַנקע, צושטערען די אידיליע מיט זייערע קולות: ניאָ, האָ—האָ.

— מיין זוהן, לעג זיך בעסער איצט שלאָפען און מאָרגען, אַז גאָט וועט געבען געזונד און לאָזען לעבען, וועסטו אויפשטעהן טאַקי אַביסעלע פריהער, —זאָגט יעקב־פּסח צו מענדעלע'ן ניט אָבטרעטענדיג פון אויווען...

עמיצער האָט אַפּנים אָנגעריהרט מיט'ן בייטש מיקיטעס הינטעל — מורזיקען: — פלוצלום האָט זיך דערהערט פון גאַס אַ בילעריי: „האַו־האַו" און יעקב־פּסח'ם גאַלגאַנער האָן „אַ וואַסער מאַדים", — אַ „פּסח'דיגע סחורה" האָט אָבגעענטפערט העפליך, מיט אַ קרעה, און מענדעל, מיינענדיג אַז עס איז שוין האַלבע נאַכט, האָט בעוויליגט צו לעגען זיך שלאָפען... ער איז טאַקי געווען אַביסעל איינגעמאַטערט... שטיל האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער אויסגעבעטער קאַנאַפּע, מיט אַ מולטערל צוקאָפען, כדי עס זאָל זיין העכער און מיט כונה אָנגעהויבען צו זאָגען קריאת־שמע:

— „השכיבנו אבינו לשלום, והעמידנו מלכנו לחיים טובים ולשלום", — שלאָף אונז איין טאַטע מיט פרידען און וועק אונז אויף אונזער קעניג צו אַ גוטען און פרידליכען לעבען, — האָט ער געשעפּטשעט, נאָר קיינער האָט,

כמעט, נישט געהערט זיין קריאת־שמע, — אַ קלייניגקייט צו זאָגען אַזאַ צושראַ־גענישט — און דער אומרוה פון דעם אַלטען וואַנד־זייגער, מיט זיין שטענדיגען טיק־טאַק האָט פערשטויבט מענדעל׳ס דינגען, שטילען קול.

ווי מענדעל האָט נאָר געענדיגט קריאת־שמע, האָט ער זיך גלייך געלענט שלאָפען, מיט דער דעה מאָרגען גאַנץ פריה, איידער די זון וועט נאָך אויפגעהן שוין זיין אויף די פיס אַ וואַכעדיגער: — אַ טאַטען מיט אַ מאַמען דאַרף מען העלפען! נישט נאָר אַ מצוה, נאָר — אַ חוב...

XI.

פרייטאָג פריה־מאָרגען... דער הימעל — קלאָהר און די זון האָט אַזוי שטאַרק געהיצט און געברענט אַז אפילו שמעריל דער ישיש — דער טאַטע פון אַלע ביערעזאָווער זקנים — וואָס פלעגט, אפילו אין די גרעסטע היצען, אין מיטען תמוז, קיינמאָל נישט אַראָבנעמען פונ׳ם לייב, זיין אַלט־פרענקישען, צוריסענעם קעצענעם פוטער, האָט אויך געזאָגט, אַז ער געדענקט נישט עס זאָל זיין אַזאַ הייסער טאָג ווי היינט, ממש, ווי אין אֵלוני־ממרא, אַז די מלאכים זענען געקומען צו אַברהם אבינו אויף וואַרמעס... דורך דעם ביערעזאָווער מאַרק איז גישט דורכצוגעהן: אומעטום אָנגעשטעלט און אָנגעלעגט... הונדערטער וואָגענס שטעהען איינער נעבען די אַנדערע מיט די האַליאָבלעס אין דער הויך, ווי חופה־שטאַנגען.

אויף די וואָגענס זיצען פויערים מיט פויערטעס מיט זייג־קינדער אויף די הענד... די קוואָקערייען פון די הינער, וואָס מען האָט געבראַכט אויף צו פערקויפען, הערען זיך איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל און מישען זיך צונויף אין איינעם מיט די הירזשערייען פון די פערד, און מיט די קולות פון די דאָרפישע קינדער, וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל, — ווייט זיי לעבען, — געקומען אין שטאָדט אַריין — אין ביערעזאָווע, און האָבען זיך איצט דער־שראָקען פון דעם אונגעוועהנליכען רעש און טומעל, פון די נייע פנים׳ער...

נעבען די וואָגענס שטעהען גוים מיט שטרויעלעך אין די מיילער, קראַצען די פּאַטילניצעס, אָדער פערבאַרשטען מיט אַ קאַם די האָר... מען קריגט זיך נישט, — שלום, — ווייל מען איז נאָך נישט געגאַנגען מיט די איקאָנעס צו דעם אוליאַנקע און דעריבער איז מען נאָך אין גאַנצען ניכטער, און די פערד־גנבים ליגען נאָך אויך ערגעץ אין די לעכער און בעטראַכטען זייערע פלענער... דערווייל פערקויפט מען נאָך גאָר נישט, ווייל דאָס אמת׳ע האַנדעל, הויבט זיך ערשט אָן נאָך־האַלבען טאָג, בשעת מען קומט שוין צוריק פון טייך — נאָך דער פראָצעסיע...

די פויערים, וואָס האָבען זיך אַביסעל פערשפּעטיגט, האָבען שוין ניט געפונען קיין לעדיגען אָרט ניט אויף דעם מאַרק און ניט אויף די געסלעך— אומעטום בעזעצט — און דעריבער האָבען זיי זיך געמוזט אָבשטעלען נעבען דער אוליאַנקע, אַקוראַט אַנטקעגען יעקב-פּסח'ן און סיקיטען... יעקב-פּסח איז געוואַקסען פון שמחה, זעהענדיג, ווי וואָס ווייטער קומט צו אַלץ מעהרער עולם, — ער האָט אַרויסגעשטעלט אויפ'ן גאַס דעם פּסח'דיגען טאַבורעט מיט אַ גרויסען קופּערנעם סיפאָן זעלצער-וואַסער, עטליכע טאַראַנעס און בולקעס... יעקב-פּסח האָט געפיהלט, אַז ער איז היינט דער מנצח און געזאָגט, טריאומפירענד, צו דעם געזינדעל:

— נו חכמים גרויסע, וואָס האב איך צו אייך גע'טענה'ט?.. געדענקט מיינע ווערטער, אַז צו צוויי אָדער דריי דער זייגער וועט זיין כלחוך השור, — אפילו אַ ביינדעלע וועט ניט בלייבען... גאָר נישט, עס איז דאָך שוין אַ פערפאַלענע זאַך, נאָר איך זאָג אייך, ווי מיר האָבען פרייטאָג אויף נאָר דער וועלט, אַז מען וואָלט אָנבאַקען און אָנקאָבען צוויי מאָל אַזוי פיל, וואָלט זיך אויך אויסבערענגען...

קיינער האָט איהם אויף זיין נצחון ניט געענטפערט, מעהר נישט שרה האָט אַרויסגעצויגען דורך די צייהן עטליכע ווערטער:

— הלואי, רבונו-של-עולם, פון דיין מול אין גאָט'ס אויערן... ווינציג הצטרכות, ברוך-השם, וואָס? — און זי האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט דעם פּנים צום פּריפּעטשיק, וואָס זי האָט איבערגעוואַשען געזאַלצענע הערינג.

מענדעל איז געשטאַנען נעבען דעם גאַסיגען פענסטער און געדאַוועט שחרית.

אַרום די ציגיינערשע וואָגענס, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט קליינע ציגיינערלעך, זענען אַרומגעלאָפען ביעראָזאָווער אינגלעך מיט נאַקעטע קרומע קעפּעל—נח דעם קצב'ס מוזיניק — בראש און געשריען: — מצרים, אַ, מצרים, טאַראַ־ראַטאַ, פּוטאַ־טומבע, מכות-טובים אייך געגעבען משה רבינו, עפּעס געשמאַק?.. טוב מאד און חושך-צפרדעים און תמרות-עשן, און דם און מכות-בכורות, אַ האַ...

נחום'ל דעם רבי'נס, —אַ קורץ אינגעל, אַביסעל אַ האָרבעוואַטער מיט אַנ'אָפּגעגעסענעם האַרץ, — האָט אָנגעהויבען צו שרייען, מעשה-למדן, אויף די קינדער:

— אַ לאָזט, איהר קאָנט ניט... די ציגיינערשע מצרים פערשטעהען מעהר נישט, ווי לשון-קודש... נעמען זיך אָן, וואַרט'ס איך וועל זיך אַקאָרשט מיט זיי דורכשמועסען, מיט די טמאים, — און צוגעהענדיג מיט

שמאָלץ צום וואָגען, האָט ער אָנגערוקט דאָס הערבעל און געווענדט זיך צו די ציגײַנערלעך:

— מצרים, כסילים, פּראים, שמעו נא, היכן פּרעה שלכם? היכן פּוטיפר? האַ?.. ואיננו!.. אַלע אינאײנעם, אי די ציגײַנער, אי די אידישע קינדער, האָבען זיך פענאַנדערגעלאַכט פון נחום'ל'ס רעדע... אפילו ישראל דעם גנב'ס בן'אָקעל, וואָס איז גאָר געקומען אַהער רײַסען האָר אויף סטרונעס פון די ציגײַנערשע פערדישע עקען, איז אויך צוגעשטאַנען צום עולם און עפּעס געמורמעלט לשון־הקודש'דיגע ווערטער, און געקנאַקט מיט די פינגער די ציגײַנערלעך אין פּנים.

מענדעל האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער און געקײַקעלט זיך פון געלעכטער, זעהענדיג ווי נאָטע קרומע קעפּעל—אַ געזונדטער קורדוקעל—טופּעט מיט די פיס און שרײַט שוין ניט אויף לשון־הקדש:

— נו בעטלער דלפנים, איהר וועט וואַרפען אידישע קינדער אין טײַך, האַ?.. זאָגט,—שוין אַ טויט אויפ'ן אָרט וועל מיר איך מאַכען... איהר וועט אונז פערמויערן אין די וועגד פון רעמסס? וואָס שטומט איהר, האַ?.. נאָכלויפען נאָך אונז אין דער מדבר אויף רײַט־וואָגענס?.. ממזרים, האַ נישקשה פערגעבען אין ים, דאַכט זיך אַ צעהנטען פאַרזאָגען?.. וואו איז איצט אײַער מלוכה, פערד־הענדלער, ציגײַנער, גנבים?.. יאַטען זײַט מכין די ידים, מען דאַרף זײ אַרײַנ'נותן'ען, איהר הערט, נאָר טרוקענע קלעפּ, — אין דיך און אין די פלײַנקען... — האָט זיך נחום'ל צוקאָכט און אָנגעחאַפּט אַ קלײנעם ציגײַנערל פאַר'ן האַנד, מיט קולות: — צום אוריאַדניק, גנב, רויבער... יאַטען דעקט, דעקט, דעם שטעקען צווישען די פיס... „לא תחיו כל נשמה"... יאַטען „מלחמת־מצוה", — אויף קידוש־השם... פאַר די קינדערלעך, וואָס זײ האָבען דער־טרונקען... יוסף הצדיק האָט זײ געראַטעוועט פון הונגער, — די חזירים און זײ... אַזוינע צרות... פון הינטען: אין מאַריק אַ טאַראַבענץ, ער זאָל זיך איבערקוליען, מיר וועלען זײ בעצאָהלען פאַר אַלע... אונטער'ן וואָגען ליגט בײַ זײ גאָלד און זילבער, וואָס זײ האָבען דערנסטמאָל בעהאַלטען פון די אידען...

די ציגײַנערלעך האָבען זיך דערשראָקען, די שוואַרצע אױנגעלעך האָבען זיך פענאַנדערגעבליצט, און ווי צאַפּלענדע כפּרות, אָנגעהויבען אומשפּרינגען פון אײן וואָגען אויף דעם אַנדערן...

נאָר פּלוצלום האָט מענדעל דערהערט פון ווײַטען, ווי מען זינגט עפּעס געשמאַק און ערנסט. די טענער הויבען זיך אויף און לאָזען זיך אַראָב, וואָס ווײַטער ווערן זײ אַלץ נעהנטער, הילכיגער, שטאַרקער און ווי מיט אַ מעסער שנײַדען זײ די אָנגעברענטע לופט... זײ זענען שוין גאָר

נאָהנט, מען קאָן שוין אָבטהיילען די דינע קלאַנגען פון די גראָבע, באַס'ען חערגען „אלט"ען... דאָס זינגערײַ איז אַ בענקענדע, אַ סקאַרבאָוטע... עס דאַכט זיך אַז אַ גאַנצע וועלט מיט קולות, בעוויינט עמיצען, בעקלאָגט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז שוין געשטאָרבען אויף עביג, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערען... און פון דעם ביעראָזאָווער הימעל שרייט עמיצער מיט אַ צדוק־הדין קול:

— ווײנט, ווײנט, נאָר דאָס איז אַ גזירה פון גאָט און קיינער וועט דאָ נאָר נישט העלפען...

און מענדעל האָט דערזעהן, ווי אַלץ אַרום און אַרום איז פערציטערט געוואָרען... די אידישע קינדער האָבען פערלאָזען זייער „מלחמת־מצוה" מיט די „מצרים" און אַנטלאָפען אין יעקב־פּסח'ס פאָר־הויז; די ציגיינערלעך זענען אַראָבגעשפרונגען פון די וואָגענס און צושראָקענע צולעגט זיך אונטער יעקב־פּסח'ס פונדאַמענט פון הויז; די פויערים און פויערטעס, וואָס זענען דאָ געשטאַנען, האָבען אָנגעהויבען צלם'ען זיך, בוקען צו דער ערד, אַנדערע פון זיי האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניען...

אפילו די קלאָגעדיגע שקאַפעס — די צוהויקערטע דאָרפישע פערדלעך, האָבען אויך אָנגעהויבען צו שפּרינגען אין דער הויך פון אימה און ברעכען די וואָגענס, רייסען זיך פון שטריקעל.

מענדעל האָט אַראָבגענומען דעם „של־ראש" און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער, איינקוקען זיך, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען...

פון אַלע זייטען איז דער גאַנצער געגענד געווען שוואַרץ פון מענשען, וואָס האָבען געשוועבט אין דער שטויביגער און זאַמדיגער לופט. ערגעץ ניט געווען. אפילו אַ פינגער וואו אַרייַנצושטעקען... מחנות גוים מיט הוילע קעפּ אָהן היטלען, פויערטעס מיט רויטע פאַטשיילקעס אויף די האָר זענען געגאַנגען טראָט ביי טראָט מיט שטאָלץ, מיט גבורה און אַרום זיי האָבען זיך געטראָגען ווי הײשעריקען, הונדערטער קליינע קינדער אין לאַנגע סערמיעזקעס און לאַפּטשעס. פון די פויערים האָט געגאָסען שווייס, ווי וואַסער, אַנדערע פאַלען, נאָר די רגע זענען זיי שוין ווידער אויף די פיס. עפּעס אַן'אומגעוועהנליכער כח, האָט זיי אַלץ געטריבען ווייטער, פאָראויס, אַלץ נעהנטער צום טייכעל און די פּנים'ער זענען געווען שטרענג, ערנסט... די אויגען לויכטען, שטראַהלען און קוקען אויף אַלץ אָהן מורא... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געהען, ניט טויזענדער פויערים מיט פויערטעס אין ווינטערדיגע סערמיעזקעס, אין ווינטערדיגע פאַטשיילעס אויף די פּלייצעס, נאָר איין מענש, — אַ מורא'דיגער, אַ גרויסער, וואָס איז ביכולת צו מאַכען פון אַלץ אַ תל, אויב ער וועט נאָר ווועלען... ימים, טייכען, בערג, דאָס

זעֶהען אַלץ אַ שפּיַי פאַר אָט דער גרויסער מחנה!.. ווער ווייסט דאָס האָבען די העזה צו שטעלען זיך אַנטקעגען איהר?.. אין דער רגע ווייסט זי קיינעם גאָר נישט ניט שענקען און וועט פון אַלץ — וואָס עס וועט זיך נאָר שטערען אויפ'ן וועג, — מאַכען אַ חורבה, צורייבען און צומאָהלען מיט איהרע באַרגועסע פּיס, מיט איהרע צוזאַמאַליעטע, שוואַרצע הענד!.. דער קלאָר־כּוימערער הימעל, איז געוואָרען גרוי און ערטער ווייַז שוואַרץ, וואָלקענדיג, פון דעם שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגען פון אונטער די פּיס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימעל אַליין האָט זיך עפּעס דערשראָקען פאַר אָט דער גרויסער מחנה, וואָס האָט איצט בעהערשט אי דעם הימעל אי די ערד און איז געוואָרען דער וועלט־בעל־הבית, צו וועמען אַלע הערען זיך צו מיט הכנעה...

און אַרום — שטיל, פון קיינעם אפילו אַ וואָרט ניט געהערט, עס קלאַפּט דער אָטהעם... אויף זייער כח, אָבער געוועלטיגט נאָך אַ גרעסערער כח, וואָס האָט אַלעמען פעסט געהאַלטען אין זיינע אייזערנע הענד און ביז אַ צייט איז מען עפּעס, ווי פערשטומט און פערטויבט געוואָרען...

קיינער האָט גאָר נישט געזעהן — מען איז געגאַנגען ווי פערבלענדעטע: מען האָט געטראָטען מיט די פּיס היהנער און העהנער; מען איז געגאַנגען איבער פּערזעטע גערטנער; אָן די שפּיציגע פּאַרקאַנס האָבען זיך געריסען די סערמיעזקעס און פּאַטשיילקעס; אַנדערע האָבען פערלאָרען די סוויטקעס פון די פּלייצעס און מען איז געבליבען אין איינע העמדער. יונגע פויערטעס, האָבען אַראָבגעוואָרפען פון זיך די שובקעס און זענען געבליבען, כמעט, נאַקעט. די גרויסע, פולע בריסט זייערע האָבען זיך אומגעוויגט איבער די לייַוועגטענע העמדער, ווי פּוזירעס אויף וואַסער... אויף אַ רגע האָט זיך דערהערט אַ פּישטשערייַ פון אַ קינד, נאָר תיכף איז עס אַנטשוויגען געוואָרען, וויַיל מען האָט איהם גלייך דערשטיקט אויפ'ן אָרט, צום טויט...

ביַי די עלטערע פויערים האָט זיך געגאָסען בלוט פון נאָז אויף די וואָנסען, בערד און קליידער... די ליפּען צוהאַקט, צושפּאָלטען, מען איז דאָרשטיג... און אַרום קיין שאָרך, קיין טומעל!..

אין אַ מין הין־הער־פּלעט האָט מען זיך געפונען: קיינער האָט גאָר נישט בעמערקט, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם און נעבען איהם. צוגעשמידט איינע צו די אַנדערע מיט אונגעזעהענע קייטען, האָט מען זיך קוים בעוועגט ווי מען וואָלט זיַי פיהרען צו דער תליה...

פאָראויס האָבען אויף לאַנגע שטאַנגען געפלאַטערט, ווי פאָהנען, די איקאָנעס... איבער זיי האָט אומגעטאַנצט אַ זאַטע, אַ יום־טוב'דיגע, די

ברענענדע זון, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען גאָר ניט איקאָנעס, נאָר שטיקער פייער, וואָס געהען בעלייַכטען דעם וועג פאַר אָט דער מחנה וואַנדערער, כדי זיי זאָלען ערגעץ ניט פערבלאָנדזשען, ניט גערן וואוהין מען דאַרף ניט... אַרום די זייטען פון די איקאָנעס האָט מען געטראָגען גרויסע לאַמטערנעס.

די גלחים — אין די גאָלדענע מאַנטלען, שוואַרץ-סאַמעטענע מיצען און ברייט-זילבערנע צלמים אויף'ן האַרצען, — וואָס זענען געגאַנגען צווישען דעם המון און צווישען די איקאָנעס, האָבען צוגעגעבען אָט דער גאַנצער מחנה, אַ פּנים פון חילות פון יענע אור-אַלטע צייטען, בשעת מען פלעגט אַרויסגעהן אויף מלחמה מיט געטער און כהנים... עס איז געווען אַ מין שטילקייט וואָס פאַר אַ שטורם-ווינד.

די ערד האָט זיך אומגעוויגט אונטער זייערע פיס!

מעהר נישט די מילדע, צערטליכע, הימעל-בלויע ניגונים פון די שיקסעס, וואָס זענען געגאַנגען נעבען די גלחים, האָבען געהילכט ווייך-האַרציג, רחמנות'דיג, אין דער שטרענגער, האַרט-אייזערנע טאַפט...

ניט קוקענדיג אויף די וואָלקענס פון שטויב, וואָס האָבען געדריקט און געפּרעסט די הענער, — דאָך האָבען זיי געזונגען הויך, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען, בכיון, איינשלינגען, פערטויבען די פעט-גראָבע, שטעכעדיג-בעזע, גלח'שע קולות...

זייערע שטימען האָבען אָנגעזאָגט אַ בשורה-טובה פון אַנדערע וועלטען!

אַנ'אימה האָט אָנגעהאַפּט מענדלען, אַז ער האָט דערזעהן דאָס הערליכע בילד; זייט ער געדענקט, איז נאָך ניט געווען אַזאַ גרויסע פּראָצעסיע, ווי היינט, און יעדער אבר האָט געציטערט.

איהם האָט געדאַכט, אַז אָט די גאַנצע מחנה, וועט זיך באַלד אָבשטעלען נעבען זייער הייזעל און ווי אַ פייער-שפּייענדע באַרג אַלעמען צו'מ מית'ן. אויף דעם זכרון זענען אַרויפגעשוואומען די פערשידענע מעשיות פון גזירות-ת'ח, פון באַגדאַן חמעלניצקי'ס צייטען... אויס'הרג'נען...

אָט שטעהט דער רובנא'ר רב אויף'ן מיטען מאַרק... אַרום איהם אידען, פּאָליאַקען... די פּאָליאַקען זאָגען אויך נאָך דעם רב ווי אַלע איבריגע אידען:

— רבונו-של-עולם, הבט משמים וראה כי היינו לעג וקלס בגוים, נחשבנו כצאן לטבח יובל, להרוג, ולאבד, ולמכה ולחרפה — — האַר פון דער וועלט, קוק אַראָב פון הימעל און זעה, מיר זענען געוואָרען ווי שעפּסען, וואָס מען פיהרט צו דער שחיטה. אויב דו ביזט דאָ אויף דער וועלט בעווייז זיך און אויב ניט לייקען איך אין דיר פאַר אַלעמען אין די אויגען, — האָט אויסגעשריען דעם רב'ס טאָכטער און אין דער רגע זענען אונטערגעקומען די קאָזאַקען און מען האָט איהר געשענדעט פאַר דעם רב אין

די אויגען, דריי טעג און דריי נעכט געשניטען און געברענט... אוי, רבונו־של־עולם...

— מאמע, מאמינקע, מאך דארטען צו די הויפּישע פענסטער, מען געהט שוין צו דעם אוליאנקע,—האט מענדעל אויסגעשריען און אליין געוואלט צושליסען דאס גאסיגע פענסטער, פון וואנען ער האט געקוקט אויף אט דער פּראצעסיע...

נאר, פּלוצלום, האט ער דערזעהן צווישען די זינגערקעס אגאפיען, און מענדעל איז געבליבען שטעהן ניט ריהרענדיג זיך פון ארט, ניט ארויס־רעדענדיג מעהר קיין ווארט... דאס איז געווען ניט די אגאפיע, וואס ער האט געזעהן א גאנץ זומער אויף דעם גארטען, אדער שבת־פריה־מארגען, ביי זיי אין היזעל, בשעת זי פלעגט קומען אראבנעהמען די לייכטער פון טיש, אדער שבת צו שלש־סעודות — אויסמעקען די ציג; אויך איז דאס ניט געווען די זעלביגע אגאפיע, וואס ער האט געזעהן מיט עטליכע וואכען צוריק א הוילע אין טייך .. גאר א נייע אגאפיע: — די רויטע בלוזקע איז פעסט צוגעקלעפּט צו איהר גוף און עס זעהט זיך פון ווייטען, ווי ביי איהר קלאפּט דאס הארץ, ווי די יונגע, נאך ניט צייטיגע, בריסט ליגען ניט איין אויף איין ארט, און די אויגען פינקלען, ווי די גאלדענע אותיות פון די איקאנעס אונטער דעם העלען זונען־שיין. דער לאנגער, פערפלאכטענער צאפּ, וואס ליגט גלייך ווי א סטרונע אויף די פּייכטע פּלייצעס, גיט איהר צו נאך מעהרער חן און רופט, ציהט צו זיך, פערלענגערט זיך און שטעלט דארט זיך שטיפעריש דאס פענסטערל נעבען וועלכען ער איז געשטאנען, — רופט ארויס א ים פון געפיהלען און די ליפּען, די הענד, זוכען עפּעס, רוהען ניט...

אט שטעהען נאך זינגערקעס, נאר יענע, ווי זיי עפענען נאר אב די מיילער, בעווייזען זיך ביי זיי שווארצע גרויסע ציינער, די פּנים'ער ווערן צו־קרימטע. עפּעס א שווערקייט ליגט אויף זיי, — אויף די איבריגע זינגער־קעס אין די געווענטענע שווארצע זשאקעטען און ברייטע ווייסע פּאטשיילקעס, מיט שווארצע פּאסען אויף די קעפּ... אט הארט נעבען דעם אלטען גלח, שטעהט קוזמיע דעם קלינגערס טאכטער — די גוי'ישע לעהרערין, א האר־בעוואטע מיט פּרישצעס אויף דעם פּנים און זי קוקט אויף אלעמען עפּעס ניט גוט, מיט בייזע שלעכטע אויגען, מיט קנאה...

מעהר נישט איין אגאפיע געהט מיט פעסטע טריט, מיט שטאלץ, מיט גאוה... איבער דעם שטויב ווינד, שפּרינגען אום די געקרייזעלטע לאָ־קען אויף דעם קאפּ און, אז זי הויבט אויף איהר שטימע, ווערד דאס פּנים נאך ערנסטער, שעהנער און עפּעס א וועלט מיט חן און ליבשאפט,

ליגט בעהאַלטען אין די גריבעלעך פון די באַקען... איז דאָס אַגאַפּיע?...
יאָ זי, זי!..

און מענדעלע'ן דאַכט, אַז אַגאַפּיע פיהרט דאָס אַלעמען נאָך זיך, אַז אָ
איז דאָ ביי זיי אַ נביאה, אַ הייליגע, און וואָס זי זאָל הייסען, וועלען אַלע
פאָלגען... קיינער וועט זיך ניט שטעהען אַנטקעגען איהר.

מיט אימפּעט איז מענדעל אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס... דער „של־יד"
איז ביי איהם געבליבען אויפ'ן האַנד... ער האָט זיך געשטופּט, געשטויסען אַלץ נעהנטער צו יענער זייט, וואו עס איז געשטאַנען אַגאַפּיע...
אַהין, אַהין און וואָס ווייטער, איז ער אַלץ טיפער געזונקען אין דעם אונערגרינדליכען תהום פון מענשען... ער זעהט שוין ניט, אַפילו זייער הייזעל.
די וועלט האָט זיך פערצויגען מיט אַ נייען היטעל און ער שוועבט אום אויף איהם... ער פיהלט אַפילו ניט, ווי דער גרויסער בית פון „של־יד" האָט איהם צוריבען דעם עלענבויגען אויף בלוט...

אַ הויכער אַ גראָבער פויער, מיט אַ לאַנגען געלען באָרד, האָט אויף איהם געמאַכט קולות:

— זשידיאָנעק טי סוקין־סין, שאַפּקו סנימאַיי, אַ טאָ טרעסניו פּאָ באַשקע טאַק, טשטאָ טוואָיעוואָ זשידאָווסקאָוואָ ראָווינאַ ניע אוווידיש, חלאַמידראָ!.. טאַלקאַיעטסיאַ יעשצאָ, פּאַרך!..

מענדעל האָט זיך אָבגעשטעלט איבער דעם פויערס גוואַלדען!

— אידי, אידי!.. בראַטצי ראָדניענקיע, אי זשידקאָ טפּיליאַנקי, אַ גדיע טוואָיי „שמע־ישראל"?.. — האָט זיך געווענדעט צו איהם אַ ביערזאָוועער שייגעץ און, אַראָבריימענדיג ביי איהם דאָס היטעל פונ'ם קאָפּ, האָט ער איהם דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקען פּאַטש, אַז מענדעלע'ן איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען, און ער איז קוים געבליבען שטעהן אויף די פיס...
פון רעכטען אויער האָט געראָנען בלוט אויף די פאות, און אויף דעם באַק..
עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן...

אין מח האָט זיך דאָרטען אַ גאַנצע קויל פערפּלאָנטערט, נאָר מען האָט איהם געשטופּט פון הינטען, און ער איז געגאַנגען... נאָך אַ שייגעץ — דאָס פנים איז געוועזן בעהאַלטען אונטער דעם לאַנגען דאַשעק, מיט נישט דאָס זילבערנע אוירינגעל פון לינקען אויער האָט זיך געזעהן, — האָט, בבּיון, אַרויפגעלעגט זיין שטאַרקע האַנד אויף מענדעלס הויכער קאָפּ און שלעפּענדיג איהם פאַר'ן עק בגד, האָט ער געשריען:

—ע—עיי זשידיאָנאָק, דריט טוואָיאַ פּאַלקאַ, פּאָדניִמי טוואָי טפּיליאַנקי, טפּיליאַנקי פּאָדניִמי...

מענדעל האָט דערזעהן, ווי די גאַנצע רצועה פון „של־יד" שלעפּט זיך איבער דער ערד, און דער שייגעץ, וואָס האָט איהם געריסען פאַר'ן

בגד, לענם, בכיק, ארויף די פיס, אויף אט דער רצועה, כדי מענדעל זאל זיך פערטשעפען און פאלען ... דער „שכל" איז אלעמען געפעלען געווארען און מען האט אנגעהויבען אונטערשטעלען פיס, הויבען איהם אין דער הויך פאר די שפיץ אויערן, פאר די הענד ... אויף דעם ארט וואו מענדעל איז געשטאנען איז פלוצלום געווארען פרעהליכער, די פריהערדיגע קדושה איז אין גאנצען ארצב ...

דאס קליין אידעל האט געמאכט פון דער ערנסטער מחנה, — א כת לצנים ...

א קארליק א פויער מיט א צווייענדיגער ליפ און א לאנגע גרויע באָרד אין לאפטשעס, האט מיט א דין שטרויעלע געשטאכען מענדעלען אין די אויערן, מיט די גראבע נעגעל געצופט און געריסען דעם חראשטשיק.

נאך איינער האט איהם געקראצט אונטער'ן קאלנער, געשנעלט אין נאז, אין פאטילניצע, געדרעהט פאר'ן אויער, און פענאנדערגעצויגען זיינע דארע פלייצעס ...

מענדעל האט עס שוין מעהר ניט געקאנט אריבערטראגען ... דאס הארץ האט פערקיועטשט און בייסענדיג דעם קליינינקען פויערס הענד, ווארפענדיג זיך, האט ער זיך פענאנדערגעראוועט ... דער פויער האט איהם געלאזען צורוה ...

— בראטצי פראוואסלאווניע, גריעח. סאָוסיעם זאמוטשעטע זשידקא. באח טא וויעד אדין, טילקא וויערא דרוהאיא ... — האט זיי אנגעהויבען מוסר'ן אנ'אלטער פויער מיט גרויסע שווארצע אויגען, אין א ווינטערדיגען פעלץ, א בארוועסער. די גאנצע צייט האט ער געשוויגען, נאר מענדעלס געוויין, א פנים, האט איהם שטארק דערנומען. און ער האט שוין אויך מעהר ניט געקאנט איינליידען.

אלע האבען זיך עפעס ווי פערשעמט פאר דעם אלטען פויער'ס מוסר.

ניט צונויפרעדענדיג זיך, האט מען מענדעל'ען געמאכט א ווארע, דורכגעלאזען א וועג אויף אנטלויפען.

א געזונדטע יונגע פויערטע מיט פענאנדערגעלאזענע האר, האט זיך אנגעשפארט אויף איהם מיט די ברוסט, ווי זי וואלט איהם פערשטעלען פון די שונאים'דיגע הענד, און שטיפענדיג געשריען:

— אוטשיקאיי, אוטשיקאיי, זאמוטשעלי יעווא, ניעמטשעבאנשינא ...

און מענדעל האט זיך געלאזט לויפען!

זעענדיג מבולבל, איז ער דוקא געלאפען ניט צו דער היים, נאר צו דעם אוליאנקע ...

וואסקע דעם טעפערס האט זיך ווידער בעוויזען, — דערזעהענדיג,

ווי מענדעל לויפט, האט ער איהם אנגעהאפט פאר'ן קאלנער, און צוריסען דעם קאלנער אויף צוויי שטיקער. אויף צו להכעיס, ווידער געקניפט פאר'ן באק און אונטערגעשטעלט א פוס. מענדעל איז געפאלען אויף הינטער, נאר די יונגע פויערטע איז צוגעלאפען, אבגעשלעפט וואסקען, און מענדעל איז אויפגעשטאנען, אונטער א רעש פון „האהא“ און „איי דע זשידאק“... און איז ווידער געלאפען, ראטעווען זיך...

א צובײלטער, א צובלוטיגטער, א צוריסענער, אהן א היטעל מיט צושויבערטע האר, איז מענדעל ארויסגעלאפען אויף דער אנדערער זייט דאמבע פון טייך... דער „שליד“ מיט דער פאלע פון בגד, זענען אויך געבליבען דארטען צווישען די פויערים אין דעם שונא'ס לאגער..

קוים א לעבעדיגער, האט ער זיך צוגעפיונט צו דעם גוי'ישען בית־עולם און אנידערגעזעצט אויף די גראז. די צובלוטיגטע ערטער פון פנים האבען געשמירצט, נאר די קאמארעס, האבען זיך וועגען דעם ניט געקימערט און, ווי וואסקע דעם טעפערס, דוקא געריסען און געשטאכען. אומויארבענדיג זיך, האט ער זיך אנגעשפארט אויף קראפעווע, — צושמאבען די הענד.

אלע — גאט און מענשען, חיות און פלאנצען האבען זיך היינט בעוואפענט אנטקעגען איהם. מן ווערמאג, עגמת־נפש און בעליידיגונג, האט זיך מענדעל פענטנדערגעוויינט אויפ'ן קול!..

פון וויטען האט זיך געזעהן, ווי הונדערטער מענשען, — אלטע, יונגע און קינדער, האבען זיך צושטעלט אויף די קניען, נעבען בריג אוליאנקע... די גלחים האבען זיך אומגעקערט צוריק מיט די פנים'ער צום המון, אויף א רגע שא־שטיל, קיין בעוועגונג, נאר תיכף האבען אלע אנגעהויבען צלם'ען זיך... אנדערע גוים האבען בעדעקט די פנים'ער מיט די הענד. ניבר, אז זיי האבען געוויינט... וואס פעהלט זיי? פאר וועמען גיסען זיי דאס די טרעהרען?..

נאר אט פלאטערן די איקאנעס איבער דעם אוליאנקע... די גלחים האבען זיך צושטעלט אויף א בריקעל און דער גאנצער המון איז ארייגעשפרונגען אין טייך... די פריהערדיגע ניגונים, הילכען איצט נאך פעסטער, שטארקער, — עפעס דאס אוליאנקע איז גאר געווארען קלענער, עס זעהט זיך כמעט, ניט... דערשראקען זיך פאר'ן רעש און טומעל... קיין פנים'ער זענען גאר ניטא — א גאנצער גריק פון שווארצע, גרויע, ווייסליינענע און רויטע קעפ... אוי־או, קאלט!

אט איז זי... אט צלם'ט זיך אגאפיע: גלייך דערקאנט... אגאפיעטשקע, אגאפיעטשקע! ווי שעהן ווי עדעל זי מאכט אום מיט די הענד. אז זי וואלט געוועזן דערביי וואלט קיינער גאר די העזה ניט געהאט צו בעגעהן זיך אזוי

מיט איהם, וואסקע וואלט איהם דענסטמאל אפילו מיט א פינגער ניט אנגעריהרט. גאנץ קאפויר, מען וואלט איהם נאך געלאזען געהן צוזאמען מיט איהר... אלע וואלטען איהם געלאזען א וועג פאראוים... דערציהלען איהר, — געוויס!..

און א נייע אונערווארטעטע מחשבה איז פלוצלום ארויף אויפ'ן מח:

— ווי קאן דאס זיין, אז זייער גאט איז מעהר ניט א שטיקעל האלץ, א ברעטל, ווי באלד מיליאנען מיליאסען מענשען בוקען זיך צו איהם גלויבען אין איהם?.. שוין־ושוין, זענען אלע נאראנים, ווילדע ברואים?.. ווענינ חכמים איז אויך „ביניהם"?.. נאר פאר וואס איז עפעס גראף פאטאצקי געווארען א איד א „גר־צדק"?.. פאר וואס זענען בכלל דא גרים?..

ע, ס'רע מחשבות... „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא"... נאר גלאט אבער איז דאס ניט... פאר וואס? פאר וואס?.. מיליאנען מיליאסען... און אגאפיע!..

נאר פיל קאן ער ניט טראכטען... ער שטעהט אין מיטען, און די גאנצע וועלט געהט ארום איהם א האפקע... מען שטופט איהם... מען רייסט איהם אויף שטיקלעך... וואסקע שלעפט איהם פאר'ן בגד... ער איז אהן אהיטעל, נעבען די געטשקעס מיט דעם „של־יד" אויפ'ן האנד... אט איז אגאפיע, נעבען איהר עפעס א גלית — א גוי־א גזלן א „שופך־דמים"... פון דעם טייבעל האבען די גלח'ישע ניגונים געקלונגען, פון די בוימען האבען פויגעלעך געזונגען, זיי האבען מענדלען פערוויגט און ער איז אנדרעמעלט געווארען אויף די גרינע גראז פון דעם גוי'ישען בית־עולם, ווי ער וואלט בעטען ביי די טויטע גוים, — שוץ פון די רעבענדיגע...

XII.

שבת בייטאג שוין א שטיק נאך ווארמעס, כמעט, צייט צו זאגען „פרקי־אבות"... היינט אויך א חיות'דיגער טאג, גאנץ מעגליך, אז אויב עס וועט אזוי שטעהן, וועט מען מארגען — זונטאג — אויך אביסעל יריד'עווען... יעקב־פסח, אהן אנ'אויבערשטען בגד איז געזעסען, מעשה רוהיגער בעל־הבית, אויף א בערוועגע נעבען מיקיטעס גארטען, און אביסעל אונטער־גענעצט נאך דעם שלאף און נאך דעם שבת בייטאג'יגען הליאקאווען טיי... אביסעל אבגערוקט פון איהם איז געזעסען שרה און בביידע — געשוויגען... מען איז נאך אביסעל איינגעמאטערט פון נעכטען און ווידער, היינט איז שבת אויף דער וועלט — ניט קיין צייט צו רעדען וועגען פרנסה, מיט פדיונות...

— בייַ מיקיטקען וועט הייאָהר זייַן פייַנע קרויט. — ב״א נדר שבת.
— מען האָט נעמוזט נויטיג ווי לעבען, אויסצוימען אַנערטענדעל... בייַ מיר איז עלול אַז ער וועט אַראָבנעהמען אידאי זעקס פוד קרויט...

נאָר שרה ענטפערט איהם ניט דערויף: איהר קאָרטשעט צו מאַכען אַ שטיקל „חשבון״, — שוין בעצייטענס וויסען דעם רעכענונג מיט וויפיל פּרנסה איז מען נעבטען אַרויס... זי קאָן זיך ניט איינהאַלטען...

— דו ביזט דאָך דער מדינה־חכם... אַרע מאָל בלייבסטו דער גערעכטע־... „געדאַרפט נאָך מעהרער אָנבאַקען״... „ביז דער נחמה וועט אַרויס די נשמה״, — צי עס וועט זייַן פּרנסה, צי ניט, דאָס איז נאָך בייַ גאָט אין האַנד, דערווייַל איז דאָס אינגעל געבליבען אָהן אַ היטעלע אין צוריסען זאָל ווערען עשו׳ס פליש. — די רציחה! — איינגעהאַנגען אַ רגע דעם בגד׳ל, האָט מען איהם צושניטען אויף פּיין ברעקלעך... נאַ דיר פּרנסה, במזומנים... גנבים!..

נאָר יעקב־פּסח האָט איהר גאָר נישט ניט געענטפערט. און כדי אָבצובינדען זיך פון איהרע „דברי־חול״ — פון די וואָכעדיגע עסקים, — אָנגעהויבען זינגען מיט אַ קנאַק:

„אַכדר לסעודתא
בצפרא דשבתא״...

שרה האָט דערזעהן, אַז אויף אַ „רעכנונג״ וועט זי יעקב־פּסח׳ן ניט אַרויף־פיהרען, נאָר איהר האָט זיך גלאַט געוואָלט הייַנט שמועסען מיט איהם... ווער וויים וואָס מיט איהר איז פּלוצלום געוואָרען.. דאָס פּנים איז רויטלעך, זי לאַכט עפּעס אַנדערש, ווי אַלע מאָל און רוקט זיך אָב, — רוקט זיך צו, ווי זי וואָלט זיך שעמען מיט עטוואָס.. ציהט די אַרבעל פון העמד...

— ווי געפעלט דיר יעקב־פּסח?.. אַ גאָלדענער וועטער, האַלט אפילו זייַן אַשפּרינקעלע אויפ׳ן הימעל... דער לוח האָט אויך געשריבען, אַז הייַיאָהר וועט זייַן אַ פּיאַטניצע אָהן רעגען?..

— לוח — שמואַח... גאָט וויים ניט, אַז אידען דאַרפען פּרנסה?.. ער דאַרף זיך דאָס פריהער מישב זייַן מיט דעם בעל־הלוח?.. פּאַראַנען וועטען צו גלויבען, — זאָגט אַלע מאָל ליגען ווי אַ כלב, מעהר נישט אויף קאָפּיקעס אויסנאַרען איז ער אַ קונצען מאַכער... ניט וואָס רעגען, אפילו די שקיעה טרעפט ער אויך ניט... געשריבען. אַז אין דעם קורצען פרייטאָג, וועט מען דאַרפען ליכט בענשען, דרייַ אַ זייגער מיט זיבען מינוטען און חנן דער משכיל האָט אויסגערעכענט, — דרייַ מיט פיר מינוטען... אַ נבלה פון די מוכר־ספרים׳ניקעס, וואָס זיי העלפען איהם מסחר׳ן, דעם ווילנער לייַראַק... שטערן־זעהער...

דערווײַל האָבען אָנגעהויבען אונטערקומען אידען פון שטעדטעל, און פרעמדע אידען — יריד־אורחים, וואָס זענען דאָ געבליבען שבת האלטען... בײַ אַלעמען האָט נאָך געהודושעט אין די אויערן דאָס נעכטינע פיאטניצעדיגע האַרמידער, געוואָרן אַביסעל הײַזעריג, געחאַפּט אַ זומערדיגען קאַטער, — און איצט איז מען זיך אַוועקגעגאַנגען חאַפּען פרישע לופט, ביז מנחה שפּאַצירען אַ ווײַלע נעבען טײַך... הײַנט פריה־מאָרגען איז אויך אָנגעקומען נײַע געהילץ, און בירעזאָוועד האָבען ליב צו טרעפען נאָך די בעריוזענעם, — נאָך זייער מאָס און גרעב — פון וועלכען וואַלד זיי זענען, — זייער שורש — וויפיל פאַר אַ סוחר האָט זיי געהאַקט, און ווער טראַנספּאָרטירט זיי... אַ תאוה אַזוי!.. און אַ טאַטע פון קינדער, לאָזט זיך אָפּט מאָל אַראָב אויף די פליטען, און בלעטערט די זויגען, זובענדיג דאָס סוחר'שע שטעמפּעל און האָט הנאה...

נעבען יעקב־פּסח'ן האָט זיך דער עולם אָנגעשטעלט און שרה איז עפּעס ברוגז'דיג — ווי זיי האַלטען איהר אַ שמחה צושטערן — וועקן־זיך אין שטוב — טהים...

— גוט שבת, יעקב־פּסח!.. וואָס פעהלט איהם דעם פריץ?.. פּאָליאַקאָוו! ליפּטעט זיך, — אַנ'אייגענע דאַטשע...

— גוט שבת, — גוט יאָהר!.. פּאָליאַקאָוו ניט פּאָליאַקאָוו, נאָר איך זינדיג ניט, וויפיל גוטס האָט אָנ'גע'חותב'ט, אַזוי פיל האָב איך... יעדער איד איז אַ פּאָליאַקאָוו... איך געדענק נאָך מײַן חתונה האָב איך געוואָהנט אַ יאָהר אין שכנות בײַ סענדער דעם מומחה עליו־השלום... איינמאָל ווינטער בײַ נאַכט... אַ מורא'דיגער פראָסט — דאָס וואַסער האָט געפראָרען אויפ'ן טיש, — לויפט ער אַרײַן אין שטוב מיט אַ שמחה...

— אשת חיל, מאַך טיי, געפונען אַנ'איצר, מיר זענען גבירים אדירים!.. — משוגע'נער, וואָס ווען?.. — וואָס פאַר אַנ'איצר?.. צושפּרונגען זיך אין מיטען דערינען... — אַט אַביסעל אַנאַרישע אירענע — רופט זיך אָב סנדר — זיי מישער, צוזז פראָסט, — איך בין דורכגעגאַנגען אַזאַ מהלך און ניט פערקעלטעט זיך... איז דען דאָס ניט אַ גאַנצער איצר?..

אַלע האָבען זיך צושמייכעלט, — סענדער, אַזוינע קלוגע אידען וואַלגערן זיך עפּעס וואָס?.. — און מיט פערדרוס, מיט אַ ברוגז'ל אויף דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט צוגענומען סענדער דעם מומחה צו זיך, — האָט מען זיך צוזעצט ליבקס און רעכטס, אַרום יעקב־פּסח'ן, די הענד אין די פאַטשײַלקעריגע גאַרטלען, די בערד אין די מײַלער, און די פערטרויטטע אויגען קוקען אַהין ווײַט אויף דעם הימעל וואו גאָט מיט די מלאכים זינגען איצט „תקנת שבת”, — און אַ קליין שוואַרץ וואָלקענדעל ווי אַ האָנד

די גרויס, הענגט עפּעס, ווי אַן אָבגעריסענער אבר, — עס דאַכט, אַז סענדער דער סומחה האָט אַרויסגעשטעלט אַ באַק מיט אַן אויער, און הערט זיך איין צו דעם וואָס מען רעדט וועגען איהם, דאָ אויף דער ערד, — און דעם חלל פון מיקיטעס און יעקב־פסח׳ס שטיבלעך... ביערזאָזווע פערגעסט קיינמאָל ניט איהרע קינדער!.. ליבע ביערזאָזווע! שווער צו טרייסטען זיך אויף די געשטאָרבענע און ווי גוט און פרום מען זאָל ניט זיין, דאָך איז מען שטאַרק מקנא משותלח׳ן, — פשוט מען פערגינט איהם ניט אַזא עלטער... נאָר געה שלאָג זיך מיט גאָט...

הײשקע דער טײַטש, — אַ איד וואָס רײַבט זיך אַרום די נגידים און איז שטענדיג אויסגעפּוצט יום־טוב־דיג, — האָב אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אַז דעם עבר׳דיגען שבת, זענענדיג אין פלוניאן האָט ער געהערט פון מתנגד׳שען רב, אַז אין בראָד האָט מען געפונען אַ ספר, וואו עס שטעהט, בפירוש, געשריבען שוואַרץ אויף ווײַס, אַז איבער אַ יאָהר וועט קומען משיח... נאָר יעקב־פסח האָט איהם איבערגעשלאָגען די רעד:

— קאַלטע מתנגדים!.. ווער קאָן דאָס אויפווײַזען, אַז דוקא „איבער אַ יאָהר"?.. פאַר וואָס ניט אין אַ חודש אַרום. פאַר וואָס ניט מאָרגען, פאַר וואָס ניט הײַנט?.. „איבער אַ יאָהר"!.

—ר׳ יהושע־העשיל אַפּטער האָט דאָס גאַנצע לעבען, במעט, אָבגעשלאָפען אין די קלײדער, אפילו די שטיוועל פון די פיס ניט אַראָבגענומען און יעדעס מאָל פאַר קריאת־שמע, פלעגט ער בעטען דעם משרת, אַז ווי מען וועט נאָר דערהערען, אַז עס קלינגט אַ גלעקעל פון אַ פוהר, זאָל מען איהם גלייך אויפוועקען, ווײַל ער גלויבט באמונה שלמה, אַז משיח קאָן קומען יעדער רגע און דעריבער וויל ער ניט, אַז משיח זאָל שטעהן און וואַרטען ביז וואַנגען ער וועט אַרויפציהען אויף זיך די מלבושים... איהר פערשטעהט „חבה לו" — וואַרט אויף איהם — אַביסעל פערשפּעטיגט, ער קאָן אָבער קומען אַלע טאָג און ניט דוקא „איבער אַ יאָהר"; ווער עס גלויבט אויף אַן אמת יענער לעגט ניט אָב אויף יאָהרען מיט דורות... מתנגדים׳שע קונצען..

הײשקע דער טײַטש, האָט געקוקט אַביסעל אָן אַ זײַט, ווי ער וואָלט זיך שעמען פאַר זײַן תמימות, — טאַקי אַ נאַרישקײַט, גלויבען אַ שבת׳אָויסען מתנגד, — ווידער אמת, וואָס עפּעס דוקא „איבער אַ יאָהר", געהערט אַ טערמין, — דאַכט זיך אַן׳אַלטער כלל — „וואָס פריהער איז בעסער"...

דעם עולם איז יעקב־פסח׳ס „ווערטעל" שטאַרק געפעלען געוואָרען און מען האָט זיך בינו־לבינו, פענאַנדערגעשמועסט, בכלל, וועגען דעם „עצם־מהות" פון משיח׳ן, וועגען „רוחניות" און „גשמיות", וועגען דעם גרויסען צער פון משיח׳ן — זעהן וואָס עס טוט זיך אָב אויף דער וועלט

און אזוי פיל טויזענדער יאָהרען וואַרטען מיט דער גאולה... אַ, די אנגסטען, די יסורים!..

— איהר דאַרפט וויסען זיין, אז דער צער פון דעם „גואל" איז אסך גרעסער ווי דער צער פון דעם „נגאל"... ברוך השם, מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו די צרות, אָבער משיח קאָן ניט צוגעוועהנט ווערן... יעדער אידישער גירוש, ברענט איהם די נשמה; — עס קומט אויף דער וועלט אַ המן, אַ איגנאַטיעוו, הויבט ער זיך אָן רייסען פון די קעטען, ער מאַכט אַ „ייצעקץ": „טאַטע איך קאָן מעהר ניט זיצען, זאל זיין געענדיגט"... „אַ סוף זאל נעהמען"...

דער גאַנצער עולם האָט זיך פערזאָרגט אויף משיח'ס האַרץ-וועהטאָג און אונטערגעהאָלפען יעקב-פסח'ן: — אַ ליבהאַרציגער-פאָטער, שוין צייט, טאַקי אויף אַנ'אמת צייט!.. מאַך שוין וואָס גיכער!..

מיקיטע דערוועהענדיג אַזוי פיל מענשען איז אויך צוגעגאַנגען, אַ בעט געטאָן אַ שמעק-טאַבאַק, און שוין צוגעגרייט האַלטען אַ גאַנצע דרשה, וועגען דעם ברייוועל, וואָס ער האָט בעקומען פון דעם פעטערבורגער ברודער:

— חע, חע, צאַר אָקאָלאָ טעביאַ, דיענגי ווי פיל דו וויל, איך פאָהר ארויס אין פעטערבורג...

שעפּעל דער בעל-עגלה — אַ יונגער-מאַנטשיק מיט אַ געלען בערדעל און אַ גראָבע גרינע פּאַטשיילקע אויפ'ן האַלז, — האָט אָנגעהויבען שפּאָטען פון דעם נוי'יצעל — פון מיקיטען, מאַכען פון איהם פּודעלע.

— אַ מיקיטע, — אַ ראַזומנער חאָזיאַין, פערשטעהט אַ דיעלאָ... טאַקי אין פעטערבורג, — וועט טאַנצען מיט „צפרדעים", מיט „בהעלותך" און וועט מאַכען די דאָברע געשעפטען, ווערען אַ באָגאַטש...

נאָר אויף דעם בעל-עגלה האָט מען גענומען שרייען פון אַלע זייטען:

— האָסט ניט וואָס צו מלאכה'ן, פענאַנדערגעדבר'ט זיך מיט דעם ערל, לאָז איהם הוקה'ן. מען רעדט וועגען אַזעלכע הויכע ענינים, נצרך'ט ער דאָ עשו'ן... אַ, אַ, אַ גרויל, אַ גרויל.

שעפּעל האָט זיך פערשעמט, ארויסגעשטעלט אַ ראַנד געזונדטע ווייסע ציינער און, בלומר'שט אונטערגעלאַכט...

מיקיטע, פיהלענדיג, אז דאָס איז ניט זיין עולם, אז דאָ איז ער טאַקי אַנ'איבריגער, האָט זיך אָבגעטראָגען צוריק, טראַכטענדיג, אז אויב דער ברודער וועט ווען עס איז קומען צו גאַסט, אין דעם מונדיר מיט עפּאָליעטען, וועט ער פון זיי, — פון אַלעמען נעהמען נקמה... וואָכען לאַנג וועט ער טרינקען אין די שענקען אָהן אַ גראָשען געלד, און מען וועט פאַר איהם שטעהן אָהן אַ היטעל, ווי פאַר דעם אוריאַדניק.

— אָרום , קרחת פעהלט איהם, װעניג פּראָװעס האָט ער , װאָס...
לעב אין דאָרף, לעב אין פּעטערבאַרג... — האָט זיך אָבגערופען יעקב־פּסח, אוטוז נאָך מיקיטען ; נאָר דערמאָהנענדיג זיך , אַז על־פּי־יושר , האָט מען געדאַרפט לאָזען הײנט רעדען די אורחים, — מיט די אײגענע אידען, מיט די ביעראָזאָװער, װעט קלעקען דאָס יאָהר — האָט ער אַרויפגערוקט העכער די יאַרמולקע, און אַרויסגעזאָגט פרײנדליך :

— נו , אורחים, דערצעהלט עפּעס, װאָס הערט זיך נײעס אין אײערע קאַנטען, װי לעבט זיך אידען ? —

די אורחים האָבען אַ קוק געטאָן אײנע אויף די אַנדערע און ניט צונויפ־רעדענדיג זיך , איז דער גורל געפאַלען אויף פישעל דװאַרעצער — אַ הענדלער מיט בײנער, מיט שמאַטעס און צובראָכענע טעפּ :

— װאָס פאַר נײעס זאָל זיך הערען ?.. דרויסען איז טאַקי דער בורא אַלײן זאָל זיך דערבאַרעמען . אין דאָרף קאָן מען אפילו אַ נאָז ניט בעװײזען... גלײך קומט צו געהן אַנ'אוריאַדניק, אַ סטאַרשינאַ ; מען לאָזט ניט, אפילו, איבערנעכטיגען... שײך צו זאָגען, דער גלות װערט מיט יעדער טאָג גרעסער און גרעסער, װי אַ שװערער װאָלקען ליגט אויף אַלעמען... ניט משער צו זײן די אימה... און אינעװײניג איז אויך ניט דאָס װאָס געװעזען... אויף יעדער טראָט „הסגת גבול“, אײנער רײסט בײ דעם אַנדערן דעם ביסען פון מויל : פערטראַכט װער עס איז דינגען אַ סאַד, קויפען אַ בהמה, קומט שוין גלײך צוגעהן אַנ'אַנדערער און באָט אָן כפל־כפלים... װאָס איז דער סוף ?.. בלײבט, ברוך־השם, אידישע פּרנסה אין גוי'ישע הענד... דעם גוי'ס מח האָט אויך ניט אויסגעדאַרט, ער װײס אַלץ, װאָס עס טוט זיך... קומט צו געהן קויפען אַ שטיקעל בײנדעל, אַ שמאַטע, מיט אַ יאָהר צעהן צוריק פלעגט דאָס געהן פאַר אַ פעניג, איצט גיב איהם אַ זילבערנע מטבע, און דוקא אַ זילבערנע, — ער װיל גאָר ניט רעדען אפילו :

— ע, נאַפּליעװאַט , סקאָראָ פּרידיאָט איצקע אי נאַבאַװיט באָלשע... — געה טענה מיט איהם, װײז איהם אויף, אַז בײ מיר איז ניטאָ, ניט קײן פעלד, ניט קײן גאָרטען, אַז דאָס בײנדעל איז דער גאַנצער מקור פון חיונה. עשו, — ער װײס, װאָס מדת־רחמנות איז, װאָס ?.. ברוך־השם, יונים האָט מען אויך אָנגעהויבען טרײבען שדים װײסען װאו, אין כף־הקלע אויפ'ן דעק, — אין אמור, מען זאָגט, אַז דאָס איז אַזוי פיל װײט פון קיטאַי, װי קיטאַי פון אונז... „אונזערן“ איז אויך, לגמרי, װעניג די װעלט, דאַכט זיך אַזוי רײך און שטאַרק, — דיינו ! — נײן, איז נאָך אַ הוספה'לע, נאָך אַ שטיקעלע און נאָך אַ ברעקעלע... איך װײס גאָר ניט, צי זענען װען עס איז געװעזען אַזוינע שװערע צײטען פאַר אידען, װי איצט... מיט אײן נחמה לעבט מען,

אַז עפּעס מוז פּאַרקומען, פיל צײַט קאָן אַזוי ניט ציִהען... אין אונזערע קאַנטען איז פּשוט אַ מרידה... מען שמועסט וועגען אײן זאַך, — וועגען אַמעריקאַ, ענגלאַנד ... ביטער!.. מען זוכט זיך תּרופות, — טאָמער — אולי ירחם?.. נאָר איך האַלט דערפון גאָר נישט מיט גאָר נישט ... וואָס, שפּילען מיט דעם אויבערשטען אין זשמורקעס? — דערזעלביגער גאָט וואָס אין אַמעריקאַ איז בײַ אונז! אַז ער זאָל וועלען קאָן ער דאָ אויך העלפען... דאָ איז פּאָרט אַן׳אײגענע הײם, אַלע שטעגעלעך און ווינקעלעך בעקאַנט; — אַן׳עת־צרה, ווײס מען האָטש וואו צו בעהאַלטען זיך, עס איז דאָ עפּעס אַ שטיקעל שורש אָן וואָס אָנצוהאַלטען זיך... אַ בית־עולם, וואו דאָס האַרץ אויסדערצעהלען, אַ בית־המדרש, וואו אויסצווײנען זיך... ניט אין דער פרעמד! איך ווײס ניט, — אפשר, אַזאַ נאַטור, — נאָר איך זאָג אײך „על־אמונתי“, אַז איך דערהער דאָס וואָרט: „פרעמד“ „דירה“, איז טאַקע „דא לדא נקשן“, — יעדער אבר הויבט אָן צו ציטערן, דער מח פערשווינדעלט...

— וואָס די רעדט! אַ קלײניגקײט צו זאָגען אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל, ניט קײן זיסע צוקערקע... — האָבען אַלע אָנווערענדע אויסגעשריגען מיט אײן קאָפּ, און יעקב־פּסח, בעגריסענדיג זיך מיט דער געלעגענהײט, וואָס מען האָט איבערגעשלאָגען פּישעל דוואַרעצער, — האָט, ניט פרעגענדיג בײַ קײנעם, ווידער אָבגעעפענט זײַן „פּי־החירות“ — ווי יעקב דער שוחט דריקט זיך אויס, — און צורעדט:

— מײַנע דיבורים... וואָס אַמעריקאַ, ווען אַמעריקאַ... וואָס פאַר אַ לויפען לעבר־לים... אַז מען האָט אַרויסגעטריבען די אידען פון שפּאַניען, איז אַרויסגעפאַלען פון הימעל אַ צעטעל: „לכו לפלניא“... קײנער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס בעדײַטעט: „לכו לפלניא“... מען האָט געווײנט, געפאַסט, — דרײַ טעג און דרײַ נעכט אָהן אַ הפסקה, האָט מען געזונגען „על נהרות בבל“, — ביז וואַנען צו ר׳ יצחק אַבּרבּנאַל איז געקומען אַ מלאך אין חלום און געזאָגט: „לכו לפלניא“, הײסט עס „געהט אין פּוילען“ — אַ מדינה אַזאַ, און דאָרטען זאָלט איהר זיך בעזעצען, בויען הײַזער, פלאַנצען גערטנער פערשפּרײַטען ישיבות, — „עד אזכרכם“ — ביז וואַנען איך וועל זיך אויף אײַך דערמאָהנען און ווײַזען אײַך אַ נײַע וועג... און מיט שמחה זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען אין פּוילען... קײן אַנדערע צעטלעך, האָט מען נאָך פונ׳ם הימעל אונז ניט געוואָרפען, און מען דאַרף זיצען אויף די ערטער... פערשטעהט זיך שווערע צײַטען, זעהר שווערע... איך לײקען דען עס אָב?.. אָבער אונזער גאַנצער כח, ליגט אין דעם „איבערוואַרטען“. — געהט אַ גוס־רעגען, שטעל זיך אונטער אַ סטריחע, נישקשה דער רעגען וועט אויפהערען, און דו וועסט קומען אַ הײם, — אַפּרישינקער,

אַ טרוקינקער... וועניג רעגענס האָבען מיר געהאַט? אונטער וועגס סטריחעס בעהאַלטען זיך? פון דעסטוועגען געלויבט איז גאָט נאָך אַל די פּאָקען און מאָזלען, לעבען מיר נאָך איצט אויך... וואָס איז די בהלה?.. עפּעס ווי דער וועג וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען וואָלט בעשטאַנען פון לויטער מילך און האָניג?.. אינעווייניג דאַרפען מיר זיך האַלטען שטאַרק, נאָר אינעווייניג... נישקשה, איגנאַטיעוויקע וועט זיך אויך איינמאַטערן. לעקעך עסען, — וועדר אויך מיאוס"!

— אַיי, אַיי, „כנסת ישראל שנשבה בין העכו"ם"! אַ קלייניגקייט צו זאָגען אַזוי פיל וועלף און אַלע שצירען מיט די ציינער... — האָט אַ זאָג געטאָן פישעל דוואַרעצער, האַלטענדיג דעם קאָפּ, כמעט, אויף די קניען...

נאָר, פּלוצלום, זענען אַלע ענטשוויגען געוואָרען, דערהערענדיג הינטער זיך עפּעס אַ בעקאַנטען קול:

— שבתי-צבי'ניק, אָהן אַ היטעל; אונטער די געטשקעס... אַ היים, עוכר ישראל, ימח-שמו'ניק...

שנעל האָבען אַלע אומגעקעהרט די פּנים'ער און דערזעהן קלמן'ען נעבען מיקיטעס פענסטער... וואָס פאַר קונצען מאַכט ער עס דאָרטען?.. און יעקב-פּסח האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז קלמן מאַכט עס בכיון אַנ'אָנשטעל, כדי ער זאָל דער ערשטער אָנהויבען מיט איהם צו רעדען... טאַקי מען דאַרף מאַכען מיט איהם אַ שלום... אַ רחמנות, — אַנ'עלטערער איד, ניט געקאָנט איינשטעהן דאָרטען נעבען לייווע, דערזעהענדיג, ווי אַנ'ערה אידען, זיצען און שמועסען וועגען פערשידענע ענינים... ווילט זיך אַיך צושטעלען אַנ'אויער, אַריינוואַרפען אַ וואָרט... ע, אידען דאַרפען זיין גוטע פריינד, און וואָס טאַקי איז ער שולדיג, וואָס מענדעלע, ניט איצט געדאַכט, איז דענסטמאָל געבליבען אין חלשות?.. אַ אידענע, רק שנאה, קנאה און קריג... איין שטאָדט, — אַלטע בעקאַנטע... אַ איד דאַרף זיך סטאַרען, אַלע מאָל דורכלאָזען דאָס זייניגע... קלמן איז טאַקי עלטער אויך... געהט ימים-נוראים...

— גוט שבת, קלמן... מיט וועמען פיהרסט דאָס דאָרטען אַ שקלאַ-וטריא?.. מיט מיקיטקען?.. חאַ-חאַ. נאָר יעקב-פּסח האָט בעקומען אַנ'ענטפער אויף זיין „גוט-שבת" פון צוויי זייטען:

פון גוי'יצעלס הייזעל האָט עמיצער געשריען: — דאַכט זיך מיקיטע אַליין? — וואָס דו וויל, סטאַרי חרען?.. טשאָרט באַרחאַן... וואָן פון דאַנען אַנטי-חריסט!..

און קלמן האָט גערופען מיט די פינגער, דאָס פּנים האָט געטוישט פערשידענע קאָלירען און געשריען:

— יעקב-פּסח, אַהער, זעה, וואָס עס טוט זיך... אידען קומט, אדרבא קוקט, זעהט צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען... דענסטמאָל נאָך

געוואָרען ברוגז, אַז איך האָב אויסגערעדט אַ וואָרט...

— וואָס איז ער דאָרטען חסר־דעה געוואָרען, דער אַלטער?.. און דער גאַנצער עולם מיט יעקב־פּסח'ן בראש, האָבען זיך אויפגעהויבען פון בערד'ינקע און אַוועקגעגאַנגען צו מיקיטעס פענסטער, — זעהן, וואָס טוט זיך דאָרטען, מיט וועמען פּאָחעט זיך קלמן מיט אַזאַ היץ... אײַ קלמן דער בדחן, — אַפרעהליכער איד!

נאָר צוגעהענדיג נעהנטער צום פענסטער, זענען אַלע עפּעס געבליבען עובר־בטל'דיג פון דעם בילד, וואָס זיי האָבען דערזעהן... אַגאַפיע האָט געשײַלט גריזענע פאַר דעם פּאָסטמײַסטערס חזרים, נאַסטיע האָט אָבגעריבען גרעט, מיקיטע איז געלעגען אויפ'ן פּאָדלאָגע און אונטער די הײליגע בילדער, אונטער דעם קטורת פון דעם ברענענדען לעמפּעלע, איז געזעסען מענדעל אָהן אַ היטעל, דאָס פּנים ווײַס ווי אַ מת, געקוקט, ווי אַגאַפיע האָט פלינק געאַרבײַט מיט דעם מעסער און געשוויגען... אַגאַפיע האָט אויף איהם אַ וואָרף געטאָן אַ שאָלעכץ, זײַן פּנים איז געוואָרען עפּעס פרעהליכער, די אויגען האָבען זיך פענאַנדערגעבּרענט... נאָר אויפהויבענדיג די אויגען אויף אַגאַפיען, האָט ער דערזעהן אַ גאַנצען בית־המדרש מיט אידען, און אין דער רגע איז יעקב־פּסח אַרײַנגעלאָפען, אָנגעחאַפּט איהם פאַר'ן קאָלנער און ניט רעדענדיג מיט קײנעם קײן וואָרט, אַרויסגעפיהרט איהם אויפ'ן גאַס...

— אַ, דערשראָקען, אַקרעסטים יעווא... מענטקע וועט זײַן אונזערער, אָן חאָראָשי זשידאָק...

נאָר קײנער האָט מיקיטען ניט געענטפערט... אַ, רבונו־של־עולם, דאָס ביטערע חלול־השם...

— אין שטוב, — דאָרטען וועלען מיר זיך דורכשמועסען... הורג־נפש, דו ווײַסט וואָס דו האָסט געטאָן?..

יעקב־פּסח מיט מענדלען, זענען אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב...

אַרום איז געוואָרען אַ מין תהו־ובהו... די זון האָט ווי פריהער ליבליך געוואַרעמט און געלויכטען, נאָר דאָך איז עפּעס געוואָרען טרויעריג, ווי אין אַ וואַרעמען, ליכטיגען טאָג אויפ'ן בית־עולם... פון יעקב־פּסח'ס שטיבעל האָט זיך דערהערט אַ שטילער מרה־נפש'דיגער געוויין...

קלמן און אַלע אידען, האַלטענדיג זיך אַ האַנד אויף אַנ'אַקסעל, אַ האַנד אויף אַנ'אַקסעל, שאַרענדיג מיט די פיס דעם זאַמד און שטויב, ווי געהענדיג תשעה־באב פון בית־עולם אין זאָקען, זענען אַוועקגעגאַנגען שנעל אין שטאָדט, אין זעלדעס בית־המדרש צום תהלים, צו מנחה... זיי האָבען געאײַלט דערצעהלען ביעראָזאָווע, וואָס הײַנט האָט פּאַסירט געבען אוליאַנקע מיט מענדעל יעקב־פּסח'ס, דער בזית...

XIII.

זעלדעס בית־המדרש, איז איצט געווען געפּאַקט מיט אידען... שבת פריה־מאָרגען געהערט ער צו די נגידים און „פיינע בעלי־הבתים“, — פון האַלבען טאָג אָן, אָבער, געהט ער אַריבער אין דעם רשות פון גאַנץ ביערעזאָווע. זעלדעס בית־המדרש איז דער עלטסטער און דער גרעסטער פון אַלע בתי־מדרשים... אין איהם ליגען די חברה־קדישא חפצים, דער שטאָדט־פּנקס; דאָ פרעגט מען אין די „קאַנטאָניסטען־צייטען“ זאַמלען דעם „נאַבאָר“; די נסתּרים, וואָס געהען אום איבער דער וועלט „מתקן־נשמות“ זיין, האַלטען דאָ אכסניא און די ביערעזאָווער האָבען ליב שבת בייַ טאָג צו זיצען אין זעלדעס בית־המדרש, אין דעם אָרט, וואו איהר פערגאַנגענ־הייט בינט זיך צונויף מיט דעם געגענוואַרט... מען שטאָלצירט מיט איהם, — מיט זיינע אויסגעליאַקירטע בענק, מיט זיין בעריהמטען אָרון־קודש, וואָס עפּעס אַ בלינדער שניצער האָט געמאַכט אויף דעם פּראָגער שניט; — מיט די אַלטע אויסגעטינקעוועטע וועגד, אויף וועלכע עס שוועבט אום גאָר אַנ'אַנדער מין קדושה, וואָס איז נאָהנט און ליב מעהר נישט דעם ביערעזאָווער... שפּאַצירענדיג מיט צונויפגעלעגטע הענד אויף הינטער איבער דעם גרויסען ברייטען חדר־שני, וואָס קאָן אין זיך אַריין־נעהמען אַ גאַנצען בעל־מלאכה'שען מנין'דעל, דערמאַהנט מען זיך אויף פיעל, פיעל זאַכען.

דער אַלטער רב, —ר' זיידעל — זאָל ער האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, — איי, איי ס'ער אַ קדוש וטהור... דענסטמאָל, פּלוצלום געוואָרען איהם ניט גוט און איז געבליבען ליגען אין בית־המדרש... פאַר'ן טויט, — גאַנץ ביערעזאָווע איז נעבען בית־המדרש און אַרום בית־המדרש... אַ קאַלטע, פינסטערע כסליו־נאַכט... אַ חורבן, אַ יללה!.. נחום־אהרן דער גביר איז צוגעגאַנגען: „רבי, בענשט די שטאָדט, בענשט דאָס כלל־ישראל“, — און קוים, קוים, שאָקלענדיג מיט די פערשמאַכטע ליפּען, קוקענדיג דאָס אויף דעם ספרים־אַלמער, דאָס אויף די אידען, האָט ער געענטפערט:

— שלום זאָל בייַ אייך זיין!.. קינדער, האָט ניט מורא פאַר אייערע הערצער, לאַכט זיך אויס פון שטיינערנע, מורא האָבען זאָלט איהר פאַר בלוטיגע הערצער... איך וועל אייך דערצעהלען מעשה שהיה... — און יצאה נשמתו...

אַ, ס'ערע סודות, — וואָס האָט ער דענסטמאָל געמיינט דערמיט צו זאָגען? אויפ'ן זכרון שווימט אַרויף דערוויילע נאָך עפּעס און דער ביערעזאָווער הויבט אָן אומלויפען געשווינד הין און צוריק איבער'ן בית־המדרש, חאַפּט זיך פאַר אַ ספר, לאָזט אַרויס דורך די צייהן אַ נגינה, זיפצט זיך אויס און, פיהלענדיג אַז די וועלט שטעהט גאַנץ שטאַרק, אַז ער איז ניט קיין

בן־יחיד, אַז ער איז צונויפגעבונדען מיט אַ לאַנגע קעט, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף, זעצט ער זיך צו אין מזרח וואַנד מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, און כאַפּט אַ ברעקעל דברים־בטלים אויך... אייגענע מענשען!

ווי אַלע שבת אין דיזער צייט האָט מען דאָ געזאָגט תהלים מיט משה דעם אייננאויגעדיגען שמיד פאַר אַ חזן... משה האָט ניט ליב צו מאַכען אַנ'איבטערעם אויף גיך, בקיצור; ער לאָזט יעדעס מאָל, כמעט, אַ האַלבען קאַפּיטעל אויף אויסזינגען און די מלמדים, וואָס זיצען אויף די גראָבע גמרות, לאַכען פון זיינע גרייזען, וואָס ער מאַכט אַנ'אַנדערש מאָל... אַנ'עם־הארץ, חאָטש וואַש איהם אויס דאָס פנים און ווילט זיך נאָך „בקול־רם”... אויפ'ן הרובע באַנק איז געזעסען אַ האַלב־דרעמלענדער עולם מיט פערשלאָפענע אויגען, — וועג מענשען, בעלי־עגלות, קאָמיסיאָנערן — און געהערט, ווי זוסיע דער אַלטער, אָדער זוסיע דער בעל־מעשה, אַ שטאָר־בלינדער איד, האָט דערצעהלט פערשידענע מעשיות פון דער צייט, וואָס „חזרה נבואה לישראל” — פון דער מחלוקת פון דעם רבי'ן מיט דעם גאון... אַ פנים ער האָט אָנגעהויבען תיכף נאָך וואַרמעס; איצט האָט ער שוין געהאַלטען ביי'ן סוף: — איז מען געקומען צו געהן צו ר' רפאל האַמבורגער ער זאָל זיך אונטערחותמ'נען אונטער דעם כתב, אַז מיט דעם רבי'ן, טאָר זיך קיין איד ניט מתחתן־זיין... ר' רפאל האָט אָבער געמאַכט קולות מיט רגזה:

— מאַלע וואָס דער גאון — דער מלאך — האָט זיך געחותמ'ט... קולען אַ אידען, קאָן מעהר נישט גאָט אַליין, אָבער ניט אַ מלאך... ברוך השם, גאַנץ געגוג זענען שוין אידען געקוילעט געוואָרען... און דער שקלאָווער משומד האָט זיך טאַקי געמוזט אָבטראָגען מיט גאָר נישט... איהר פערשטעהט: „קולען אַ אידען קאָן מעהר נישט גאָט אַליין, אפילו ניט דורך אַ מלאך”... האָט זוסיע דערצעהלט מיט נצחון און זיין צוקנייטשטער פנים האָט געלויכטען פון שמחה, וואָס ר' רפאל האַמבורגער, האָט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען ווי „אַנדערע גדולים פון יענער משיח'ס צייט”...

די פּראָסטע אידען האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נאָך־געזאָגט „אַ, אַנ'איינפאַל: גאָט אַליין און ניט אַ מלאך”... ווי אָבגעטיילט פון אַלע איבריגע אידען, עפּעס ווי אַ מחוץ־למחנה'דיגער, איז געשטאַנען נעבען דעם בימה־טיש, חנן דער משכיל, יודע בער דעם שניט קרעמערס מוזיניק... אַ הויכער אַ דאַרער בחור מיט אַ לאַנגען האַלז, ווי ביי אַ גאָנער, ער האָט געבלעטערט דעם רמב״ם און געטראַכט גאָר וועגען אַנדערע זאַכען.

בייַ איהם איז אַ מאָדע אַזאַ, אַלע מאָל, אַז ער קומט צוגעהן אין בית־המדרש, שלעפּט ער אַרויס פון ספרים־אַלמער, דעם רמב״ם... ער שטעהט אָנגעשפּאַרט מיט בייַדע עלענבויגעס שטאַרק אויף איהם ווי ער וואָלט בייַ איהם בעטען הילף, צו בעשיצען פון די מלמדים'שע ויכוחים... דער רמב״ם, פאַרט עפּעס אַנ׳אייגענער מענש „אונזערער אַ משכיל״, געהערט ניט צו „זייער חברה״, און ער שמייכעלט פאַר זיך, אָבער אַזוי, אַז אַלע זאָלען זעהן, כלומר'שט, ווי ער וואָלט דאָרטען עפּעס געפונען אַ מורא'דיגע נייַעס... זאָל דער עולם מיינען, אַז ער איז אַ גרויסער בקי אין דעם רמב״ם און אין פילוסופיא בכלל...

זלמן די „קורצע בייקע״ — אַ איד, וואָס לעבט פון דעם, וואָס ער פערדראַטעוועט צובראָכענע טעלער און פערקויפט סטרונעס פאַר די בעל־הבתישע פידלען, — האָט זיך נאָך לאַנג, תכף נאָך דער חתונה צו'גט מיט דעם ווייַב; איצט אַ רוהיגער מענש, — ער האָט ליב אַרייַנקוקען אין תנ״ך, אין אַ „השכלה־ביכעל״ און זומער בייַ נאַכט, אַרייַנשפּרינגען צו חנן'ען האָפען „אַנ׳עק׳ל״, אַנ׳אַנדער'ש מאָל אַ גאַנצען פאַפּיראָס, און אויסהערען, ווי דער רמב״ם, אַמאָל אין אַ מחלוקת מיט אַריסטטטלוס'ען, האָט אויסגעשריען: „דו ביזט אַנ׳עם־הארץ״! און אַריסטוטלוס האָט געמוזט מאַכען אַ שווייַג...

די גאַנצע צייַט איז זלמן געשטאַנען נעבען די מלמדים, — בכלל האָט ער אַלע מאָל נעבען וועמען עס איז געדאַרפט שטעהן, — נאָר דערזעהענדיג חנן'ען אייַנזאַם נעבען בימה־טיש, האָט ער זיך אוועקגעקייַקעלט צו איהם, אַרויסרופענדיג אַ געלעכטער בייַ עוזריאל דעם לץ...

— איהר זעהט ר׳ זלמן, דער רמב״ם זאָגט בפירוש, אַז „גיהנם״ איז לגמרי אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך — ...

נאָר איידער ער האָט נאָך געענדיגט איז שוין צוגעלאָפען חיים שמואל דער אַדרעסען־שרייַבער און, שטעכעדיג, אויפ'ן קול, אַרייַנגעלאָזען זיך מיט איהם אין אַ ויכוח וועגען „תורה־שבעל־פה״, עס זאָל זיין קורץ און שאַרף אָהן קונצען.

— צי איך לייקען דען, אַז תורה־שבעל־פה איז געגעבען געוואָרען למשה מסיני? — האָט זיך חנן צושריען, — איך זאָג מעהר ניש, אַז אַלץ, יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך אין דער תורה האָט אַ טעם, אַז אַלץ איז פשוט... נעהמט, אפילו, מצות שבכתב... פאַר וואָס, למשל, מוז מען פאַסטען יום־כפור?.. ניין! פאַר וואָס האָט גאָט געהייסען פאַסטען יום־כפור?.. פאַר וואָס?.. צוליב אונזער געזונד!.. די גרעסטע פּראָפעסאָרען ווייַזען אויף באותות ומופתים על־פי־חכמת־מעדיצין, אַז איין מאָל אין יאָהר

ניט עסען איז זעהר געזונד פאַר דעם מענשליכען גוף... אַז מיט דעם גופא, פערשטאַרקט מען זיך... און אויף דערויף שטעהט טאַקי געשריבען: „וחי בהם" — אַלץ צוליב דעם לעבען...—

רבותי, איהר הערט?.. יום=כפור איז אויך על=פי=חכמת הפראָפעסאָרען... — האָט חיים שמואל, אויסגעשריען, מיט אַ געלעכטער, אומקעהרענדיג זיך מיט'ן פנים צום מלמד'ישען טיש...

— וואָס האָסט זיך דאָרטען פענאַנדערגעקאַלאַטירעט מיט דעם משוגע'נעם בלא=דעה — האָבען די בלמדים אָנגעהויבען שרייַען צו חיים=שמואל'ן, — געהערט אַ המצאה „על=פי=חכמת=מעדיצין"...

— גאָט איז אומגעגאַנגען צו אַלע שבעים=אומות, אַראָבגעגאַנגען אויפ'ן באַרג=סיני, כמעט, „למטה מעשרה טפחים", פערשפּרייט אונז אויף אַלע שבע ימים — אין גלות, געגעבען אונז אַ תורה, — דהיינו, צוליב וואָס?.. צוליב אַ רפואה, אַנשטאַט גרינגע פילען זאָל עס זייַן... אוי קיזוניע, קיזוניע, ווער בעסער ענטשוויגען, צרה'דיגער שלאַק, — מען וועט דאָך באַלד נאָכלויפען נאָך דיר אין די גאַסען און טייַטלען מיט די פינגער... לגמרי פון זינען אַראָב... יום=כפור איז געגעבען געוואָרען לשם=אַפּעטיט... אַ געזאַלצענע זאַך פאַר'ן עסען... און דו חיים=שמואל דאַרפסט איהם ענטפערן...

דאָס האָט געשריען געצעל דער זעקס=פינגערדיגער מלמד און פון אַלע טישען, אפילו די קונדסים האָבען איהם אויך אונטערגעהאָלפען, לאַכענדיג, און געוואָרפען האַנדטוכער אויף חנן'ען.

יודעל דער שמש, אַ איד וואָס קלויבט פון אַלץ הנאה, האָט זיך בשום=אופן ניט געקאָנט בערוהיגען:

— חע, חע, אוי איך פּלאַץ פון געלעכטער: „על=פי=שכל איז די תורה מיט אַלע מצות... — גרינגע פילען"... חע־חע... אברהם'ציע דער יונגער בעל קריאה איז צוגעגאַנגען צו חנן'ן, כלומר'שט אַראָבגענומען דאָס היטעל: — אַ גוט=שבת פאַניע פּראָפעסאָר!.. יאַק מאַיעטיע?.. בעט דעם טאַטען ער זאָל דיך אַוועקשיקען אויף קהל'שע הוצאות צו די „סבא דבי אתונא"... יאַק זשע?.. פאַן פּראָפעסאָר!..

די קונדסים האָבען זיך צושטעלט צייַלען=ווייַז אַרום טיש, ווי שמיני=עצרת צו די נדרים און געפּאַטשט מיט די הענד.

— חאָנקע דער פּראָפעסאָר!.. חאָנקע דער פּראָפעסאָר, לאַמטאַיי, דאַ־דע־רע־דע־דאַיי. בראַוואָ. אוראַ!... חנן איז געוואָרען רויט, ווי ער וואָלט זיך בעגעגענען אויג אויף אויג מיט אַמעדעל און, שטאַמלענדיג, גענומען פערענטפערן זיך: — רעדען לשון=הרע איז קיין קונץ ניט... צי איך האָב געזאָגט, אַז די תורה איז די זעלביגע זאַך, וואָס חכמת=מעדיצין? איך

האָב געזאָגט... איך האָב... ניט דאָס האָב איך געמיינט... איך האָב גאָר געמײנט...

גאָר דער טאַטע — יודע בער דער שניט־קרעמער, אַ בעוואוסטער בעל־שגעון, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען נעבען אַ ספר האָט אויפגעהויבען די ספּאַקולען אויפ'ן שטערן און איז מיט גרים־צאָרען צוגעלאָפען צו חנן'ען: — משיח השקר, שטומען זאָלסטו מיר... שוין אַרויס פון בית־המדרש... די רגע וועל איך פון דיר מאַכען כפּרה דאַרעא... דאָס צינגעל הויבט זיך נאָך ביי דיר ענטפערן?.. אַ מיתה־משונה אויף דיר, אפּיקורס!

און האָט אָנגעחאַפּט דעם צוטומעלטען חנן'ען פאַר'ן קאָלנער פון סוויטקע, אַרויסצושטופען איהם פון בית־המדרש „דעם מנוול"... די חברה־תהלים מיט משה דעם שמיד זענען געוואָרען ברוגז, וואָס מען שטערט זיי צו לויבען דעם אויבערשטען:

— איין געשעפט יום־טוב און שבת, אַלע מאָל איין עסק מיט חנן'קען. זאָל זיין גרינגע פילען, זאָל זיין ניט גרינגע פילען... ווענעמס דאגה איז עס? טאָמער איז פאַראַנען אַ רוהיגע רגע לאָזען זיי איהם אויך ניט אויסניצען... רק באַטאַליעס. און משה דער איין אויגענדיגער, וואָס האָט געמוזט איבערדרייסען זיין חזנות אין מיטען פסוק איז געוואָרען מלא־רציחה:

— ווי דער אמת ר' יודע בער, איהר ווילט מוסר'ן אייער יורש־עצר — געהט אַהיים און פאַטשט איהם דאָרטען. איין טאָג אין וואָך — שבת, איז אויך ניטאָ קיין רוה. ווי איהר זעהט מיך לעבען, ר' יודע בער, אַ חרפּה, אַ בזיון...

יודע בער דער שניט־קרעמער, האָט אָבגעלאָזען זיין „יורש־עצר" און געבליבען שטעהן עפּעס אָבהענדיג... ס'טייטש „די בלינדע קאָוואַדלע" —משה דער שמיד—וועט איהם זאָגען דעות, וועט גאָר האָבען די העזה... און ווער ווייס מיט וואָס עס וואָלט זיך ענדיגען היינט אין זעלדעם בית־המדרש, אויב, פּלוצלום, וואָלטען ניט אַריינגעלאָפען די אידען, וואָס האָבען געשפּאַצירט נעבען דעם אוליאַנקע, מיט קלמן דעם בדחן, און אויסוז נאָך זיי אידען „זומערדיג" געקליידעט — ביז מנחה געלופטערט זיך אויפ'ן בית־המדרש־הויף: נאָהנטע שכנים — און אין בית־המדרש איז געוואָרען טויט־שטיל... וואָס לויפט מען דאָס? צי ניט שלמה דער ישיש — אונז אַלעמען צו לאַנגע יאָהר?

— ברוך דין אמת, שלמה דער ישיש? — האָבען זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטען.

— ישיש — פשיש... געחאַפּט יעקב־פּסח דעם כּוית בן'אָקעל צלם'ען זיך ביי מיקיטען...

— וואָס צלם'ען זיך, אפילו די אָבגעטער געקושט — האָט איבער־געשלאָגען שפּעל דער בעל־עגלה, און מיט יעדער רגע איז די „נעבעך די אוליאַנקע'דיגע נבלה" געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. דער עולם, האָט צוגעמאַכט די גמרות, געלאָזען די תהלים'ס, פון דעם ווייבערשען מנין זענען אַרויסגעקראָכען די „עוברים ושבים" און אַלע האָבען זיך צושטעלט אַרום בימה: יודע בער דער שניט־קרעמער נעבען משה דעם שמיד, חנן דער משכיל נעבען געצעל דעם זעקס־פינגערדיגען מלמד. איין געפיהל האָט בעהערשט אַלעמענס הערצער... — קאָן דאָס זיין?.. נאָר אידען מיט בערד וועלען ניט זאָגען ליגען... געקושט די אָבגעטער... גע„מאָליעט" זיך...

אײ, אײַ... אפילו חנן קאָן אויך צו זיך ניט קומען, פון אימה... אַ משומד אין ביעראָזאָווע, רבונו־של־עולם, וואָס איז דאָ? ניטאָ קיין ווערטער... מיט אַ משכיל קאָן מען זיך מתוכח זיין... אָבער שמד... גיין עס קאָן ניט זיין, — אַ טעות!

משה דער שמיד האָט אָבגעהאַקט דאָס שטיל־שווייגעניש.

— און וואָס זאָגט יעקב־פּסח?.. אויך געווען דערביי, מיט די אייגענע אויגען געזעהן?.. —

— וואָס זאָל ער זאָגען?.. ברוך־השם אַ פינסטערער טאַטע... שלעפּט איהם אין שטוב און דער טיטום — אויסגע'עקר'ט זאָל ער ווערן, — שרייט: „איך וועל ניט געהן... לאָז מיך... לאָ־אָז מיך... ביי מיקיטען אויף קעסט וועל איך בלייבען... אַ גלח וויל איך ווערן... לאָ־אָז מיך"...

יעקב־פּסח קלאָגט, וויינט.

מעהר אַז אָט די עטליכע ווערטער פון קלמן'ען האָט מען ניט געדאַרפט... תיכף איז מען זיך פּעגאַנדערגעגאַנגען אין די ווינקעלעך, אויף די ערטער... קאָן מען דען זאָגען תהלים, קוקען אין אַ ספר, רוהיג שמועסען, אין דער צייט וואָס דריי טריט פון דיר — נעבען אוליאַנקע, האַלט אַ איד ביים שמד'ן זיך?.. דער שמש, פיהלענדיג די אַלגעמיינע שטימונג, האָט געגעבען אַ קלאַפּ: „מנחה"! טאַקי מען מוז דאַווענען וואָס פריהער, גיכער אָבריכטען שלש־סעודות און ווער עס וועט אַריינשפּרינגען צום רב דורכשמועסען זיך וועגען אַזאַ כלל־צרה, ווער עס וועט זיך אַוועק־לאָזען צום אוליאַנקע אויפ'ן אָרט, אַקוראַט דערגעהן דעם אמת... עס גלויבט זיך עפּעס פאָרט ניט... מען דאַווענט, אָבער די תפילות קריכען עפּעס אין האַלז ניט... אַ קלייניגקייט צו זאָגען: „וואָס פעהלט נאָך? שמד'ן זיך גאָר"...

די זון איז אומגעשפּרונגען, ווי אַ מיאָטלע איבער די פערשידענפאַרביגע גלעזלעך פון די קאָלירטע שויבען, וואָלט איהר גאָר אַ ריהר טאָן דאָס

גרויסע אונגליק... וואס וועט זי די הימעל-בריאה, וואס עס טוט זיך אויף דער ערד? — משה דער שמיד האט היינט אויך ניט געפראוועט קיין חונות, ניט די צייט, מען דארף „ווי עס איז" אפדאווענען... און ביערזאווע, האט זיך שטארק, שטארק פערטראכט...

XIV.

מיט א יאהר אכט צוריק איז אויף א ווינטערדיגען יריד — אויף „מיקאלע" — געקומען צו פאהרען צו יעקב-פסח'ן אנ'אורח — דער פעטער אייזיק, א הויכער איד מיט בלויע ספאקולען, א פאקען-טרעגער און איז געבליבען אין ביערזאווע איבער שבת... פרייטאג צו נאכט, צווישען פיש און יויך, האט ער עפעס דערצעהלט א שרעקליכע געשיכטע וועגען א מאהליווער גביר, אין וועלכען, פלוצלום, פסח צום סדר איז אריינגעפאלען — ניט פאר קיין אידען געדאכט, — א רוח-שטות, און פאר „שפוך-חמתך" איז ער ארויסגעלאפען אויפ'ן גאס, געחאפט א גוי'ישען פוהרמאן, אוועקגעפאהרען צום „אלחעריי" און אפגע'שמד'ט זיך... די קינדער האבען געוואלט אפגע-בען דעם „אלהעריי" אלע מויערן מיט דעם גאנצען פערמעגען, נאר עס האט גאר נישט געהאלפען: דער גובערנאטאר — א צורר — האט זיך אריינגעמישט אין דעם עסק און דער אלטער משומד, האט זיך אוועקגע-לאזען ערגעץ אין א מאנאסטיר און מען דערצעהלט, אז די „קליפה" איז אין איהם אריין אזוי שטארק, אז פאר'ן טויט, האט ער געבעטען: מען זאל צוקלאפען צום מאנאסטיר א לאנגע ברעט און אויף דעם ברעט זאל זיין אנגעשריבען אויף לשון-הקודש מיט גע'כתיבה'טע אותיות:

— „זה השער לאדני, צדיקים יבואו בו"... „פתחו שערים ויביא גוי צדיק שומר אמונים"... „אל תירא עבדי יעקב"... מענדעל איז דאמאלס געזעסען נעבען דעם פעטער אייזיק'ען, און מיט אימה צוגעהערט זיך... ער האט זיך פארגעשטעלט אנ'אלטען גבירות'ען אידען מיט א לאנגען גרויען באָרד, אין א ויידענע זופעצע, ווי ער ליגט אנגעלעהנט אויף דעם סיבה-בעט, לויבט דעם אויבערשטען פאר „גאולת-מצרים", דער שטן אבער איז זיך מתקנא אן איהם און אט אין א רגע ארום שטעהט ער שוין אין קלויסטער... ביי נאכט, אין קלויסטער איז פינסטער, — ברענען וועקסענע ליכט, שרים אויף יעדער טריט, — איי-איי-איי... פון שרעק האט ער ניט געקאנט עסען און, שלאפענדיג מיט דעם טאטען, האט ער איהם א גאנצע נאכט געהאלטען פעסט, ארומגענומען, מורא-האבענדיג, דער שטן זאל ניט קומען צו איהם, און ווי דעם „מאהליווער גביר", אויך אוועק-

שלעפּען אין קלויסטער... אַנשטאַט אַ שמירה האָט ער געמורמעלט מיט די ליפּען: „נוצרי, מסור, דאָס גאַנצע אידישע בלוט, וואָס דו האָסט פֿערגאָסען און וואָס דורך דיר איז פֿערגאָסען געוואָרען אין אַלע צייטען אין אַלע דורות, זאָל פֿאַלען אויף דיין קאָפּ און אויף דיין מוטערס קאָפּ".

דער טאַטע האָט זיך אַנידערגעזעצט, טיף אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען און געפֿרעגט:

— מיין זוהן, דו רעדסט עס פֿון שלאָף?.. זאָג „שמע־ישראל ד' אלהינו, ד' אחד"... זאָג דריי מאָל נאָך אַנאַנד... ער האָט אַ רייב געטאָן די הענד אָן וואַנד, אָבגעזאָגט „שמע־ישראל" און איז אַנטשלאָפען געוואָרען...

אָט די מעשה פֿון די קינדער־יאָהרען האָט זיך מענדעל דערמאָהנט פּיאַטניצע ביי טאָג נעבען דער אוליאַנקע אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון זיין דרעמעל... די פּראָצעסיע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט צו די געוועהנליכע יריד־אינטערעסען, און מעהר נישט ווי מענדעל'ן מיט זיינע צוריסענע בגדים, האָט זי דאָ איבערגעלאָזען אַלס אַ זכר... די פּליטען האָט מען ווידער צוגערוקט צום ברעג, און בראָטענדיג עפּעס אויף אַ פֿייער, האָבען די גוים אָנגעוויזען איינע די אַנדערע אויף מענדעלען, וואָס איז געזעסען פֿערטראַכט. איינער האָט זיך געפּרובט טרעפֿען איהם מיט אַ קעפּעל פֿון אַ הערינג, נאָר דאָס קעפּעל איז געפֿאַלען אָן אַזייט און מענדעלס רעיונות ניט צושטערט... דער „אַלטער משומד" פֿון מאָהליוו איז איהם פֿון זינען ניט אַרויס... „וואָס איז דאָס געוועזען פֿאַר אַ איד"?.. „פֿאַר וואָס האָט ער זיך געשמד'ט"?.. ער האָט געקושט דעם „שתי־וערב" און אין אַלע תּפֿלות, האָט מען געקלונגען אין די גלאָקען... אפשר האָט ער אויך געוואָלט אַראָבברענגען משיח'ן ווי שבתי־צבי און יוסף די־לורדיינה?.. פֿאַר וואָס איז שבתי־צבי געוואָרען אַ משומד?.. אויב זייער „נאמנה" איז דורך שקר, פֿאַר וואָס שווייגט דער אויבערשטער?.. פֿערצייטען איז ביי זיי גאָר קיין גלאָקען ניט געוועזען, דאָס האָט מען אויסגעטראַכט אין שפּאַניען, כדי צו פֿערהוקען די ביטערע קולות פֿון די אידען, וואָס זענען אומגעקומען „על קידוש־השם" און תּליות, צלמים, האָט מען צושטעלט אויף אַלע וועגען, כדי מתרה זיין אַלע אידען, אַז אַלע טאָג קאָן מען זיי הענגען, — אַלע נאַכט נאָך קריאת־שמע דאַרף מען זאָגען וידוי...

נאָר פֿאַר וואָס איז די גאַנצע וועלט געגען אידען?.. אַז די מצרים, האָבען זיך געטרונקען אין ים און משה־רבינו האָט אָנגעהויבען צו זאָגען שירה, האָט איהם גאָט אָבגעשטעלט: — ס'טייטש מעשה ידי טובעים בים ואתה אומר שירה? — מיינע קינדער טרינקען זיך, און דו זינגסט?.. —

אַט הייַנט האָט מען זיך וועניג נוקם געווען אָן איהם?..
ווי גזלנים געצופּט, געריסען, — און מענדעל'ען האָט זיך פערוואָלט, אוועקשוועבען ערגעץ וויַיט, ווייַט, אַלץ דערווייַסען זיך, דערגעהן ביז א ברעקל...

אַגאַפּיע איז געשטאַנען פון איין זייַט, דער „מאָהליָווער גביר" פון דער אנדערער זייַט און מענדעל האָט זיך גאָר ניט געשראָקען, די געדאַנקען האָט ער געלאָזען פרייַ, ניט אָבהאַקענדיג זיי אין מיטען, ווי פריהער...

אין איין רגע איז ער עפּעס געוואָרען אָבגעזונדערט פון גאַנץ ביעראָזאָווע, פון דעם טאַטען מיט דער מאַמען און, פיהלענדיג, אַז ער געהט אַרייַן עפּעס אין אַ נייַער, אונבעקאַנטער וועלט, וואו אַלץ איז ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט ביז איצט, — אַז ער וואַקסט, וואַקסט, האָט זיך איהם ניט געוואָלט געהן אַ היים... צו וועמען?.. וואָס וועט ער דאָרטען טאָן?.. ער האָט זיך אייַנגעהילט טיף אין די גראָז און, קוקענדיג אויף דעם הימעל, — אויף דער פאָדלאָגע פון דעם רבונו־של־עולם מיט אַלע מלאכים, — האָט ער זיך דערמאָהנט אויף דעם פּויער'ס רעד: „באָח אָדין, טילקאָ וויעראַ דרוגאַיאַ" — ... „גאָט איז בייַ אַלעמען איינער"...
אַט בייַ אונז אויך ווער עס דינט איהם „מתוך אהבה", ווער „מתוך יראה", ווער „מתוך שמחה", — אַ ווי גוט וואָלט געווען, אַז דער „מאָהליָוועער גביר" וואָלט געלעבט און וואָלט דאָ איצט געווען, — מיט איהם וואָלט ער זיך וועגען אַלץ געקאָנט דורכשמועסען, און עפּעס אַ וואַרעמע ליבע האָט געשפּראָצט פון אַלע זיינע גלידער, צו דעם אונבעקאַנטען אידען, צו דעם „מאָהליָוועער משומד"... די בעסטע זאַך אַלץ דערצעהלען אַגאַפיען, שטילערהייד אונטערמשיקעווען איהר... זי וועט פערשטעהן!.. די אמאָליגע תאוות, צינדען זיך אָן נאָך שטאַרקער, עס פעהלען אָבער די פערצייַטיגע חרטות, די הרהור־תשובות, גאָר אַנ'אַנדער מענש: אוים מורא!.. אַלץ וואָס ער טוט איז שעהן און גוט... וואָס איז אַזוינס עבירות, זינד?..

מיט אָט די געדאַנקען און שטימונגען איז מענדעל אָבגעזעסען געבען דער אוליאַנקע, כמעט, ביז פאַר נאַכט... ווי לאַנג דאַכט זיך איז עס געווען, אַז ער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, — איבער קלמן דעם בדחן'ס פלוידערייַ אין חלשות געבליבען?.. נאָר מענדעל'ען דאַכט, אַז דאָס האָט געטראָפען מיט יאָהרען צוריק, און הייַנט, אויב מען זאָל בייַ איהם פרעגען וועט ער אַלץ דערצעהלען, און ניט נאָר וועגען אַגאַפּיען, — ער וועט אויך דערצעהלען וועגען דעם גרויסען סוד, וואָס איהם האָט זיך הייַנט ענטדעקט, אַז גוים זענען אויך מענשען, אַז בייַ אַלע מענשען איז איין גאָט... יאָ ער וועט עס זאָגען ניט נאָר דעם טאַטען, נאָר, אפילו אין

בית-המדרש... ער ווייס ניט ווי אזוי ער האט פערלארען די געוועהנליכע חרפה און בושה, — אין גאנצען אנגעוואָרען דעם בעגריף פון „מען טאָר ניט“, אפילו חזיר וועט ער אויך עסען, טראָגען אום שבת... זונטאָג אריינגעהן אין קלויסטער, א קוק טאָן וואס טוט זיך דאָרטען... געהן אין איינעם מיט אגאפיען, — וועט קיינער זיך ניט בינדען...

אביסעל פארנאבטליך, בשעת, אין די געוועהנליכע פרייטאָג'ס, געהען איצט די בעלי-מלאכות אין באָד, און די מלמדים פון באָד, — איז מענדעל אוועקגעגאנגען אהיים... ארומקוקענדיג זיינע מלבושים און, פיהלענדיג ווי דער הוילער קאָפ ברענט עפעס, האָט ער בעשלאָסען בעסער אריינשפרינגען דורך דאָס קאמערדיגע פענסטער איידער געהן דורכ'ן טיר... די שיכור'ע גוים, וואס זענען געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן פאָדלאָגע, דערזעהענדיג, אז עמיצער איז אריינגעשפרונגען אין קאמער, האָבען אנגעהויבען צו שרייען: „זלאָדיע, זלאָדיע“, נאָר תיכף זענען זיי ווידער אנידערגעפאלען איינע אויף די אנדערע, און מענדעל האָט זיך ארויפגעחאפט אויפ'ן בעט. ליגענדיג האָט ער געהערט, ווי א גוי האָט זיך געבעטען נאך איין „טשארעטשקע“ פערקויפען, נאָר די טאמע האָט געשריען:

— נו טראָשקא... אז נאס טאָזשע סאָבאָטא, טרעבא ליכט-בענשען... דאָשין פראָדאוואטש...

די גוים געהען זיך פענאנדער... מען רייניגט די שטוב... פייגעל שטעלט אן דעם סאמאָוואר...

— וואו איז דער אינגעל היינט א גאנצען טאָג?.. פון אין דער פריה אן, אפילו זיין פנים ניט געזעהן — זאָגט די מאמע... נאָר פייגעל, זענענדיג אין כעס פון מאטקייט, בערוהיגט זי, ווי געוועהנליך מיט קרימעניש:

— וויין ניט, וויין ניט. אן ליגט ער אויפ'ן בעט... רוהט אָב דער גראף... גיב מיר א שוועבעלע; צינדט זיך ניט אן!.. — מענדלען איז געוואָרען מיאוס צו ליגען, מאכען לבנ'שע שטיק, ער איז אויפגעשטאנען און ארייין אין שטוב.

— ווער האָט דאָס דיך ארומגעריסען?.. וואו איז דיין היטעל?.. — האָבען זיך אלע ארויפגעוואָרפען אויף איהם.

נאָר אנשטאָט זיין ענטפער, האָט שרה אויסגעשריען, ווארפענדיג זיך מיט די הענד אויף אלעמען:

— אוי א בראָך צו זייערע קעפ... העלפט מיר זוכען, — אפשר האָט מען נאך עפעס גע'גנב'ט?..

און ביי אלעמען איז געבליבען, אז בשעת מענדעל האָט געשלאָפען,

האָט מען איהם אַראָבגעצויגען דאָס היטעל פון קאָפּ און — די טרפה'נע בלוטען, — רוצחים — צושניטען דאָס בגד'ל אויף צו־להכעים...

אויף אַ ווײַלע האָט מענדלען אויך געדאַכט, אַז דאָס האָט מען איהם בע'גנב'הט, — אַז דער גאַנצער היינטיגער טאָג איז מעהר נישט אַ חלום... יעקב־פסח האָט אָנגעטאָן דאָס סאַמעטענע היטעל און איהם אָבגעגעבען די יאַרמאָלקע:

— אָך! נו מפלה זאָל אויף זיי קומען... גילוי ראש, טוה אָן מיין זוהן די יאַרמאָלקע... בקיצור שבת צו־נאַכט קויפען אַ היטעלע...—מענדעל האָט זיך דערמאָהנט אויף די קללות מיט וועלכע די מאַמע האָט געשאָלטען, דענסטמאל שבת, מיקיטען פאַר די, כלומר'שט גע'גנבה'טע פיש און חלות, און ער האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט פון בזיון...

— זאָגען זיי אַז דאָס איז אַלץ אַ ליגען, — וואָס גנבים, ווען גנבים?.. אויסזאָגען זיי דעם גאַנצען אמת... נאָר עס הויבט זיך עפּעס די צונג ניט און מענדעל איז גאָר ענטשוויגען געוואָרען, ווי פערשטומט... צו וועטשערע איז ער געזעסען אין דער יאַרמולקע ווי אַנ'אורח, און עפּעס ווי אַ זייטיגער מענש, צוגעהערט זיך צו די יריד־מעשיות.

— אַז מען איז געגאַנגען צוריק פון דער טומאה, לויפט צו, צו מיר אַ גוי; „נאַ שרה'נקע, טפיליאַנקע נאַשאָל... דאַיי טשאַרקו"... אַ ישוב'ניק מסתמא פערלאָרען... געגעבען איהם אַביסעל פעך און גענומען ביי איהם אַ „של־יד"... אַ, די פינסטערע זינד, צוטרעטען מיט די פיס, גאָר ניט צו דערקאָנען, אַז עס איז אַמאָל געווען תפילין... — האָט שרה דערצעהלט, גרויסענדיג זיך מיט איהר מצוה, אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעלאָפען צום קאַמאָד, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען אַ צושפּאָלטענעם „בית", פון וועלכען די פרשיות האָבען אַרויסגעשטאַרצט, ווי די געדערים פון אַ צופּאַלמעסטען „קדוש" און יעדער האָט זיך צוגעריהרט מיט'ן האַנד, זענענדיג צופרידען פון דער מצוה.

די גאַנצע פּראָצעסיע מיט אַלע איינצעלהייטען, האָבען זיך אַוועקגע־שטעלט פאַר מענדעלס אויגען, נאָר ער האָט געשוויגען, אויף אַ רגע געוואָרען סומנע אויפ'ן האַרצען, נאָר תיכף אומגעקעהרט זיך צוריק צו זיינע מחשבות.

— וואָס האָסטו זיך פער'חורבן'ט?.. עשו אין שטוב — דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג... הקיצור... נו גאַנץ זיין!.. האָט זיך אָבגערופען יעקב־פסח, מיינענדיג, אַז מענדעל איז געפאַלען ביי זיך, איבער דער „גניבה".. דער צו'ממית'טער „של־יד", האָט געקוקט עפּעס ברוגז'דיג אויף מענדעלען... געלויבט איז גאָט אָבגעגעסען וועטשערע, צומאַטערטע האָט מען זיך געלעגט שלאָפען, און אין זיין גאַנצען לעבען, האָט מענדעל דאָס ערשטע מאָל, דערפיהלט דעם חיות פון זיין מיט זיך אַליין

אָהן עדות... שווער געווען איינצושלאָפען, דער „מאָהליווער משומד" איז ווידער געקומען, אגאַפיע האָט נאָך ניט געפּרובט אַוועקגעהן, ער האָט גע־וואָלט געפינען אַ מיטעל אויף איינשלאָפען, — אין „קריאת־שמע", האָט ער שוין מעהר ניט געגלויבט...

— קאָן דאָס זײַן, אַז זייער גאָט, איז מעהר נישט אַ ברעטעל, אַ שטיק האָלץ, ווײַבאַלד מיליאָנען מענשען בוקען זיך צו איהם?..— האָט איהם רוהען ניט געלאָזען איין געדאַנק... אַלע ווערטער האָבען זיך אויסגענומען און ער האָט געשוויגען, בשעת פריה־מאָרגענדיגע ציקאָריע, געשוויגען צו וואַרמעס און געשוויגען צו'ם בענשען...

— געוואַלד מײַן זוהן. זאָל זײַן גענוג צו טלייען דאָס האַרץ... גאָט האָט צוגעשיקט אויף דײַן חלק. האָב רחמנות,— האָט זיך שרה געבעטען בײַ איהם און מיט יעדען וואָרט האָט זי איהם געשניטען דאָס האַרץ... וואָס ווילען זיי?.. ווער בעט בײַ זיי היטלען מיט בגדים?.. — און אַז שרה, זיצענדיג אויף די בערוועגעס מיט יעקב־פסח'ן, האָט ווידער אָנגעהויבען שעלטען די גוים פאַר דער „גנבה", האָט ער עס שוין מעהר ניט געקאָנט אַריבערטראָגען און איז דורכ'ן פענסטער אַנטלאָפען צו מיקיטען... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז אַרײַנגעגאַנגען צום גוי'צעל זײַט די מאַמע האָט איהם מיט צעהן יאָהר צוריק פערבאָטען אויף „חיות ונזכר", אַריבערטרעטען מיקיטעס „שוועל". דאָס האַרץ האָט עפּעס געציטערט און בײַ מיקיטען איז מען אויך עפּעס ערשטוינט געוואָרען, זעהענדיג איהם בײַ זיך אָהן אַ היטעל... ער שטעהט נעבען אַגאַפיען און, כדי אָנריהרען זיך אָן איהר, איז ער צוגעגאַנגען צו די איקאָנעס... אַלע האָבען איהם פרײַנדליך געבעטען זיצען, אפילו מורזיק האָט זיך אויך געלאַסשצעט צו איהם:

— דאָס איז דער קיסר? — האָט געפרעגט מענדעל, קוקענדיג אויף אַ בילד פון אַ הויכען יונגען מאַן, מיט לאַנגע האָר.

— ע, דוריען... דאָס איז אונזער גאָט... חריסטאָס!..— האָט איהם געענטפערט מיקיטע, און פון מענדעל'ס שאלות איז גלײַך געוואָרען אַ תל... ער איז געוואָרען אין כעס אויף זיך אַליין... אַ גאָט אויף אַ פּאָרטרעט... וואָס איז ער אַ כלה?.. אַ כלה שיקט צו נאָך די תנאים איהר פּאָרטרעט... ע, מיקיטקע אַ נאַרישער גוי, באָלבעט, און אַנשטאַט שמועסען מיט מיקיטען, האָט זיך איהם געוואָלט אַלץ פענאַנדערפרעגען בײַ אַגאַפיען... ער האָט זיך געפיהלט עפּעס ניט היימליך, נעכטען נעבען דעם אוליאַנקע, זענען די געדאַנקען עפּעס געווען קלעהרער, — ער האָט געטראַכט אָהן מורא... זענענדיג פערטיפט אין זיך, האָט ער ניט געהערט דעם טומעל פון די אידען, וואָס זענען געזעסען עטליכע טריט פון איהם,

אפילו קלמנ'ס קולות, האָבען איהם ניט אויפגעוואַכט ... נאָר אָט האָט ער דערפיהלט אויף זיך, עפּעס אַ פייכטע זאַך, — אַ, אַגאַפיע! — עמיצער האָט איהם געשטופּט צוגעהן צו אַגאַפיען, שטאַרק, שטאַרק אָנקושען איהר, נאָר... וואָס איז דאָס?.. יעקב־פּסח האַלט איהם פאַר'ן קאָלנער, — אידען שטעהען אַרום...

— קלויב נחת פון דיין בן־יחיד, געפונען איהם ביי דעם גוי אָהן אַ היטעל, — האָט יעקב־פּסח אויסגעשריען, צושטופּענדיג איהם צו'ם בעט, אויף וועלכען שרה איז געלעגען מיט אַ „צאינה וראינה"...

— וואָס רעדסטו?.. וואָס, אָהן אַ היטעל ביי דעם גוי?..

— וואָס רעד איך?.. וואָס דו הערסט... דיין תכשיט!..

שרה האָט זיך פענאַנדערגעוויינט, פון דעם וואָס רק מען בינדט זיך צו דעם אינגעל...

— יעקב־פּסח! אָדער מיר אַ טויט, אָדער דיר אַ טויט... זאָג מיר וואָס ביזטו איהם מקצר די יאָהרען... — יעקב־פּסח איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט; ער האָט אָנגעהויבען אום שבת טופּען מיט די פּים:

— נעהמט אַלע איין אַ מיתה־משונה... טוה אָהן די יאַרמולקע!.. זאָג מיר: וואָס האָסטו געטאָן ביין גוי?

מענדעל איז פאַר דער צייט געקומען צו זיך. ער האָט רוהיג אָנגעטאָן די יאַרמולקע און קאַלט־בלוטיג געענטפערט:

— וואָס האָב איך געטאָן?.. גאָר נישט!.. גוים זענען קיין מענשען ניט?.. צו זיי טאָר מען דען ניט אַריינגעהן?..

— וואָ־וואָס?..

דאָס היינזעל האָט אַ ציטער געטאָן; די ווענד האָבען נאָך קיינמאָל אזא ענטפער ניט געהערט... שרה מיט יעקב־פּסח'ן האָבען זיך דערווייטערט איינער פון דעם אַנדערן, און די אויגען זייערע האָבען אויסגעדריקט איין געדאַנק:

— יאָ דאָס אינגעל איז ווייט, צו ווייט פערקראָכען... מיט אזוינע זאַכען שפּילט מען ניט... בעסער מאַכען זיך אויף אַ רגע, אַז מען פערשטעהט ניט וואָס ער רעדט... דאָ דאַרף מען זיך בעגעהן מיט גוטען, און ניט מיט רוגזה...

שרה'ן האָט זיך געוואָלט וויינען, נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט... אַ ביטערע מאַמע, דער גאַנצער חיב איז זי... עס רופט זיך אָב, — ניט אויסגעזאָגט דעמאָלט יעקב־פּסח'ן, אַז מענדעל האָט זיך גע'צלם'ט, נאָכגעמאַכט מיקיטען... יעקב־פּסח איז געבליבען דאַוונען מנחה אין דער־היים — אפשר דאָס ערשטע שבת אין זיין לעבען? — ער האָט געוואוסט, אַז מיט איהם קאָכט איצט ביערזאָווע, אַז ער איז פול אין אַלע מיילער...

אזא ענין קאָן מען ניט שטעלען אויף זיך אַליין, — מען דאַרף פרעגען אַן׳עצה בײַ לײַטען, ווי צו בעגעהן זיך... נאָר שווער צו רעדען מיט מענשען... אוי טאַטע!

מענדעל׳ן האָט פערקוועטשט דאָס האַרץ פון רחמנית אויף דעם טאַטען מיט דער מאַמען, זעהענדיג זייער שווײַגען:

— רק דו פאַלסט אָן... אַרײַנגעגאַנגען צו מיקיטען נעהמען אַ זיסע אוגערקע, ס׳ער אַ רעש מען האָט געמאַכט... — האָט זיך מענדעל ניט געקאָנט איינהאַלטען פון אַ ליגען און, בכיון, געשטעלט זיך דאַוונען מנחה, אויפ׳ן קול:

— „אשרי העם שככה לו״, — „וואָהל איז צו דעם פאָלק וואָס לעבט זיך אָט אַזוי״ — האָט זיך מענדעל פענאַנדערגעהיצט, נאָר יעקב־פסח מיט שרה׳ן האָבען איהם ניט געגלויבט... עפּעס אַ פרעמדע שטימע האָט געהילכט אין זיינע תפילות... — רבונו־של־עולם ראַטעווע אונזער קדיש, העלף איהם!.. וויַיט, זעהר ווייט פערקראָכען!..

צו אַלע צרות האָט זיך מיקיטע אויך ניט געקאָנט בערוהיגען. ערשט דערזעהן, אַז מען האַלט איהם ניט פאַר אַן׳אדם־גדול, אַז מען גיט איהם קיין כבוד ניט אָב, — ווי אַ זשאַנדאַר האָט ער אַרומגעשפּאַצירט נעבען יעקב־פסח׳ן.

פון וואַנען האָבען זיך דאָס גענומען בײַ איהם אַזוינע רעד, מיט אַזוינע קולות?.. ס׳ער אַשטאָלץ! ער שרייט: — יאַ טאַקאָיי מיוחעס קאַק טי, אַו מעניאַ טאַקאַיאַ חאַטאַ קאַק או טעביאַ... וואָס יאַ וואָר, זלאָדיע?.. זאַטשים טי ניע דאַל מענטקע סידיעץ או מעניאַ, האַמאַני לײַדאַק... אַ מילציש, כזית טי!.. — האָט מיקיטע געשריען, נאָר תיכף איז ער אָב־געגאַנגען אָן אַוויַיט, אַ פּנים אַליין דערשראָקען זיך...

יעקב־פסח האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ מיקיטען ניט געזעהן... דאָס גוי׳עצעל זאָל האָבען אַזאַ העזה... קריכען אין פּנים!.. וואָס טוט זיך דאָ?.. אפשר גאָר פערקויפען דאָס שטיבעל?.. אַרויס אין שטאָדט?..

— צוויי וועלטען האָט דער אויבערשטער בעשאַפען — איינע פאַר יעקב׳ן די אַנדערע פאַר עשו׳ן... ביז וואַנען משיח וועט קומען מוז שטעהן די וואַנד, וואָס טהיילט זיי אָב איינע פון דער אַנדערער... „ויתרוצצו הבנים בקרבה״, איידער יעקב מיט עשו׳ן זענען נאָך אַרויס פון דער מוטער׳ס בויך, האָבען זיי זיך שוין געשטויסען. אַלץ איינס, ווי וואַסער קאָן ניט צונויפקומען מיט פייער, אַזוי קאָן יעקב מיט עשו׳ן ניט לעבען אונטער איין דאַך... יאָ פערקויפען דאָס שטיבעל!.. אָבזעגענען זיך מיט דעם אָרט, וואו עס האָט געלעבט דער טאַטע, דער זיידע... מסתמא דאַרף מען מעהר ניט... — און יעקב־פסח׳ן האָט שטאַרק געקרענקט דאָס האַרץ אויף דעם, וואָס ער דאַרף זיך גאָר בעהאַלטען מיט סוֹרוֹת פון

ביעראזאווע... פון דעסטוועגען נאך־שלש־סעודית איז ער אוועקגעגאנגען אין שטאדט צו מעריב — אריינגעהן צום רב פרעגען אנ'עצה...

אין שטוב איז געווארען נאך אומעטיגער, — פוסט!.. פייגעל איז אוועקגעגאנגען נאך־וואַרמעס שפּאַצירען, און איז נאך ביז איצט ניט געקומען. מענדעל איז געלעגען אויפ'ן קאנאפּע, ווי א שטומער און געטראכט. — שרה האט גענומען זעלדקען און איז ארוים זיצען א ווײַלע אויפ'ן גאניק, דורכ־לופטער'ן די נשמה...

די לבנה איז געשטאנען פערבענקט און פערטרויערט אין מיטען הימעל, ווי אנ'אלמנה אויף דעם מאנ'ס קבר, און די בין מנחה־למעריב'דיגע שטערן האבען זיך צונויפגעקליבען אין א רעדעל און געקוקט אויף דעם שטילען, פאר־נאכט'יגען, צנועה'דיגען אוליאנקע, ווי עס פליסט זיך עניות'דיג, — אויף די צוויי הײַזלעך וואס זענען הײַנט ארײַן אין אזא שנאה, — און אין זײַערע אויגען האט זיך געפיהלט אנ'עגמת־נפש, וואס דורך זיי דארף דער הײליגער שבת, שנעלער נעהמען דעם וועג, און די שטאלצע אידען וואס האבען טאנצענדיג און זינגענדיג „ד' רועי לא אחסר", איבער א נײַעם די וועלט בעשאפען, פעסטער צונויפגעבונדען דעם הימעל מיט דער ערד, — וועלען דארפען באלד אוועקגעהן עפענען די קראמען, האנדלען, פערקויפען שטילערהייד בראנפען... א גרילענדעס ווינדטעל האט געטרייסט דורך א שטילען שארך פון א ווערבע, וואס איז געשטאנען נעבען מיקיטעס גארטען, און אויף דער וועלט האט זיך ארויפגעווארפען א גרויער מוצאי־שבת'דיגער אומעט, וואס בעט צו עטוואס, רײַסט צו עפּעס אונבעוואוסטעס, שטופּט אב די „שערי־שמים" — די הימעלשע טויער'ן, — וואס פערשטעלען גאט פון מענשען און מענשען פון גאט, פרעהליכע געזאנג און טרויעריגע ילדית מישען זיך צונויף אין איינעם, מתים און לעבעדיגע שפּאצירען אום ווי גרײַבע, צווישען די פאר הבדלה'דיגע שאטענס, אלץ וואס איז נאר געווען אויף דער וועלט פון ששת־ימי־בראשית אן, איז נעבען דיר און אויף דיר. — בײַ שרה'ן האבען זיך געגאסען פון די אויגען טרעהרען ווי באב און לאנגזאם בענעצט איהרע דארע אײַנגעפאלענע באקען... יעדער טרעהר איז איהר געווען געשמאק, א חיות, ווי, בשעת, זי לייענט ראש־השנה און יום־כפור די תחינית פון שרה בת־טובים און א שווידער, אנ'אימה נעמט איהר אן, פארשטעלענדיג זיך, ווי אויף יענעם עולם, וועט מען אויסשרײַען אלע טאג:

— פערשאלטען זאל זײַן שרה'ס בויך, וואס האט געטראגען און געהאט אזוינע קינדער, ווי מענדעל, — זאל זי צו א אידישע תקומה ניט קומען...

שרה'ן דאכט זיך, אז זי איז שוין טויט... זי וויל געהן צוזעצען זיך א ווײַלע בײַ דער מאמען אין קבר, נאר מען טרײַבט איהר אב, — זי שלאגט זיך מיט'ן קאפּ אן גן־עדן־וואנד און בעט זיך רחמים, מען זאל זי

צולאָזען צו די „אמהות״, איבערוּפּט צו דער מוטער רבקה'ן, וואָס האָט אויך געהאַט אַנ'עשו, נאָר די מלאכי־חבלה, שטופּען איהר, שלײַדערן אכזריות'דיג, מיט געשרײַען:

— אַוועק פון דאַנען פערפלוכטער בויך... נעהמט זי צום דין־וחשבון!..

צודריקענדיג זעלדקען צום האַרצען האָט זיך שרה ביטער פענאַנדער־געוויינט, אויף איהר פינסטערן מזל...

זעלדקע איז אַזוי אַנטשלאָפען געוואָרען אויף די שוים, — שרה האָט איהר אַרײַנגעטראָגען אין שטוב, אַוועקגעלעגט אין אַלעמען אין בעט, און צוריק אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַניק: עס זיצט זיך ניט אין שטוב...

שטיל איז געווען, — עס האָט זיך געהערט, ווי די ערד וואַקסט און, פּלוצלום איז שרה'ן געוואָרען קלאָהר, וואָס דאָ טוט זיך מיט מענדלען, — דאָס מוטערשע האַרץ האָט אַלץ דערזעהן און דערפיהלט:

— מענדעל איז שוין אַ גרויסער בחור... אַגאַפּיע... מיקיטעס שיקסע... יאָ קלאָהר, ווי טאָג!.. און אָט די האַלבע, שטאַמלענדיגע געדאַנקען, זענען געווען געגוג פאַר שרה'ן... צווישען איהר און יעקב־פּסח'ן טאָרען מעהר קיין סודות ניט זײַן, אַלץ דאַרף ענטפּלעקט ווערן, אַלץ וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבען אויפ'ן האַרצען נאָך פון לאַנג אָן... אַז פייגעלע זעצט זיך אַוועק שמועסען מיט איוואַנען ווערט דאָס האַרץ מיט בלוט פערגאָסען:

— וואָס פאַר אַ מאַמע—אַזוינע קינדער... די עפּעלעך פאַלען ניט ווײַט פון בוים... אפשר האָב איך דאָס פערזינדיגט?.. און זי האָט דער־זעהן אַרום זיך אַ גאַנצע חברה קלײַנינקע, שוואַרציגקע מענשעלעך, וואָס טײַטלען איהר אין פּנים גרויסע, ווײַסע פינגער און זי ווערד פערטויבט פון זייערע קולות: „וואָס פאַר אַ מאַמע אַזוינע קינדער״—„וואָס פאַר אַ מאַמע אַזוינע קינדער״. — — — — — — — — — — —

יעקב־פּסח איז געקומען פאַר פריה פון מעריב... אין בית־המדרש איז געווען פּשוט, אַ מלחמה, —די קרובים האָבען געוואָלט פּאַטשען קלמן'ען פאַר דעם שם־רע, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף מענדעל'ן, און נאָך לאַנגע רעד און צאַנקערײַען איז ביעראָזאָווע, ווי עס איז, דורכגעקומען, אַז נאָר „עפּעס״ מוז דאָ זײַן, און אויסזידלענדיג קלמן'ען, דערפאַר, וואָס אַלע מאָל מיט זײַנע גוזמאות מאַכט ער אָן גאַנצע באַטאַליעס און לעגט שטײַנער אויפ'ן האַרצען״, האָט מען זיך אומגעקעהרט צו די געוועהנליכע שמועסען מיט די געוועהנליכע אינטערעסען... מעהר ניט עזריאל דער לץ

איז ארומגעגאנגען פון איין באנק צו דער אנדערער, און קראַצענדיג זיינע צוויי הערלעך פון בערדעל, — געוויצעלט זיך:

— מען דארף אויסרוכטען צו יעקב־פסח'ן אונזער פראָפעסאָר — חאַנקען: — חאַ—חאַ! אפשר איז דער אינגעל גאָר משוגע געוואָרען?.. —

געהענדיג אין בית־המדרש, איז יעקב־פסח געוועזען געפאלען ביי זיך — ער האָט מורא געהאַט, אַז פון היינט אָן, וועט ער זיך רעכנען אין דעם חשבון פון די „געשטראָפטע טאַטעס", וואָס האַלטען זיך ביי יעדער מחלוקת אָן א זייט: מען זאָל זיי ניט אויפדעקען די „ביטערע וואונדען", ניט אריינקריכען מיט די נעגעל אין לונג און לעבער, נאָר איצט, זעהענדיג, ווי ביעראַזאָויוע, האָט זיך בערוהיגט און מען שמועסט מיט איהם, ווי אלע מאָל, איז ער עפּעס געוואָרען נאָך געהויבענער ביי זיך, און געטראַכט ווי, מיקיטע, להבדיל: „אָ יעקב־פסח איז פאָרט יעקב־פסח".

דערהערענדיג וואָס חאַנקע דער משכיל האָט גע'דרשן'ט פאַר מנחה, האָט זיך יעקב־פסח אוועקגעשטעלט מוסר'ן: — חרפה'טניק, בעז'בושה'ניק, — וואָס מיינסטו, משה־רבינו איז דער ווילנער לוח־מאַכער?.. מנובל איינער... נאָר דאָ איז שוין יודע־בער געוואָרען אין כעס... ען אפּאַרחעריי, — ער קריכט אויך...

— יעקב־פסח! מיט דיין אינגעל האָסטו זיך שוין גאָר אָבגע'דאגה'ט?.. עפּעס ווי מען דערצעהלט... און יעקב־פסח איז געוואָרען רויט און ניט מאַכענדיג קיין שהיות, אָבגעטראָגען זיך אָן א זייט... ניט דערוואַרט זיך אפילו הבדלה און איז אוועקגעגאנגען אהיים... יאָ „א געשטראָפטער טאַטע"!..

— גוט־וואָך, שרה!.. וואָס זיצסטו איינע אליין?.. שוין צייט אנצינדען פייער.

— אָ, זעה, דו ביסט שוין געקומען פון מעריב... גוט וואָך — גוט יאָהר... אזוי אויך ליכטיג... כ'וויים פערטראַכט זיך... אין מח האָט געשווינדעלט, די מענשעלעך זענען אומגעשפּרונגען נעבען גאָניק, און שרה האָט עפּעס מורא געהאַט צו געהן אין שטוב: זי האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען, וועלען קומען היינט מאָנען התחיבות.

— מיר שפּאַרט עפּעס אונטער'ן האַרצען... קום יעקב־פסח דורכגעהן זיך אביסעל... א טייערע נאַכט...

דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען, האָבען זיי זיך געפיהלט אזוי נאָהנט איינע צו די אנדערע, און, ווי א יונגע פּאָר'ל, געלאָזען זיך געהן שפּאַצירען צום שליאַך, וואָס פיהרט אין „מנישקעס סאַד"...

פון ביידע זייטען פערזעטע פעלדער, די זאַנגען האָבען געהוישעט אין די אויערן, איינגעהילט אין די פינסטערע שאָטענס, ווי מיט א שווארצען סאַמעט ביז די קעפּ, האָבען זיי עפּעס געטורמעלט אויף

זייער דינער, קוים הערענדער שפּראַך, געקוישט, געהאַלזט זיך, און נייגענדיג זיך צו דער ערד, וואָס האָט פון אונטען עפּעס געשאַרט און געזונגען, פרעהענדיג זיך, אַ פּנים, וואָס די קינדערלעך זענען פאַר'ן זומער אַזוי הויך און שעהן אויסגעוואַקסען, — האָבען זיי געוואונשען דער וועלט: „אַ גוטע נאַכט"... דורך די ריזען־בוימען פון „מנישקעס סאָד", האָט אַרויסגעקוקט די לבנה, אַ פרישע, אַ געזונדטע, ווי אין אָנהויב־חודש און דאַכט זיך אונטערגעשמייכעלט, ווי שרה מיט יעקב־פּסח'ן, געהען, כמעט, אונטער די הענד... — טשיקעוועט, ווי זי וואָלט אויף איהר לעבען קיין גרעסערע עבירות ניט געזעהן?.. אַ פויער האָט דורכגעפיהרט פערביי אַ וואָגען אָנגעלאָדען מיט גאַרבען, דאָס פערדעל איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, ניט קוקענדיג אויף קיינעם, אַ פּנים עס האָט געשטאָלצירט מיט די שפּאָגעל־נייע, נאָר וואָס אָבגעשניטענע תבואה, געגרויסט זיך מיט דעם, וואָס די וועלט וועט האָבען פרישע מאכלים...

— ניאָ, ניאָ סקאָרינקאָ, טרעבו אווו באַניו!..

דער פויער, מיינענדיג אין דער פינסטער, אַז דאָס געהען האַראָפּאַסניקעס פון פעלד, האָט געזאָגט צו יעקב־פּסח'ן מיט שרה'ן: „פּאָמאָהיי באָך"! — נאָר זיי האָבען נישט געהערט, וואָס אַרום טוט זיך: ביידע האָבען געשוויגען און געטראַכט... זיי האָבען פיל וואָס צו זאָגען איינע די אַנדערע און עטוואָס שטעהט אין מיטען און דערלאָזט ניט...

— ווייסט שרה? ביי מיר איז געבליבען: אויף ימים־נוראים געהן אין ליבאַוויטש... שוין לאַנג ניט געווען ביי אַ'רבי'ן... נאָר שרה האָט איהם גאָר נישט געענטפערט, און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען צוריק אַהיים.

פייגעל איז שוין געקומען פון שפּאַציר, זי איז געשטאַנען געגען אויוען און אויסגעטאָן די שבת'דיגע מלבושים, און מענדעל איז געזעסען נעבען זייגער, ווי אַ צוקראָכענער מיט יעקב־פּסח'ס סאַמעטענער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, און געדאַווענט מעריב... שרה האָט אָנגעצונדען פייער און יעקב־פּסח האָט זיך געשטעלט זאָגען „ויתן־לך" מיט אַ צובראָכענעם „מלוה־מלכּה"־קול:

„יעבדוך עמים, וישתחוו לך לאומים"

— אָ, טאַטע אין הימעל! שוין צייט, צייט, אַז דער אידישער מזל זאָל עפּעס דערהויבט ווערן טאַקי אויף אַן'אמת... — און אין אַלע ווינקעלעך, האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס אַלטע „שלום־בית" איז פון דאַנען צוגענומען געוואָרען: דעם גוי'צעלם הייזעל האָט זיך אַריינגעריסען און געמאַכט אַ סוף צו דער אַלטער מנוחה; — אַז אַ נייע מחשבה שוועבט דאָ אום, — אַ מחשבה, וואָס איז ביז איצט נאָך ניט אַרוף אויף קיין ביוראָזאָווער מח. און ווער ווייס צו וואָס זי קאָן נאָך ברענגען?.. דער גדר

ברעכט זיך, די טומאה איז גרויס און דער ס"ם איז שטארק, אַ ווי שטארק, און יעקב-פסח, האָט זיך, פלוצלום, געלאָזען געהן שפּאַצירען הין און צוריק איבער'ן שטיבעל און פון הארץ-וועהטאָג, עגמת-נפש, האָט ער זיך פּעֶנאַנדער'גע'טענה'ט מיט דעם רבונו-של-עולם, האלב אויף גוי'ש, ווי ער וואָלט וועלען מיט דעם נאָך מאַכען טיפער זיינע צרות:

— ניע ראָזומיע, אַמעכטיגער גאָט, פאַר וואָס קומט עס מיר, — ניע ראָזומיע!.. —

און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט אַ'הו'קעריי מיט אַנ'אויקעריי: קיינער האָט ניט געקאָנט אַנטשלאָפען ווערען:

יעקב-פסח האָט געטראַכט — אם-ירצה-השם תיכף נאָך-סוכות, אויסריכטען איהם, דעם אינגעל אין ווילנא — אין דער ישיבה, וועט עסען טעג, רייבען זיך צווישען לייטען און מיט דער צייט אפשר ווערען אַ מענש, — געטרייסט זיך מיט „משה דעם אלטען רבי'ס", מיט דעם ליאַדי'ערם אייניקעל וואָס איז אַנטלאָפען מיט אַנ'אַפטייקערל, געזוכט אין זכרון נאָך „יצא לתרבות-רעה"דיגע קינדער. צרות רבים—חצי נחמה— און אין דער צייט וואָס ער איז געקראָכען אַלץ טיפער אינעווייניג, האָט זיך מענדעל אַלץ געריסען דרויסען, — צו די וועלטען, וואָס אַגאַפיע האָט פאַר איהם אָבגעעפענט...

צ. הירשקאָן.

אין פערלאג „פראגרעס" ווארשא,

איז ערשינען אלע ווערק פון י. ל. פרץ.

אין פיער גרויסע בענדער.

I פאלקסטימליכע געשיכטען. פרייז 1.25
II די צייט. פרייז 1.25

(נאר וואס ארויס פון דרוק)

III דראמאטישע שריפטען (רייך אילוסטרירט) 1.25
IV אדם וחוה 1.25

שעהן געדרוקט אויף גוטען פאפיר. מיט ספעציעלע שעהנע געצייכענטע הילען פון יונגען קינסטלער ב. קראטקא.

די וואס שרייבען אויס אלע 4 בענדער צאהלען בלויז 4 ר' פארטא פריי, געבונדען אין פראכט-באנד נאך צו 45 קאפ. פיר יעדער באנד.

ס'פערערטיגט זיך צום דרוק און קורצליך ערשיינט דער פינפטער באנד פון אלע ווערק י. ל. פרץ: חסידיש.

אדרעס:

Книгоиздательство „Прогрессъ"
Я. ЛИДСКАГО, Варшава, Налевки 36.

Verlag „Progress"
J. Lidski, Warschau, Nalewki 36.

אין פערלאג „פראגרעס", ווארשא, איז ערשינענען:

ל. שאפירא.

נאוועלען.

מיט פאלגענדען אינהאלט:

I אין דער טויטער שטאדט.
II שפוך חמתך.
III דער קוש.
IV שטארקער.
V אויפ'ן ים.
VI דער צלם.
VII ער און זיין דינער.
VIII פרינציפען.
IX צווישען פעלדער.
X דער-רב און די רבי'צין.
XI מיעד.

א פראכטפאל-שענע אויסגאבע, 192 זייטען, אויף גוטען פאפיער.
פרייז פיר באנד: 75 קאפ.
אין פראכט-באנד—נאך 40 קאפ.

אין דעם זעלבען פערלאג איז ערשינען א באנד ערצעהלונגען פון א. מ. וויסענבערג, אין וועלכען ס'קומען געדרוקט:

I קנאה און תאוה.
II א זומער-טאג.
III א הייסער שבת-טאג.
IV פון פייער און וואסער.
V א דערטרונקענער.
VI די משוגע'נע אין דארף.

א פראכטפאלע אויסגאבע, פרייז 80 קאפ.
אין פראכט באנד נאך 40 קאפ.

נאר וואס ערשינען, יואל, א נייע דראמע פון פרץ הירשביין, א פראכטפאלע אויסגאבע, פרייז 35 קאפ.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книгоиздательство „Прогрессъ"
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки № 36.

נאר וואס ערשינען דאס צווייטע בוך יודיש.

מיט פאלגענדען אינהאלט:

י. ל. פרץ: דער דיכטער, דאס בוך און לעזער.
ל. שאפירא: אום האלבע נאכט (געדיכט).
ברכה'ן: קום, די זון איז שוין פערגאנגען.
ב. דיקשטיין: די שפראך-פראגע.
הערשעלע: משה ווינגער.
נסתר: א טאג-ביכעל פון א פערפיהרער.
ד"ר א. מוקדוני: גארדין און די יודישע ביהנע.
י. טרונק: פון ים.
א. קאגאנאווסקי: מירעלע (נאוועלע).
ש. גארעליק: ראזענבאך (קריטישער נאטיץ).
יעקב טייויל: דער דארפס שמיעד.
אלא האנסזאן: דאס יונגע פאר.
פרץ הירשביין: פון מיין אלבאם.
הערשעלע: צו תשליך.
ברכה'ן: פאר'ן וועלדעל (געדיכט).
ד. הירשקאן: צוויי וועלטען (ערצעהלונג).

פרייז פיר באנד 75 קאפ.

ביידע בענדער צוזאמען בלויז 1.25, פארטא פריי. געבונדען אין פראכט בענדער נאך צו 40 קאפ פיר יעדען באנד.

אדרעס:

Книгоиздательство „Прогрессъ"
Я. ЛИДСКАГО, Варшава, Налевки № 36.

Verlag „Progress"
J. LIDSKI, Warschau, Nalewki № 36.